STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04801

SHALIT UN TAMARE

Arnold Posy

Permanent preservation of this book was made possible
by Bernard & Linda Helperin
in honor of
their children, David, Michael, Robin & Deborah

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אריה פאָזי

שאַליט און טאַמאַרע

ראָמאַן

פאַרלאַג גאָלדבייל

ווילנע ○ ○ ○ ○ ○ ○ ○ ○ ○ ○ 1929

Printed in Poland

Copyright 1929 by I. Posekoff

Milwaukee, Wis.

A. POSY— „Shalit an Tamareh"

Drukarnia „Express" Wilno, Wielka 33.

ערשטער קאַפּיטל.

די זון האָט געשאָטן בונטן ליכט. די אַרומיקע פלאַכע פּאַנאָראַמע האָט זיך אויסגעשפּרייט און, זאַפּנדיק דאָס ליכט, האָט זי האַלב געשלאָפן און האַלב געוואַכט. אַפילו דאָס ווינטל, וואָס האָט זיך געוועזן אויפגעכאַפּט פון שלאָף, דורכגעאַקערט כוואַליעס אין דעם גראָז, אַריין צווישן די יונגע בלעטער פונם דעמב, זיי אויפגעוועקט, צעצאַפּלט, — אַפילו ער האָט ניט אָנגעהאַלטן זיין שפּיל און האָט זיך ערגעץ פאַרטוליעט און איינגעשלאָפן. אַפילו די וואָלקנדלעך אויפן הימל, וואָס האָבן זיך פריער געמיטלעך שפּאַצירט, האָבן זיך אָפּגעשטעלט, געבליבן הענגען אויף איין אָרט, פאַרגליווערט געוואָרן.

ליגנדיק אין דעם שאָטן פון דעם געדיכט-באַצווייגטן דעמב, איז טאַמאַרע אויך אָנגעשטעקט געוואָרן מיט דער שטימונג פון דער אַרומיקער נאַטור און אויך זי האָט האַלב געשלאָפן און האַלב געוואַכט. אירע געדאַנקען האָבן זיך געפלאָנטערט, אַריבער פון ענין צו ענין, געמישט ענינים, וואָס מישן זיך געוויינטלעך ניט. כּלאַחר-יד האָט זי זיך אַרומגעקוקט, כּלאַחר-יד האָבן אירע געדאַנקען געפלאָסן.

אין דער בלויקייט פונם הימל האָבן זיך געבאָדן ווייסינקע שיטערע וואָלקנדלעך. איינער האָט אויסגעזען ווי אַ נאַקעטע פרוי מיט צעלאָזטע האָר און די הענט אויסגעשטרעקט פאָרויס, ווי זי וואָלט זיך אויסגעטענהט מיטן צווייטן וואָלקן, וואָס האָט אויסגעזען האַלב מענטש, האַלב משונהדיקע חיה, מיט צעקודלטע האָר און אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

טאַמאַרעס פיס, וואָס זיינען געוועזן פאַרלייגט איינער אויפן אַנדערן, זיינען פאַרחלשט געוואָרן. האָט זי זיי אויסגעצויגן, איבערגערוקט נענטער צום בוים און אָנגעשפּאַרט זיך אָן אים. האָט זיך דערווייל איר קלייד פאַרריסן און אירע פיס זיינען אָפּגעבלויזט געוואָרן ביז אַריבער די קני. פילנדיק, אַז זי איז אַליין און קיינער זעט זי ניט, האָט זי אויסגעטאָן שיך און זאָקן און הנאה געהאַט צו שפּירן מיט איר נאַקעטן לייב די קילקייט פון דער לופט און צו זען דעם געזונטן רויזן לייב-קאָליר. אַ בונט זון-שטראַלן האָט זיך דורכגעריסן

דורך די בלעטער פונם בוים און זיך צעשאָטן איבער איר פּוס, בריענדיק אים אַביסל און פאַרשטאַרקנדיק דעם איינדרוק פון דער רויזקייט פון איר לייב.

עטלעכע טריט אַוועק פון איר האָט זיך אויסגעצויגן די אָזערע מיט אירע שטייענדיקע גרינע וואַסערן.

„די אָזערע איז צו אָט דער פּאַנאָראַמע מיט אַ כּוונה צוגעגעבן געוואָרן"— האָט טאַמאַרע געטראַכט – „כּדי צו זיין אַ שפּיגל פאַרן הימל, פאַר דער זון, פאַר די וואָלקנס און פאַר די ווערבעס פון איר ברעג, זיי אַלע זאָלן האָבן וווּ אָנצוקוקן זיך, ווען זיי ווילן ניט נאָר שיין זיין, נאָר אויך וויסן, ווי שיין זיי זיינען"...

און די וואַסער־ליליעס אין דער אָזערע, אַרומגערינגלט פון זייערע ברייטע גרינע בלעטער, האָבן צו טאַמאַרען געבראַכט די פאָרשטעלונג פון בלומען, אָנגעשטעלט אין וואַזעס, וואָס הענגען אין דער לופטן, אויף אַ שפּיגלפלאַך, צווישן אַ הימל פון אויבן און אַ הימל פון אונטן...

טאַמאַרע האָט אָפּגעריסן אַ בלעטל פון אַ גראָז, צוגעלייגט עס צום באַק און עס אָנגעהויבן דרייען צווישן די פינגער, פילנדיק אַן אָנגענעמען קיצל.

לעבן איר אויפן גראָז האָט זיך געוואַלגערט איר רידיקול. מעכאַניש האָט זי אים געעפנט, אַרויסגענומען אַ קליין שפּיגעלע און זיך אין אים באַטראַכט. דערזעענדיק טראָפּנס שווייס אויף איר שטערן, האָט זי געוואָלט נעמען דאָס טיכל און אָפּווישן זיי. איז אָבער איר אויפמערקזאַמקייט צוגעצויגן געוואָרן צו אַ בונט זונשטראַלן, וואָס האָבן זיך דורכגעריסן דורך די בלעטער פונם בוים. האָט זי גאָר אַהין צוגעטראָגן דאָס שפּיגעלע און גענומען זיך שפּילן מיט זיין אָפּשיין, הנאה האָבנדיק, וואָס דער אָפּשיין פליט בליצשנעל פון אָרט צו אָרט, הגם זי באַוועגט דעם שפּיגל זייער לאַנגזאַם.

אַ זשאַבע האָט אַרויסגעשטעקט איר קאָפּ פון וואַסער, געלעגן ווי פאַרגליווערט אויף איין פלאַץ, געהאַלטן ברייט אָפן אירע אויגן און אַפילו ניט געפינטלט מיט זיי. „ווי קאָן מען עס האָבן אַזאַ אויסדרוקלאָזן פּנים און זיין אַזוי פאַרגליווערט"? — האָט טאַמאַרע געטראַכט. אַ גרויסע וואַסער־פליג האָט געשוועבט אַרום די וואַסער־ליליעס, געדרייט זיך אַרום זיי אין קאַראַהאָדן און זיגזאַגן, אָפּגעשטעלט זיך אויף איין ליליע, אַ קוש געטאָן זי, אויפגעהויבן זיך פול מיט התפּעלות, ווי אין אַ ליבע־עקסטאַז, דורכגעטאַנצט זיך אין דער לופט און אַוועק, מיט דער זעלביקער צערעמאָניע, צו אַ צווייטער ליליע. טאַמאַרע האָט נאָכגעפאָלגט אירע באַוועגונגען אַ לאַנגע צייט, ביז וואַנעט איר אויפמערקזאַמקייט איז צוגעצויגן געוואָרן צו אַ שפּרינגער, וועלכער שטעלט זיך אָפּ אויף אַ בלעטל, קוקט זיך אַרום, באַטראַכט, ווו צו מאַכן זיין צווייטע סטאַנציע און ווי אַזוי צוצוקומען אַהין. סע נעמט אים לאַנג צו פאַרמעסטן זיך אויף אַ שפּרונג. דערפאַר אָבער שפּרינגט ער הויך און ווייט.

אַ טרוקן צווייגל איז אַראָפּגעפאַלן פונם בוים אויף טאַמאַרעס נאַקעטן פוס. זי האָט אַ ציטער געטאָן און שנעל אַראָפּגעצויגן דאָס קלייד.

אָט אָ די באַוועגונג האָט זי אויפגעוועקט. זי איז פּלוצים וואַך געוואָרן צו אַ געפיל, אַז ס׳איז איר אומעטיק און אַז ס׳איז מאָנאָטאָן צו זיצן דאָ אַליין און גאָרנישט טאָן. זי האָט דערפילט אַ פוסטקייט אין האַרצן, די פוסטקייט, וואָס קומט פון דעם באַוווסטזיין, אַז ס׳וואָלט זיך געוואָלט זיין ערגעץ, ווו עס איז פרייליך, לעבעדיק... זי האָט געוואָלט אויפהייבן זיך און גיין. זי האָט שוין שיך און זאָקן צוריק אָנגעטאָן. אָבער באַלד איז זי צוריק באַהערשט געוואָרן פון דעם געפיל פון פוילקייט און זי האָט זיך איבערלייגט, אַז ס׳איז ניטאָ וווהין צו גיין. גיין אַהיים, צו זיך אין צימער, איז נאָך אומאָנגענעמער, און וואַנדערן איבערן פעלד, אָן אַ ציל, איז אויך קיין תכלית ניט. זי האָט דערפילט אַ בענקשאַפט. מעכאַניש האָט זי אויפגעהויבן דאָס בוך, וואָס איז לעבן איר געלעגן אויף דער ערד, און עס אָנגעהויבן בלעטערן; דורכגעלייענט אַ שורה דאָ און אַ שורה דאָרט און ניט געקאָנט פאַרטיפן זיך אינם אינהאַלט.

הינטער איר האָט זיך דערהערט אַ רויש פון טריט אויף טרוקענע בלעטער און צווייגלעך. זי האָט זיך אַרומגעקוקט. איבערן שטעגל, וואָס האָט געפירט צו דער אָזערע, איז האַסטיק געגאַנגען ש אָ פּ מ אַ ן. געגאַנגען, אַרומ־געקוקט זיך אויף אַלע זייטן, קאָנטיק עמיצן געזוכט. זיין פּנים איז געווען רויט און פאַרשוויצט און זיין הוט פאַרריסן אויפן שפּיץ קאָפּ; דאָס רעקל און די וועסטל—ביידע פונאַנדערגעשפּילעט. ער האָט טאַמאַרען ניט געקאָנט באַמערקן: דער שטאַם פונם דעמב איז געווען צווישן זיי.

— מיסטער שאָפּמאַן! או־ו־ו— האָט זי אויסגעשריען.

ער האָט אַ ציטער געטאָן, זיך אַרומגעקוקט און, קאָנטיק דערפרייט, וואָס ער האָט זי דערזען, האָט ער זיך מיט אימפּעט אַוועקגעלאָזט אין איר ריכטונג.

— זוכט איר עפּעס אָדער עמיצן, מר. שאָפּמאַן?

— געוויס זוך איך עמיצן: איך זוך אייך. ביי אייך אינדערהיים האָט מען מיר געזאָגט, אַז איר זיינט אַוועק שפּאַצירן. האָב איך געטראַכט, אַז איר זיינט ווי אַלעמאָל אויף אייער באַליבטן אָרט, אויף דער צווייטער זייט אָזערע. איך האָב אייך דאָרט געזוכט און ניט געפונען. גיי טרעף, אַז איר האָט זיך גאָר אַהער פאַרקליבן. שוין אַ שעה, אַז איך זוך אייך אַרום. אוי, ווי הייס!

ער האָט אַרויסגענומען דאָס נאָזטיכל און אָנגעהויבן ווישן דעם שווייס פון זיין פּנים.

— דאָ אין שאָטן פונם בוים איז קיל.

— יאָ, דאָ איז קיל. בכלל איז היינט גאָרניט אַזוי הייס, נאָר דאָס האָב איך זיך צעהיצט גייענדיק זייער האַסטיק. איך האָב זיך געאיילט, געוואָלט וואָס שנעלער געפינען אייך.

— וואָס עפּעס אַזאַ אימפּעט?—האָט זי אים געפרעגט—וויכטיקע נייס?

— איך ווייס ניט, ווי וויכטיק די נייס איז, אָבער איך פאַר מאָרגן פרי־אַוועק, האָב איך אייך געוואָלט זען, געזעגענען זיך מיט אייך.

און ער האָט איר דערנאָך דערציילט, אַז ער האָט באַקומען אַן איינ־לאַדונג צוריקצוקערן זיך קיין לאָנדאָן. מע שלאָגט אים דאָרט פאָר אַ גוטע שטעלע אין אַ כעמישער פאַבריק. ער האָט שוין לאַנג געבענקט צוריקצוקערן זיך קיין לאָנדאָן. בעת ער איז געווען אין לאָנדאָן, האָט אים געצויגן צו דער רואיקער פּראָווינץ, ווו די אָנשטרענגונג פון דעם מלחמה־מצב פילט זיך ניט אַזוי שטאַרק. אָבער איצט ווילט זיך אים צוריקקערן זיך צו יענער שטאָט, צו זיינע אַלע פריינט, צו דעם דאָרטיקן לעבן.

— אַלע פאָרן אַוועק און בלויז איך ריר זיך ניט פון אָרט... — האָט זי זיך אויסגערעדט. אָט דער געדאַנק איז געווען אַ פאָרטזעצונג פון דעם אומעט־געפיל, וואָס האָט זי פריער באַהערשט. אויסגערעדט האָט זי אים ניט ווילנדיק, אָבער שאָפּמאַן האָט אים אויפגעכאַפּט:

— ווער צווינגט אייך דאָ צו זיין? קומט אויך קיין לאָנדאָן.

— וואָס וועל איך דאָרט טאָן?

— וואָס הייסט, וואָס? דאָס זעלביקע וואָס דאָ. יידישע לערערינס זיינען דאָרט זייער וויניק און אין לאָנדאָן זיינען דאָ אַ סך תּלמוד־תּורות. — ער איז פּלוצים אויפגעשפּרונגען און אַ פּאַטש געטאָן זיך אין שטערן. — אַ גוטער איינפאַל! איך וועל מכוח אייך ריידן מיט שאַליטן און ער וועט אייך באַזאָרגן מיט אַ שטעלע. איך וועל עס טאָן אַזוי שנעל, ווי איך וועל אָנקומען קיין לאָנדאָן.

— ניט נויטיק, מר. שאָפּמאַן, טוט עס ניט. איך דאַרף זיך נאָך אַ סך איבערלייגן, איידער איך וועל באַשליסן אַריבערצוציען זיך קיין לאָנדאָן. דערוויילע בין איך נאָך צופרידן מיט לינקאָשייר.

— צופרידן מיט לינקאָשיר! איר, מיס שניידער! איך בין אַהער שפּע־טער פון אייך געקומען און איך קאָן שוין דעם פּלאַץ ניט פאַרטראָגן.

— נו, ווי ווער, — האָט זי אים געענטפערט — אַנדערע זוכן שטימונגען פון דרויסן און אַנדערע שאַפן אייגענע שטימונגען. וואָס איז שייך מיך, שטעלן מיר אַ בוך, אַ צייטונג און אַ זשורנאַל אויך צופרידן. זיי ברענגען די גאַנצע וועלט נייס און אידעעס צו מיר אין הויז אַריין. חוץ דעם, ווו וועט איר געפינען אַזאַ פּראַכט פון נאַטור ווי דאָ אין לינקאָשייר?

זי האָט ניט געוואָלט דורך שאָפּמאַנען פאַרגעשטעלט ווערן אין לאָנדאָן, האָט זי געפונען אַן אויסרייד. אָבער אין דער זעלביקער צייט האָט זי פאַר זיך באַשלאָסן צו באַזעצן זיך אין לאָנדאָן. איר אַלטע אימפּולסיווקייט! פלעגנער ווערן מאָמענטאַל ביי איר געשאַפן און אין דער שנעל און אָן איבערלייגונג

טרעט זי צו דורכצופירן זיי. אין דעם זעלביקן מאָמענט האָט זי שוין אַפילו דעם פּלאַן געשאַפן, ווי אַזוי דורכצופירן עס. האָט זי דערפאַר אַריבערגעפירט דעם שמועס אויף אַן אַנדער ענין:

— שאַליט, זאָגט איר? איז עס דער מחבר פון אָט די „נשמה־וואַנדערונגען״? — און דערביי האָט זי שאַפּמאַנען אָנגעצייגט אויפן בוך, וואָס איז געלעגן לעבן איר אויף דער ערד.

— יאָ, דערזעלביקער.

— איך האָב אָט ערשט געענדיקט לייענען דאָס בוך. זייער אינטערעסאַנט. מיר זיינען שאַליטס אַנדערע ליטעראַרישע אַרבעטן ניט באַקאַנט. איז דאָס איינציקע בוך, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט? ער איז ניט קיין פּראָפעסיאָנעלער שרייבער — מיט וואָס באַשעפטיקט ער זיך?

— ער איז ניט קיין פּראָפעסיאָנעלער שרייבער, דאָס האָט איר געטראָפן, — האָט שאַפּמאַן געענטפערט, — אָבער פאַרעפנטלעכט האָט ער שוין אַ היפּש ביסל אַרבעטן. ניט אין יידיש, נאָר אין רוסיש און אין ענגליש. אָט דאָס בוך איז זיין ערשטער פּרווו צו שרייבן יידיש, און זייער אַ געלונגענער, מוז איך צוגעבן. אַ מייסטערהאַפטיקע שפּראַך, אַן אָריגינעלער סטיל. זיין באַשעפטיקונג איז אָבער לערעריי. ער איז דער דירעקטאָר פון דעם יידישן פאָלקסאוניווערסיטעט און לערנט אָריענטאַלישע שפּראַכן, העברעאיש און אַראַביש, אין סט. דזשיימס קאָלעדזש.

— פאָלקסאוניווערסיטעט? מיינט איר שאַרפּס אוניווערסיטעט, וואָס ער האָט געעפנט אינאיינעם מיט דעם קאָנסיליום פון די יידישע טרייד יוניאָנס?

— יאָ, שאַרפּס אוניווערסיטעט, — האָט שאַפּמאַן געענטפערט, אינטאָנירנדיק איראָניש דאָס וואָרט „שאַרפּס״. — ניט שאַרפּ, נאָר שאַליט איז דער בויער פונם אוניווערסיטעט. שאַרפּ האָט בלויז ביי־געשטייערט אַ סומע געלט. שאַליטן אַרט אָבער ניט, וואָס עמיצער אַנדערש נעמט צו דעם פאַרדינסט פאַר זיין אַרבעט. אָבער דער גייסט פון דער דאָזיקער אינסטיטוציע איז ער, שאַליט.

— קאָנטיק, אַז איר זייט גוט באַקאָנט מיט שאַליטן? — האָט זי געפרעגט.

— זייער גוט. שאַליט איז אַמאָל מיין תּלמיד געווען. איך האָב אים אַמאָל געגרייט צו זיין עקזאַמען אַריינצוטרעטן אין אוניווערסיטעט.

— אייער תּלמיד? — האָט זי זיך כּלומרשט פאַרוווּנדערט — אויב אַזוי איז ער נאָך זייער אַ יונגער מענטש. פון זיין שרייבן האָב איך גאָר אַן אַנדער איינדרוק געהאַט.

— שאַליט איז נאָך יונג, — האָט שאַפּמאַן געענטפערט — איך ווייס פּינקטלעך זיינע יאָרן: ער איז זיבן און צוואַנציק יאָר אַלט.

און שאַפּמאַן האָט איר דערציילט, ווי אַזוי ער האָט זיך מיט שאַליטן באַגעגנט אין סיביר, וווּהין זיי זיינען ביידע געווען פאַרשיקט פאַר זייער רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט אין רוסלאַנד. שאַליט איז דאַן בלויז אַכצן יאָר אַלט געווען. דאָרט טאַקע האָט אים שאַפּמאַן געגרייט צו זיין אוניווערסיטעט=עקזאַמען. אין צוויי יאָר אַרום האָט זיך זיי איינגעגעבן צו אַנטלויפן פון דאָרט. דעם אוניווערסיטעט האָט שאַליט באַזוכט אין דער שווייץ. שפּעטער האָט ער געאַרבעט אין אַן אַרכעאָלאָגישער עקספּעדיציע אין אָריענט, איבערהויפּט אין מצרים. דאָרט האָט ער זיך דורכגעדרונגען מיט די מיסטישע לערעס, וועלכע זיינען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר די איינוווינער פון די מדבריות=ראַנדן. חוץ דעם האָט אויף אים דערשיטערנדיק געווירקט די נייס, וואָס ער האָט דערהאַלטן וועגן דעם טויט פון זיין מוטער, וועלכע איז געשטאָרבן ניט אויף קיין נאַטירלעכן אופן: זי איז ברוטאַל דערמאָרדעט געוואָרן בעת אַ יידישן פּאָגראָם אין רוסלאַנד. האָט ער דאַן זיין חשבון הנפש געמאַכט, אָדער ווי ער אַליין דריקט זיך אויס אין זיין בוך: „ער האָט אַוועקגעשטעלט זיין אייגענעם איך פּנים אל פּנים מיט זיין מוראדיקן אומענדלעכן מקור און תכלית". און די פּרוכט פון דעם דאָזיקן חשבון הנפש איז אָט דאָס בוך: „נשמה=וואַנדערונגען".

שאַפּמאַן האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגער און געזאָגט, אַז ער מוז שוין גיין. ער דאַרף זיך נאָך געזעגענען מיט אייניקע פריינט און איינפּאַקן זיינע זאַכן.

טאַמאַרע איז ווידער געבליבן אַליין. אירע געדאַנקען האָבן געשוועבט אַרום שאַליטן. שאַפּמאַן האָט אין איר דערוועקט אַ פאַרלאַנג, זאָגאַר אַ בענקשאַפט צו באַקאָנען זיך מיט דעם דאָזיקן אינטערעסאַנטן מענטשן. אַפילו זיין בוך פאַרשטייט זי איצט בעסער און עס ווערט אַ סך אינטערעסאַנטער. פון אים רעדט זיין נשמה. און ווי אינטערעסאַנט זיין נשמה איז! זי האָט אַפילו אָנגעהויבן צו באַנעמען אַ קרובהשאַפט צו זיינע שטימונגען און געדאַנקען. שטימונגען און געדאַנקען בלויז? צווישן זייער סאַמע וועזן איז דאָ, דאַכט זיך, אַ קרובהשאַפט – אָט דער דראַנג צום אומבאַקאַנטן, אָט דער מוראדיקער חשק, די ליידנשאַפט צו דערלאַנגען דאָס גרויסע און שטאַרקע אינם לעבן, אָט די ליידנשאַפטלעכע זוכעניש פון איבערנאַטירלעכע כוחות אין לעבן, אָט די פּראָבעס צו אונטערטעניקן ראַציאָנאַליזם צו עמאָציאָנאַליזם אין מענטשלעכן באַוווסטזיין, אָט דאָס הויכשעצן פון דער, אַזוי צו זאָגן, מענטשלעכער נשמה ית רה, צו פּאַראַידעאַליזירן דאָס פּשוטע אין לעבן, — אָט דאָס אַלץ, וואָס שיינט צו זיין שאַליטס שיטה, שאַליטס געדאַנקענגאַנג – צו דעם אַלעמען איז דאָך אויך איר נשמה ניט פרעמד. ווי גוט זי קאָן אים איצט פאַרשטיין!

און בילדער פון איר לעבן האָבן אָנגעהויבן צו שוועבן אין איר זכרון. די אַלטע היים האָט איינגעפלאַנצט אין איר אַ גרויסע ליבשאַפט צום גרויסן דרויסן. זי פלעגט אַוועק אין די בערג, גאַנצע טעג געקלעטערט איבער זייערע

רוקנס, באַטראַכט די שטיינער, די ביימער, די גראָזן. זי האָט אַלעמאָל גע־וואָלט אויסגעפינען די סודות פון יעדער זאַך, זייער טיפן אינהאַלט. אויפן שפיץ באַרג, פון וואַנען עס אַנטפּלעקט זיך אַ ברייטע וועלט, וואָס פאַרציט זיך ביז די ווייטע ווייטקייטן אַוועק, — דאָרט איז געווען איר באַליבטסט אָרט.

פון דאָרט האָט זי אַכטונג געגעבן, ווי איבערן טייך, צופוסנס פון די בערג, שווימען גרויסע און קליינע שיפן. און זי האָט מקנא געווען די מענטשן, וועמען די דאָזיקע שיפן פירן אַוועק. זיי פאָרן ערגעץ, זיי שווימען ערגעץ, אַהין, צו דער ווייטקייט, הינטער דעם סודותדיקן האָריזאָנט; אַהין, ווו עס דוכט זיך איר, אַז דאָרט הייבט זיך ערשט אָן די אמתדיקע וועלט, די וועלט פון איר גרויסן באַגער, די וועלט פון די פאַנטאַסטישע מעשה־ביכלעך, די וועלט פון איר אייגענער פאָרשטעלונג.

איצט פאַרשטייט זי, אַז זי איז נאָך דאַן אַ קינד געווען. דאַן האָט זי עס נאָך ניט פאַרשטאַנען. דאַן האָט זי נאָך צו דער ווייטער ווייטקייט געקוקט און געוואַרט . . . געוואַרט — אויף וואָס? עפּעס וווּנדערלעכעס וועט פון דאָרטן מוזן קומען! קומען, זי באַהערשן, זי פאַרנעמען אין ערגעץ . . .

קינדערשע, קינדערשע טרוימען!

זי האָט געוואַרט אויף אַ ריטער . . .

ער וועט קומען, דער ריטער, אויף זיין זודיקן פערד און וועט זי פירן צו זיך אין שלאָס אַריין. עס לויערט אָבער איבער איר דער בייזער גייסט פון אַ צווייטן ריטער. אויפן וועג ווערן זיי באַפאַלן פון זיינע אונטערגעשיקטע דינער. איר ריטער קעמפט פאַר איר. קעמפט העלדיש, אָבער ער איז אַליין און זיי זיינען אַ גרויסע מחנה. זיי וועלן אים שוין באַלד ביי־קומען. זיין האַנט איז שוין פאַרמאַטערט; בלוט רינט פון זיינע וווּנדן. נאָך אַביסל און ער וועט אַרויסגעשטויסן ווערן פון זאָטל. אַ פאַרצווייפלטע לאַגע. זי וועט געפאַנגען ווערן! זאָל זי זיך לאָזן? ניין! — און זי שפרינגט אַרויף צו איר ריטער אין זאָטל, כאַפּט אַרויס פון זיין אָפּגעשוואַכטער האַנט דעם שווערד, שמייסט מיט אים אויף רעכטס און אויף לינקס, טוט אַ שמיץ דאָס פערד און ווי אַ פייל פון בויגן לאָזט זי זיך אַנטלויפן.

איר ריטער איז פאַרחלשט. פירט זי אים צו צו אַ קוואַל, וואַשט און בינדט זיינע וווּנדן. ער עפנט זיינע אויגן.

— דו האָסט מיין לעבן געראַטעוועט, — זאָגט ער.

— ניין, דאָס האָסטו דיין לעבן פאַר מיר איינגעשטעלט, — ענטפערט זי.

טרוימען, טרוימען! ליבע קינדערשע טרוימען! איצט איז זי שוין קיין קינד ניט, אָבער טרוימען טרוימט זי נאָך אַלץ. נאָך קיין שלאַכטן בענקט זי שוין ניט מער. אָבער איר ריטער איז נאָך אַלץ ניט געקומען . . . וועגן אים טרוימט זי יאָ . . .

און אויפן טייך פון איר אַלטער היים האָבן זיך פאַראָבקעס געשיפט און אויף זייערע האַרמאָשקעס געשפּילט די בענקענדיקע אוקראַאינישע פאָלקסמעלאָדיעס. ווי זי האָט זיי ליב געהאַט אָט די ניגונים, דורך וועלכע עס דריקט זיך אויס די בענקשאַפט פון דער נשמה צונויפצוגיסן זיך מיט די ברייטקייטן פון די סטעפּעס, מיט זייער אומענדלעכער פאַרשפּרייטונג און גרויסער פרייהייט! מוזיק האָט אַלעמאָל גערעדט דירעקט צו איר נשמה. דאַמאָלסט אָבער האָבן די איינפאַכע טענער פון דער האַרמאָשקע ניט נאָר גערעדט צו איר, נאָר ממש דערהויבן זי און געטראָגן זי צו די ברייטע פלאַכקייטן פון ד׳ זוניקע, געפאַרבטע און פאַרפומירטע סטעפּעס.

איר מאַמע איז געווען אַ פשוטע, גוטע, פרומע יידינע, וועלכע האָט מקבל־באהבה געווען סיי שלעכטס און סיי גוטס. און איר סיי גוט און סיי ביטער האַרץ האָט זי אויסגעגאָסן אין דעם זעלביקן צאינה־וראינה און אין די זעלביקע תחינות. זי האָט זיך געלעבט איר דחקותפולן, שווערן לעבן און האָט צו קיינעם קיין טענות ניט געהאַט. צווישן צוויי וועלטן האָט זי געלעבט: דער לעגענדאַרישער וועלט פון די מעשיות, וועלכע זיינען באַשריבן אין די הייליקע ספרים, און אירווירקלעך לעבן פון דחקות און נויט. און אַזוי ווי יענע וועלט איז געווען פול מיט מסירת־נפש און מעשים־טובים, איז פאַר איר איר זעלבסט־אָפּפערנדיק לעבן געווען, גאַנץ נאַטירלעך, אַ מתנה פון זיין ליבן נאָמען, האָט זי עס מקבל־באַהבה געווען. צו קוקן, ווי איר מאַן שאָקלט זיך איבער אַ הייליקן ספר, איז פאַר איר געווען אַ נחת־רוח. צער־גידול־בנים — אַ צווייטער נחת. האָט איר קיין נחת ניט געפעלט. מער האָט זי אפשר ניט פאַרלאַנגט.

טאַמאַרע האָט איר מאַמען געליבט, אָבער קיינמאָל איז זי פון איר ניט פאַרשטאַנען געוואָרן. אַמאָל פלעגט טאַמאַרע זיך אפשר טוליען צו איר און פילן די אָנגענעמקייט פון דער מאַמעשיס ליבע לאַסקעס, אָבער פרעמד איז זי איר דאָך געווען. און פונקט אַזוי פרעמד, און אפשר נאָך פרעמדער, זיינען איר אירע שוועסטער געווען. איז איר דערפאַר שווער געווען צו זיין אינ־דערהיים. אינדערהיים איז זי אינדערפרעמד געווען. האָט זי זיך נאָך מער צו דער ווייטער וועלט געריסן.

איר טאַטע — אַן אמתער חבדניק. התלהבות אין תפילה און אויסערלעכע קאַלטקייט און שטרענגקייט אין זיינע באַציִונגען צו זיינע ווייב און קינדער. אַ ליבהאָבער פון קבלה, מיט אַ מוראדיקער רייכקייט פון פאַנטאַזיע, איז אָבער זיין נשמה געווען פאַרפאַנצערט. גענומען האָט זיך עס דערפון, וואָס ער איז פון אַן אַמאָליקן עושר געוואָרן אַ יורד, ביז מלמדות!... איז ביי אים פון זינט דער ירידה געוואָרן אַ געוווינהייט אויסצומיידן מענטשן און זייער אים דערנידערנדיקן באַדויער. האָט ער דערפאַר הבל־הבלמדיק אַ מאַך געטאָן אויפן לעבן מיט דער האַנט און זיך פאַרטיפט אין זיינע ספרים און

איבערהויפּט אין קבלה. און וואָס ווייטער, אַלץ מער. אָ, דאָס האָט זי פון איר טאַטן געירשנט איר ליבשאַפט צו טרוימען! דאָך האָט זי מיט אים זעלטן ווען אַ וואָרט פאַרביטן.

און אירע טרוימען און אירע נשמה־לעכצענישן האָבן זי סוף־כּל־סוף געבראַכט אין די רייען פון דער רעוואָלוציאָנערער רוסיש־יידישער יוגנט. צוערשט האָט זי דאָרט געשעפּט באַגייסטערונג. אָבער די באַגרענעצטקייט און וויסן פון איר קרייז חברים אין איר קליין שטעטל, זייער תּמימותדיקע באַזװוּקייט, זייער פּשטות האָט זי מיט דער צייט אויפגעהערט צופרידנצו־שטעלן. „די אַלטע קלויז אין אַ מאָדערנעם גילגול...” — האָט זי געטראַכט.

איז זי ווידער עלנט געוואָרן.

און דאַן איז געקומען אַדאָלף! אומגעריכט איז ער דערשינען אין איר שטעטל. ווער ער איז און פון וואַנעט ער איז געקומען — דאָס האָט קיינער ניט געוווּסט. אַ מיסטעריע! — גערעדט וועגן אים און דערמאָנט זיין נאָמען האָט מען בסוד. זיין גאַנץ וועזן איז געווען אַ סודותדיקער. ביי־טאָג האָט מען אים אין דרויסן ניט געזען. בלויז ביינאַכט פלעגט ער זיך פון מאָל צו מאָל באַווייזן אויף דער גאַס אָדער אויף די קאָנספּיראַטיווע רעוואָלוציאָנערע פאַרזאַמלונ־גען. הויך, ברייטע פּלייצעס, שטאַרקע געזיכטציגן, אַ שטרענגער פּנים, לאַנגע געקרייזלטע האָר — האָט געאָטעמט פון אים מיט פּרימיטיווער גבורה. לאַקאָניש אין זיין ריידן, איז אָבער אין זיין שווייגן גופא געלעגן אַזויפיל מאַכט, אַז מע האָט זיך אים געמוזט אונטערטעניקן. געזאָגט האָט מען, אַז ער איז אַן אַנטלאָפענער פון סיביר פּאָליטישער פאַרשיקטער, און אַהער אין שטעטל איז ער געקומען אויסצובאַהאַלטן זיך. אָבער דאָס זיינען בלויז השערות געווען. ער, אַדאָלף אַליין, האָט וועגן זיך גאָרנישט גערעדט. מע האָט בלויז באַמערקט, אַז ער לאָזט זיך וואַקסן זיין באָרד. און וואָס לענגער זיין באָרד איז געוואָרן, אַלץ מער האָט ער זיך אָנגעהויבן באַווייזן אין דרויסן.

זיי האָבן זיך באַגעגנט אויף פאַרזאַמלונגען. זי האָט באַמערקט, אַז ער שענקט איר מער אויפמערקזאַמקייט ווי די איבעריקע חברים. אַפּאָר מאָל האָט ער זי נאָך די פאַרזאַמלונגען אַפילו פאַרבעטן אויף אַ שפּאַציר.

איין אָוונט איז ער אומגעריכט געקומען צו איר און אָן הקדמות, אויף זיין לאַקאָנישן שטייגער, ביי איר אַ פרעג געטאָן, צי זי וועט מיט אים פאָרן קיין אויסלאַנד.

— וווהין קיין אויסלאַנד?

— וווהין עס וועט זיך מאַכן. קודם אין דער שווייץ. פון דאָרט? ווער ווייסט? די פּאַרטיי וועט באַשטימען. אפשר קיין דייטשלאַנד און אפשר קיין ענגלאַנד.

ס'איז ביי איר פאָרגעקומען ווי די פאָרטזעצונג פון אירע טרוימען. איז דאָס דער ריטער? — געוויס דער ריטער! האָט זי זיך קיין סך ניט מישב געווען.

איין זאַך האָט זי נאָר געוואָלט פועלן ביי אים: כּדי איר טאַטע־מאַמע זאָל פאַרשפּאָרט זיין צו זיצן שבעה נאָך איר, זאָלן זיי אַ חופּה שטעלן. ער האָט מסכּים געווען.

אין אַ וואָך אַרום איז זי שוין געווען אין דער שווייץ און עס האָט זיך אָנגעהויבן איר וואַנדער־לעבן: עסטרייך, דייטשלאַנד, פראַנקרייך, בעלגיע און צום סוף – ענגלאַנד.

עלנט איז זי דאָך נאָך אַלץ פאַרבליבן. אַדאָלף איז זייער אַ שוואַכער חבר געווען. זיין האַרטקייט, זיין טרוקנקייט, זיין פאַנאַטישקייט, זיין דאָגמאַטיש־קייט, זיין באַגרענעצטקייט אין פאַנטאַזיע, זיין שטרענגקייט, זיין אומראַפינירט־קייט – דאָס אַלץ זיינען געווען זאַכן, וואָס האָבן זיך ניט איינגעלעבט מיט איר פאָרשטעלונג וועגן אַ ריטער... זיין באַציִונג צו איר האָט זי באַליידיקט. אין דער טיף טיפעניש פון איר האַרץ האָט זי פּראָטעסטירט. זי האָט אָבער פאַר אים מורא געהאַט. ער איז ניט געווען דער מאַן, וואָס האָט געקאָנט פאַרליידן ווידערשפּרוכן. און די געפילן פון צאַרטקייט און צערטלעכקייט האָבן אים געפעלט. האָט איר נשמה געוויינט, אָבער זי האָט געשוויגן. זי האָט אים ניט געקאָנט פאַרטראָגן און דאָך האָט ער זי גענומען, ווען ער האָט נאָר געוואָלט...
„ווי אַ שעפעלע צו דער שחיטה"... — האָט זי זיך דערמאָנט איר מאַמעס אַ שפּרוך.

ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָכן, איז ער איינמאָל געקומען אַהיים אין אַ זעלנערישן מונדיר. אויף אירע פראַגעס האָט ער לאַקאָניש געענטפערט, אַז די צוקונפט פון דער וועלט־רעוואָלוציע ליגט אין די הענט פון דעם זעלנער. און צוקומען צו אים קאָן מען נאָר אין די טראַנשעען...

ער איז אַוועק. זי האָט זיך פּלוצלונג דערפילט באַפרייט...

דורך אַן אַנאָנס אין אַ יידישער צייטונג האָט זי באַקומען אַ שטעלע אין אַ תּלמוד־תּורה אין לינקאָשייר, און זי איז צופרידן געווען, וואָס קיינער קאָן זי דאָרט ניט און קיינער שטערט איר דאָרט ניט צו לעבן איר אייגן לעבן. זי האָט אָנגענומען דעם נאָמען שניידער – טאַמאַרע שניידער. און דערביי האָט זי זיך געטראַכט, אַז דער דאָזיקער נאָמען, וועלכער איז אַזוי פּאָפּולער ביי יידן, וועט זי גוט באַהאַלטן...

און איצט, אין טאָטן פונם דעמב, ווערנדיק געררייצט פונם ווילן צו פאָרן קיין לאָנדאָן, באַטראַכטנדיק זיך אַליין, באַטראַכטנדיק אירע דערפאַרונגען, האָט זי אָנגעהויבן קומען צום באַוווסטזיין, אַז צופרידן און גליקלעך קאָן זי זיין בלויז אין שטאַרקע איבערלעבונגען. און – אין שיינקייט! שיינקייט פון אַ לעבן! און — אין ליבע!... יאָ, ליבע!... איר גאַנץ לעבן האָט זי גע־לעבט אין אַ דריקנדיקער סביבה, פאַרטאָן אין זיך, און זי האָט געזאַמלט

שיינקייטן. און מיט אָט די שיינקייטן איז זי איצט רייף צו באַגעגענען דעם מאַן, דעמדאָזיקן, וועמען זי זאָל זיך קאָנען פריי ווידמענען...

ווו איז דערדאָזיקער מאַן? ווער איז ער? ווי אַזוי זאָל ער אויסזען?

אין דער טיף טיפעניש פון איר אונטערבאַוווסטזיין, ווייט נאָך פון איר האַרץ און מוח, איז צוגעשוווּמען אַ שאָטן, אַן אומקלאָרער שאָטן. אַזוי אומ-דייטלעך און ווייט ווי דער אָפּקלאַנג פון אַ קינדישן טרוים אין האַרצן פון אַ דערוואַקסענעם מענטשן: — ד ו ד ש אַ ל י ט!...

פאַרטיפט אין אירע טרוימען, האָט זי ניט באַמערקט, ווי דער אָוונט האָט שוין אָנגעהויבן אָנצוקומען. די זעלטענע וואָלקנדלעך אויפן הימל זיינען שוין רויזן-בלייך געוואָרן. דער אָוונט-שטערן האָט זיך אָנגעצונדן. פון ווייט האָבן אָפּגעלויכטן די פייערלעך פון לינקאָשייר.

זי האָט לאַנגזאַם אַוועקגעשפּאַצירט אַהיים.

2.

אויפן וועג אַהיים האָט טאַמאַרע באַגעגנט עליזאַבעטן און זיי זיינען צוזאַמען אַוועק שפּאַצירן צום ברעג ים.

עליזאַבעט האָט געטראָגן אַ העל בלויען-קלייד און מאַנטל און אַ ווייסן זיידענעם הוט מיט אַ באַפּוצונג פון געקינצלטע ווייַנטרויבן, וואָס זיינען אַראָפּ-געהאַנגען כמעט ביז אירע אַקסלען און האָבן זיך געוויגט אין טאַקט מיט איר ריטמישן גאַנג. פון אונטער איר מאַנטל האָט זיך אַרויסגעזען איר רויזן בלוזקע. די פאַרבן-קאָמבינאַציע פון אירע קליידער איז טאַמאַרען ניט געפעלן געוואָרן. ס'איז געווען צו רוישיק און כמעט ווולגאַר. זי האָט אָבער פאַר זיך אַליין זיך מודה געווען, אַז ס'האָט זייער געפּאַסט צו עליזאַבעטן, און איר ווונדערלעכע שיינקייט איז דורך דעם געוואָרן בולטער. טאַמאַרע האָט זיך פאַרקוקט אויף דעם שיינעם פּראָפיל פון עליזאַבעטס פּנים, אויף איר שלאַנקן האַלדז, אויף אירע בלאָנדע האָר, וואָס האָבן זיך שאַרף געצייכנט איבערן קאָלנער פון איר מאַנטל, און זי האָט געפילט אַ שטאַרקע עסטעטישע הנאה. „זי איז אַ לעבעדיקער מאָנומענט פון דעם העכסטן קונסט-אויסדרוק פון אַ גרויסן קלאַסישן סקולפּטאָר“, — האָט טאַמאַרע וועגן עליזאַבעטן געטראַכט.

— „אָבער — האָט טאַמאַרע פאָרטגעזעצט אירע געדאַנקען — אָט אָ דער לעבעדיקער קונסט-אויסדרוק פון אידעאַלער שיינקייט איז געגליכן צו דער אומגעהויערער מאַסע פון ענערגיע, וואָס איז באַהאַלטן אין אַ גרויסן פעלז און

וואָס וועט פאַרלירן, מחמת עס פעלט אים באַוווסטזיניקייט און איניציאַטיוו. אַ דאַנק איר שיינקייט באַגעגנט עליזאַבעט ווייניק ווידערשטאַנד אין לעבן. איז זי געוואָרן צעפּעשטשעט און זאָרגלאָזער און טרוימלאָזער פון אירע חברטעס. איר סביבה איז ניט קיין צופיל איבערקלײַבעריש. דערפאַר איז פאַר איר ניט נויטיק צו זיין פאָרזיכטיק מיט איר אַרויסגעזאָגטן וואָרט. שאַרפט זיך ניט איר מח, אַנטוויקלט ער זיך ניט. אַבי עס שיינט, איז זי צופרידן. עס מאָג זיך אַפילו פוסט זיין. און שײַנענדיקע פוסטקייט וועט דעריבער זיין דער תוכן פון איר לעבן. וועט זיך געפינען אַ רייכער בחור און ער וועט מיט איר חתונה האָבן. באַלד נאָך דער חתונה וועט ער זיך איבערצײַגן, אַז זי איז זײַנס אַ פאַרזיכערט אייגנטום: איר שיינקײַט וועט אויפהערן געשעצט צו ווערן פון אים; מיט איר ווײַבלעכקײַט וועט ער זיך זעטיקן, ווען נאָר עס וועט זיך אים גלוסטן. וועלן זיך אָוועקציִען טעג און יאָרן, פוסטע און מאָנאָטאָנע: געשלאָפן, געגעסן, געהאַט קינדער און ווען-ניט-ווען דורכגעפאָרן זיך אין אייגענעם אויטאָמאָביל, אָדער פאַרבראַכט אַ פאָר שעה בײַ אַ ביליקער טעאַטער-פאָר-שטעלונג אָדער צוגאַסט בײַ פרײַנט, וועמענס לעבן איז פונקט אַזוי גרוי ווי זייערס... אָט אַזוי איז דאָס לעבן — אַפּאָר שטראַלן פון שיינקײַט, אַ בלישץ פון ליכט, אַ ברעקל דערהויבונג פאַר דער נשמה און, אויב עס פעלט, מיט וואָס אָט דאָס צו דערנערן, הייבט זיך אָן דאָס וועלקן, דאָס צוריקטרעטן, דאָס זינקען... שיינקײַט גופא, ווען אירע טרעגער זײַנען אויף איר ניט באַוווסט-זיניק, ווען זי ווערט געיִרשנט פון ניט מבינים, — הייבט זי אָן וועלקן. און אַזוי ווי זי איז פריער ניט געווען באַוווסטזיניק אויף איר בליען, איז זי איצט ניט באַוווסטזיניק אויף איר וועלקן...

מאַכנדיק בײַ זיך אין די געדאַנקען אַזאַ סך-הכּול פון עליזאַבעטן, האָט טאַמאַרע דערפילט אַ חשק צו נעמען זי אונטער אירע פליגלען, אויפקלערן זי. זי האָט זי גענומען אונטערן אָרעם און צוגעצויגן צו זיך. אָבער באַלד האָט זי זיך פאַרגעסן מכּוח אָט דעם געפיל און, אָפּלאָזנדיק איר אָרעם, האָט טאַמאַרע זיך פאַרטראַכט מכּוח אייגענע ענינים און בלויז כּלאַחר-יד האָט זי זיך צוגעהערט צו דעם, וואָס עליזאַבעט האָט דערציילט.

— איך בין אַזוי מיד, — האָט עליזאַבעט געזאָגט: — דער שלימזל האָט צו מיר הײַנט געבראַכט וואָלטערן און ער האָט מיך פאַרמאַטערט ביז חלשות. געטראָפן האָבן מיר זיך זורך אַ צופאַל, אין גאַס. ער האָט ניט אַנדערש געוואָלט, אַז איך זאָל מיט אים אַרײַנגיין אין „מוזיק-האָל“. איך בין אַזוי אויסגעמאַטערט פון אים.

— פאַרוואָס זאָלט איר ניט גיין מיט וואָלטערן אין „מוזיק-האָל“? — האָט טאַמאַרע געפרעגט.

— אוי, ס׳האָט זיך מיר שוין צוגעגעסן. ווען ער האָט אָנגעגרייטע בילעטן, וואָלט איך מיט אים געגאַנגען, אָבער צו שטיין און וואַרטן אַ האַלבע שעה אין דרויסן בײַם אַרײַנגאַנג האָב איך קיין חשק ניט געהאַט. חוץ דעם איז ניט אָנגענעם צו זיצן מיט אים אין דעם פינצטערן זאַל פון טעאַטער. זינט ער איז געוואָרן אַן אַרמיי=אָפיציר, האָט ער דאָס געפיל פון באַשיידנקײַט פאַרלוירן . . .

— וואָס שפּילט מען היינט אין „מוזיק=האָל״? מיר דוכט, אַז דאָרט גאַסטראָלירט איצט אַן אירלענדישע טרופּע.

— יאָ, אָבער איך האָב פײַנט די אירלענדער.

זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט בײַ אַ פענצטער, דורך וועלכן מע פאַרקויפט קאַלטע געטראַנקען, און זיי האָבן גענומען שטילן זייער דאָרשט מיט סעלצער=וואַסער און קאַרשן=אײַנגעמאַכטס.

ביים ברעג ים איז געווען פינצטער. דער זומער=סעזאָן האָט זיך נאָך ניט געעפנט. איז אַלץ געווען פאַרנאַכלעסיקט און אַפילו די גאַז=לאָמפּן האָט מען נאָך ניט אָנגעצונדן. דער ים איז געווען אין אָפּפלוס און זײַנע וואַסערן זײַנען געווען ווײַט אַוועק פון ברעג. דורך דער פינצטערניש האָט מען דאָס וואַסער אינגאַנצן ניט געזען. עס האָט זיך אָבער דערטראָגן פון דער ווײַט דאָס אומאויפהערלעכע רוישן פון די כוואַליעס. דער האָריזאָנט איז געווען פאַרצויגן מיט אַ שיטערן טומאַן און ערד האָבן זיך צונויפגעגאָסן. די לופט האָט זיך ניט באַוועגט און דער הימל איז געווען אָנגעשאָטן מיט שטערן.

עליזאַבעט האָט גענומען טאַמאַרען אונטערן אָרעם און צו איר זיך צוגעטוליעט. זי האָט געפילט עפּעס אויסטערלישעס אין טאַמאַרען, עטוואָס אַזוינס, וואָס עס געפינט זיך ניט בײַ דעם קרייז מענטשן פון איר סביבה. זי האָט פאַר איר דרך=ארץ געהאַט און געפילט זיך זיכער אונטער איר שוץ. זי האָט זיך געטוליעט צו טאַמאַרען, ווי זי וואָלט בײַ איר געזוכט שוץ פון די מיסטעריעס פון דער נאַכט און איר פינצטערניש, וועלכע האָט זיי געדיכט אײַנגעהילט און פאַר וועלכע זי, עליזאַבעט, האָט אַביסל ווי מורא געהאַט. איר האָט זיך געדוכט, אַז ווי משונהדיקע שאָטנס וואָלטן זיך צעלייגט איבערן ים, ים=ברעג און ביימער=אַלעעס, צווישן וועלכע זיי האָבן איצט אַרײַנגעשפּאַצירט און וועלכע האָבן אין דער שטילער לופט געשוויגן און עפּעס פאַרטראַכט.

טאַמאַרע האָט אָבער אויף דער נאַכט און אויף עליזאַבעטן כמעט ווי ניט אַכטונג געגעבן. זי איז אין אירע אייגענע געדאַנקען געווען פאַרטיפט:

— יאָ, אַזוי וועט זי טאָן! — זי וועט זיך ווענדן צו שאַליטן, אַז ער זאָל איר העלפן אײַנאָרדנען זיך אין לאָנדאָן. זי האָט שוין אַפילו אין געדאַנק

דעם נוסח פון דעם בריוו, וואָס זי וועט אים שרייבן. זי וועט אים דערציילן, אַז שאַפּמאַן האָט איר פאָרגעשלאָגן דורכצורעדן זיך מיט אים, מיט שאַליטן, מכח איר און זי האָט זיך אָפּגעזאָגט. יאָ, אַזוי וועט זי שרייבן. זי וועט דער־ביי אים דערציילן אויך איר מאָטיוו. פאַרוואָס זי האָט זיך אָפּגעזאָגט רעקאָ־מענדירט צו ווערן פון שאַפּמאַנען. איר מאָטיוו זאָל זיין, אַז ווען מע שטעלט זיך אַליין פאָר, שטעלט מען פאָר פון דעם אייגענעם איך דאָס דאָזיקע, וואָס מע באַטראַכט אַליין פאַר דאָס בעסטע אין זיך, און ווען עמיצער אַנדערש שטעלט פאָר, שטעלט ער פאָר דאָס, וואָס ער באַטראַכט פאַר דאָס בעסטע. און פונקט דאָס דאָזיקע בעסטע קאָן זיין אַ מינדערוויכטיקע זאַך. אַ פרעמדנס איינדרוק קאָן זיין אויף אַזוי פיל וויכטיק, אויף וויפיל ער, דער פרעמדער, קאָן אָפּשאַצן וויכטיקס. ווען אָבער מע שטעלט זיך אַליין פאָר, שטעלט מען אין דער זעלביקער צייט פאָר די אייגענע פעיִקייטן צו שאַצן, און פון דידאָזיקע פעיִקייטן קאָן מען דרינגען מכח דעם מענטשן...

דערפירנדיק דעם נוסח פון איר בריוו ביז אָט דער שטעל, האָט זי זיך געכאַפּט, אַז זי האָט געוואָלט אַריינפאַלן אין דעם סטיל פון שאַליטס שרייבן, אָבער זי האָט זיך פאַרפּלאָנטערט.. זי האָט צו זיך אַליין אַ שמייכל געטאָן.

זיי האָבן שטילשווייגנדיק שפּאַצירט.

פונם ים האָט אָנגעהויבן בלאָזן אַ שטיל ווינטל. די לופט איז אָפּגע־פרישט געוואָרן. די אַלטע גרויסע הונדערטיאָריקע לינדנביימער פון דער אַלעע האָבן דאָס ווינטל אויפגעכאַפּט מיט אַ מורמל און קלאַפּן פון בלעטלעך אָן צווייגלעך. טאַמאַרע האָט הנאה געהאַט פון דער אָפּגעפרישטער לופט און פון דעם ריח פון וואַסער־פלאַנצן און זאַלץ, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן טראָגן פון ים. קאָנטיק דער ים האָט אָנגעהויבן צופליסן.

— יאָ, נאָך הײַנט בײַנאַכט, ווי נאָר זי וועט צוריקקומען אַהיים, וועט זי אָנשרײַבן דעם בריוו — האָט זי בײַ זיך באַשלאָסן.

און זי האָט דערפילט אין זיך אַ קאָמפּסלוסטיקײַט. אָנשטאָט געפירט צו ווערן פון צופאַלן, וועט זי פון איצט אָן און אויף ווײַטער מיט די אייגענע כוחות פּרובירן אַרויסקריגן פונם לעבן דידאָזיקע זאַכן, צו וועלכע זי איז באַרופן. זי וועט אויפהערן זיין פּאַסיוו און וואַרטן אויפן ריטערס קומען. זי וועט אַליין דערגרייכן דאָס, וואָס עס קומט איר פונם לעבן.

און זי האָט זיך אַליין אָנגעהויבן צוגעבן מוט. זי האָט אויסגעגליכן אירע פּלייצעס און געגומען שטעלן פעסטע, אײַלנדיקע טריט. אומבאַמערקט פאַר איר אַליין, האָבן זיך אירע פויסטן צונויפגעדריקט, ווי זי וואָלט גלייך אָנ־געהויבן דעם קאַמף, צו וועלכן זי גרייט זיך.

אָבער באַלד האָבן זיך אירע פויסטן צוריק געעפנט. איבער איר קערפּער האָט זיך צעגאָסן אַ ליבע אָנגענעמקייט. עפּעס האָבן די מיסטעריעזע שאָטנס

פון דער נאַכט אָנגעהויבן דערציילן איר. צי זיי האָבן אַרויסגעבראַכט עפּעס פּאַר איר פון דער זכרונות=וועלט, צי עפּעס אָנגעזאָגט איר מכח דעם, וואָס עס זאָל זיין — ס'איז איר ניט קלאָר. אָבער ס'איז זיס און אָנגענעם.

זי האָט זיך אַרומגעקוקט. אין דער פינצטער האָבן זיך די סילועטן פון די ביימער קוים געצייכנט אויפן אָנבליק פונם הימל און אין דער ריכטונג פונם ים איז געווען אַ מוראדיקער פינצטערער חלל. אַ געמיש פון בלוילעך=גרויקייט מיט שוואַרצקייט, פול סודותדיקייט. און אין אָט דער סודותדיקייט צו שפּאַצירן האָט איר הנאה געטאָן. זי איז געווען אין אַן אומגעדולדיקער און אָנגעשטרענגטער שטימונג. אומבאַמערקט פאַר זיך גופא האָט זי פאַרשנעלערט איר גאַנג. עליזאַבעט האָט אָנגעהויבן אָפּשטיין, אָבער באַלד האָט זי צוגעפּאַסט איר גאַנג צו טאַמאַרעס.

די שטערן האָבן געפינקלט אין הימל.

— ווען די שטערן פינקלען, איז אַ סימן, אַז אַ שטורעם וועט קומען. האַלטן זיך דאַן די פישער נענטער צום ברעג, — האָט עליזאַבעט געזאָגט.

— ווירקלעך? — טאַמאַרע האָט אַפילו ניט געהערט, וואָס עליזאַבעט האָט געזאָגט.

— לאָמיר זיך אומקערן — האָט זיך עליזאַבעט געבעטן. שוין אַ היפּשע צייט, אַז זי האָט חרטה געהאַט אויפן שפּאַציר און זי האָט געוואָלט אומקערן זיך. זי האָט אָבער געזען, ווי פאַרטראַכט טאַמאַרע איז, ווי אימפּעטיק זי יאָגט זיך פאָרויס. האָט זי גאָרניט געזאָגט. דערווײַל איז זי געוואָרן אַלץ מער אומצופרידן און אין האַרצן האָט זי פאַרגעוואָרפן טאַמאַרען פאַר איר מאָדנעם אײַנפאַל צו שפּאַצירן אַזוי ווײַט און אין אַזאַ חושך און ריזיקירן געשטרויכלט צו ווערן און פאַלן. זי האָט דעם אײַנפאַל בשום אופן ניט געקאָנט פאַרשטיין.

— איר ווילט שוין אומקערן זיך? ס'איז דאָך דאָ אַזוי אָנגענעם.

דאָך האָבן זיי זיך אומגעקערט.

דער חושך און די אַרומיקע שטימונג האָבן טאַמאַרען דערמאָנט אָן אַ געלייענטער זאַך. זי האָט עס אָנגעהויבן דעקלאַמירן פאַר עליזאַבעטן: ס'איז אַ וואַלד=שטימונג. בײַנאַכט. פאַרשטעלונגען פון וואַלד=רוחות און שדים. שרעק פון רויבער. אָבער די סודותדיקייט פונם וואַלד איז צוציענדיק. ס'איז אַ שרעק צו זיין דאָרט. אָבער אָפּרײַסן זיך פון דאָרט און אַוועקגיין קאָן מען אַוודאי ניט. ווער האָט געשריבן דאָס דאָזיקע זאַך? זי קאָן זיך ניט דערמאָנען. איז עס געטעס?

עליזאַבעט ווייסט ניט, ווער געטע איז. — און שעקספּיר? — אָ, יאָ, וועגן שעקספּירן האָט זי געהערט. אין סקול האָט זי אים געלערנט. אָבער ס'איז שוין אַזוי לאַנג, — און געטע-אַפילו זיין נאָמען רעדט זי אויס אַזוי קאָמיש- אַ דייטשישער דיכטער, אַ „הון"? אַ פאַרדאַמטער יונקער, אַנטקעגן וועמען די „באָיעס" שלאָגן

זיך איצט אַזוי בראַוו? פון וואַנעט זאָל זי וויסן, ווער ער איז? זי קאָן ניט קיין דײַטש. איר עלטערזיידע, זאָגט מען, שטאַמט פון דײַטשלאַנד. איר באָבע איז דאָרט אַמאָל יאָ געווען. אין ברעמען איז זי געווען. זי דערציילט אָפּט, וואָס זי האָט דאָרט געזען. די הײַזער זײַנען דאָרט גאָר אַנדערש געבויט. די שלאָפּצימערן, די קיך און די וווינונגצימערן זײַנען אַלע אויף דעמזעלביקן שטאָק. איז עס ניט קאָמיש?... קײַן אָפּענע קאַמינען זײַנען דאָרט ניטאָ, נאָר אַנשטאָט דעם — פאַרמאַכטע אויוונס. הייצט מען אָן, קלעקט וואַרעמקײַט אויפן גאַנצן טאָג. אין איר שלאָפּצימער איז געהאַנגען אַ בילד פון אדם און חוה, ביידע אינגאַנצן נאַקעט. אַפילו אָן גאַרטלעך. פוי! איר באָבע האָט געמוזט מיט אַ האַנטוך פאַרהענגען דאָס בילד...

— און איר, עליזאַבעט, וואָס וואָלט איר געטאָן, ווען איר געפינט אין אײַער שלאָפּצימער אַזאַ בילד?

זי? זי וואָלט אפשר אַזוי סענטימענטאַל ניט געווען, אָבער דאָך... מע וואָלט פונדעסטוועגן געדאַרפט שטאַרקער אָפּהיטן די מאָראַל...

און עליזאַבעט האָט אָנגעהויבן דערציילן אַ לאַנגע מעשה, צו וועלכער טאַמאַרע האָט זיך ניט צוגעהערט. אין דער געשיכטע זײַנען געווען פאַרמישט איר באָבע, איר מאַמע, דער גלח. געהאַנדלט האָט זיך עס מכח דער לערערין פון זייער שול, וועלכע האָט אָנגעהויבן באַווײַזן סימנים פון ווערן אַ מוטער. האָט מען געצוווּנגען דעם שולדיקן בחור חתונה צו האָבן מיט איר. די מאָ-ראַל פון אָט דער געשיכטע איז איר באָבעס טענה, אַז מע דאַרף זיך שטאַרק היטן פאַרן שטן. אדם- און חוה-בילדער זײַנען אַ געצײַג אין זײַנע הענט...

ניט צוהערנדיק זיך צו דער מעשה, האָט טאַמאַרע דאָך איר תּוך אַרויס-גענומען, און זי האָט זיך געטראַכט, ווי ווייניק עליזאַבעטס וועלט האָט זיך געענדערט פאַרויס. אין די פּראָווינציעלע ענגלישע שטעטלעך גייט מען נאָך אַלץ אויף די וועגן פון מאַמעס און באָבעס. דורות גייען דאָרט ניט פאָרויס, נאָר זיי בײַטן זיך בלויז.

— שטייענדיקע וואַסערן — האָט טאַמאַרע אַ טראַכט געטאָן. — אַמאָל האָט זי געלייענט אַ בוך אונטער אָט דעם נאָמען. וואָס פאַר אַ בוך איז עס? וועמעס? זי קאָן זיך ניט דערמאָנען. שטייענדיקע וואַסערן, און צווישן זיי קענען אַפילו לעבעדיקע באַשעפענישן פאַרשימלט ווערן. ניין, זי מוז זיך פון דאַנעט אַרויסרײַסן! קיין לאָנדאָן!..

צוריקגייענדיק אין שטעטל, האָט זיך טאַמאַרע אָפּגעשטעלט בײַ אַ פענצטער, ווו עס זײַנען געווען אויסגעשטעלט קונסט-פּאָסטקאַרטן. אָט זייַנען דאָרט רעפּראָדוקציעס פון מיקעל אַנדזשעלאָס סטאַטועס. וואָס פאַר אַ מעכטיקע פּראָפּעטישע פיגורן!

עליזאַבעט קוקט אויף די בילדער און שווייגט. זי איז ניט אַזוי ענטוזיאַסטיש ווי טאַמאַרע...

עליזאַבעטס גלייכגילטיקייט האָט טאַמאַרען אויפגערעגט און זי האָט זיך געטראַכט:

„שיינענדיקע עליזאַבעט! באַשאַנקען ביסטו מיט אַ סך ווייבערישן חן. אָבער וואָס וועט זיין דיין סוף? וועסטו אַריינפאַלן צו דיינס אַ גלייכן, וועסטו איניינעם מיט אים גליווערן, אַזוי ווי דיין באָבע און אַזוי ווי דיין עלטער=באָבע. זאָל אָבער אַן אינטעלעקט פון דיין רייץ פאַרכאַפּט ווערן, וועט נאָך אַ לעבנס=טראַגעדיע אין דעם וועלט=כפר=הזכרונות פאַרשריבן ווערן”...

און אַזוי טראַכטנדיק וועגן עליזאַבעטן, האָט זיך טאַמאַרע אָבער באַלד באַזינט, אַז אין עצם איז עליזאַבעט דאָ גאָרניט שולדיק, נאָר שולדיק איז זי, טאַמאַרע אַליין, וואָס עס ברויזט אין איר נשמה, — איז זי אומגעדולדיק. עליזאַבעט איז אַ שוואַכינקע. ניט אַלע קענען זיין שטאַרק. זי איז צו שוואַך אַפילו פּאָרזיכטיק צו זיין. שוואַכינקע פּרויען זייגען אַזוי ווי נאַכט=פליגן. זיי דערזעען ליכט, פליען זיי צום פייער און ווערן פאַרברענט. זאָגן די שטאַרקע, זאָגן די קלעאָפּאַטראַס, די שולמיתן, די דזשוליעטעס: באַדאַי פאַרברענט צו ווערן, אַבי פונם ליכט צו געניסן! אָבער די שוואַכע ברענען און האָבן אַפילו פונם ליכט קיין הנאה ניט. זיי ווייסן אַפילו ניט, וואָס דאָס איז אַזוינס, וואָס האָט זיי צום פייער געצויגן...

— ליכט! ליכט! פאַרברענט צו ווערן, אַבי ליכט!.. אָבער פאַרברענט צו ווערן און ניט אויסגיין אין לעכצעניש נאָך ליכט!..

און מיט יעדן ברעקל פון איר קערפּער, מיט יעדן אָטעם פון איר נשמה האָט זי דערפילט אַ מוראדיקע בענקשאַפט נאָך דעמדאָזיקן ליכט: צו ליבן, צו ווערן געליבט, אָפּגעבן זיך אינגאַנצן, פאַרמאַכן דאַן די אויגן און — אין דער אייביקייט אַריין...

עליזאַבעט האָט אָנגעהויבן דערציילן אַן אַנדער געשיכטע: אַ געשיכטע מיט איר שכנה. זי איז אַ לאָנדאָנערין; באַקלאָגט זי זיך, אַז איר איז זייער אומעטיק. זי פאַרנאַכלעסיקט די הויז=באַלעבאַטישקייט און נעמט ביי זיך אויף מענער=געסט אַפילו דאַן, ווען איר מאַן איז ניטאָ אינדערהיים. נעכטן האָט מען ביי איר אין הויז געזונגען און געטאַנצט ביז שפּעט אין דער נאַכט.

— און איר, עליזאַבעט, וואָלט געוואָלט פאָרן קיין לאָנדאָן?

— יאָ, זי וואָלט געוואָלט. איר ווילט זיך אַ קוק טאָן אויפן בוקינגהאַם=פּאַלאַץ, אויפן פּאַרלאַמענט=הויז, זעען פּיקאַדילי, סטרענד.

— דאָס אַלץ? נו, און די נאַציאָנאַלע גאַלעריע? בריטיש מוזעאום? טייטס=גאַלעריע?

— ווער זיינען זיי?

— נו, און לעבן, עליזאַבעט? לעבן?.. ווייסט איר, אַז אויב לעבן איז דאָ, איז עס ניט אין לינקאָשייר, נאָר דאָרט, אין לאָנדאָן?.. לעבן, לעבן, קינד!..

געוואָלט האָט זי אָנהייבן דערציילן עליזאַבעטן וועגן לעבן, וועגן טרוימען, וועגן אַ גרעסערער וועלט, וועגן מער זעונג, מער ווילן, מער פאַרלאַנגען, טיפערע פאַרגעניגנס, העכערע אידעאַלן. אָבער דערווײַל זיינען זיי צוגעקומען צום מאַרק-פּלאַץ און זיי זיינען אַרײַנגעכאַפּט געוואָרן אין אַ מענטשן-שטראָם. דאָס געפילדער האָט דאָס ריידן שווער געמאַכט.

די מערסטע געשעפטן זיינען נאָך געווען אָפן. טישלעך, אָנגעלאָדן מיט פאַרשיידענע סחורות, זיינען געשטאַנען לעבן די טראָטואַרן. די סוחרים האָבן אויף קולי-קולות אויסגערופן זייערע סחורות, און מענטשן האָבן געשטראָמט פון אַלע זײַטן. אייניקע האָבן באַטראַכט די סחורות, אַנדערע האָבן זיך גע-דונגען און די איבעריקע האָבן זיך גלאַט אַזוי שפּאַצירט, אָפּגעשטעלט זיך בײַ די שוי-פענצטער, בײַ די טישלעך, באַטראַכט די אויסגעשטעלטע סחורות, געחידושט זיך אויף די פרײַזן, וואָס האַלטן אין איין שטײַגן, באַשולדיקט אין דעם דעם דײַטש מיט זיין קײַזער און געשאָלטן זיי מיט ביטערע קללות.

פונם טעאַטער האָט אַרויסגעשטראָמט אַ נײַע כוואַליע מענטשן און אַראָפּגעשטופּט די פאַרבײַגייענדיקע פון טראָטואַר.

— מערקט — האָט טאַמאַרע געזאָגט — די אויסדרוקן אויף די פּנימער פון די מענטשן, וועלכע גייען אַרויס פון טעאַטער, און פאַרגלײַכט צו די מענטשן, וואָס שפּאַצירן דאָ גלאַט אַזוי אַרום. די לעצטע זיינען וואָכעדיק און די ערשטע זיינען יום-טובדיק. דאָס האָט דער טעאַטער אָט די יום-טובדיקײַט געשאַפן. אָט דערפאַר איז די קונסט גרויס. קונסט געוועלטיקט דורך אַ היפּנאָטיזיר-מאַכט. קונסט שפּײַזט די עסטעטישע געפילן און זיי זײַנען דער סאַמע תּוכן פונם מענטשן. איך וויל, אַז איר זאָלט מיך פאַרשטיין, עליזאַבעט! הערט זיך אײַן, וואָס איך וועל צו אייך אַצינד ריידן. מיר האָבן באַ-גריפן וועגן פרײַהײַט, וואָס זיינען כּלל אָנגענומען. פאַראַן אָבער אַן אַנדער באַגריף פון פרײַהײַט, מכּח וועלכן ניט פיל פאַרטראַכטן זיך. דאָס איז די פרײַ-הײַט פון דעם איך. ווער עס האָט דעם איך באַפרײַט, איז שטאַרק, איז גרויס. דערדאָזיקער האָט זיך באַפרײַט פון סביבה און טראַדיציע, און ער שטײַגט און שטײַגט. מע קאָן אָבער פרײַ ניט זיין, סײַדן מע איז אַן אינטעלעקט. און אינטעלעקטועל קען מען ניט זיין, סײַדן מע איז עמפּינדלעך צו שיינקײַטן. און וואָס עמפּינדלעכער איינער איז צו שיינקייטן, אַלץ מער ווערט ער פון זיי פאַרהיפּנאָטיזירט. און ווען ער קומט אין באַריִרונג מיט שיינקײַטן, איז זייער ממשלה אויף אים אַזוי שטאַרק, אַז ער פאַרלירט זיין זעלבסטשטענדיקן איך, און ער ווערט אַ רעפלעקס, אַן אָפּשײַן, אַן אָפּשפּיגלונג, דאָס הייסט, אַן אויס-

דרוק פון דערזעלביקער שיינקייט. אָט אָ דאָ איז פאַרבאָרגן די גרויסע סתירה פון דער פרייער נאַטור. וואָס, וואָס פרייער זי איז, אַלץ פאַרשקלאַפּטער איז זי... און די גרעסטע שיינקייט אויף דער וועלט איז — ל י ב ע! און וואָס שטאַרקער דער מענטש איז, אַלץ מער קנעכט איז ער פון דעמדאָזיקן געפיל. דאָך איז דער גרעסטער אויסדרוק פונם מענטשן דאַן, ווען ער ליבט אַמשטאַרקסטן.

— יאָ, עליזאַבעט, אָט דאָ ליגט באַהאַלטן דער גרויסער און ווונדערשיינער סוד פונם לעבן. אַ ריטער איז מוטיק צו קעמפן אַנטקעגן לעגיאָנען, און ער איז אַ שוואַכלינג און אַ פּחדן, ווען ער באַגעגנט זיין געליבטע. אַ פרוי קאָן מורא האָבן פאַר אַ שאָטן, וועט אַנטלויפן פון אַ מויז און - וועט זיך בראַוו אַוועקלייגן אין קימפּעט. דידאָזיקע, וואָס ווערן פאַרעכנט פאַר שוואַכינקע, ציטער־דיקע,-זיי האָבן דערפאַר קיין מורא ניט, הגם זיי ווייסן, אַז זיי קענען דערביי שטאַרבן. אָט דאָס איז ליבע, עליזאַבעט! דאָס איז איר אויסדרוק, אָט דאָס זיינען הידע סימפּטאָמען און פועל־יוצאס. אָבער וואָס איז עצם ליבע? איך בעם זיך ניט אונטער צו דעפינירן עס. וואָס איז די סיבה פון דעמדאָזיקן אַלמעכטשלעכן און אַלבאַהערשנדיקן געפיל? מעג זיך זיין דאָס לעבן פול, מעג זיך זיין דאָס לעבן באַקוועם, רייך — פעלט אָבער פון ליבע דאָס געפיל, איז עס פוסט! ליבע!.. ליבט מען — שאַפט מען. און אין תמידדיקער שאַפונג איז דער תוכן פון דער וועלט. געבורט און ווידערגעבורט - דאָס איז דער סוד פונם לעבן. עס מוז זיין אַ תמידדיקער ווידערגעבורט. ווייל עס איז דאָ אַ תמידדיקער שטאַרבן. עס שטאַרבט אַ רגע און די ניי־געבוירענע איז שוין דאָ, און אַזוי כסדר, כסדר. און געבורט און ווידערגעבורט איז דורך ליבע. קוקט, עליזאַבעט, וווּנדערט זיך: אָט זיינען מיר אַרומגערינגלט מיט הימל, ים, שטערן, רוים, צייט! קוקט, וווּנדערט זיך, שטוינט פאַר אָט די מוראדיקע וווּנדערן! און — פאַרליבט זיך! וועט איר דערזען, ווי אַלע וווּנדערן וועלן פאַרשווינדן ווערן פון אייער באַוווּנדערונג און זיי וועלן זיך אַריינטאָן אין איין זאַך—אין אייער געליבטן. און ווונדער שבוווּנדער: הימל פאַרשווינדט ניט, שטערן הערן ניט אויף צו לייכטן. פאַרקערט, דער הימל ווערט נאָך טיפער, די שטערן-ליכטיקער. אָבער דאָס אַלץ וועט שוין זיין ניט אין דרויסן, נאָר עס וועט זיין אַריינגעטאָן אין דעם געליבטן. אוי, גליקלעך זיינען דידאָזיקע, וועמען עס איז באַשערט כאָטש אַן אויגנבליק אַזוי צו ליבן! אָבער-און דאָס איז די שרעקלעכסטע טראַגעדיע פון אונדזער צייט - זי שאַפט ניט מער קיין ראָמעאָס, קיין דזשוליעטעס, קיין שולמיתן... אָט קוקט זיך צו צו די פנימער, וועלכע מיר באַגעגענען. זעט, ווי זיי דריקן גאָרניט אויס. האָט דזשוליעט אַזוי אויסגעזען? האָט ראָמעאָ אַזעלכע אַפּאַטישע אויגן געהאַט?

צו לאַנג איז טאַמאַרע עלנט געווען. און היינט, ווען זי איז אויף איר עלנט באַוווּסטזיניק געוואָרן, האָט זי דערפילט די ליידנשאַפט פון אויסדרוק.

וואָלט זי מוזיק געקענט, וואָלט זי זיך פאַר די קלאַווישן אָדער סטרונעס געכאַפּט. וואָלט זי אַ שרײַבערין געווען, וואָלט זי איצט איר מײַסטערווערק געשאַפן. אָבער אַזוי ווי זי איז, רעדט זי כאָטש צו עליזאַבעטן.

און עליזאַבעט הערט זיך איין און פאַרשטייט ניט. דאָך שטרענגט זי זיך אָן ניט צו פאַרהערן אַ וואָרט. זי פילט, אַז עס רעדט צו איר אַ דערהויבענע נשמה. זי פילט, אַז דערהויבנקײַט פליסט אויך אין איר אַריין, און עפּעס ווערט דורכדעם אין איר צעריסן. דאָס טראַדיציאָנעלע אַלטע ווערט פון איר אָפּגעשאָבן און עפּעס נײַס שטראָמט אין איר אַריין. עפּעס איז דאָס לעבן ניט אַזוי כשורה, ווי זי האָט ביז איצט געמיינט. עפּעס זיינען דאָ זאַכן, וואָס מע דאַרף זיי ווייסן. עפּעס איז דאָ אַזעלכעס, וואָס דאַרף געטאָן ווערן און וואָס זי האָט עס ביז איצט ניט פאַרשטאַנען.

יאָ, עליזאַבעט איז ערשט אַ טרוקן קערנדל. זאָל מען עס באַפײַכטן, באַזונען, וועט עס אָנהייבן שפּראָצן. וועט אפשר אַ בלום אַרויס. אפשר אַ שטאָלצע ליליע, אפשר אַ רייכע רויז, און אַפילו אַז אַ באַשיידענער טולפּאַן — דאָך אַ בלום.

און טאַמאַרע האָט גערעדט און גערעדט:

— די אַלטע קשיה: — צו זיין אָדער ניט צו זיין?.. — ניט צו זיין — זיינען כמעט אַלע. און צו זיין — אוי, דאָס איז טאַקע די האַרבע שאלה, ווי אַזוי איז מען עס? — האַמלעט האָט געפרעגט, דאָן קיכאָט האָט געזוכט, דאָן זשואַן האָט צום סוף ניט פאַרשטאַנען, פאַוסט האָט ניט געפונען, פּיר גינט איז זוכנדיק אויסגעגאַנגען. קיינער האָט ניט געפונען. אָבער ניט ראָמעאָ און ניט דזשוליעט האָבן קשיות געפרעגט. איז עס דערפאַר, וואָס זיי האָבן דעם ענטפער געפונען? מיין האַרץ זאָגט מיר, אַז יאָ. זיינען זיי דערפאַר פון דער וועלט אַוועק?.. זיינען די וועלט־פלייצעס ניט שטאַרק גענוג אַזעלכע ריזן אויפצוהאַלטן?.. נאָך אַ ווידערשפּרוך?.. די וועלט, וואָס ווערט דורך ליבע גענערט, קאָן די אמתדיקע ליבע ניט אויסהאַלטן?...

זיי זיינען צוגעקומען צו טאַמאַרעס וווינונג. עליזאַבעט איז געשטאַנען און איר האָט זיך ניט געגלוסט געזעגענען. עפּעס אומבאַקאַנטעס און אויסטערלישעס האָט זיך דערוועקט אין איר, און מיט אָט דער דערוועקונג איז איר געווען אַ שאָד זיך צו שיידן.

טאַמאַרע האָט זי פאַרבעטן צו זיך אין צימער. זי האָט איר געוויזן אייניקע ביכער, אירע קאָלעקציעס פון פּאָסטקאַרטן און געשפּילט פאַר איר אייניקע רעקאָרדס אויפן גראַמאָפאָן, אויסגעקליבן פאַר איר טשאַיקאָווסקיס, שובערטס און בעטהאָווענס.

ביים געזעגענען זיך האָט זי צו עליזאַבעטן געזאָגט:

— אָט אַזוי האָב איך ביז איצט געלעבט. אַליין, אַליין... אָבער ניט עלנט. תמיד געלעבט מיט אַן עפּעס. ביכער, בילדער, מוזיק. שיינקייטן האָבן

מיך תמיד באַגײַסטערט. איך האָב טרוימען געוועבט און מיט זיי געלעבט. געלעבט אין זיך און נים אין דרויסן. אָבער איצט וויל איך צום אויסדרוק קומען! צום דרויסן! זיך צום דרויסן! לעבן! לעבן!

און ווען עליזאַבעט איז אַוועק, האָט טאַמאַרע זיך אָנגעהויבן לאַנגזאַם אויסטאָן. און מיט פונאַנדערגעלאָזטע האָר, נאַקעט איז זי געבליבן שטיין בײַם שפּיגל און זיך באַטראַכט:

— יאָ, אָט דאָס בין איך. מײַן קערפּער, מײַן פלייש, מײַנע גלידער. אָט אָ דאָס גאַנץ פאַרמעגן בין איך גרייט צו געבן. און — אַ חוץ דעם — נאָך עפּעס... עפּעס, וואָס נים עליזאַבעט און נים פיל אַנדערע פאַרמאָגן... עפּעס, — וואָס דאָס בין איך! איך!..

זי איז ביים שפיגל לאַנג געשטאַנען. איר געדאַנק איז קלאָרער געוואָרן:

— נים אַלע מאָל באַטראַכט איך זיך אַזוי ווי איצט. בין איך דען דאַן ביטאָ? ניין, איך בין איך דאַן פאַראַן. נאָר איך בין דאַן אין זיך. און אָט די פרוי, וועלכע איז רעפלעקטירט אין שפיגל, איז אַ זייטיקע זאַך. נאָר זי טראָגט מיך אין זיך. און איך בין... וואָס בין איך?..

זי האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ צו פאַרטרײַבן די געדאַנקען. און כמעט ווי אויפן קול האָט זי באַלד אַרויסגעזאָגט:

— איך וויל, אַז דידאָזיקע זאַך, וואָס טראָגט מיך אין זיך, זאָל זיין ווייבלעך, שיין, באַחנט. זי זאָל קאָנען צוציען, זי זאָל קאָנען רייצן. און דורך איר פאַרמיטלונג וועל איך געליבט ווערן... איך און נים זי...

זי האָט לאַנגזאַם אַרויפגעוואָרפן אויף זיך אַ נאַכט-העמד, אַוועקגעזעצט זיך ביים שרײַבטיש און אָנגעהויבן שרייבן אַ בריוו צו שאַליטן.

זי האָט געשריבן לאַנג. צוערשט אין אַ געשעפטלעכן סטיל. אָבער באַלד האָט זי זיך דורכגענומען מיט שרײַבערישקייט און ס'האָט אויפגעהערט צו זיין אַ בריוו, נאָר אַ שאַפונג איז עס געוואָרן, אַ לירישער אויסדרוק פון אַ רײַכער נשמה. אירע געדאַנקען האָבן געפלאָסן שנעל, שנעלער פון די באַוועגונגען פון דער פען. זי האָט פאַרשריבן בייגעלעך פאַפיר איינס נאָכן צווייטן. עטלעכע פאַפיר-בייגעלעך האָבן זיך צעפּגעגליטשט פון טיש און צעשאָטן זיך איבער דער ערד. זי האָט בלויז אַ קוק געטאָן אויף זיי און זיך נים דערלויבט די צײַט אויפצוהייבן זיי.

ווען זי האָט געענדיקט, האָט שוין דער פרימאָרגן אַרײַנגעקוקט אין פענצטער. זי האָט דערפילט אַ לײַכטקײַט אין זיך, אַ גליקזעליקײַט. האָט זי זיך אַרײַנגעלייגט אין בעט, צעשמייכלט זיך, געקוקט דורכן פענצטער אויף דעם פרימאָרגן-צונטערדיקן הימל און איז אײַנגעשלאָפן.

צווייטער קאַפּיטל.

1.

אויף די טישן זיינען געווען אָנגעשטעלט אין אומאָרדנונג ליידיקע און האַלב ליידיקע פלעשלעך פון וויין און ביר, טעלער מיט שיריים פון מאכלים, סאַלפעטקעס און אַנדערע מכשירים פאַרן עסן. דער עולם, אַן אָפּגעגעסענער, האָט זיך צעשאָטן איבערן „פאַמיליען־צימער" פון דעם ווייטשעפּעלער „באָהעמישן רעסטאָראַנט", געדרוקט [sic] און געמיטלעך געשמועסט צווישנאַנאַנד.

דר. בערמאַן האָט זיך באַרימט פאַר ווילענסקין מיט אַ מיניאַטור־בילד פון דר. הערצל. אויפן בילד איז געווען אָנגעשריבן: „מיין ליבן בערמאַנען — דר. הערצל." אָט דאָס בילד האָט אים דר. הערצל געשאָנקען, ווען בערמאַן איז געווען דער סעקרעטאַר פון דעם אַקאַדעמישן ציוניסטישן פאַריין אין באַזעל. בערמאַן איז צו יענער צייט געווען אַ סטודענט פון דעם פילאָזאָפישן פאַקולטעט פון דעם דאָרטיקן אוניווערסיטעט. ווי בערמאַן אַליין דערציילט, איז ער דאַן געווען אַן ענטוזיאַסט און זייער ענערגיש. ער איז געווען סיי דער גרינדער און סיי דער הויפּט־טוער פון דערדאָזיקער אַקאַדעמישער גרופּע. ניט נאָר ער איז געווען איר סעקרעטאַר, נייערט אויך איר הויפּט־פירער און טעאָרעטיקער. דאַן האָט זיך אין באַזעל פאַרזאַמלט דער, שפּעטער באַרימט געוואָרענער, פינפטער ציוניסטישער קאָנגרעס. איז עס אויף בערמאַנען אויסגעפאַלן צו אָרגאַניזירן אַלע אונטערהאַלטונגען און פאַרווייַלונגען פאַר די דעלעגאַטן פון קאָנגרעס. דר. הערצל האָט דידאָזיקע אַרבעט אָנערקענט און דערפאַר האָט ער אים געשאָנקען זיין בילד.

שפּעטער וואָלט ער אים דאָסדאָזיקע בילד ניט געגעבן. בערמאַן איז געווען דער הויפּט־שטורמער צווישן די אָפּאָזיציאָנערן פון דעם אוגאַנדע־פּראָיעקט. עס איז דאַן אַפילו ניט ווייט געווען פון אַ פראַקציאָנעלער שפּאַלטונג, און צו פאַרמייַדן עס האָט זיך געפאָדערט דער גאַנצער כוח פון דר. הערצלס דיפּלאָמאַטישער טאַקטישקייט.

צווישן די דעלעגאַטן, וועלכע דר. הערצל האָט פאַרבעטן צו זיך אויף אַ פּריוואַטער באַראַטונג, איז אויך בערמאַן געווען. דידאָזיקע באַראַטונג איז

פאָרגעקומען אונטער פאַרמאַכטע טירן. מיט הערצלען האָבן זיך געפונען נאָרדאַו און וואָלפסאָן. די לעצטע זיינען געווען די איינציקע, וועלכע האָבן געוווסט, אַז דר. הערצל איז קראַנק געווען. ער האָט זיך ניט געטאָרט רעגן: זיי האָבן מיט אַלע כּוחות איינגעהאַלטן הערצלען, אַז ער זאָל זיין רויִק. אָבער גיי האַלט איין אַ פייערשפּייענדיקן באַרג! דערזעענדיק די דעלעגאַטן, האָט דר. הערצל זיך אויפגעהויבן פון זיין אָרט און אָנגעהויבן אין אויפרעגונג שפּאַנען הין און צוריק איבערן צימער. דערנאָך האָט ער געכאַפּט בערמאַנען פאַר די אַקסלען און, טרייסלענדיק אים, געשריען: „סענטימענטאַלע יינגלעך, ביי וועמען די מילך האָט זיך נאָך ניט אָפּגעטריקנט פון די ליפּן, און זיי קומען ריידן אין נאָמען פון אַ פאָלק... אַ פאָלק — וואָס איז אַ פאָלק? אַ סטאַדע שעפּסן. מע שערט זיי און זיי לאָזן זיך. קוקט אויף קישינעוו! קוקט אויף האָמעל! קעגן צעווילדעוועטע חיות האָבן זיי מיט „שמע ישראל" געקעמפט... ווילט איר מיט דעמזעלביקן „שמע ישראל" אַ לאַנד איינגעמען?.. סטאַמבול האַלט ארץ־ישראל מיט ביקסן און קאַנאָנען! פאַר „שמע ישראל" האָבן זיי קיין דרך־ארץ ניט! דרך־ארץ האָט מען פאַר פאַנצערס און האַרמאַטן. דרך־ארץ האָט מען פאַר דער גאָלדענער מטבע, און מיר האָבן ביידע זאַכן ניט. טאָ לאָמיר כאָטש האָבן פּרעסטיזש. פאַרשטייט איר עס ניט? אוגאַנדע — ווער דאַרף דעמדאָזיקן מדבר? מיר דאַרפן אָבער ענגלאַנדס פּרעסטיזש. דאָ איז ניט קיין פראַגע פון סענטימענטן. רעאַל־פּאָליטיק!.. אַ פאָלק? איין אויפגעבלאָזענע סענסאַציע, און דאָס פאָלק ווערט איבערגעקערט. אַ פאָלק פירט ניט, נאָר עס ווערט געפירט... טאָ רעדט ניט אין נאָמען פון אַ פאָלק! ס'זיינען ניט מער ווי אייערע אייגענע סענטימענטן, וואָס קומען פון אומפאַרשטאַנדיקייט און בלינדקייט"...

ווען הערצל האָט געענדיקט, איז ער געווען אַזוי אויסגעמאַטערט, אַז ער האָט זיך ניט אַרייַנגעזעצט, נאָר ער איז אַרייַנגעפאַלן אין זיין פאָטער־שטול.

— דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל — האָט דר. בערמאַן פאָרטגעזעצט זיין דערציילונג—וואָס איך, אָדער עמיצער אַנדערש פון די קאָנגרעס־דעלעגאַטן האָבן געזען דר. הערצלען אויפגערעגט. אויף די קאָנגרעסן, אין דער עפנטלעכקייט האָט ער זיך געהאַלטן רויִק און טאַקטיש. איך האָב אים געוואָלט ענטפערן. אָבער, קוקנדיק אויף אים, אויף זיין אויפרעגונג, האָט מיר אָפּגענומען דאָס לשון.

און בערמאַן האָט דערביי אַנטוויקלט זיין בליק אויף דער זאַך: די יידן וואָלטן פון די אומות־העולם מער דרך־ארץ געקראָגן, ווען זיי וואָלטן אַרויסגעקומען מיט מוט און דערקלערט, אַז זיי זוכן ניט איינצוקויפן זיך אין יחוס דורכדעם, וואָס זיי פאַרהאַנדלען מיט מאַכטיקע אימפּעריעס, נאָר זיי

באַשטייען אויף זייער טעריטאָריאַלער רעכט אויף ארץ=ישראל. קיין פאָלק אין דער וועלט וועט ניט מותר זיין זייער רעכט אויף זייער לאַנד. וועלן דאָס די יידן טאָן, וועט מען פאַר זיי קיין דרך=ארץ זיכער ניט האָבן.

שאַליט, וועלכער האָט פון דער זייט צוגעהערט זיך צום געשפּרעך, האָט מיט בערמאַנען ניט מסכים געווען. ער האָט אָנגעוויזן, אַז די יידישע ליבשאַפט צו ארץ=ישראל איז מער אַ סימבאָלישע. איידער אַן אַקטועלע. די יידישע ליידן זיינען אָבער אַקטועל. אויב אוגאַנדע וואָלט זיך אַרויסגעצייגט פאַר אַ פּאַסיקער טעריטאָריע, וואָלט מען עס געמאָגט אָננעמען. ארץ=ישראל וואָלט דאָך אַלצאיינס פאַרבליבן ארץ=ישראל. אַפילו אין אוגאַנדע וואָלט דער יידישער סענטימענט פאַר ארץ=ישראל ניט אויפגעהערט, ווי ער האָט ניט אויפגעהערט אין די פיל אַנדערע לענדער פון די יידישע וואַנדערונגען.

ווילענסקי, וועלכער איז דערביי געשטאַנען, האָט זיך, ווי זיין שטייגער איז, צעהיצט און אָנשטאָט מסכים צו זיין אָדער ניט מסכים צו זיין מיט בערמאַנען אָדער מיט שאַליטן, איז ער אַראָפּ פון ענין. „פּאַלעסטינע איז פאַר יידן ניט קיין מסחר=זאַך — האָט ער זיך צעשריען,—נאָר אַ דבר שבקדושה". „מיינט איר צו זאָגן—האָט ער זיך שפּעטער געהיצט,—„אַז דער, וואָס שרייבט אויף יידישע טעמעס, איז אַ ייד? בייראָן האָט אויך געשאַפן אויף יידישע טעמעס. עליזאַ אָרזשעשקאָ אויך. אַפילו וואַלטער סקאָט. און אַ ייד קאָן שאַפן אויף גוישע טעמעס און דאָך זיין יידישלעך. דער עיקר איז דער וועג און דער אומוועג פון דעם נשמהדיקן וועלט=באַנעם. דר. הערצלען האָט דער חוש פון יידישקייט געפעלט. ער האָט ניט פאַרמאָגט דעם יידישן פונק. דער יידישער נר=תמיד איז אין זיין האַרץ געווען אויסגעלאָשן. דר. הערצל איז געווען און איז פאַרבליבן אַ גוי. אין דער יידישער גייסטיקייט האָט ער אַריינגעבראַכט גוישקייט פון פּאָליטיק און דיפּלאָמאַטיע. הערצל איז געווען אַ גאון. געוויס. איך לייקן עס ניט. אָבער ער איז געווען אַ גאון לטובת די יידן. אַזוי ווי אַ חסיד פון די אומות=העולם וואָלט עס געקענט זיין. ער איז אָבער ניט געווען קיין יידישער גאון".

צו מתווכח זיין זיך מיט ווילענסקין האָט שאַליט אַלע מאָל אויסגעמיטן. ער איז אַוועק צום צווייטן טיש.

דאָרט זיינען געזעסן: פאַרמסקי, גוסטאַן, עפּלבוים און דער שוישפּילער מאַרגאָלין. צווישן זיי האָט זיך געפירט אַ געשפּרעך מכוח דער נייער אויפפירונג פון „שיילאָק" אויף דער ענגלישער בינע. די ראָל פון שיילאָק האָט געשפּילט לעאָניד נאַטאַנזאָן, וועלכער האָט אַזויפיל יאָרן געשפּילט אויף דער יידישער בינע, ווו ער האָט זיך קונא=שם געווען, איז איצט געוואָרן די סענסאַציע פון דער ענגלישער טעאַטער=וועלט. די ענגלישע פּרעסע האָט אים באַוואונדערט. אַפילו דער קיניג האָט אים נאָך דער פאָרשטעלונג, וואָס ער

האָט באַזוכט, פאַרבעטן צו זיך אין זײַן לאָזשע. ניט קיין סך זײַנען זוכה צו אַזאַ כבוד. מע האָט אַפילו געשמועסט, אַז ער ווערט רעקאָמענדירט געמאַכט צו ווערן פאַר אַ „סער".

— אין וואָס באַשטייט נאַטאַנזאָנס דערפאָלג,—האָט פאַרמטקי געטענהט— אויב ניט בלויז אין דעם, וואָס ער האָט גענומען אַ ווייטשעפּעלער יידן, אים אַ ביסל פאַרקאָלדוניעוועט, און די גוים האָבן זיך געלאָזט איינשמועסן, אַז דאָס איז אַ נײַע און די בעסטע אינטערפּרעטאַציע פון שיילאָקן. וואָס ווייסן די גוים, ווען עס קומט צו יידישער רעפּרעזענטאַציע? פאַר זיי איז דער ייד ענטוועדער אַ טאַרטיוף, אָדער אַ נביא. און אַז נאַטאַנזאָן האָט שיילאָקן ניט איבערגעטריבן און ניט נידערטריבן, נאָר ער האָט אים אָנגעטאָן אין פלייש און ביינער, איז עס פאַר זיי אַ חידוש. אָט דעם חידוש נעמען זיי אָן פאַר גאוניאַלער קונסט. מיר צלע קאָנען נאַטאַנזאָנען. פאַר אונדז איז זײַן שיילאָק קיין חידוש ניט. דערפאַר האַלטן מיר אים ניט פאַר אַזאַ געוואַלדיקן קינסטלער. אויף דער יידישער בינע זײַנען דאָ גרעסערע קינסטלער פון אים. פאַר זיי איז עס אָבער קונסט. וואָס זאָגט איר, שאַליט?

— מיר דוכט, — האָט שאַליט געענטפערט — אַז שיילאָק ווערט בכלל צו ערנסט גענומען. שעקספּיר האָט דורך שיילאָקן ניט כימבאָליזירט קיין יידן, פונקט ווי ער האָט דורך האַמלעטן ניט סימבאָליזירט קיין דענעמאַרקער. האַמלעט איז לכל-הפּחות אַן אידעע, און שיילאָק איז דאָס אויך ניט. שעקספּיר האָט געדאַרפט האָבן אַ באַפּון אויף דער בינע, האָט ער זיך באַנוצט מיט די פאָרורטיילן פון זיין צייט און ער האָט אים פאַרקערפּערט אין אַ יידן. ס'איז בלויז אַ צופאַל. אויף דער בינע קען זיך אָבער שיילאָק, הײַנט צו טאָג, קליידן אין די קליידער פון אַלע פעלקער, און פון זיין כאַראַקטער וועט גאָרניט געמינערט ווערן. נאַטאַנזאָן האָט אָבער שיילאָקן פאַרקערפּערט אין אַ ספּעציפישער יידישקייט. ער האָט, אַזוי צו זאָגן, שיילאָקן יידישלעך פאַרנאַציאָנאַליזירט, און דערפאַר פאַרדינט ער קיין שבחים ניט. ענטוועדער ער פאַרשטייט די פּיעסע ניט, אָדער ער פעלשט צוליב אַ קאַריערע און צוליב אײַנקויפן זיך אין יחוס...

מיטן אָנקומען פון שאָמפּאַנען און קלאַרען איז דאָס געשפּרעך איבער-געריסן געוואָרן. די מערסטע האָבן נאָך שאָמפּאַנען ניט געזען נאָך זיין צוריקקומען פון לינקאָשייר און זיי האָבן אים באַגעגנט ווי אַ גאַסט. באַלד זײַנען אָנגעקומען אויך לאה צייטקין און עטל קאָרנפעלד. מע האָט באַשטעלט נאָך ווײַן, פאַר וועלכן מע האָט שאָמפּאַנען, אַלס גאַסט, מכבד געווען צו באַצאָלן... דער ווײַן האָט אויפגעמונטערט די געמיטער און די שטימונג איז געוואָרן אַ פריילעכע. מע האָט זיך צעזונגען. לאהן האָט זיך פאַרוואָלט טאַנצן און זי האָט אָנגעהויבן פונאַנדערריקן די טישן. גוסטאָן האָט איר געהאָלפן.

— לעבן, לעבן זאָל דאָ ווערן! — האָט זי געשריען צו גוסטאָנען.

— ווען מע וואָלט זיך ביי מיר אָנגעפרעגט, ווען און ווו געבוירן צו ווערן—האָט זי זיך שפּעטער געווענדעט צו שאַליטן—וואָלט איך אויסגעקליבן רוים מיט אַ ניינצן הונדערט יאָר צוריק. דאַמאָלסט און זיי האָבן פאַרשטאַנען, ווי אַזוי צו לעבן.

— צוליב איינך וואָלט איך אויך געוואָלט לעבן אין דער דאָזיקער צייט,— האָט גוסטאָן געזאָגט, — אין אַ רוימישן קאָסטיום וואָלט איך שענער געקאָנט באַנעמען די שטויכן פון אייער קערפּער און איך וואָלט אייך גענומען פאַר אַ מאָדעל פאַר אַ סטאַטוע פון ווענוס. מיינט איר ניט, שאַליט, אַז מיט לאהן צוזאַמען, אין אַלטן רוים, וואָלטן מיר ווירקלעך איבערגעלעבט אַן עפּאָכע פון ווענוס?

— אוי, דער וויין האָט אָנגעהויבן ווירקן אויף גוסטאָנען. אַזוי איז ער תמיד, ווען ער איז שיכורלעך. אַנדערש איז ער פּאָרזיכטיק און צוריקגעהאַלטן מיט אַ וואָרט.

— איך בין ניט איבערצייגט, – האָט שאַליט געענטפערט, – אַז די עפּאָכע פון ווענוס איז אַן אידעאַלע.

— אוי, ווי קומט ווענוס צו שאַליטן? – האָט לאה ניט פאַרשוויגן, – איך בין זיכער, אַז שאַליט האָט פאַר די דאָמיניקאַנער מער דרך-ארץ און ער וואָלט ליבערשט אין זייער בליונג-צייט געלעבט.

— געוויס – האָט שאַליט געענטפערט – איז די צייט פון די דאָמיניקאַנער בעסער שוין דערמיט אַליין, וואָס זי איז געווען די יורשטע פון דער רוימישער צייט, און זי וואָלט געקאָנט, ווען זי וואָלט געוואָלט, באַזיצן די דערפאַרונגען און שכל פון די אַלע דורות, וואָס זיינען געווען פאַר איר, רוים אַריינגערעכנט. ווען מע גיט מיר די ברירה, וואָלט איך זיך בכלל ניט געאיילט געבוירן צו ווערן. איצט, אַזוי ווי אַמאָל, איז די וועלט צעטיילט אויף פעלקער. יעדעס פאָלק איז אַן אויסגעשפּראָכענע אייגנאַרטיקייט, איז בלויז אַ טייל פון דער מענטשהייט און באַזיצט דעריבער בלויז אַ טייל פון דער אַלגעמיינער מענטש-לעכער קולטור. קיין פולן וויסן פאַרמאָגט אַפילו ניט דאָס גאַנצע מענטשהייט צוזאַמענגענומען. וואָלט איך אויף דער פראַגע פון ווען, אויסגעקליבן צו זיין אין דעם לעצטן מענטשלעכן דור אויף דער ערד, כדי צו פאַרמאָגן די ירושה פון מענטשלעכע דערפאַרונגען פון אַלע דורות און אַלע פעלקער.

— און אויב איר וואָלט דאַן אויך ניט פאַרמאָגט קיין פול וויסן? – האָט גוסטאָן געפרעגט.

— וואָלט איך געזאָגט, אַז בעסער איז אינגאַנצן ניט געבוירן צו ווערן.

— אָסור, אויב איך פאַרשטיי אַ וואָרט, – האָט זיך לאה צייטקין צע-לאַכט – איר, שאַליט, וואָלט, ווי סע ווייזט אויס, אַלץ געוואָלט פאַרמאָגן און

איצט... כ'מיין... איר פאַרנאַכלעסיקט אַפילו דאָס, וואָס איר וואָלט יאָ געקאָנט פאַרמאָגן...

אָ, דער וויין האָט אויך לאהס צונג צופיל אויפגעבונדן...

שאַליט האָט ניט געענטפערט. לאה האָט זיך פון אים אָפגעקערט. אָבער באַלד איז זי צוריקגעקומען.

— היינט אָוונט קומט צו מיר אַהיים, שאַליט! מיר וועלן טאַנצן צוזאַמען.

— ניט תמיד בין איך גרייט צו טאַנצן, — האָט שאַליט געענטפערט.

— נו, וועל איך שפּילן פאַר אייך. איך האָב נײַע קאָמפּאָזיציעס, נעכטן פאַרפאַסט.

שאַליט האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— וועט איר קומען?

— יאָ.

זי האָט באַדאַנקט מיט אַ בליק. דערנאָך, אָפּקערנדיק זיך צו שאָפּמאַנען, האָט זי זיך אָנגעהויבן פונאַנדערפרעגן מכוח זיינע אײַנדרוקן פון דער פּראָווינץ.

שאָפּמאַן האָט אָנגעהויבן דערציילן, אַז זײַן אינטערעסאַנטסטע באַקאַנטשאַפט האָט ער געשלאָסן מיט איינער אַ מיידל פון לינקאָשייר, מיטן נאָמען טאַמאַרע שניידער. ער האָט זי אַ סך געלויבט.

— אַ לערערין? — האָט לאה צייטקין באַמערקט — לערערינס זײַנען מערסטנס ניט אינטערעסאַנט.

— אָבער זי איז אַן אויסנאַם. ווען איר זעט זי, וואָלט איר זיך איבערצײַגט, אַז זי האָט אַפילו שיינקײַט אין איר פּראָפעסיע אַרײַנגעבראַכט. איר שול איז אַ קונסטהיים.

— איר איבערטרײַבט, שאָפּמאַן! זײַנט איר פאַרליבט?

אין אַ צווייטן ווינקל האָט זיך אַן עולם אַרומגעקליבן אַרום ווילענסקין און שאַליטן. שאַליט האָט געענטפערט ווילענסקין:

— סענטימענטן, — האָט ער געזאָגט, — וואָס פאַר אַ מעטאַפיזישע אויסטײַטשונג איר זאָלט ניט געבן צו זייער אָרט אין דער מענטשלעכער דערקענטעניש, — זיינען זיי געגליכן צו שיפרות אָדער היסטעריע, ווען זייער לאָגישער פּועל־יוצא איז דער אתה־בחרתנו־געדאַנק. „ארץ־ישראל אַלס אַ קולטור־צענטער"; „ארץ־ישראל אַלס די אַלטע יבנה פון דעם יידישן פאָלק"; „כי מציון תצא תורה"...—ווי פאַרפירעריש די דאָזיקע לאָזונגען זײַנען! און מיט די דאָזיקע לאָזונגען ווילט איר זיך נאָך שטיצן אויף געשיכטלעכע פאַקטן... ווי באַגרענעצט אײַער גאָט איז, וויבאַלד ער שטיצט זיך בלויז אויף איין קליינעם פונקט פון דער ערד... דער אמת אָבער איז, אַז די יידן, אין די קורצע צײַטן פון זייער זעלבסטשטענדיקײַט, האָבן קיין קולטור־ווערטן ניט געשאַפן. די יידישע קולטור־אוצרות זײַנען געשאַפן געוואָרן ענטוועדער אין גלות,

אָדער אויף דער גרענעץ פונם גלות. ניט פרײַהײַט גופא, נײַערט די וויזיע פון פרײַהײַט איז דאָס, וואָס עס שאַפט נבואה. ניט שיינקײַט, נײַערט די אילוזיע פון שיינקײַט איז דאָס, וואָס עס שאַפט קונסט. משה איז אין גלות געבוירן געוואָרן און צאַליין האָט ער ארץ־ישראל, דאָס פאַרשפּראָכן לאַנד, קיינמאָל ניט דערגרייכט. די שעפער פון דער משה־לעגענדע האָבן דאָס געוויסט קלאָר, וואָרום זיי האָבן משהן אין כנען ניט צוגעלאָזט... אויך די נבואה בײַ יידן איז געבוירן געוואָרן ענטוועדער אין גלות, אָדער אויף דער שוועל פונם גלות. אַפילו דער תלמוד און די אגדה איז אין גלות געשאַפן געוואָרן. גרויסע שאַפונגען זײַנען ענטוועדער דער אורשפּרונג אָדער דער נאָכשפּרונג פון ליידן. באַפרוכפּערונג קאָן טאַקע קומען אין גרויס פאַרגעניגן, אָבער געבורטן מוזן דורך ווייטיק באַגלייט ווערן. אמת, צו גרויסע שאַפונגען פאָדערט זיך נשמה־גלייכגעוויכט. פאַר גרויסע שאַפונגען פאָדערט זיך אָבער נאָכמער דער דראַנג צו דערקענטעניש און אינספּיראַציע. דערפאַר פאַרמאָגט דער שלום קיין סטימול ניט. אַ גרויסער שעפער מוז קודם פאַרמאָגן אַ פרײַען גײַסט, אָבער זײַן גײַסט מוז זײַן אין קאָנפליקט מיט דער סביבה, כדי ער זאָל קאָנען אויסצייכענען זיך. וואָס גרעסער עס איז דער קאָנפליקט, אַלץ גרעסער איז דער דראַנג צו שאַפן. אָט די באַהויפּטונגען זײַנען ניט קיין סתירה צו רעוואָלוציאָניזם און פרײַהײַט־קאַמפּן. מיר זײַנען עס דערפאַר, ווײַל די קאָנפליקטן פון דער איצטיקער געזעלשאַפט דערגייען ביז אַבסורד. מיר זײַנען עס דערפאַר, ווײַל מיר מוזן אייביק שעפעריש זײַן. מיט אונדזער רעוואָלוציאָנערישקײַט אַליין זײַנען מיר די טרעגער פון קאָנפליקטן אַפילו אין די רייען פון אונדזערע אָנהענגער און נאָכפאָלגער. ווײַל דערמיט אַליין, וואָס מיר רופן צום איבערבוי, רופן מיר אויך חרוב צו מאַכן דאָס אַלטע. די וועלט פאַרמאָגט גלײַכגעוויכט בלויז אין דעם באַגריף פון אייביקייט פון קיום. אָבער איר אייביקע באַנײַונג איז באַגרינדעט אויף די כסדרדיקע קרבנות, וואָס זי ברענגט צום אויפהערן, צום טויט, און אויף איר ווידערשטאַנד צו אים. איר רופט צו ארץ־ישראל לטובת דער גאולה פון דעם יידישן גײַסט. אָבער באַגרײַפט, אַז אין דער אמתן וועט עס זײַן אַן אָפּרו צו דעם דאָזיקן גײַסט, אַ שבת פאַר אים. אייער רוף איז צו דעם, אַז די יידן זאָלן זיך אויסגלײַכן מיט די אומות־העולם און ניט אויסצייכענען זיך פון זיי. וואָס וועט זײַן די יידישע ארץ־ישראל? — אימפּעריאַליזם בזעיר אַנפּין. דער קאָנפליקט מיט די שכנים וועט שאַפן היסטערישע פאָלקס־גײַציקײַט, שאָוויניסטיש־פּאַטריאָטישן פלאַם־פייער. אין דעם דאָזיקן גייסט וועלן זײַן אויך די פאָלק־יצירות, אָט אַזוי ווי בײַ די אומות־העולם איצט. פּאַלעסטינע וועט תמיד פאַרבלייבן דער אינדזל, אויף וועמען די כוואַליעס פונם ים גיסן תמיד זייער צאָרן. און זאָל ארץ־ישראל, אַזוי ווי איר ווילט, העברעיִזירט ווערן, וועט זי נאָכמער אינדזלדיק ווערן, מחמת זי

וועט דורך פרעמדשפּראַכיקייט און דורך דעם גייסט פון אַריסטאָקראַטיזם, וואָס איז דער תּוכן פון דער העברעיִסטישער באַוועגונג, מיט דער צייט אָפּגעריסן ווערן פון די יידן אַזוי ווי די קאַראַימער...

ווילענסקי האָט שאַליטס רייד געהאַלטן אין כּסדרדיקן איבעררייסן און איז נערוועיִש אַרומגעלאָפן איבערן צימער. לאה האָט אים באַרויִקט, אַריינשטופּנדיק אים אין האַנט אַ גלאָז ווײַן. זי האָט מיט אים קיינמאָל נאָך קיין „לחיים" ניט געמאַכט — האָט זי געזאָגט — וויל זי דאָס איצט טאָן.

די צווייטע גלאָז ווײַן האָט גוסטאָן, וועלכער איז שוין געווען בגילופין, געבעטן זיך ביי איר, אַז זי זאָל מיט אים טרינקען. ער וועט דערפאַר אויס־קלעפּן איר ביוסט און עס איר אַוועקשענקען.

די ווירקונג פונם ווײַן האָט זיך באַלד אָנגעהויבן צו פילן אויף אַלע פאַרזאַמלטע. ווילענסקי האָט אָנגעהויבן אויסלאָזן זיין צאָרן אויף דעם נײַעם בוך פערזן, וואָס דער יונגער דיכטער פינסקי האָט ניט לאַנג פאַרעפנטלעכט אונטערן נאָמען „דאָס בוך פון ליבע".

— דאָס זיינען שיכּרות־לידער — האָט ער געשריען — אין זייער ערגסטער און וווּלגאַרסטער פאָרם. וואָס איז ליבע? ליבע איז דער באַרוף פון דער נשמה אין איר דבקות צום אין־סוף. ליבע איז דער מצב פון דער נשמה, ווען זי איז זיך מתדבק מיט שכינה. ליבע איז דער מענטשלעכער איבערבאַוווּסטזײַן. ניט תּשמיש המטה, נײַערט איבערבאַוווּסטזײַן, — איר פאַר־שטייט?... די נשמה ווייסט פון קיין מהלך ניט. זי ציט זיך איבערן מהלך צו דער צווייטער נשמה, ווען איר איז באַשערט צו באַרוכפערן. זי ציט זיך איבער בערג, איבער ימים אַפילו...

לאה האָט איבערגעריסן זיין געשריי, אַרײַנרוקנדיק אים אין האַנט אַ גלאָז ווײַן. מיט כּעס האָט ער דאָס גלאָז אַ וואָרף געטאָן אויף דער ערד, ווו עס האָט מיט אַ רעש זיך צעשאָטן אויף ברעקלעך. איז ער געבליבן שטיין אין אַ פאַרלעגנהייט, אַ פאַרשולדיקטער, אומגעלומפּערט צעשפּרייטנדיק זײַנע הענט. דער עולם האָט אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער.

פון דער צווייטער זײַט צימער האָט זיך דערהערט אַ קוויטשען פון אַ מיידלשן קול. דאָס האָט מאַרגאָלין אַרומגענומען עטל קאָרנפעלד און זי געקושט. זי האָט זיך געווערט און געשריען.

קלאַרע איז צוגעקומען צו שאַליטן.

— עס ווערט דאָ אומהיימלעך. זיי זײַנען אַלע שיכּור. וואָס דענקט איר מכּוח אַ שפּאַצירל אין הייד־פּאַרק. קומט, איך האָב געלט.

— ווי קומט צו אײַך געלט?

— ווילענסקי האָט בײַ מיר היינט אָפּגעקויפט אַ בילד. אַ ייד אין אַ טלית און תּפילין. צען פונט!

— ווילענסקי? ווי קומט עס?

— וואונדערט זיך ניט. ניט פאַר זיך: פאַר עמיצן אַנדערש. ער האָט מן־הסתם פאַרדינט עטלעכע פונט... גייען מיר אין הייד־פּאַרק?

— איך וואָלט געגאַנגען מיט פאַרגעניגן, ווען איך וואָלט פריער ניט פאַרשפּראָכן לאַה צייטקין צו קומען צו איר אַהיים. זי האָט אָנגעשריבן אַ נייע קאָמפּאָזיציע.

— איז זי ניט שיכור?

— דוכט זיך, אַז ניט. איך האָב באַמערקט, אַז זי האָט ווילענסקין גענאַרט און אויסגעזאָפּן דעם ווײַן פון איר גלאָז אויף דער ערד.

— אינטערעסאַנט... איר מוזט האָבן אַ שטאַרקע השפּעה אויף איר... עס ווילט זיך מיר דאָך שיפן היינט. גוסטאָן, דוכט מיר, איז ניכטערער פון אַלעמען. איך וועל פּרוּוון מײַן מזל מיט אים.

2.

דער רויטער אַבאַזשור פון דעם איינציקן לאָמפּ, וואָס לאַה צייטקין האָט אָנגעצונדן אין איר צימער, האָט ווייניק ליכט דורכגעלאָזט. ער האָט נאָר אַ רויטן אָפּגלאַנץ צעוואָרפן איבערן צימער, איבערגעלאָזט די שאָטנס געדיכט און געשאַפן אַן אויפרעגנדיקע שטימונג.

אַ מיניאַטיור סטאַטועטקע פון דיאַנע, אין איר ווילדן געיעג נאָך אַ חיה אויף דער יאַגד, האָט אונטערגעהאַלטן אַ וואַזע אין דער פאָרם פון אַ האָרן, אין וועלכער עס זײַנען געווען אָנגעשטעקט ראָזעס און ליליעס פון ווילדער רויטקייט, וואָס זיינען נאָך טונקעלער געוואָרן אונטערן רויטן אַבאַזשור פונם לאָמפּ. דערבײַ איז געשטאַנען אַ וויגשטול און אַ ווינקלטישל פאַרלייגט מיט נאָטן און מיט ביכער.

„אָטאָדאָ“ — האָט שאַליט געטראַכט — „אונטער אָט דעם אויפרעגנדיקן ליכט ברוזין לאַהס שטימונגען און איר אינספּיראַציע. אָטאָדאָ שאַפט זי אירע מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציעס. אָטאָדאָ רוט זי אויף איר אייגנאַרטיקן שטייגער לייענענדיק אירע באַליבטע מעשיות פון טויזנט און איין נאַכט אָדער עפּעס אַנדערש פון דעם זעלביקן שניט. אויף וויפיל איך קאָן זי, שטעלט זיך מיר פאָר, אַז ס'קאָן זײַן אמת, וואָס מע דערציילט וועגן איר, אַז אַמאָל פאַלט זי אַרײַן אין אַן אַפּאַטישער שטימונג, פאַרשליסט זיך בײַ זיך אין צימער, ציט זיך אויס אויף דער זאָפע, גיסט אין זיך ווײַן אַ גלאָז נאָך אַ גלאָז און

שיכּורערהייט שאַפֿט זי אירע קאָמפּאָזיציעס. זי שרײַבט און טרינקט, ביז וואַנען זי שלאָפֿט אײַן איבער אירע נאָטן. קאָמפּאָזיציעס, וואָס זי פֿאַרענדיקט ניט מיט איין מאָל, בלײַבן שוין אַזוי אומפֿאַרענדיקט".

בײַ דער צווייטער וואַנט איז געשטאַנען אַ פּיאַנע און האַרט לעבן איר בײַ ביידע זײַטן פֿון קאַמין זײַנען אויף צוויי קליינע טישלעך געשטאַנען די סטאַטועטקעס פֿון „פֿרילינג" און „בענקשאַפֿט". צווישן זיי, אויפֿן קאַמין גופֿא — די סטאַטוע פֿון אַ גלאַדיאַטאָר אין שלאַכט.

דאָס צימער איז געווען רײַך פֿאַרפּוצט, אָבער אָן אָרדנונג, אָן האַרמאָניע. טאָפּלטע פֿאָרהענגלעך אויף די פֿענצטער: רויזעווע און רויטע. מע האָט זיי געקאָנט אַזוי אײַנאָרדנען, אַז זיי זאָלן ענטוועדער איינציקווײַז, אָדער ביידע צוזאַמען פֿאַרשטעלן דעם פֿענצטער און אַזוי אַרום אַרײַנברענגען די געווונטשענע באַלײַכטונג אין צימער.

„אין דער דיסהאַרמאָניע פֿונם צימער, אין די שאַרפֿע קאָנטראַסטן פֿון רוישיקע און מילדע פֿאַרבן" – האָט זיך שאַליט ווידער געטראַכט, – „דריקט זיך אויס דער דואַליזם פֿון לאהס כאַראַקטער. אָט איז זי סאַמע שטורם און באַלד איז זי דער אידעאַל פֿון מילדקייט. ניטאָ קיין זעלבסטקאָנטראָל, ניטאָ קיין איבערגאַנגען, ניטאָ קיין בין־השמשות".

ווי זי וואָלט זיך אַנטפּלעקט פֿאַר אים אין אַ נײַ ליכט, ווי ער וואָלט זי ערשט אָנגעהויבן דערקענען, האָט שאַליט אָנגעהויבן באַטראַכטן לאהן. ווי שיין זי איז אונטער דעם רויטלעכן אָפּגלאַנץ פֿונם לאָמפּ! ווי שאַרף, כמעט ווילד, עס קוקן אירע טונקל ברוינע, גרויסע אויגן פֿון אונטער די שוואַרצע ברעמען, פֿון אונטער דעם הויכן, גלײַכן שטערן און אונטער די געדיכטע שוואַרצע האָר, וואָס האָבן זיך צעשאָטן ווי כוואַליעס און אין לאָקנס איבער איר האַלדז, באַקן און שטערן! אַ רוימישע נאָז, דיקע, סענסועלע ליפּן, אָבער אַ שוואַכע גאָמבע. אירע ברייטע פּלייצעס און אַנטוויקלטע ברוסט האָבן געשאַפֿן דעם אײַנדרוק פֿון שטאַרקייט, און איר איידעלע טאַליע — פֿון גראַציע. דאָס אַלץ האָט אָבער ניט האַרמאָנירט מיט אירע שאַרפֿע און אומגעדולדיקע באַוועגונגען און איר נערוועזן פֿינטלען מיט איר רעכטן אויג.

„זי האָט קיין בין־השמשות ניט" – האָט שאַליט געטראַכט – „אַזוי ווי אַ טראָפּיש לאַנד איז זי. דאָרט זײַנען אויך קיין דעמערונגען ניטאָ — טאָג און נאַכט בײַטן זיך מאָמענטאַל. און שיינקייט איז אַמבולטסטן דווקא אין דעמערונג. דאַן, ווען די אונטערגייענדיקע זון צעשיט מיט אַ גנאָדיקער האַנט דעם גלאַנץ און די עשירות פֿון אירע פֿאַרבן, איז דער העכסטער קונסט־אויסדרוק פֿון דער נאַטור, דאַן האָט זי דערגרייכט איר העכסטע אינספּיראַציע."

שאַליט האָט אָנגעהויבן באַטראַכטן די בילדער אויף דער וואַנט: אַ גוטע רעפּראָדוקציע פֿון באָדענהויערס מאַדאָנע לעבן אַן אולטראַ מאָדערניסטישער,

עראָטישער קאָנצעפּציע פון באַקכוסן. וואָס פאַר אַ שאַרפער, אומאָנגענעמער קאָנטראַסט! און אַזוי איז אויך די האַרמאָניע פון די איבעריקע בילדער: ריינאָלדס „קליינער שמואל“ לעבן רעגנאולטס „אַוטאָמעדאָן טרייבט אַכילס פערד“; ריינאָלדס „אומשולד“ און זיינע „פינף כרובים“ לעבן מאַרטינעזיעס „וואַקכאַנאַליע“...

„האָט זי מיט אויסרעכענונג אַזוי דעם צימער דעקאָרירט, אָדער ס'איז אומשולדיק פון איר אַזוי געשאַפן געוואָרן? — ניין, דאָס האָט זי אומבאַוווסטזיניק נאָכגעגעבן די קאַפּריזן פון איר נאַטור און אַזוי אַרום איז אָט די דיסהאַרמאָניע באַשאַפן געוואָרן. לאה ברעכט שיינקייטן דורך וווּלגאַרישקייט, אָבער זי טוט עס ניט מיט אַ כיוון, נאָר עס קומט ביי איר במילא אַזוי אַרויס. אַפילו די פילאָזאָפיע פון ביטול שאַפט זי אומבאַוווסטזיניק. זי פאַרמאָגט ניט די דערקלערונג, אַז אימפּולסן דאַרפן אין מוזן קאָנטראָלירט ווערן. אין דעם זין איז זי פּרימיטיוו און פאַנטאַסטיש. שיינט די זון — טאַנצט זי, רעגנט — שיכורט זי...

„זי אַנאַליזירט קיין שום זאַך ניט, זי פאַרלאָזט זיך אויף אירע שטימונגען. דערפאַר איז זי קאַפּריזנע; און אַזוי ווי זי איז טעמפּעראַמענטפול, איז זי פאָרכטלעך, ווען איר ווערט אַ זאַך ניט נאָכגעגעבן. זי איז ממש אַ שקלאַף פון די אייגענע געפילן און קאַפּריזן. ער, שאַליט, ווייסט עס. זי האָט אָפט געפילט זיין טאַדל. האַסט זי אים דערפאַר. און ווייל זי האַסט אים, באַגערט זי אים“.

שאַליט האָט פאַררויכערט דעם סיגאַרעט, וואָס זי האָט אים דערלאַנגט און ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער זאָפע. זי האָט אויך געוואָלט פאַררויכערן, אָבער זי האָט באַלד חרטה געהאַט. זי האָט ניט געוווּסט, ווי שאַליט וועט אויפנעמען אַזאַ זאַך ווי דאָס רויכערן פון איר, פון אַ פרוי.

ער האָט געשוויגן.

— אַבי מע האַלט אייך פאַר אַן אינטערעסאַנטן געשפּרעך־אונטערהאַלטער,
— האָט זי געזאָגט — און איצט שווייגט איר...

— איך, אַן אינטערעסאַנטער געשפּרעך־אונטערהאַלטער? — האָט ער געענטפערט — ווען איך וואָלט ניט געוועזן איך און וואָלט געדאַרפט געדולדן מיין געזעלשאַפט, וואָלט איך עס בשום־אופן ניט געזאָגט. איך טאַדל אַלעמאָל זיך אַליין פאַר מיין אומפעיקייט צו זיין אינטערעסאַנט אין אַ געזעלשאַפט און פאַר מיין ניט קאָנען פאַרפירן און אָנהאַלטן אַ דברים־בטלים־שמועס.

— איר זיינט צופיל עגאָיסט צו ריידן דברים־בטלים.

— איר זיינט זייער שנעל געקומען צו אַ שלוס מכוח מיין כאַראַקטער. איך מיין אָבער, אַז צו ריידן דברים־בטלים דאַרף מען אויך קאָנען. ווער עס קאָן עס ניט, איז אַ בעל־מום.

אַפּנים, אַז די אויפרעגנדיקע באַלײַכטונג פונם צימער האָט אויף אים געווירקט. ער האָט דערפילט אַן אומרויִקײַט. נאָך אַ קורצער פויזע האָט ער געזאָגט:

— דער אמת איז, אַז מיר בענקט זיך איצט נאָך מוזיק. איך האָב גע־וואַרט, אַז איר זאָלט שפּילן פאַר מיר. איך האָב ניט פאַרגעסן אײַער צוזאָג, דערפאַר האָב איך ניט גערעדט.

זי האָט זיך געזעצט בײַ דער פּיאַנע. ביידע הענט אויף די קלאַווישן, איז זי געזעסן לאַנג, פאַרטראַכט, אומגעדרייט פון שאַליטן. פאַר די קלאַווישן האָט זי זיך גענומען לאַנגזאַם: אַ קלאַפּ געטאָן עטלעכע אַקאָרדן, אַ קלאַפּ געטאָן מיט אומזיכערקײַט, ווי זי וואָלט נאָך ניט געהאַט באַשטימט, וואָס צו שפּילן, און איז ביסלעכווײַז אַריבער צו אַ מאָטיוו, וואָס האָט דערמאָנט אָן שובערטס „מוזיקאַלישן מאָמענט". געשפּילט האָט זי הערציק, זיס, אַביסל צו סענטימענטאַל. אָפּגעשפּילט אַביסל און אָפּגעשטעלט זיך. געזעסן אומגעדרייט פון שאַליטן. קאָנטיק אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז ער איז דאָ. און דאָך האָט זי געהאַלטן אים, און בלויז אים אין זינען. ער — ער איז ניט וויכטיק. ער איז אַן אַבסטראַקט; ער איז אַ סימבאָל; ער איז אַ פאַרלאַנג, וואָס, וויבאַלד זי קאָן אים ניט דערגרייכן, גלוסט זי אים לײַדנשאַפטלעך. זאָל זי אים דערגרייכן, לײַכט דערגרייכן, וועט זי אים ניט וועלן. און זי האָט נאָכאַמאָל אָנגעהויבן שפּילן דאָס זעלביקע, אָבער מיט מער אינטאָנאַציע, מיט אַ צוגאָב פון אַ ביסל לײַדנשאַפט. עפּעס האָט אָנגעהויבן אויפבראַזן אין איר, עפּעס האָט אָנגעהויבן רעגן זי, און ביסלעכווײַז האָט זי אָנגעהויבן שפּילן מיט אַ שנעלערן טעמפּאָ, שטאַרקער, לײַדנשאַפטלעכער, גאַלאָפּירן. פון דער זאַך איז בלויז די טעמע פאַרבליבן. די מוזיק גופא איז אָבער געוואָרן שוין אַ גאַנץ אַנדער זאַך: שטורעם, לײַדנשאַפט, אַ מין וואַלקירן־טאַנץ... אָפּגעהאַקט אין מיטן, אָפּגע־שטעלט זיך, אײַנגעהאַלטן דעם אָטעם. אָט אַזוי טוט אַ לייב, ווען ער פאַר־מעסט זיך צו איבערפאַלן פּלוצים זײַן רויב... פּלוצים אַ קלאַפּ געטאָן מיט די אַלע אַקאָרדן, ווי אַ בשורה פון עטוואָס שרעקלעכעס.

שאַליט האָט אַ ציטער געטאָן. ווי ער וואָלט זיך געריכט אויף אַן אי־בערפאַל, האָבן זיך זײַנע נערוון אָנגעשטרענגט. דער איבערפאַל איז אָבער ניט געקומען. אָנשטאָט דעם איז געקומען אַ לאַנגע פויזע, וועלכע איז פאַרענדיקט געוואָרן מיט טשאַיקאָווסקיס „מעלאַנכאָליע", און וואָס איז באַלד פּלוצים אי־בערגעריסן געוואָרן מיט אַן אומגעדולדיקער באַוועגונג פון די פּלייצעס און איז אָן אַן הקדמה און אָן אַ פויזע אַריבער אין דעמזעלביקנס „האָפּאַק".

ווי זי וואָלט זיך מיט אים גערייצט, ווי זי וואָלט אים און זײַנע נערוון געשטעלט אויף אַ פּראָבע, ווי זי וואָלט אים געוואָלט אַרויספירן פון זײַן אײ־ביקן גלײַכגעוויכט, וואָס האָט זי תמיד גערעגט. איר אייגענע אויפרעגונג האָט

זי אָבער ניט געוואָלט און ניט פּרובירט איינהאַלטן. זי האָט אָפּגעלאָזט די קלאַווישן און פון דער זייט געוואָרפן אַ בליק אויף אים. ער איז געזעסן רויִק, אָנגעשפּאַרט אויפן ווענטל פון דער זאָפע און פאַרלייגט אַ פוס אויף אַ פוס. זי האָט פאַררויכערט אַ סיגאַרעט.

— דאָס האָב איך פאַר אייך געשפּילט... — האָט זי געזאָגט.

ער האָט ניט געענטפערט. געטראַכט ביי זיך, צי וואָלט ניט פּאַסיק געווען אויפצוהייבן זיך איצט און געזעגענען זיך.

— געפעלט אייך?

— איז דאָס אייער נייסטע קאָמפּאָזיציע?

— דאָס האָב איך היינט אַזוי געשפּילט... געפעלט אייך?

— האָט איר עס פאַר מיר געשפּילט?

— געוויס.

— אומזיסט. די גאַליאָרקע אין טעאַטער וואָלט עס בעסער פון מיר נעקאָנט אָפּשאַצן...

זיין אומצופרידנקייט האָט איר הנאה געטאָן. זי האָט געלאָין רויך־רינגען פון מויל און אַכטונג געגעבן, ווי זיי שלענגלען זיך אינדערהויך. ער האָט ניט אַראָפּגעלאָזט פון איר זיין בליק. איר איז אומבאַקוועם געוואָרן.

ער האָט אַרויסגענומען דעם זייגער, אַ קוק געטאָן אויף אים און געזאָגט:

— אַ דאַנק פאַרן שפּילן! און נעמט מיינע ווונטשן פאַר אַ גוטע נאַכט!

זי האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג.

— גייט נאָך ניט אַוועק, איך בעט אייך! פאַרברענגט דאָ נאָך אַ ביסל.

ער האָט איר נאָכגעגעבן.

זי האָט זיך געזעצט לעבן אים אויף דער זאָפע.

ווי זי וואָלט זיך געוואָלט פאַרענטפערן פאַר אים, האָט זי אָנגעהויבן רעדן מכוח איר שפּילן. זי קאָן זיך ניט האַלטן אין גרענעצן. זי פאַרלירט זיך אין אייגענע שטימונגען. אַמאָל, שפּילנדיק אין אַ קינעמאַטאָגראַף, איז זי אַריין אין אַן אייגענער שטימונג און איז אַראָפּ פון דער טעמע. מע האָט זי דאַן דערפאַר אָפּגעזאָגט פון דער שטעלע. דער דאָזיקער פאַל האָט איר אָבער געבראַכט אַ גרויס נוצן: אַ מוזיק־דירעקטאָר, וועלכער איז צופעליק דאַן אין טעאַטער געווען, האָט זי דאַן באַמערקט און ער האָט זי אַנגאַזשירט אַרויסצוטרעטן אין זיין טעאַטער. דאָס האָט אויפגעבויט איר קאַריערע.

זי האָט אָנגעהויבן דערציילן מכוח אירע דערפאַרונגען פונם טעאַטער־לעבן. די קאַריערע פון דעם אַרטיסט איז תמיד, און איבערהויפּט פון אָנפאַנג, אָפּהענגיק פון די קאַפּריזן און שטימונגען פון דעם טעאַטער־עולם, אַסך אמת־דיק באַדייטנדיקע טאַלאַנטן בלייען אָפּ אין איין טאָג. דער עולם וואַרפט אויף

זיי אַן אומחן. ניט אָנערקענט, אויסהויכנדיק זייערע פעיִקייטן אין קאַבאַרעטן, אָדער אין ביליקע קאַפעליעס, ווערן דידאָזיקע אַרטיסטן דעגענערירט און צעבראָכן און זיי פילן אָן מיט זייערע שטימונגען זייער אַרומיקן לעבן.

— דאָס לעבן איז מאָדנע. — האָט לאה געזאָגט — וואָס איז זייַן פּאָזי־טיווער זין? אפשר איז לעבן בכלל ניט ממשותדיק. איך הייב אָן ווערן אַן אָנהענגערין פון אַ רעלאַטיוויסטישער טעאָריע מכּוח לעבן. אַלץ איז אַן אילוזיע, און אַמאָל דוכט זיך מיר, אַז אַפילו קיין אילוזיע איז דאָס לעבן אויך ניט. ס׳איז בלויז די שייַכות פון דעם אייגענעם איך צו דער אילוזיע: וואָס טיפער דער מענטש איז, אַלץ מער פאַרנעמט ער אילוזיעס. און וואָס טיפער עס איז די אילוזיע, אַלץ מער דערווייַטערן מיר זיך פון דער ממשותדיקייַט.

זי האָט געטראַכט אַביסל און דאַן פאָרטגעזעצט:

— און ליבע? איז זי ממשותדיק? וואָס איז אייַער מיינונג, שאַליט?

— ליבע איז דער רוף פונם לעבן פאַר באַפרוכפערונג. דאָס הייסט, אַז ליבע איז דער פועל־יוצא פונם לעבן. און אויב לעבן איז ניט ממשותדיק, איז דאָך ליבע אַוודאי און אַוודאי ניט.

— ווי אַזוי דען קאָן מען דערגרייכן לעבנספולקייַט?

— לויט אייַער דעפיניציע איז לעבן אַ רעלאַטיווע זאַך. נאַטירלעך איז זייַן פולקייַט דאַן אָפהענגיק פון דער אינטעלעקטועלער עשירות פון דעם באַטרעפנדיקן מענטשן.

— אָבער אייַער פערזענלעכע מיינונג? אין וואָס פאַר אַ שייַכות צום לעבן שטעלט איר ליבע?

שאַליט האָט אַ שמייכל געטאָן.

— איך האָב מורא, האָט ער געזאָגט — אַז איך בין צו אידעאַליסטיש אין דערדאָזיקער פראַגע. איך בין נאָך ניט אַוועק פון דעם ראָמאַנטישן גלויבן, אַז ליבע איז דער קונסט־אויסדרוק פון דער נשמה. ס׳איז אפשר אַ דירעקטער ווידערשפּרוך צו דער לאָגיק פון רעלאַטיוויזם, אָבער אַזוי איז מייַן גלויבן.

— און איך, — האָט זי געזאָגט — ווען מיר דוכט זיך, אַז איך בין פאַרליבט, פרעג איך זיך באַלד, צי האַס איך ניט... און איר, שאַליט? ווען אַ פרוי זאָגט אייַך, אַז זי ליבט אייַך, זייַנט איר זיכער, אַז זי האַסט אייַך ניט?

— איך בין ניט זיכער און איך ווייס עס ניט. מענטשן, און איבער־הויפּט פרויען, קאָנען האַס אַזוי קונציק באַהאַלטן אַפילו פון דעם אייגענעם באַוווסטזייַן, אַפשיטא שוין פון פרעמדע, אַז דער אמת ווערט פאַרהוילן.

— ס׳איז אמת. מיר ווייסן אַליין ניט אונדזערע געפילן, — האָט זי צוגעגעבן, — דאָך, ווי אַזוי זאָלן מיר עס אויסגעפינען?

— אויסגעפינען? די, וואָס האַסן, אַנטלויפן פונם אמת. זיי ווילן אים ניט אויסגעפינען. האַס איז אַ ביטער געפיל. עס פאַרגיפטעט זיין טרעגער זעלבסט. און די טרעגער פון האַס האָבן שאַרפערע עמאָציעס און ליידנשאַפטן פון נאָרמאַלע מענטשן. בויען זיי די לעבנסטעאָריע פון בוקן זיך פאַר צערייצטע געפילן. זיי ווילן זיך ניט מודה זיין, אַז דאָס זיינען זיי די, וואָס קאָנען ניט ליבן. לייקענען זיי ליבע בכלל און זיי ברענגען אָנשטאָט דעם דעם קולט פון זנות און שיכרות. ליבע איז אָבער פיל באַזונגען. בענקען דערפאַר פילע ליב צו האָבן. אָבער, ווי איך האָב פריער געזאָגט, איז ליבע דער קונסט-אויסדרוק פון דער נשמה. איז די קאָנטשאַפט ליב צו האָבן געגעבן געוואָרן צו יחידים. אָבער פונקט אַזוי ווי אין לעבן זיינען דאָ גראַפאָמאַנען, פאַרמאָגט אויך דאָס לעבן אַמוראָמאַנען. אוי, ניט יעדער פידלער איז אַ בעטהאָווען, און ניט יעדער זכר אָדער נקבה — אַ ראָמעאָ אָדער אַ דזשוליעט...

זיי האָבן נאָך לאַנג געשמועסט אויף דער זעלביקער טעמע. זיי זיינען דערנאָך אַריבער אויף דעם ענין, ווי אַזוי ליבע, אין אַלע אירע אויסדרוקן, ווערט פאָרגעשטעלט אין דער ליטעראַטור. דאָס טיפסטע נייסטע בוך פון ליבע, נאָך שאַליטס מיינונג, איז „די רויטע ליליע” פון אַנאַטאָל פראַנס. אָבער דאָס דאָזיקע בוך פאַרמאָגט אַ גרויסן חסרון דורכדעם, וואָס עס פילט זיך אין אים, אַז עס איז געשריבן געוואָרן פון אַן עלטערן מענטשן. בלויז אַן עלטערער מענטש, וועלכער האָט פאַר זיינע אויגן די לאַנגע קייט פון אַנטוישונגען אין לעבן, אַ מענטש, וואָס זיינע אייגענע אַמביציעס און ליידנשאַפטן זיינען שוין אויסגעלאָשן, — קאָן זיין אַזאַ אַכזר און איבערגעבן די אידעאַלסטע פרוי, וואָס מיר קאָנען זיך פאָרשטעלן, אין די הענט פון אַזאַ זעלבסטזיכטיקן, באַגרענעצטן און קורצזיכטיקן פעדאַנט, ווי איר געליבטער איז געווען. שעקספּיר איז אַ סך גנאָדיקער געווען צו זיינע ראָמעאָ און דזשוליעט. די לעצטע פאַרדינען זיך איינס דאָס צווייטע. זשאַק איז אָבער ניט ווערט פון טערעזען געליבט צו ווערן. ווען ער, שאַליט, וואָלט געמאָלט אַ בילד פון אידעאַלער ליבע, וואָלט ער גענומען פאַר זיינע העלדן אַ פּאָרל, וואָס איז געבענטשט פון דער נאַטור מיט דעם טאַלאַנט פון ליבע. ערשט דאַן וואָלט ער זייער ליבע געשטעלט אויף אַ פּראָבע.

— ווי וואָלט איר, שאַליט, געמאָלט טערעזען?

— איך וואָלט זי ניט געאַנדערשט פון אַנאַטאָל פראַנס' קאָנצעפּציע מכוח איר. אַזוי ווי טערעזע איז, דאַרף טאַקע די פרוי ליבע-קינסטלערין זיין. זי דאַרף זיין באַשאַפן צוליב ליבע, לעבן אין איר, געפינען איר אויסדרוק אין איר און בלויז אין איר.

— נו, און דער מאַן?

– דער מאַן איז אַנדערש. פונקט ווי דער מאַן אונטערשיידט זיך פון דער פרוי פיזיש, אַזוי אונטערשיידן זיי זיך אויך ספּיריטועל. די פרוי שאַפט אין זיך און דער מאַן אין דרויסן. ביי דער פרוי פּרעדאָמינירט דאָס געפיל, און ביי דעם מאַן – דער געדאַנק. די פרוי איז מער אינטואיטיוו, און דער מאַן איז מער אַנאַליטיש. זי וואָלט באַדאַרפט זיין די שאַפערין פון שיינקייטן, און ער – פון אידעען. אָן איר קאָן דער מאַן ניט דערגרייכן קיין פולקייטן. זי דאַרף אים דערגאַנצן. זי דאַרף זיין דער אימפּולס פאַר זיין דערהויבונג.

איר האַנט האָט אַרומגעוואַנדערט איבערן פלאַך פון דער זאָפע. איר האַנט האָט זיין האַנט געזוכט. זיין האַנט איז אָבער רויק געבליבן ליגן אויף איין אָרט.

– און איר, שאַליט? קאָנט איר ליבן אַזוי ווי איר פּריידיקט? – האָט זי נאָך אַ פּויזע געפרעגט.

– איך ווייס ניט.

– האָט איר אַמאָל געליבט?

– ווייס איך ווידער ניט.

– איר ווייסט ניט?...

– קאָן אַ קינסטלער שאַפן זיין אייגן ווערק? ווי קאָן אַ מענטש שאַפן זיינע אייגענע געפילן?

– דענקט איר, אַז איך קאָן ליבן?

– איך קאָן איך ניט געננג.

– איך וועל זיך ניט באַליידיקן. זאָגט מיר אייער מיינונג.

– איך האָב קיין מיינונג ניט. מענטשן זיינען אַזוי פול מיט ווידערשפּרוכן. וואָס פאַר אַ רעכט האָב איך צו פּסקענען, אַז דאָס נעגאַטיווע אין געוויסע מענטשן איז זייער הערשנדיקער כוח און דאָס פּאָזיטיווע אין זיי איז עס ניט. אָדער פאַרקערט דיזעלביקע זאַך.

זי האָט אַביסל געטראַכט.

– איך פאַרשטיי איך, – האָט זי דערנאָך געזאָגט – דאָך וואָלט איך געוואָלט, אַז איר זאָלט ריידן דירעקט וועגן מיר און ניט בדרך-אגב.

– פון דעם בדרך-אגב איז קיינער ניט אויסגעשלאָסן, – האָט ער געענטפערט. – ווען איר וועט דערפילן, אַז איר האָט זיך אויפגעהויבן צו אַן אידעאַלער הויך פון פּרויענטלעכקייט, וועט איר וויסן, אַז איר קאָנט ליבן.

– ערשט אויפהייבן זיך?...

און טראַכטנדיק אַביסל האָט זי צוגעגעבן:

– יאָ, איך בין נאָך אַ קינד... אַ קאַפּריזנע קינד...

און צורוקנדיק זיך נעענטער צו אים, אָנרירנדיק זיין האַנט, האָט זי זיך מודה געווען:

– אוי, ווי איך לעכץ נאָך ליבע, שאַליט!...

זי איז געווען זייער באַחנט אין איר אויסדרוק. אַזוי באַחנט, אַז ער האָט געמאַכט אַ באַוועגונג אַרומצונעמען זי. און זי, באַמערקנדיק עס, איז גע־ווען גרייט אַרײַנצופאַלן אין זײַנע אָרעמס. ער האָט זיך אָבער צוריקגעצויגן און האָט זיך שנעל אויפגעהויבן פון זײַן אָרט. זי איז געבליבן זיצן אַנטוישט און באַליידיקט.

— ס'איז דאָ ענג די לופט, — האָט ער זיך ווי פאַרענטפערט — אפשר זאָלן מיר גיין שפּאַצירן.

זי איז אויך אויפגעשטאַנען פון דער זאָפע.

— איר ווילט שוין אַוועקגיין?

— ס'איז היינט אַ זעלטן־שיינע נאַכט. עס וואָלט געווען אָנגענעם צו שפּאַצירן אינדרויסן.

— ניין, איך וויל ניט שפּאַצירן, — האָט זי זיך ווי געבעטן — לאָמיר בעסער דאָ זיצן, שאַליט!

ער האָט זיך צוריק געזעצט.

ביידע האָבן געשוויגן. די פויזע איז געווען אומאָנגענעם. ער האָט גע־נומען אַ בוך און עס געבלעטערט. זי האָט פאַרלייגט די הענט הינטערן נאַקן און איז געזעסן אָנגעשפּאַרט אָן וואַנטל פון דער זאָפע. די פויזע האָט זי איבערגעריסן:

— שאַליט, ריידן רעדט איר שיין, אָבער ליבן קאָנט איר ניט... צו וואָס און צוליב וועמען פּרעזערווירט איר זיך?... פאַרוואָס זײַנט איר אַזוי צוריקגעהאַלטן?...

איר קול האָט געציטערט. שאַליט האָט ניט געענטפערט. זי איז פּלוצים אויפגערעגט געוואָרן און זי האָט געזאָגט:

— איר זײַנט האַס... פול און פול מיט האַס... קיין ברעקל ליבע... איר קאָקעטירט מיט פּראַזן... איר שטעלט זיך אַרויף אויף אַ הויכן פּיעדע־סטאַל, כדי מע זאָל דאַרפן צו אײַך אַרויפקוקן... איר...

זי האָט ניט געענדיקט. זי האָט אין מיטן אויסברוך פון איר צאָרן חרטה געהאַט. איז זי געבליבן זיצן אַ פאַרשולדיקטע און אין אַ פאַרלעגנהייט.

ער איז אויפגעשטאַנען און האָט אַ דריק געטאָן דעם עלעקטרישן קנעפל. ס'איז געוואָרן ליכטיק. דאָס ליכט, פאַלנדיק פּלוצים און גלײַך איר אין די אויגן אַרײַן, האָט זי געצוואונגען צו פאַרמאַכן זיי. זי האָט באַהאַלטן איר פּנים אין אירע הענט.

— אַ גוטע נאַכט!

אָבער זי האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג.

— אָ, שאַליט, גייט נאָך ניט אַוועק!..

— לאה, איר זײַנט אויפגערעגט. איר דאַרפט איצט זײַן אַליין און באַ־רויִקן זיך.

אָבער זי האָט אים אָנגענומען פאַר אַ האַנט און צוריקגעפירט צו דער זאָפע. אַליין האָט זי זיך געזעצט אויף אַ שטול אַנטקעגן.

— איך רעג זיך אויף זייער שנעל, — האָט זי זיך פאַרענטפערט — אַזוי שנעל אָבער קום איך אויך צו זיך און איך האָב חרטה.

זי האָט נאָך עפעס געוואָלט זאָגן און האָט זיך צוריקגעהאַלטן. ער האָט געוואַרט. זי האָט אָבער געשוויגן און אַרויפגעקוקט אויף אים.

— לאה, — האָט ער געזאָגט — פאַרוואָס זײַנט איר אַזוי פאַרביטערט?

זי האָט אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ:

— פאַרביטערט רופט איר עס אָן? ניין, ניט דאָס! איך בין אומגעדולדיק. אפשר אויך זעלבסטזיכטיק. איך האָב זיך אײַנגעגעבן אין מײַן מוטער. זי איז זייער אַן אַמביציעזע פרוי. עס פעלט מיר אָבער איר געדולדיקייט. איר קאָנט ניט מײַן מוטער. זעט: מיר זײַנען ניט אָרעם. דאָס הויז איז אונדזער אייגנס. מײַן פאָטער געדענק איך ניט. מײַן מוטער איז קוים צוואַנציק יאָר אַלט געווען, ווען ער איז געשטאָרבן. איך בין נאָך דאַן קיין יאָר ניט אַלט געווען. די איינציקע ירושה, וואָס דער פאָטער האָט אונדז איבערגעלאָזט, זײַנען געווען חובות. מײַן מוטער האָט מער ניט חתונה געהאַט. מײַן מוטער האָט אַליין אויסגעטראָטן פאַר זיך און פאַר מיר אַ וועג אין לעבן. איר וועט קיינמאָל ניט טרעפן מײַן מוטער רוענדיק. זי איז זייער אַמביציעז, געדולדיק און אויסדויערנדיק. אַזוי ווי מײַן מוטער, בין איך ניט, אָבער אַמביציעז – יאָ. מײַנע אַמביציעס קאָנען אַמאָל זײַן ניט מער ווי קאַפּריזן, דאָך גיב איך זיי ניט אויף. איך שטעל זיך אויך קיינמאָל ניט צופרידן מיטן דערגרייכטן. עפעס יאָגט מיך תמיד פאָרויס. איך בין תמיד אומצופרידן. און אַז איך קאָן ניט דערגרייכן, וואָס איך וויל, בין איך אַוודאַי אומצופרידן. ווער איך אויפגערעגט... עס שטימט אפשר ניט מיט דעם, וואָס אַ פרוי דאַרף זײַן... מיט אײַער קאָנצעפּציע וועגן אַן אידעאַלער פרוי... איך בין אָבער אַ פרוי... אַ פרוי... און איך ליב די פּרויענטלעכקײַט אין זיך! איך ליב אויך די רײַכקײַט פון מײַנע אַמביציעס און טרוימען! איך ליב דאָס לעבן! איך וויל, אַז מיט לעבן זאָל זײַן אָנגעפילט יעדעס ברעקל פון מײַן וועזן, יעדער מאָמענט פון מײַן צײַט! איך קאָן ניט געדולדן קיין פּוסטקײַט — יעדער מאָמענט מוז זײַן אויסגעפילט! יעדעס קײַקעלע פון מײַנע בלוטן מוז שטורעמדיק וויברירן! אַזוי בין איך... אויב ניט, בין איך אומצופרידן... איר זאָגט — ליבע... איך האָב אײַך אויסגעהערט, אויפן מאָמענט באַגײַסטערט געוואָרן. איך האָב אָבער פײַנט אײַער ליבע... אָט דאָס, וואָס איר רופט אָן שיכרות פון ליבע, לוסט, אָדער... ווי רופט איר עס אָן? — איך וואָלט עס אויף אײַער ליבע ניט אויסגעביטן. אוי, ווי מאָנאָטאָן עס דאַרף זײַן דאָס מאָנאָטאָנע שטײַגן אויפן וועג פון מלאכימשער רייַנקײַט און קלאָרקײַט...

זי האָט זיך אויפגעשטעלט, אַ ווײַלע געשוויגן און דערנאָך פֿאָרטגע־זעצט:

— אָט אַזוי בין איך, שאַליט! און איר זײַנט אַזוי, ווי איר זײַנט. זײַנען מיר צוויי היפּוכים. דאָך קומט צווישן אונדז פֿאַר אַ קאַמף צו פֿירן אָדער פֿאַרפֿירן איינער דעם צווייטן... ווילט עס ניט לייקענען: אַזוי איז עס!.. פֿאַרוואָס? איך ווייס ניט! און דורך אָט דעם קאַמף ווערן מיר געררייצט, און ווײַל מיר ווערן גערייצט, גיבן מיר אים ניט אויף... אַזוי איז עס!.. ווער וועט וועמען באַזיגן? קיינער ניט! קיינער פֿון אונדז קאָן ניט נאָכגעבן... מיר קאָנען זיך ניט איבערבויען... איר האָט אָבער פֿאָרצוגן דערמיט, וואָס איר זײַנט פֿעסט און געדולדיק. איך בין פּונקט דער היפּוך. דערפֿאַר באַקומט איר תּמיד די אויבערהאַנט... און איך האַס אײַך דערפֿאַר... איך האַס אײַך און איר שאַצט מיך אַרונטער... האַס איך אײַך נאָכמער... מײַן האַס קאָן אָבער אויך זײַן ליבע... איר אַנטלויפֿט אָבער פֿון דעם... מײַן האַס קאָן אַמאָל אויך אונטערצינדן... היט זיך! פֿון דער אַנדער זײַט איז אָבער די גבורה פֿון ווידערשטאַנד ראָמאַנטיש... אפשר וועט עס אַמאָל באַזיגן מײַן האַס?.. זאָל איך זיך היטן?.. אָדער אפשר איז גאָר ניט נויטיק צו היטן זיך?.. דערזעלביקער אַנאַטאָל פֿראַנס, פֿאַר וועמעס „רויטער ליליע" איר פֿאַר־מאָגט אַזוי פֿיל שבחים, האָט אויך „טאַיִס" געשריבן...

שאַליט איז געזעסן רויִק. ער האָט זײַן רויִקײַט ניט אַרויסגעגעבן מיט קיין איין באַוועגונג פֿון די מוסקולן פֿון זײַן פּנים. ווען זי האָט זיך ניט דערוואַרט אויף זײַן ענטפֿער, האָט זי געזאָגט:

— רעדט!.. זאָגט עפּעס!..

ער איז אויפֿגעשטאַנען און האָט אַוועקגעלייגט זײַנע הענט אויף אירע אַקסלען.

— איר זײַנט זייער אויפגערעגט, לאה! איר דאַרפֿט איצט זײַן אַליין. באַדענקט זיך: איר זײַנט ניט דאָס, וואָס אײַך דוכט זיך, אַז איר זײַנט. איר זײַנט געררעגט פֿון טרוימען און שיכּור מיט ראָמאַנטישע אילוזיעס. ניט דאָס איז אָבער לעבן און ניט דאָס איז, וואָס איר באַגערט אין דער ווירקלעכקײַט. איר זײַנט, נאָך אַלעמען, אַ פֿרוי. אַ פֿרוי מיט אַ סך נאָבעלע געפֿילן, מיט אַמביציעס און מיט טאַלאַנט. לאָמיר האָפֿן, אַז די שיינקײַטן, וואָס איר פֿאַר־מאָגט, וועלן גובר זײַן אײַער אומגעזונטן פּאַטאָס. מוזיק איז אַ נאָבעלע קונסט. זי רעדט דירעקט צו דער נשמה. די טענער פֿון מוזיק, וואָס רײַסן זיך פֿון אײַך, וועלן מיט דער צײַט געפֿינען אַ וועג אויך צו אײַך... וועט איר דאַן ניט נאָר אויפֿכאַפּן ליכט־שטראַלן און זיי אַרויסברענגען צום דרויסן, נאָר איר וועט אַליין אויך אײַנזאַפּן זיי... איצט אָבער דאַרפֿט איר זײַן אַליין. איך וויל אויך זײַן אַליין... אַ גוטע נאַכט!

ער איז אַוועק. זי איז געבליבן שטיין אין מיטן צימער. געבליבן שטיין און געקוקט פאַרוואונדערט אויפן צימער, אויף די בילדער פון די ווענט, אויף דער פּיאַנע, אויף די צעשאָטענע בויגנס מיט נאָטן אויף דער ערד. זי האָט זיך דערזען עלנט און זי האָט זיך געוואונדערט אויף דעם. איר איצטיקער עלנט איז דאָך אַ דראַנג צו עפּעס, און אָט דער עפּעס, ווייסט זי ניט, וואָס ער איז, ווו צו זוכן אים און וואָס צו פאַרלאַנגען פון אים. שאַליטס לעצטע עטלעכע ווערטער האָבן זי אינגאַנצן צעטומלט, און איצט ווייסט זי ניט, וואָס און ווו זי איז און וואָס זי קאָן טאָן מיט זיך אַליין...

זי האָט זיך צעראָפּגעלאָזט אויף דער ערד, הענט און קאָפּ אַוועקגעלייגט אויף דער זאָפע און זיך שטיל צעוויינט..

3.

איבער די גאַסן איז געלעגן אַ לייכטער נעפּל. צוליב דער מורא פאַר די דייטשע לופט-אָנפאַלן, זיינען די גאַסן-לאָמפּן געווען אויסגעלאָשן און אַפילו די פענצטער פון אַלע הייזער זיינען געווען אַזוי פאַרהאַנגען, אַז זיי האָבן קיין ברעקל ליכט ניט דורכגעלאָזט. די שטערן האָבן זיך באַהאַלטן הינטערן נעפּל. דער הימל איז געהאַנגען נידעריק און טונקל-גרוי. אין מיטן הימל איז געהאַנגען אַ ברודיקע לבנה.

אין גאַס האָט זיך געפילט די אומרויקע מלחמה-שטימונג. די קרומע גאַסן האָבן פאַרשטעלט די אַזוי אויך אומדיי טלעכע פּאַנאָראַמעס. און די לאַנגע רייען פון די גלייכע, ניט דעקאָרירטע און פאַררויכערטע, שוואַרצע ווענט פון די הייזער מיט די אויסגעלאָשענע פענצטער און פאַרשלאָסענע טירן האָבן צו-געגעבן אַבסאָלוטדיקייט צו דעם, אַזוי אויך מרה-שחורהדיקן, געמיט פונם דרויסן.

אַ סך קראָמען זיינען נאָך געווען אָפן, און די קרעמער זיינען זיך גע-זעסן אין דרויסן און געדרימלט. שאַליט האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן דעם אָפענעם פענצטער פון איין קראָם און באַשטעלט סעלצער-וואַסער. ער האָט מיט פאַרגעניגן געשלונגען די קאַלטע פּליסיקייט און געפילט, אַז ער ווערט אָפּגעפרישט.

— האָט איר קיין מורא ניט צו שפּאַצירן אין דרויסן אין אַזאַ נאַכט? — האָט ביי אים דער קרעמער געפרעגט.

— וואָס איז?

— מע זאָגט, אַז דייטשע לופטפליער לויערן איבער דער שטאָט.

שאַליט האָט ניט געענטפערט.

— זעלטן ווען מע זעט עמיצן דורכגיין. — האָט זיך באַקלאָגט דער קרעמער.

— טאָ צו וואָס האַלט איר אָפּן אײַער געשעפט אַזוי שפּעט?

— וואָלט טאַקע געדאַרפט צומאַכן... אָבער ניטאָ אַנדערש וואָס צו טאָן... סע שלאָפט זיך אַלץ איינס ניט... איך ליג אין בעט און הער זיך איַין און סע דוכט זיך מיר, אַז אָט שיסט מען... אָט הערט זיך דאָס רוישן פון אַן עראָפּלאַן... זיץ איך אין קראָם. טאָמער, חס וחלילה, אַ לופט־אָנפאַל, איז נאָענט פון דאַנעט צו דער „אַנדערגראָונד סטיישאָן".*) אַנטלויף איך אַהין...

און ווען שאַליט האָט שוין געוומען אַוועקגיין, האָט ער הינטער זיך דערהערט דעם קול פון דעם קרעמער, וועלכער האָט מיט אַ תּחינה־ניגון גענזונגען:

— גאָטעניו! גאָטעניו! ווען וועט שוין נעמען אַ סוף צו דער מלחמה, ווען?..

שאַליט האָט שפּאַצירט איבער די גאַסן און טרויער האָט געדרונגען אין זײַן געמיט. אפשר, האָט ער געטראַכט, איז ער אַזוי טראַגי־קאָמיש ווי דערדאָזיקער קרעמער. טראַגי־קאָמיש אין די אויגן פון לאהן, אין די אויגן פון דעם גאַנצן קרײַז פון זײַנע באַקאַנטע, מיט וועלכע ער קאָן זיך ניט אײַנ־לעבן אויף זייער אַרט און ער קאָן זיי ניט אַריבערציען צו זײַנע געדאַנקען און אָנשויונגען. אפשר איז ער טאַקע משונהדיק...

די פינצטערע גאַסן און די ברודיקע לופט האָבן אים געשטיקט. עס האָט זיך אים פאַרבענקט נאָך דעם ברייטן דרויסן, נאָך ברייטע פעלדער, נאָך אַ קלאָרן באַשטערנטן הימל. ער וואָלט איצט געקלעטערט אויף בערג... סאַהאַראַ־מדבר... ווי אים פאַרדריסט, וואָס ער האָט אים אַזוי שנעל פאַרלאָזט... ער וואָלט דאָך איצט געקאָנט ליגן ערגעץ לעבן אַ פּיראַמידע אין מצרים און צוהערן זיך צו אַ מאָנאָטאָנעם, טרויעריקן, אָבער האַרציקן געזאַנג פון אַן אַראַ־בער. ווי ווילד שיין עס זײַנען דאָרט די לבנה־נעכט! ווי רײַך מיט שטערן — דער הימל!

און די מלחמה מיט אירע אויסנאַם־געזעצן האַלטן אים געפאַנגען אין לאָנדאָן. ווי גוט עס וואָלט געווען, ווען ער וואָלט איצט, און דווקא איצט, געקאָנט זאָגן צו זיך אַליין, אַז דאָס איז צום לעצטן מאָל, וואָס ער זעט איצט אָט די גאַסן, אַז דאָס געזעגנט ער זיך מיט זיי... אין דעם מאָמענט האָט זיך אים געדוכט, אַז בלויז דורך אַרויסרײַסן זיך פון דאַנעט וואָלט ער באַקומען די מעגלעכקײַט צו שטײַגן, צו וואַקסן, צו דערגרייכן דידאָזיקע גרויסקײַטן, וואָס ער איז באַרופן דערצו...

*) אונטערערדישע באַן.

ווי אַזוי האָט ער עס דערלויבט, אַז זיי, זײַן איצטיקע סביבה און טעטיקײַט, זאָלן פאַרנעמען זײַן גאַנצע צײַט און אַזויפיל פון זײַן באַגײַסטע־רונג? — ער האָט אָבער ניט אויסגעקליבן. ס'האָט זיך אַזוי געמאַכט. אגב פאַרדריסט עס אים ניט. ער האָט דאָ באַקומען אַ סך דערפאַרונג און פאַר־שטאַנד פון נאַקעטן לעבנסשטייגער. שוין צוויי יאָר, ווי ער פאַרברענגט דאָ, און אים דוכט זיך, אַז דאָס זײַנען געווען יאָרן פאַרבראַכטע ניט פון אים, נאָר פון עמיצן אַנדערש. אַזוי פרעמד זײַנען זיי אים אַלע...

אָט, לאה...

אַ מאָדנער אָוונט... אַ מאָדנע שטימונג... איר וועט פאַרדריסן דער הײַנטיקער אָוונט, זי וועט זיך שעמען... זי איז אים הײַנט אַזוי פרעמד געוואָרן... ס'וועט שוין מער ניט זײַן אינטערעסאַנט צו באַגעגענען זי... אויך זי וועט אים מן הסתם אָנהייבן אויסמײַדן. דאָך אַ שאָד. פאַרלוירן נאָך אַ פרײַנט. ווערט ער עלנטער. אַמאָל איז זי אים זייער געפעלן געווען. איצט איז עס פאַרשוווּנדן געוואָרן. זי איז געווען איינע פון זײַנע ערשטע באַקאַנטע אין לאָנדאָן. ער האָט זיך אינטערעסירט מיט איר שפּילן. ניט פאַר־פעלט קיין איינעם פון אירע קאָנצערטן. אַזוי ביז הײַנט... עך, נאַרישקײַטן!.. ס'איז גאָרניט אַזוי געווען...

ער האָט זיך אָנגעהויבן אָנשטרענגען צו טראַכטן מכּוח עטוואָס אַנדערש. ער איז געווען אומצופרידן סײַ מיט זיך און סײַ מיט איר. מיט זיך אויך...

„צו וואָס פּרעזערוויר איך זיך?" – האָט זי מיך געפרעגט. טאַקע צו וואָס? אפשר איז זי גערעכט... „איר שטעלט זיך אַליין צרויף אויף אַ פּיעדעסטאַל"... אויך אירע ווערטער. אפשר ווידער גערעכט...

ער איז פאַרבײַגעגאַנגען קלאַרעס סטודיע. אינעווייניק איז געווען פינצטער און זי איז געשטאַנען בײַם אָפענעם פענצטער. קלאַרע האָט זיך, קאָנטיק, דערפרייט, ווען זי האָט אים דערזען. זי האָט זיך אָקאַרשט אומגע־קערט פון אַ לאַנגן שפּאַציר. – „זאָל שאַליט אַרײַנקומען!" ער איז אַרײַן.

נאָך פון ווײַט האָט זי אים דערקאָנט, האָט זי געזאָגט. מעגלעך, אַז ס'איז דערפאַר, וואָס זי איז אַ מאַלערין און זי שטודירט די באַוועגונגען און די ליניעס, וואָס ווערן דערבײַ געשאַפן. זײַן הילוך איז לײַכט אויסצוצייכענען. ער האַלט זיך גלײַך. זײַנע באַוועגונגען האָבן ריטם. אָבער עטוואָס איז דאָ אין זײַנע באַוועגונגען, וואָס צייכנט זיי אויס פון אַלע אַנדערע. ס'איז דאָ אַ מין צוריקגעהאַלטנקײַט אין זיי. אַ אינזיכטיקײַט... זײַן גאַנצע געשטאַלט דריקט אויס פאַרטיפטקײַט... אוי, זי קאָן עס ניט דערקלערן... זי וואָלט עס בעסער געוואָלט מאָלן... ניין, אַפילו מאָלן וואָלט מען עס אַזוי גוט ניט געקאָנט. ביי אַ סקולפּטאָר וואָלט עס בעסער געקאָנט אַרויסקומען...

פון וואַנען קומט ער איצט? אַזוי שפּעט פאַרבראַכט בײַ לאהן?

ער האָט איר געענטפערט, אַז פון לאַהן איז ער שוין לאַנג אַוועק. ער האָט שפּאַצירט איבער די גאַסן.

ליבט ער צו שפּאַצירן ביינאַכט איבער די פינצטערע ליידיקע גאַסן?

— יאָ.

זי ליבט עס אויך. ס׳איז אינטערעסאַנט שפּאַצירנדיק צו באַאָבאַכטן, ווי די קאָנטורן פון די הייזער ביטן זיך מיט דער דערנענטערונג צו זיי אָדער מיט דער דערווייטערונג פון זיי. ס׳איז אויך אינטערעסאַנט צו באַגעגענען די טויזנטער פאַרשיידענע מענטשן פון דעם גאַסן-המון. יעדער איינער האָט אַן אַנדער אויסזען, אַן אַנדער מינע, אַן אַנדער גאַנג. יעדער איינער איז אַנדערש געקליידעט און ער האַלט זיך אַנדערש. און יעדע שעה פּונם מעת-לעת ברענגט אין גאַס אַריין איר אייגנאַרטיקייט. די גאַסן ענדערן זיך ביז צום ניט דערקאָנען. ביי טאָג, ווען זיי זיינען באַרוישט מיט זון, זיינען זיי אויך באַרוישט מיט מענטשן. ביינאַכט, ווען די ליכטן זיינען שוואַך און די קאָנטורן זיינען ווייך, פאַרשווינדט אויך דער מענטשן-שטראָם, ווי די מענטשן וואָלטן דרך-ארץ געהאַט פאַרן פרידן פון דער נאַכט, און זיי מיידן אויס צו שטערן אים. טאָג פאַרמאָגט וויבראַציע און נאַכט — שטימונג. לעצטנס איז זי באַאיינפלוסט פון שטימונגען און זי פּרוּווט זיי מאָלן.

זי האָט אים אָנגעצייגט אויף איינס פון אירע בילדער. ער איז אַזש נתפּעל געוואָרן — אַזוי איז עס אים געפעלן געוואָרן. קלאַרע האָט באַהערשט די קונסט צו אויסדריקן שטימונגען אויפן לייוונט: אַ סוגעסטיווע פון אַ פרויען-סילועט פאַרכאַפּט כמעט אַ העלפט פונם גאַנצן בילד. און דער סילועט, זעט מען, איז ניט אַ ממשותדיקייט, נאָר אַ פאַנטאַזיע. זיצט ער אַזוי פאַרשפּרייט און עס דוכט זיך, אַז דאָס האָט זיך די נאַכט אַליין פאַרשפּרייט איבער דער פּאַנאָראַמע. און פון אויבן פילט זיך די וויבראַציע פון לבנה-שטראַלן און זיי צעגיסן זיך איבער די וויזיעס פון אַ הינטערגרונט פון בערג, אַ טאָל, אַ טייך און א בוים. דער בוים, איבערהויפּט, פאַרמאָגט זייער פיל אויסדרוק. ער שטייט אין אַן אָנגעשטרענגטער אָנגעבויגנקייט, ווי ער וואָלט זיך אָנגעשטרענגט צו כאַפּן קלאַנגען, פּונקט ווי די פרוי, דער גייסט פון דער נאַכט, וואָלט מיט איר וועזן, מיט איר פאַנטאַסטישקייט עפּעס גערעדט צו אים...

— קלאַרע, דאָס איז אַ גרויסע קונסט-ווערק!

זיין גוטע מיינונג האָט איר הנאה געטאָן. ער האָט באַטראַכט די איבעריקע בילדער, וואָס זיינען געהאַנגען אויף די ווענט. פאַרשיידענע טעמעס, פאַרשיידענע אינהאַלטן. קלאָר, אַז קלאַרע האָט זיך נאָך ניט געפונען און זי זוכט נאָך אַן אייגענעם וועג. דאָך וואַרפט זיך שוין אַדורך דאָ און דאָרט אַ געניאַלער שטריך, אַ געניאַלער איינפאַל, אָנזאָגער פון דער קומענדיקער אַנטפּלעקונג פון אַ באַדייטנדיקן טאַלאַנט.

– וואָס וועט ער טרינקען, טיי אָדער וויַן? – האָט זי אים געפרעגט.
– טיי.

אין דער צייַט, וואָס קלאַרע האָט זיך געעסקט מיטן צוגרייטן דעם טיי, האָט שאַליט געבלעטערט די זשורנאַלן „קונסט און לעבן", וואָס קלאַרע האָט געזאַמלט און זיי איַינגעבונדן סעריעסווייַז. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפן נעקראָלאָג פון צ. הירש, אַ יונגן מאַלער, וועלכער איז מיט דרייַ חדשים צוריק באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. אויפן נעקראָלאָג איז געווען געחתמעט דער נאָמען: ק ל אַ ר ע ג ו ר ס ק אַ י אַ. דער נעקראָלאָג איז געווען האַרציק אָנגעשריבן און אין אים האָט קלאַרע איבערגעגעבן אייניקע פאַקטן פון הירשס לעבן און אַן אָפּשאַצונג פון זייַן קונסט.

– איך האָב נישט געוווסט, אַז איר שרייַבט, און נאָך גוט דערצו, – האָט צו איר שאַליט געזאָגט, נעמענדיק פון איר האַנט אַ גלאָז טיי.

– אויב אַזוי ווייסט איר דאָך ניט, צי איך בין דער „מענטאָר" פונם „ספּעקטאַטאָר".

– ווירקלעך?... – פאַר שאַליטן איז עס ווירקלעך געווען אַן איבער־ראַשונג. מענטאָר, וועלכער פאַרטיידיקט אַזוי געלונגען די נייַסטע שטרעמונגען אין דער פּלאַסטישער קונסט אַנטקעגן די אָנפאַלן מצד די אַקאַדעמיקער, – אָט דער מענטאָר איז גאָר קלאַרע?

– אויב אַזוי, ווייס איך ניט, וואָס מער צו שאַצן אין איַיך: די מאַלערין אָדער די שרייַבערין, – האָט ער געזאָגט.

– האָט איר הירשן פּערזענלעך געקאָנט? – האָט ער שפּעטער ביַי איר געפרעגט.

– זייער גוט. מיר האָבן צוזאַמען שטודירט אין דער אַקאַדעמיע. מיר דוכט, אַז איר, שאַליט, זייַנט אויך געווען באַפרייַנדעט מיט אים.

– באַפרייַנדעט ניט, אָבער געטראָפן האָבן מיר זיך אָפט. ער פלעגט מיך אָפט באַזוכן „צו כאַפּן פרישע אַטמאָספערע", ווי ער פלעגט זיך אויסדריקן. ער פלעגט זיך מודה זייַן, אַז ער פירט זייער אַ „קראַנק" לעבן, און צו מיר פלעגט ער קומען צו זען, ווי אַ „געזונט" לעבן זעט אויס.

– יאָ, איך געדענק, אַז ער האָט מיר אַמאָל דערציילט וועגן איַיך און רעקאָמענדירט צו באַקאָנען זיך מיט איַיך, – האָט קלאַרע געזאָגט – ער האָט מכוח איַיך גערעדט ווי מכוח דעם לעצטן פון די גייַסטיק־געזונטע פון דעם הייַנטיקן דור.

– אַזוי צו קלאַסיפיצירן מענטשן איז געווען זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר הירשן,–האָט שאַליט געענטפערט – ער האָט זיך אויסגעאַרבעט אַ לעבנס־פילאָזאָפיע, אַז דאָס, וואָס די וויסנשאַפטלעכע טערמינאָלאָגיע קלאַסיפי־צירט אונטער דעם אַלגעמיינעם נאָמען דעגענעראַציע, איז אין דער ווירקלעכ־

קײַט איינע פון די שטופן פון מענטשלעכער ציוויליזאַציע, וואָס פירט אויפן וועג פון אַ מין ניטשעאַנישן איבערמענטשן. ער האָט פאַרמאָגט די מערקווירדיקע פעיִקייט לאָגיש צו באַרעכטיקן די גרעסטע אַבסורדן, נאָך זײַן מיינונג איז דער גרעסטער אָנערקענטער דעגענעראַט זייער אַ געניאַלער מענטש. אַ דעגענעראַט איז אַ מענטש, וועלכער קאָן לאָגיש אָפּרײַסן זיך פונם לעבן און דערזען יענע גרויסע אמתן, וואָס שטייען אין דרויסן פון דעם תחום פונם מענטשלעכן פאַרשטאַנד. ער פלעגט אַרומגיין איבער די משוגעים־הײַזער און זוכן פון די משוגעים אַנטפּלעקונגען פון גרויסע אמתן. אויף אַ משוגענעם, וועלכער פלעגט ריידן אַזוי אומלאָגיש ביז ניט צו פאַרשטיין אים, פלעגט ער זאָגן, אַז ער האָט אונדזער פאַרשטאַנד אויף אַזויפיל אַריבערגעשטיגן, אַז מיר קאָנען אים שוין ניט פאַרשטיין...

— ווער ווייסט, אפשר איז ער גערעכט געווען... — האָט קלאַרע באַמערקט. — אויף אים האָט מען זיך געקאָנט ריכטן, אַז אים זאָל אײַנפאַלן צו באַגיין זעלבסטמאָרד. דאָך האָט זײַן טויט געמאַכט אויף מיר אַ דערשיטערנדיקן רושם.

און שאַליט האָט אָנגעהויבן דערציילן קלאַרען וועגן זײַן לעצטער באַגעגעניש מיט הירשן. שאַליט האָט אים באַזוכט אין זיין סטודיע. ס'איז געווען אַ קורצע צײַט פאַר זיין טויט. הירש האָט, ווי געוויינטלעך, געהאַלטן אין איין „אָפּפרישן זיך" מיט אַ גלעזל שנאַפּס. אין צימער איז געווען פינצטער. אַ רעפלעקטאָר איז געווען אָנגעשטעלט אויף איינס פון זײַנע בילדער, וואָס ער האָט ניט אויפהערנדיק טרינקען כסדרבאַטראַכט. אין צימער איז בלויז געווען דער אָפּשײַן פון דעם ליכט פון דעמדאָזיקן רעפלעקטאָר. ביי אָט דעם טונקעלן ליכט האָט שאַליט באַטראַכט הירשס אויסזען. און ער האָט דערזען פאַר זיך אַ געשטאַלט פון אַ מענטשן, וועלכער האַלט שוין בײַם צוזאַמענברעכן. בלי ספק אַ יונגנטלעך פּנים: העכסטנס פינף און דרײַסיק יאָר אַלט, אָבער די אויגן – שוין אויסגעלאָשן, איבערן פּנים – אַ נעץ פון בלויע אָדערן, און די פּלייצעס – אײַנגעבויגן; איבערהויפּט האָבן זיך געמערקט די טיפע קנייטשן פון זײַן דינעם און לאַנגן האַלדז.

לאַנג איז ער געזעסן און באַטראַכט דאָס בילד. שאַליט האָט געפּרוווט פאַרפירן מיט אים אַ שמועס, אָבער ניט נאָר האָט ער זיך ניט צוגעהערט צו שאַליטס רייד, נאָר ער האָט, קאָנטיק, אַפילו ניט אַכטונג געגעבן, אַז נאָך עמיצער איז דאָ אין צימער.

דערנאָך האָט ער זיך האַסטיק אַ ריס געטאָן פון זײַן אָרט, איז צוגעלאָפן צו דער וואַנט, אַראָפּגעריסן דאָס בילד און מיט אַן אויסערגעוויינלעכן צאָרן געטראָטן עס מיט די פיס. אָט דער אויסברוך פון צאָרן האָט אים, קאָנטיק, באַרויִקט. ער האָט אָנגעגאָסן צוויי גלעזלעך שנאַפּס, איינע אויסגעטרונקען

אַליין און מיט דער צווייטער מכבד געווען שאַליטן, און, פונקט ווי עס וואָלט גאָרנישט געשען, האָט ער לײַכטזיניק אָנגעהויבן שפּאַסן און וויצלען זיך.

שאַליט האָט אים באַטראַכט מיט עגמת־נפש: אָט איז דאָך אַ מענטש, וועלכער באַנעמט און שאַפט שיינקײַטן אין זייער אַ גרויסער מאָס, און ווען ער קומט אָנצומעסטן די זעלביקע שיינקײַטן אויף דעם אייגענעם איך, איז ער אַזוי עובר־בטל. ער איז אַ קינסטלער: אַ מענטש מיט אַ נשמה־יתרה. שאַפט אָבער זײַן נשמה־יתרה פאַרן דרויסן בלויז, און ער, ער אַליין, ווערט דורך איר ניט דערהויבן. קוים שטעלט זיך זײַן נשמה־יתרה אין פאַרבינדונג מיט איר טרעגער, מוז זי ווערן זייער אַנטוישט. אָט דער ווידערשפּרוך פון זײַן פּערזענלעכקײַט, אָט די אומפּעיִקײַט זײַנע צו אויפהייבן זיך זעלבסט צו דער הויכקײַט פון זײַן קונסט, — האָט ער, הירש, אַליין געפילט און ס'האָט אים ווי געטאָן. האָט ער געשיכורט. ווען ער וואָלט לענגער געלעבט, וואָלט ער געוויס אויך זײַן נשמה־יתרה פאַרשיכורט... שאַליט האָט אים אָנגעהויבן אָנצײַגן, אַז, אויב אַן אומגעזונט לעבן איז קיינעם ניט פאַרגיבלעך, איז עס דעם קינסטלער אַפּשיטא שוין ניט פאַרגיבלעך, ווײַל טויטנדיק זײַן קערפּער, טויט ער אויך דאָס, וואָס ער איז בכּוח צו שאַפן. אַפּנים, אַז הירש אַליין האָט אָנגעהויבן דערפילן דעם אָנהייב פון זײַן קינסטלערישן צוזאַמענ־ברוך, וואָרום זײַן פּנים האָט זיך זייער ווייטיקלעך פאַרקרימט נאָך דער־דאָזיקער באַמערקונג פון שאַליטן. אפשר איז דאָס געווען די סיבה, וואָס האָט אים געטריבן צום אָפּגרונט פון דער טעמז...

הירש האָט פאַר זיך אָנגעגאָסן נאָך אַ גלעזל שנאַפּס. שאַליט האָט געוואָלט ווירקן אויף אים, אַז ער זאָל אין דעמדאָזיקן אָוונט מער ניט טרינ־קען. הירש האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— וואָס איז דער חילוק?..

— און דאָס?.. — האָט שאַליט אים אָנגעצײַגט אויף זײַנע בילדער אויף דער וואַנט.

— דאָס איז ניט לעבן, דאָס איז קונסט... — האָט הירש געענטפערט אין אַזאַ מין טאָן, ווי ער פּערזענלעך וואָלט צו דעם קיין שײַכות ניט געהאַט.

און שאַליט האָט פאַר אים אָנגעהויבן פאָרטזעצן זײַן באַטראַכטונג מכּוח דער שײַכות פונעם קינסטלער צו קונסט:

— קונסט?.. עס טאָרן ניט זײַן קיין גרענעצן צווישן קונסט און קינסטלער! איר אַליין ווילט ניט די דאָזיקע גרענעץ, מחמת איר ווילט — און דאָס קאָן גאָר אַנדערש ניט געמאָלט זײַן — אַז מע זאָל דורך זײַן קונסט טײלן כּבוד צו דעם קינסטלער. זאָל דערפאַר דער קינסטלער ניט זײַן אַראָפּגעפאַלן אַנטקעגן זײַן ווערק! זאָל דער קינסטלער מיט זײַן פּערזענלעכקײַט אויסדריקן די נביאות פון זײַנע שאַפונגען! קונסט איז נבואה! קונסט איז די קאָנצעפּציע

(4)

פון אַ דערהויבענעם גײַסט פון — וואָס עס זאָל זיין. זאָל דער קינסטלער מיט זיך פאָרשטעלן דעם מוסטער פון זײַנע נביאות! — אײַך, הירש, קומט אַ שאַפונג לײַכט ניט אָן. איר לײַדט חבלי־לידה; איר צערט זיך אויס. וואַרפט ניט אַוועק דידאַזיקע אויסצערונג אייערע. ווענדט אָן איר פּועל־יוצא אויף זיך גופא און פירט אָן אין איר נאָמען אַ לעבן־קונסט־קאַמף. דעם „זאָל זײַן", וואָס עס באַנעמט אײַער שאַפנדיקער גײַסט, טוט אָן אויף זיך זעלבסט, און דאַן וועט אײַער פערזאָן שטײַגן אין פּראָפּאָרציע מיט אײַער קינסטלערישן איך! טוט פון זיך אָפּ די סתירה צווישן אײַער פערזענלעכקײַט און צווישן אײַערע חלומות! איר זײַט שוואַך, שיכּורט איר און וועלקט. ווער האָט אײַך געגעבן דאָס רעכט צו זיין שוואַך?.. ווער האָט אײַך געגעבן דאָס רעכט צו טויטן זיך דורך שיכּרות?.. וואָס פאַר אַ רעכט האָט איר דעם מענטשן אין זיך מקריב צו זיין צו שיכּרות און ציניזם און פאַראורטיילן דורך דעם אײַער שעפערישקײַט צום אונטערגאַנג?.. פאַרדאַרבנדיק די הויפּט־פּרינציפּן און די ערשטע קוואַלן פון שײנקײַטן, ווי אַזוי קאָנט איר אַליין פאַרמאָגן און פון אַנדערע דערוואַרטן צוטרוי און כּבוד צו אײַער קונסט?.. מיינט איר, אַז דאָס געפיל פון פוסטקײַט אין אייך וועט איר קאָנען פאַרפילן דורך שיכּרות? געפיל! ווער קאָן שטאַרקער פון קינסטלער שאַצן געפיל? פאַר אים איז עס דאָך דער הויפּט־אויסדרוק פונם לעבן! און אָט די אייגענע עשירות פאַרטויבט איר... געדענקט, אַז דער סכום און דאָס ווערט פון לעבן ווערט געשאַצט רעלאַטיוו צו אײַערע פערזענלעכע פעיִקײַטן פאַר דערהויבונג און דערגרייכונגען! געדענקט, אַז לעבן איז ניט אין דרויסן, נאָר אין זיך, און דער תּכלית פון לעבן איז אין דעם סכום פון אייגענער עשירות! איר, מיט אַזויפיל עשירות!.. אָן זייגען אײַערע בילדער: אידעאַלן פון קינדערישקײַט, מאַנלעכקײַט און פרויענטלעכקייט... נאַטור... וואָס פאַר אַ שלל פון אידעען און פאַרבן!.. און מיט דעמדאָזיקן שלל קאָן דען געמאָלט זיין, אַז אײַער לעבן איז ניט פול... איז דאָס ווייניק אָנצופילן אייער לעבן?.. פאַרבן, ריטם, קלאַנגען... ניט דאָס אויסגעמאָלטע זעלבסט, נאָר טאַקע די נשמה גופא פון קונסט... אַ ווירבלווינט פון לעבן... און איר אַליין זײַנט טויב צו דידאָזיקע רופן?.. איך פאַרשטיי אײַך ניט... הירש, איז עס מעגלעך, אַז איר אַליין קאָנט זיך ניט אויפהייבן צו דער הייך פון אײַער קונסט־אינטויִציע?.. קונסט גייט אַרויס פון די גדרים פון צײַט און רוים. פאַרוואָס, הירש, זײַנט איר, אין אַייער פערזענלעכן לעבן, דורכגעדרונגען מיט צײַט־מאָטיוון, קעגן וועלכע איר פּראָטעסטירט און וועלכע איר ווילט פאַרשיכּורן?.. פאַרוואָס זאָלט איר ליבערשט ניט זוכן דעם תּכלית פון זיך אין דער עשירות פון זיך? שיינקײַט לשם שיינקײַט! קונסט זעט קיינמאָל קיין מיִוסקײַטן ניט, וואָרים ווער עס שטעלט זיך מיט איר פּנים לפּנים, ווערט פון איר

באַגײַסטערט און װײַזט אַרױס זײַנע שענערע און נאָבעלערע זײַטן. אַ משל, צו װאָס די זאַך איז געגליכן: צו דערדאָזיקער פרױ, װעלכע איז געװען אַזױ שײן, אַז יעדער אײנער האָט זיך אין איר פֿאַרליבט בײַם ערשטן אױגנבליק. איז בײַ איר געשאַפֿן געװאָרן דער באַגריף, אַז אַלע מענטשן אױף דער װעלט זײַנען פֿאַרליבטע. אַזױ איז קונסט. אַזױ זאָל זײַן דער קינסטלער!..

און אַזױ װײַטער, און אַזױ װײַטער, און אױף דעם זעלביקן שטײגער האָט שאַליט גערעדט צו הירשן. און הירש איז געשטאַנען און זיך צוגעהערט. װען שאַליט האָט געענדיקט, האָט הירש בײ אים געפֿרעגט:

— האָט איר געענדיקט?

שאַליט האָט אױף אים פֿאַרװוּנדערט געקוקט.

— האָט איר געענדיקט? — האָט הירש איבערגעפֿרעגט.

— יאָ...

— טאָ לאָמיר מאַכן „לחיים”...

דער װיץ איז קלאַרען געפֿעלן געװאָרן. זי האָט זיך שטאַרק צעלאַכט.

— שאַליט, — האָט זי, אױסלאַכנדיק זיך, געזאָגט: — איר זײַנט אַ װוּנדערלעכער מענטש. איר באַזיצט אָבער אַ גרױסן חסרון: איר דערלױבט זיך ניט קײן ברעקל הומאָר... דערלױבט זיך אַביסל הומאָר און איר װעט דערזען, אַז קונסט איז ניט אַזױ הײליק און דאָס לעבן איז ניט אַזױ ערנסט...

און װען זי האָט דערזען, װי באַלײדיקט און פֿאַרװוּנדערט שאַליט קוקט אױף איר, האָט זי געװאָלט פֿאַרגלעטן סײַ איר געלעכטער און סײַ אירע װערטער. האָט זי געזאָגט:

— ניט אַזױ טױט־ערנסט, שאַליט!.. דערלױבט עמיצן אַנדערש צו האָבן אַן אײגענע מאָס פֿאַר זאַכן!.. דערלױבט די הירשעס אױסצולעבן זיך אין טיפֿקײַט, און דערלױבט דעם געװײנטלעכן מענטשן אױסצולעבן זיך אין פֿלאַכקײַט... נעמט ניט אָן פֿאַר אַלעמען אײַער מאָס, אַז עס מוז זײַן סײַ טיפֿקײַט און סײַ פֿלאַכקײַט... הירש האָט פֿאַרמאָגט טיפֿקײַט, האָט ער זיך געמעגט דערלױבן אַ ביסל הומאָר... זײַן שיכורן איז געװען זײַן שפּאַס, װעלכן ער האָט זיך דערלױבט אױף זיך זעלבסט... ער האָט דאָך געדאַרפֿט געפֿינען אַ מיטל, װי אַזױ צו באַלאַנסירן זײַן לעבנס־שנעלקײַט און זײַן לעבנס־טיפֿקײַט לגבי דער אָפּגעשטאַנענקײַט און אױסערגעװײנלעכער לאַנגזאַמקײַט פֿון אונדזער סביבה און צײַט, — האָט ער געטרונקען... אָבער ס'איז שױן שפּעט, קומט באַגלײט מיך אַהײם.

— אַהײם? — האָט שאַליט געפֿרעגט, — איך האָב געמײנט, אַז איר װוינט דאָ.

— נײן, דאָ אַרבעט איך. צו רוען גײ איך ערגעץ אַנדערש.

באַגלייטנדיק זי האָט שאַליט זי גענומען אונטערן אָרעם און צוציענדיק נעענטער צו זיך, האָט ער שטיל געזאָגט:

— אפשר זייַנט איר גערעכט... אפשר איז הירש גערעכט געווען... אפשר בין איך אומגערעכט... איך וועל אַסך טראַכטן מכּוח דעם...

— איר זייַנט אַ ליבער, גוטער, נאַיִווער בחור, שאַליט, און דאָך, און אפשר טאַקע דערפאַר האָב איך אייַך ליב...

אַזוי זאָגנדיק, האָט זי זיך אָנגעהאַנגען אויף זייַן האַלדז און אייַנגעגעסן זיך אין זייַנע ליפּן מיט אַ לייַדנשאַפטלעכן קוש.

דריטער קאַפּיטל.

1.

די דרײַ גרויסע פענצטער פון דוד שאַליטס צימער האָבן פאַרנומען די גאַנצע פאָדערשטע וואַנט, איבערלאָזנדיק בלויז קליינע מחיצות צווישן איינער און דער אַנדערער און קליינע ווינקלען ביי די צוויי שכנותדיקע ווענט. די מחיצות זײַנען געווען פאַרנומען מיט בראָנזענע רעפּראָדוקציעס פון מייקל אַנדזשעלאָס סטאַטוע „משה" און ראָדינס סקולפּטורע „דער דענקער", און די ווינקלען – מיט די ביוסטן פון דאַנטע און בעטהאָווען, וועלכע האָבן טיפזיניק און שטרענג געקוקט אין זייער בראָנזענער פאַרגליווערטקייט, געדרונגען אין דער מיסטישער אייביקייט אַרײַן, פאַרוואַנדלענדיק די ווינקל-טישלעך, אויף וועלכע זיי זײַנען געשטאַנען, אין אַלטאַרן—אָבסערוואַטאָריעס פון דעם, וואָס ציט זיך ווײַטער און אַריבער פון רוים און צײַט...

די איבעריקע דרײַ ווענט פונם צימער זײַנען געווען, פון דער ערד און ביזקל סופיט, פאַרבויט מיט פּאָליצעס פאַר ביכער, איבערלאָזנדיק אָרט בלויז פאַר די צוויי טירן פונם צימער און פאַר דעם קאַמין. אַלע פּאָליצעס זײַנען געווען פאַרלייגט מיט ביכער, און נאָך ביכער זײַנען געווען אָנגעלייגט, איינס אויף דאָס אַנדערס, אויף דער ערד, אויפן טיש און אויפן קאַמין. דאָרט האָבן זיך אויך געוואַלגערט צײַטונגען, זשורנאַלן און די שריפטלעכע אַרבעטן פון די סטודענטן פונם פאָלקס-אוניווערזיטעט, וואָס שאַליט האָט נאָך ניט באַוויזן דורכצוקוקן.

אַ ביכער-שאַפע אויף דריי פיסלעך, וואָס האָט זיך געדרייט אין אַלע זײַטן, איז געשטאַנען לעבן וואַקל-שטול, הארט לעבן קאַמין, און איז געווען פאַרלייגט מיט דער „ענציקלאָפּעדיאַ בריטאַניקאַ" און מיט אײַנגעבונדענע און ניט אײַנגעבונדענע ענגלישע און פראַנצויזישע קונסט-זשורנאַלן און בילדער-אַלבאָמען.

דער שרײַבטיש איז געשטאַנען אַנטקעגן פענצטער און בײַ אים פלעגט שאַליט אָפּזיצן טעג און אַמאָל נעכט, שרײַבנדיק און איבערשרײַבנדיק זײַנע אַרבעטן. אויפהויבנדיק זײַן קאָפּ פון דער אַרבעט, האָט שאַליט געקאָנט זען

די ברייטע פּאַנאָראַמע פון וויקטאָריאַ=פּאַרק, מיט זײַנע ביימער=אַלעעס,
לאָנקעס און געקינצלטע אָזערעס, הינטער וועלכע מע האָט אים מרחק איין
אַ קלאָרן טאָג געזען די הונדערטער פאַבריקן=קוימענס, וואָס האָבן אָן
אויפהער אַרויסגעוואָרפן זײַלן רויך.

אויף די קוימענס האָט זיך שאַליט זייער אָפט פאַרקוקט און אַכטונג
געגעבן אויף די פיגורן, וואָס האָבן זיך געמאָלן פון זייער רויך. פון גע=
וווינטקייט איז בײַ אים געשאַפן געוואָרן אַ צוזאַמענהאַנג צווישן דעם פּאַרק
און דעם רויך, און ס'האָט זיך אים שוין אויסגעוויזן, אַז זיי זײַנען כמעט ווי=
אָרגאַניש פאַרבונדן צווישנאַנאַנד. ער פלעגט אויפהויבן זײַן קאָפּ פון דער
אַרבעט, קוקן דורכן פענצטער, באַנעמען די פּאַנאָראַמע, ניט געטראַכט מכּוח
איר, איז אַפילו ניט באַוווסטזיניק געווען, אַז זי איז דאָרט. דאָך האָט זי סטי=
מולירט זײַן דענקען און צוריק געבראַכט אין אַ סדר זײַנע צעשאָטענע גע=
דאַנקען, פונקט ווי, כדי צו קאָנען דערגרייכן עס, האָט זיך געניטיקט די
ברייטקייט פון דעם פּאַרק=שטח; וואָלט די פּאַנאָראַמע פאַרהוילן געוואָרן,
וואָלטן אפשר זײַנע געדאַנקען פאַרלוירן געגאַנגען. יעדנפאַלס וואָלט ער זיך
געפילט זייער געשטערט. אַ סך זאַכן ווערן כמעט אָרגאַניש פאַרבונדן מיט
אונדז; מע געוווינט זיך צו זיי צו און ס'דוכט זיך, מע הערט זיי אויף מערקן
און שאַצן. זאָלן זיי אָבער אָפּגעריסן ווערן, וועט מען עס דערפילן...

ליידיקער שטח איז אינם צימער געווען אַ סך. מחמת, אַחוץ די דער=
מאָנטע מעבל, זײַנען דאָרט געווען בלויז איין זאָפע און עטלעכע שטולן. גענוג
אָרט פאַרבליבן צו קאָנען שפּאַצירן איבערן צימער. און דער אויסגעריבענער
פּאָס אויפן טעפּיך האָט באַוויזן אויף שאַליטס געוווינטקייט צו שפּאַצירן הין
און צוריק איבערן צימער, וואָס ער האָט געטאָן, ווען ער האָט באַדאַרפט צו=
טראַכטן, אָדער באַטראַכטן אַ געדאַנק. אויך, ווען ער איז מיד געוואָרן פון
לאַנגע שעהן אַרבעט, האָט ער שפּאַצירט איבערן צימער, געפּײַפט אַ לידל,
אויף אַזאַ שטייגער גערוט, געכאַפּט דעם קנויל פון פאַרלוירענע געדאַנקען
און צוריק גענומען זיך צו דער אַרבעט.

דאָס מאָל האָט שאַליט געהאַלטן אין פאַרענדיקן אַן עסיי איבער
„דאָגמאַטיזם און סאָציאַליזם". דעמדאָזיקן עסיי האָט ער געשריבן אויף דער
בקשה פון דער רעדאַקציע פון דער „יידישער מאָנאַטשריפט", וועלכע האָט,
זינט די מלחמה האָט אויסגעבראָכן, אָפּגעגעבן אַ סך אָרט פאַר דער באַהאַנד=
לונג פון די פּרינציפּיעלע און טאַקטישע סכסוכים פון דער אינטערנאַציאָנאַלער
סאָציאַליסטישער באַוועגונג. איבערהויפּט האָט די רוסישע רעוואָלוציע אַוועק=
געשטעלט דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק אין פאָדערגרונט. דער באַנקראָט פון
די אָפיציעלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, די אָפּשפּאַלטונגען פון זייערע צענטער=

און לינקע פליגלען, האָבן געצויגן ניט ווייניקער אויפמערקזאַמקייט פון די געשעענישן אויף די מלחמה־פראָנטן.

אין זיין עססיי האָט שאַליט פּרובירט באַווייזן, אַז אין דער אידעאָלאָגיע פון יעדער באַוועגונג געפינט זיך אַ סך מער ליכטיקייט, ווי אין איר שפּעטערדיקער צופּאַסונג צום לעבן. פאַר אַ משל האָט ער געבראַכט דאָס קריסטנטום, וואָס איז אינם לעבן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דאָגמאַטישן קירכנטום. אַזוי געשעט אויך מיטן סאָציאַליסטישן געדאַנק. די קאָמוניסטישע אידעאַלן, מיט וועלכע עס האָבן זיך אַרומגעטראָגן גייסטיקע גאונים פון פאַרשיידענע צייטן און פאַרשיידענע דורות, אָנהייבנדיק פון די נביאים ביי יידן און ביז דעם איצטיקן דור,—דידאָזיקע אידעאַלן זיינען צוטריטלעך בלויז פאַר ווייניקע אידעאַליסטן. אָבער אַזוי ווי די פירער פון די סאָציאַליסטישע באַוועגונגען האָבן געוואָלט שאַפן מאַסן־באַוועגונגען, האָבן זיי זייערע אידעאַלן געמוזט, פון איין זייט, פּאָפּולאַריזירן פאַרן המון און, פון דער צווייטער זייט, כשרן אים אין די אויגן פון זייערע רעגירונגען. אָט אַזוי האָט דער סאָציאַליסטישער אידעאַל אָנגעהויבן געשונדן צו ווערן פון אַלע זייטן, ביז וואַנעט פון זיין רעוואָלוציאָנערישקייט איז גאָרנישט ניט איבערגעבליבן און פון זיין אידעאַליזם איז איבערגעבליבן בלויז אַ סקעלעט. און אויך אָט דעם סקעלעט האָט מען אַריינגעלייגט אין אַרכיוו אינאיינעם מיט ישעיהס: „והיה באחרית הימים". און אַזוי ווי אינם נאָמען פון דעם גרעסטן פריידיקער פון שלום און דעם גרעסטן קעגנער פון ווידערשטאַנד, אינם נאָמען פון קריסטוסן, גייען איצט אַרום גלחים איבער די שלאַכטפעלדער און בענטשן די זעלנער צו מאָרד, — אַזוי גייען איצט אַרום מענטשן און, אינם נאָמען פון דעם אידעאַל פון גלייכקייט און ברידערלעכקייט, וואָס טראָגט דעם נאָמען סאָציאַליזם, בענטשן זיי אַרבעטער און פּויערים, דידאָזיקע, וועלכע טראָגן די פאָנען פון זייערע אידעאַלן, — מלחמה צו האַלטן אַנטקעגן זייערע ברידער — אַרבעטער און פּויערים.

ווייטער האָט זיך שאַליט אָפּגעשטעלט אויף דער מענטשלעכער פּסיכאָלאָגיע, וועלכע קאָן זיך ניט צופּאַסן צו שאַרפע איבערגאַנגען, סיידן עס געפינען זיך גאונים פירער, נביאים, ווייטזעער, וועלכע פאַרמאָגן אַ צויבער־כּוח צו מאַגנעטיזירן מאַסן, צו מאַכן מאַסן אָבערגלויבעריש צו זייער פּערזענלעכקייט און צו זייערע איבערנאַטירלעכע כּוחות, און, אויף אַזאַ שטייגער, אויסנוצן דעם אָנגעקליבענעם פאָלקס־צאָרן, וועלכער איז תּמיד דאָ, פאַר רעוואָלוציאָנערע אויפרייסונגען.

און דאָ האָט זיך שאַליט נאָכאַמאָל אָפּגעשטעלט אויפן פאַקט, אַז דער אידעאַל, אין וועמענס נאָמען אַן איבערקערעניש ווערט דערגרייכט, איז אַ סך אינטענסיווער פון זיין שפּעטערדיקער צופּאַסונג צום לעבן. דער אידעאַל הייבט אָן אַסימילירן אין זיך די אידעען און מנהגים פון די יעניקע עלעמענטן,

וועלכע ער האָט פריער באַקעמפט. אָט אַזוי האָט דאָס טעאָלאָגישע קריסטנטום אַרײַנגענומען אין זיך די הויפּט־עלעמענטן פון זײַן פּאָרגענגער, דעם פּאַגאַניזם און עס האָט אויך געמאַכט שלום מיט פּריוואַט־אייגנטום, שקלאַפערײַ און ד. ג. מענטשן זײַנען להוטער אויפצונעמען אַן אידעע, איידער צופּאַסן זיך צו איר.

„בלויז אַן אָנגעצײַגטער תּכלית ברענגט טעטיקײַט" — האָט שאַליט גע־שריבן — „און דער תּכלית מוז אויך זײַן פון אַ באַדײַטנדיקער נויט. בטבע זײַנען מענטשן אומאַקטיוו. דאָס איז די מורא פאַר הונגער, וואָס צווינגט דעם פּויער צו באַאַרבעטן זײַן פעלד. בלומען קולטיווירן יחידי־סגולה... אין נאָרמאַלע צײַטן שלאָפט אַפילו גאוניות. און אַ סך העלדישע טאַטן, אַ סך געוואַלדיקע אידעען, וואָס וואָלטן אין גינסטיקע אומשטענדן געקאָנט שאַפן וועלט־עפּאָכעס און וואָס געפינען זיך בכוח אין דעם אָדער יענעם גאון, — קומען בפועל־ממש ניט צום אויסדרוק בלויז דערפאַר, וואָס דער באָדן פון דער צײַט איז פאַר זיי ניט צוגעגרייט. בלויז אין צײַטן פון אינטענסיווע אימפּולסן, און אויב דאַן געפינט זיך אַ פּאַסיקער פירער, קאָנען איבערקערענישן געמאָלט זײַן.

„אָבער אויך אין אַזעלכע צײַטן אַנטפּלעקט דער גאון בלויז אַזויפיל פון זײַן גאוניות, אויף וויפיל זײַן צײַט קאָן עס אויפנעמען. די סאַמע גאוניות פון דעם גאון פאַרבלײַבט ניט מער ווי אַ טויטע דאָגמע און, אַלס אַזעלכע, איז זי אַ טעמע פאַר פּלפּול, און די מענטשן נעמען ניט איבער איר פּראַקטישן ווערט.

„בכלל דעקט אַ גאון קיינמאָל ניט אויף אַלע זײַנע כּוחות. די מערסטע פון זיי נעמען זיי אַוועק מיט זיך אין קבר. אַפּנים, אַז די יידישע מקובלים האָבן עס גוט פאַרשטאַנען, וואָרים זיי האָבן געגלויבט, אַז די וועלט עקזיסטירט אינם זכות פון ל"ו צדיקים, וועלכע ווערן נתגלה בלויז אין צײַטן פון גרויסער נויט..."

שאַליט גלויבט אין דער איבערהערשאַפט פונם שכל. שלטון השכל! און די דאָזיקע איבערהערשאַפט איז אַ ירושה. אַ ירושה פון משפּחות. אויף דעם איז באַגרינדעט דער יידישער גלויבן אין יחוס פון משפּחות פון למדנים. אויך — אַ ירושה פון פעלקער. דאָס איז דער געדאַנק פון „אתּה בחרתּנו". און ס'איז ניט איבערגעטריבן: דער יידישער אײַנפלוס אויף דער וועלט איז עד אין לשער גרעסער פון זייער פאַרגלײַך אין צאָל מיט דער באַפעלקערונג פון דער וועלט. די יידן האָבן דער וועלט געגעבן פון גאָט ביז וויסן. דעריבער איז די דערלייזונג פון דער וועלט אין אַ פולער מאָס אָפּהענגיק פון דער אולטימאַטי־ווער דערלייזונג פון דעם יידישן פאָלק.

ווײַטער האָט שאַליט געמאַכט אַן אַנאַליז און אויסגעפירט, אַז דאָס, וואָס ער רופט אָן **אינטענסיווע אימפּולסן**, זײַנען די יסורים פון דורות־

דעריבער טאָר מען אַזוי סענטימענטאַל ניט זײַן צו לײַדן, נאָר מע דאַרף דורך זיי באַפרוכפּערונג ברענגען...

און דאַן, צוקומענדיק צום תּוכן פון זײַן טעמע, האָט שאַליט אַנאַליזירט דעם אידעיִשן קאַמף, וואָס ווערט איצט אָנגעפירט אין רוסלאַנד, איז מבטל סײַ די באָלשעוויקעס און סײַ די מענשעוויקעס און געפינט אַ גרעסערן זכות פאַר די לינקע סאָציאַליסטן רעוואָלוציאָנערן, וועלכע זײַנען אידעאַליסטיש אין זייער פילאָזאָפישן וועלט-באַנעם, און ער איז זיך מקרב צו דער אַנאַרכיסטישער וועלט-אָנשויונג, וועלכע, זײַענדיק רעוואָלוציאָנער, אָנערקענט אויך דעם אינדיווידוום.

דאָך זײַנען די מאַקסימאַליסטישע פאָדערונגען פון די איצטיקע לינקע פּאַרטייען אין רוסלאַנד אַמפּלאַץ. שפּעטער וועט מען אַלץ איינס מוזן מאַכן קאָמפּראָמיסן מיטן לעבן. וועט אפשר כּון אַ מאַקסימאַלער פאָדערונג מער איבערבלײַבן...

ער האָט געענדיקט. צוניפגעלייגט די אָנגעשריבענע בייגעלעך און פאַרשלאָסן זיי אין אַ שופלאָד פון זײַן שרײַבטיש. ערשט אין עטלעכע טעג אַרום וועט ער, ווי זײַן שטייגער, זיי קאָרעגירן און איבערשרײַבן דאָס אויף ריין.

מע האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר און דר. בערמאַן איז אַרײַן.

– איך האָב זיך פאַרשפּעטיקט אין דער „איסט-ענד”, – האָט דר. בערמאַן געזאָגט – האָב איך זיך באַטראַכט, אַז אײַער זאָפע האָט זיך שוין פאַרבענקט נאָך מיר, און איך בין געקומען צו אײַך נעכטיקן דאָ. איך בין צופרידן, וואָס איך האָב אייך געטראָפן אין דער היים.

– און ווען איך וואָלט ניט געווען אין דער היים, ווייסט איר דאָך אויך, ווי אַרײַנצוקומען אַהער. איר זײַנט דאָ אַלעמאָל ווילקאָמען, מײַן ליבער פרײַנט! – האָט אים שאַליט געענטפערט, דריקנדיק זײַן האַנט.

דר. בערמאַן האָט שאַליטן דערלאַנגט אַ בריוו.

– דער אַדרעס פונם בריוו איז מאָדנע געשריבן, – האָט ער דערבײַ געזאָגט – אײַער נאָמען, דער נאָמען פון אײַער פאָלקס-אוניווערסיטעט, מיטן אַדרעס פון מײַן תּלמוד-תּורה.

בעת שאַליט האָט געלייענט דעם בריוו, האָט בערמאַן געבלעטערט דעם לעצטן נומער פון דעם קונסט-זשורנאַל „קאָלאָר” און באַטראַכט די רעפּראָדוצירטע בילדער. ווען שאַליט האָט געענדיקט דאָס לייענען און צוניפגעלייגט דעם בריוו, האָט אים בערמאַן אויפמערקזאַם געמאַכט אויף אַ בילד.

– קלאָרעס אַ בילד. ניט שלעכט.

– איך האָב עס שוין געזען, – האָט שאַליט געענטפערט.

– געפעלט עס אײַך?

— יאָ. דאָס בילד מאַכט אַ רושם. קלאַרע איז דרייסט. ס'איז דאָ אַ סך פרײַהײַט אין אירע ליניעס און פאַרבן־קאָמבינאַציעס. איך וואָלט געזאָגט, אַז דאָ איז אַ שטורעם פון ליכט. די עקסטאַטישע לײַדנשאַפט פון דער פּאַנאָראַמע, וואָס זאַפּט ליכט ביז שיכּרות.

— ווער עס קאָן קלאַרען, — האָט דר. בערמאַן באַמערקט — וועט זיך ניט חידושן אויף אירע בילדער. זי אַליין שלינגט לעבן ביז שיכּרות. אַ וואונדערלעך מיידל.

— יאָ... — האָט שאַליט געענטפערט. טראַכטנדיק, קאָנטיק, מכּוח עטוואָס אַנדערש.

דר. בערמאַן האָט דערווײַל אויפגעבלעטערט אינם זשורנאַל אַ צווייט בילד. דאָס איז געווען אַ רעפּראָדוקציע פון גוסטאַנס אַ סקולפּטורע.

— נאָך מײַן מיינונג איז ער אַ ברכה־לבטלה.

— פאַרוואָס אַזוינס?..

— ער איז ניט קיין קינסטלער, און ער וועט עס אויך קיינמאָל ניט זײַן. דאָך האָט ער גרויסע פּרעטענזיעס און איז ברוגז אויף דער וועלט, פאַר־וואָס ער ווערט ניט אָנערקענט.

— איך בין מיט אײַך ניט מסכּים. — האָט שאַליט געענטפערט — איך גלויב, אַז גוסטאָן האָט יאָ טאַלאַנט. ער איז ניט גרויס, דאָך האָט ער אַמאָל וואָס צו זאָגן אייגנאַרטיקס. דידאָזיקע סקולפּטורע זײַנע איז גאָרניט שלעכט, הגם עס מערקט זיך אין איר מער קאָפּ־אַרבעט איידער קינסטלערישע אינ־טואיציע. דערפאַר פילט זיך אין איר אַ סך טענדענציעזקײַט.

— עט! — האָט דר. בערמאַן אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

— מײַן פרײַנט, — האָט שאַליט צו אים געזאָגט — איר טראָגט אַרײַן אײַערע פּערזענלעכע סימפּאַטיעס אין אײַערע אָפּשאַצונגען פון מענטשן און זייערע קונסט־שאַפונגען. אַזוי טאָר מען זיך ניט נוהג זײַן. איר וועט מסכּים זײַן, אַז גוסטאָן האָט די מעלה, וואָס ער באַזיצט אינטעליגענץ און וויסן. ער האָט אַ סך שטודירט. ער פאַרשטייט קונסט בעסער פון זײַנע מער אָנערקענטע קאָלעגעס. ער פאַרמאָגט אַ ראַפינירטן געשמאַק. דערפאַר וועט ער, לכל הפּחות, קיינמאָל ניט אַרויסלאָזן קיין באַנאַלע זאַך. ער איז אויך זייער אַקטיוו און אַמביציעז. איך וועל זיך ניט חידושן, אויב ער וועט אַמאָל אַרויסברענגען אַן אַרבעט, וואָס וועט אים ברענגען פיל אָנערקענונג.

שאַליט האָט גענומען נאָכאַמאָל לייענען דעם בריוו, צוגעקוקט זיך צום אַדרעס אויפן קאָנווערט. קאָנטיק, געשטודירט סײַ דעם אינהאַלט און סײַ די האַנט־שריפט. אָבער בערמאַן האָט אים פּלוצים איבערגעריסן:

— פאַרוואָס זאָגט איר מיר גאָרנישט מכּוח מײַנע תּנאָים מיט לאה צייטקין?..

שאַליט האָט אויף אים אַ קוק געטאָן דערשטוינט:

— וואָס?..

— איר ווייסט עס גאָרניט?

— זײַנט איר ערנסט, בערמאַן?..

— געוויס ערנסט. פאַרוואָס וווּנדערט עס אײַך אַזוי?

שאַליט האָט אויף אים געקוקט פאַרוווּנדערט.

— ס'איז פאַר מיר אַן איבערראַשונג. — האָט שאַליט געזאָגט — איך האָב מכוח דעם גאָרנישט געהערט. אַזוי פּלוצים... איך האָב קיינמאָל ניט באַמערקט קיין נאָענטקײַט צווישן אײַך... ווען איז אײַער תּנאים פאָרגעקומען?

— שוין צוויי וואָכן. מיך וווּנדערט, וואָס איר ווייסט עס ניט. איך האָב לאהס מוטער געגעבן אײַער אַדרעס. האָט איר ניט דערהאַלטן קיין תּנאים־קאַרטע?

— ניין.

דאָס וווּנדערט מיך. איך האָב הײַנט געהאַט אין זינען אײַנצולאַדן אײַך צו דער חתונה און איר ווייסט אַפילו ניט, אַז בײַ מיר זײַנען תּנאים געווען...

— שוין צו דער חתונה?.. ווען וועט עס זײַן?

— אין אַ וואָך אַרום. דינסטיק, דעם ערשטן יוני, איינס אַזייגער, בײַ רבי ראָדקערן אין הויז.

און ווי ער וואָלט זיך געוואָלט פאַרענטפערן, האָט דר. בערמאַן צוגעגעבן:

— צוליב מײַן פּאָזיציע אַלס מנהל פון תּלמוד־תּורה מוז איך עס מאַכן כּדת וכדין... ס'וועט אָבער זײַן אַן צערעמאָניעס. פון מײַן צד וועלן בלויז דרײַען זײַן: איר, שאָפּמאַן און ווילענסקי. אירט זיך דאָך ניט אָפּזאָגן צו קומען?

— געוויס וועל איך קומען. — און דריקנדיק בערמאַנס האַנט, האָט ער אים געווונטשן גליק.

אַז דאָס איז אַ היסטערישער טאַט פון לאהס צד, איז פאַר שאַליטן קיין ספק ניט געווען. לאה און בערמאַן... פון איין זײַט אַן עקסצענטרישע, היסטערישע און לײַדנשאַפטלעכע מיידל, און פון דער צווייטער זײַט — אַ נאַיִווער, גוטהאַרציקער, טיף־פילנדיקער, סענטימענטאַלער בחור, מיט אַ ניט אויסגעשפּראָכענער פּערזענלעכקײַט און מיט זייער אַ ווייכן כאַראַקטער... וואָס פאַר אַן אומגעלומפּערטקײַט!.. אומגעלומפּערט ניט אַזוי פאַר לאהן ווי פאַר בערמאַנען. פאַר לאהן וועט בערמאַן זייער שנעל אויפהערן עקזיס־טירן... אפשר עקזיסטירט ער שוין ניט פאַר איר... אָבער ער, בערמאַן...

מיט צוויי וואָכן צוריק... באַלד נאָך דעמדאָזיקן אָוונט... איז עס געווען אַ צו להכעיס אים, שאַליטן?.. אָבער, ניין! פאַרוואָס אַ צו להכעיס?..

לאה ליבט אים, שאַליטן, ניט... אַ קאַפּריז... אַזוי איז אויך בערמאַן אַ קאַפּריז בײַ איר...

זאָל ער, דאַרף ער, שאַליט, אַרײַנמישן זיך? וועלן זײַנע רייד האָבן די געהעריקע ווירקונג אויף בערמאַנען? — געוויס ניט. בערמאַן וועט עס ניט פאַרשטיין. מע קאָן בײַ קיין מענטשן ניט אַרויסרײַסן דעם גלויבן אין זיך... געוויס גלויבט בערמאַן אין זײַן כוח צו מאַכן לאהן ליבן אים...

— איך בין זייער גליקלעך. — האָט דערווײַל בערמאַן אָנגעהויבן דערציילן שאַליטן — איך ליב לאהן שוין פון לאַנג. אַז זי זאָל מסכים זײַן, האָט זיך מיר קיינמאָל ניט געגלויבט... איר ווייסט: איך געדענק זי נאָך אַלס קינד, און דאָ... איר ווייסט דאָך, שאַליט, לאה איז אַנדערש פון געוויינטלעכע מיידלעך... מע דאַרף זי גוט קענען, כּדי צו קענען שאַצן זי... מיר דוכט, אַז איך בין דער איינציקער, וועלכער פאַרשטייט זי אַזוי גוט...

און שפּעטער האָט בערמאַן דערציילט, ווי אַזוי ס'איז געשען: דאָס האָט לאהס מאַמע זיי צונויפגעפירט. איר מאַמע איז אַזוי צופרידן פונם שידוך...

פון בערמאַנס יעדן וואָרט האָט זיך געפילט זײַן מוראדיקע באַגײַסטערונג, זײַן אויסערגעוויינטלעכע צופרידנקייט.

— אָרעמער, נאַיִוער, בערמאַן! — האָט זיך שאַליט דערבײַ געטראַכט, און ער האָט אַלץ מער און מער פאַרשטאַנען, אַז ס'וואָלט געווען אַן אומזיסטע אָנשטרענגונג פון זײַן צד צו פּרובירן אַרגומענטירן מיט אים. — זאָל זיך גיין, ווי סע גייט... — האָט ער בײַ זיך באַשלאָסן.

— אָבער וואָס אײַלט איר זיך אַזוי מיט דער חתונה? — האָט ער בײַ בערמאַנען געפרעגט.

— דאָס גיבן מיר נאָך איר מאַמען... אָבער וואָס איז דער חילוק?.. צו וואָס אָפּלייגן?..

— דאָס האָט זיי איר מאַמע צונויפגעפירט... — האָט שאַליט געטראַכט — די מאַמע וויל חתונה מאַכן איר טאָכטער... די מאַמע דענקט, אַז איר טאָכטער דאַרף חתונה האָבן... און דאָס האָט די מאַמע אויסגעקליבן פאַר איר אַ חתן... אַ סאָלידן בחור... אַ גוטן, אַ נאַיִוון, אַ נאָכגיביקן, אַ קורצזיכטיקן, אַ פאַרגיבלעכן... און די מאַמע אײַלט די חתונה... זי מאַכט עס מיט אימפּעט... איר טאָכטער זאָל זיך ניט באַדענקען... — און שאַליט האָט זיך דערמאָנט, וואָס לאה האָט אים דערציילט וועגן איר מאַמען... —

— קאָנט איר לאהס מאַמען? — האָט בערמאַן געפרעגט.

— ניין.

– זי איז זייער אַ קלוגע און אַקטיווע פרוי, – האָט בערמאַן געזאָגט. – איך וועל אײַך אַמאָל באַקענען מיט איר.

און בערמאַן האָט אָנגעהויבן דערציילן מכּוח לאהס מאַמען און דערנאָך – מכּוח לאהן זעלבסט. שאַליט האָט זיך ניט אײַנגעהערט. פון יוצא וועגן האָט ער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ צו בערמאַנס רייד. ער האָט בערמאַנען ליב. ער זעט באַשײַנפּערלעך, ווי אומגליקלעך ער וועט זײַן. אַזעלכע עמפּינדלעכע, גלויביקע און שוואַכינקע מענטשעלעך גייען אַרויס לחלוטין צעבראָכן פון אַזעלכע נסיונות. און זײַן האַרץ האָט אים אויף בערמאַנען ווייגעטאָן. בערמאַן האָט גערעדט אָן אויפהער, האָט שאַליט אויסגעוואַרט די געלעגנהײַט, ווען ער האָט זיך אויף אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט צו פאַררויכערן אַ פּאַפּיראָס, און ער האָט געזאָגט:

– דער בריוו, וואָס איר האָט מיר געבראַכט, איז זייער אינטערעסאַנט. ס'איז פון אַ מיידל, אַ העברעיִשער לערערין, מיטן נאָמען טאַמאַרע שניידער, פון לינקאָשייר. זי וויל זיך באַזעצן אין לאָנדאָן. אָבער מורא האָבנדיק, אַז זי וועט דאָ קיין שטעלע ניט קאָנען געפינען און דערווײַל וועט זי פאַרלירן איר שטעלע דאָרט, אין לינקאָשייר, פרעגט זי בײַ מיר אַן עצה.

– טאַמאַרע שניידער?.. איז עס די זעלביקע מיידל, מכּוח וועלכער שאַפּמאַן האָט דערציילט?

– מן הסתם. איר בריוו געפעלט מיר. וואָס הערט זיך בײַ אײַך אין תּלמוד־תּורה? איז דאָרט אָפן אַ וואַקאַנסיע?

– אין מײַן תּלמוד־תּורה? מיר נעמען ניט אַרײַן קיין פרויען־לערערינס. די פאַרוואַלטונג האָט אַזוי באַשלאָסן... אַן אַלטער באַשלוס. נאָך איידער איך בין אַהין אָנגעקומען אַלס מנהל.

– עס קאָן זיך זײַן אין די אָנפאַנגער־קלאַסן... אַ באַשלוס קאָן אומגעביטן ווערן...

– מיר האָבן לערער אין אַלע קלאַסן.

– איר האָט זיך אַמאָל באַקלאָגט פאַר מיר, אַז ס'איז דאָ אַ מאַנגל אין גוטע לערער. ווען ניט אָט דער מאַנגל, האָט איר געזאָגט, וואָלט איר געעפנט נײַע קלאַסן...

– אָבער ניט איצט, אין מיטן זמן...

– ס'איז טאַקע שווער, אָבער... אַז מע וויל, קאָן מען...

בערמאַן האָט אויף שאַליטן געקוקט פאַרוואונדערט. וואָס פאַלט אים אײַן, אַז ער בערמאַן זאָל עפענען נײַע קלאַסן איצט, אין מיטן זמן, און דערצו גיין ענדערן די באַשלוסן פון דער פאַרוואַלטונג מכּח דעם צונויפשטעל פון די לערער. אָבער שאַליט האָט אים דערלאַנגט דעם בריוו און אים

געבעטן דורכצולייענען. ווען בערמאַן האָט געענדיקט דאָס לייענען, האָט אים שאַליט געפרעגט:

– זאָל איך צו איר שרייבן, זי זאָל קומען?..

– איך וועל זען...

– אָן לאַנגן ישוב־הדעת! איר קאָנט עס דורכפירן, טאָ טוט עס!..

– איך וועל אייך געבן אַ תשובה אין אַ פּאָר טעג אַרום.

שאַליט האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. ער קאָן בערמאַנען. ער ווייסט, אַז בערמאַן וועט ניט רוען און שאַפן די ספּעציעלע קלאַסן פאַר דער נייער לערערין.

מע האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר און שאַליט איז אַוועק עפענען. אַרײַנגעקומען זײַנען שאַפּמאַן און פּאַרמסקי.

– איך בין געקומען געזעגענען זיך מיט אייך. – האָט פּאַרמסקי געזאָגט. – איך פאָר קיין סקאָטלאַנד אויף עטלעכע וואָכן.

– וואָס עפּעס קיין סקאָטלאַנד? – האָט בערמאַן געפרעגט.

– איך וויל אָפּרוען אַ ביסל. לאָנדאָן האָט מיך פאַרמאַטערט. די אָנגעשטרענגטע מלחמה־נייַעס, די רעדאַקציע, דער קאַמף מיט די אַסימילאַטאָרן פון דער דזשואיש באָארד אָוו דעפּיוטיס, – דאָס אַלץ צוזאַמען האָט מיך לעצטנס אַזוי אויסגעמאַטערט, אַז איך מוז איבעררייַסן מייַן אַרבעט און פאָרן ערגעץ אָפּרוען.

בערמאַן האָט ביי אים געפרעגט, צי ער איז שוין אַמאָל געווען אין סקאָטלאַנד.

– עטלעכע מאָל. אָבער באַזוכט האָב איך בלויז די שטעט. איצט וועל איך אָבער פאָרן צו דער נאַטור. די שקאָטלענדישע בערג זייַנען זייער שיין.

– ס'איז אמת, – האָט שאַפּמאַן באַשטעטיקט – די סקאָטלענדישע נאַטור איז די שיינקייטס־קרוין פון ענגלאַנד. די לופט איז דאָרט ניט אַזוי דורכזיכטיק ווי צווישן די אַלפּן, אָבער די טומאַנען גיבן צו אַ וווּנדערלעכן אייגנאַרטיקן חן צו די בערג. איך וואָלט דאָרט ווידער אַמאָל געוואָלט זייַן...

– קומט, לאָמיר פאָרן צוזאַמען!

– ניין, דאָס קאָן איך ניט. ערשט אָנגעקומען צוריק קיין לאָנדאָן און ווידער לאָזן זיך אויף דער רייזע...

עס זייַנען אַרייַנגעקומען עטל קאָרנפעלד און אַפּלבוים. ביידע סטודענטן פונם פאָלקסאוניווערסיטעט.

אַפּלבוים האָט אויסגעדריקט זייַן באַדויערן, וואָס פּאַרמסקי פאָרט אַוועק. ער איז געוווינט צו לייענען זייַנע אַרטיקלען יעדן טאָג אין זייַן צייַטונג, וועלן זיי אים איצט אויספעלן.

— איך בין אײַך אַזוי מקנא, וואָס איר פאָרט, — האָט עטל קאָרנפעלד געזאָגט. — שוין זיבן יאָר, אַז איך בין פון לאָנדאָן ניט אַרויס... באַשרײַבט, מר. פּאַרמסקי, אײַערע רײַזע-אײַנדריקן. איך האָב ליב צו לייענען אַזעלכע זאַכן.

— רײַזע-אײַנדריקן? געוויס וועט ער זיי שרײַבן. ער האָט באַשלאָסן, אַז אין משך פון זײַן וואַקאַציע זאָל ער זיך אינגאַנצן אָפּרײַסן פון פּאָליטיק. ביז איצט האָט ער די גאַנצע צײַט געמוזט שטיין אויף דער וואַך פון געזעלשאַפטלעכע ענינים און ער האָט קיין צײַט ניט געהאַט פאַר זײַן אינערלעכן באַרוף פאַר שענערע שאַפונגען... ער וועט דערפאַר איצט אויסנוצן זײַן פרײַע צײַט און אָפּגעבן זיך צו דויערווערטיקע שאַפונגען, וועלכע זאָלן באַפרידיקן אויך זײַן נשמה...

— איך קאָן אים מיט זײַנע באַרימערײַען ניט פאַרטראָגן... — האָט בערמאַן געזאָגט צו שאַליטן אין דער שטיל.

שאַליט האָט אים געגעבן אַ צייכן צו שווײַגן.

אַפּעלבוים האָט דערווײַל אָנגעהויבן פונאַנדערפרעגן זיך מכּוח די לעצטע מלחמה-נײַעס און איבערהויפּט מכּוח דעם ענגלישן גענעראַל קענסאָן, וועלכער וויל צונויפשטעלן אַ יידישע אַרמיי, מלחמה צו האַלטן אין פּאַלעסטינע.

— קענסאָנס אידעע איז געבוירן געוואָרן נאָך פאַר דער מלחמה, — האָט פּאַרמסקי דערציילט. — נאָך דאַן האָט ער אויסגעאַרבעט זײַן פּלאַן, דאָס אויב אויף די באַלקאַנען וועט זיך ווידער אַנטוויקלען אַ מלחמה, אַ זאַך, אויף וואָס מע האָט זיך תּמיד געקאָנט ריכטן, — זאָל דאַן אַ יידישע אַרמיי אַרײַנמאַרשירן קיין פּאַלעסטינע. ס'מאַכט ניט אויס, מיט וועמען טערקײַ וואָלט זיך געשלאָגן. די יידן וואָלטן געדאַרפט אויסנוצן די גינסטיקע געלעגנהײַט און דערקלערן איר קריג. בעת דעם לעצטן באַלקאַנען-קריג האָט זיך קענסאָן געווענדעט צו דער ענגלישער רעגירונג, אַז זי זאָל אים דערלויבן צו קאָנצענטרירן אין מצרים אַ יידישע אַרמיי אַנטקעגן פּאַלעסטינע. נאַטירלעך האָט אים ענגלאַנד די דערלויבעניש ניט געקאָנט געבן. זי וואָלט דערמיט עובר געווען אויף איר נייטראַליטעט און די איצטיקע וועלט-מלחמה וואָלט שוין דאַן געווען אויפגעפלאַקערט. איצט קריגט קענסאָן די געלעגנהײַט דורכצופירן דעמדאָזיקן פּלאַן.

— פון וואַנעט נעמט זיך דידאָזיקע אידעע צו אים? — האָט שאַפּמאַן געפרעגט.

— די אידעע איז צו קענסאָנען געקומען דורך אַ מערקווירדיקן צופאַל: ער איז געווען אין ביאַליסטאָק, בעת דאָרט איז פאָרגעקומען דער פּאָגראָם פון 1906. דאָרט האָט ער זיך אויך באַקאָנט מיט דעם ציוניסטישן געדאַנק. אַ גרויסע השפעה האָט אויף אים געהאַט אַ יידיש מיידל, וועלכע איז דאַן ערשט אַ קורסיסטקע געווען און איצט איז זי זײַן פרוי...

— זײַן פרוי? — האָט זיך דר. בערמאַן פאַרווּנדערט.

— יאָ, מרס. קענסאָן איז אַ ביאַליסטאָקער יידיש מיידל. זי איז געווען און זי איז עד היום פאַרבליבן אַ ציוניסטקע. בכן האָט זי איינמאָל קענסאָנען געבראַכט צו אַן אַסיפה פון דער ביאַליסטאָקער יידישער זעלבסטשוץ-אָרגאַניזאַציע און ער האָט אויסגעשריען: „מיט אַ קליינער אַרמיי פון אַזעלכע ענטוזיאַסטישע יונגען נעם איך זיך אונטער צו באַזיגן טערקײַ און אָפּנעמען בײַ איר פּאַלעסטינע!" פון דאַמאָלסט אָן האָט ער ניט אויפגעהערט פּראָפּאַגאַנדירן פאַר דער דאָזיקער אידעע, און צוליב דעם אַליין האָט ער צוויי מאָל באַרײַזט פּאַלעסטינע. איינמאָל האָט מען אים דאָרט געוואָלט אַרעסטירן אונטערן חשד פון שפּיאָנאַזש. בלויז דאָס, וואָס דער ענגלישער קאָנסול האָט זיך פאַר אים אײַנגעשטעלט, האָט אים געראַטעוועט.

דר. בערמאַן האָט דערבײַ צוגעגעבן, אַז ער אַליין איז אויך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט קענסאָנס אידעען. — דאָס איז בלויז ענגלאַנד, — האָט ער אָנגעהויבן דערקלערן — ווו אַזעלכע חסידי-אומות-העולם קאָנען געבוירן ווערן. אַן ענגלענדער קאָן זיך גיין מקריב זײַן פאַר דער גריכישער באַפרײַונג, אַזוי ווי דאָס האָט בײַראָן געטאָן, בלויז דערפאַר, וואָס אַלט-גריכנלאַנד, מיט וועמען די איצטיקע גריכן געהערן זיך לחלוטין ניט אָן, איז געווען קולטורעל זייער גרויס. און דערפאַר, וואָס די יידן זיינען, נאָך זייער מיינונג, אַ פאָלק מיט אַ ראָמאַנטישן עבר, האָט דזשאָרדזש עליאָט געשאַפן איר „דניאל דעראָנדאַ" און גענעראַל קענסאָן וויל שאַפן יידישע לעגיאָנען... איר זײַנט שלעכט אינפאָרמירט, פאַרמסקי, מכוח קענסאָנס פרוי, איך קאָן זי — זי איז אַ „כשרע" ענגלענדערין. איר יידישע קרוין האָט אויף איר מן-הסתם אָנגעטאָן אַ סענסאַציעס-פאַרפאַסער פון אַ וועלכער-עס-איז רעדאַקציע...

פאַרמסקי האָט זיך געמוזט מודה זײַן, אַז זײַנע ידיעות מכוח דעם יידישן אָפּשטאַם פון קענסאָנס פרוי זײַנען גענומען פון ניט גאָר „זיכערע קוועלן", און דערפאַר טאַקע האָט ער זיי ניט פאַרעפנטלעכט אין זײַן צײַטונג. ער וועט די זאַך אויספאָרשן. אָבער, אויב ס'איז ניט אמת, וואַרפט עס נאָך אַ שענערן ליכט אויף קענסאָנס פערזענלעכקײַט.

— איך בין מיט קענסאָנען באַקאַנט, — האָט דר. בערמאַן דערציילט,— וואָרים איך האָב אים געגעבן העברעישע לעקציעס. ער איז אַ טיפּישער ענגלישער ראָמאַנטיקער און אידעאַליסט. ער האַלט דעם תנך פאַרן גרעסטן בוך פון דער גאַנצער וועלט-ליטעראַטור, און דערפון נעמט זיך זײַן איבערגעבנקײַט צום ציוניסטישן אידעאַל. „די וועלט, זאָגט ער, באַצאָלט מיט אומרעכט דעם פאָלק, וואָס האָט איר אַזאַ גרויסע מתנה, ווי דער תנך, געגעבן". די ענגלישע יאַהודים, אונדזערע ענגלענדער פון משהס גלויבן האָבן אָנגעווענדעט אַלע כוחות אָפּצוווענדן קענסאָנען פון זײַנע אידעען, אָבער קענסאָן

האַלט זיך פאַר זיי שטאָל און אײַזן. די אידעישע חילוקי־דעות צווישן די יידן גופא אַרן אים ניט. ער וואָלט געווען אַ ציוניסט, אַפילו ווען צווישן די יידן וואָלטן קיין ציוניסטן לחלוטין ניט געווען. ער וואָלט דאַן, זאָגט ער, אַליין אַוועק צו פראָפּאַגאַנדירן דעם ציוניזם צווישן די יידן. ער ברענגט אַ ראיה פון משהן, וועלכער איז, נאָך זײַן מיינונג, געווען אַ מצרי, און ער האָט פראָפּאַגאַנדירט די גאולה פאַר די יידן. בכלל דענקט ער, אַז חילוקי־דעות ענדערן ניט דעם ענין. אַ געזונט פאָלק דאַרף האָבן חילוקי־דעות. די ענגלענדער האָבן אויך חילוקי־דעות. ער איז אַ מאַן מיט אַ געוואַלדיקער ענערגיע און קיין שום כּוח אין דער וועלט קאָן ניט ענדערן זײַנע איבערצײַגונגען אין אַן ענין. ער וועט דעם פּלאַן פון אַ יידישער אַרמיי דורכפירן, ווייל אויף זײַן אויפרוף האָבן זיך שוין אַ סך יידישע יונגע לײַט אָפּגערופן. באַלד וועלן מיר דערזען דעם גרויסן וווּנדער פון אַ יידישער אַרמיי. די ערשטע יידישע אַרמיי אין פּאַלעסטינע פאַר די לעצטע אַכצן הונדערט יאָר...

פאַרמסקי האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגער.

— ס'איז שוין שפּעט. — האָט ער געזאָגט — ווער גייט מיט מיר?

קיינער האָט זיך ניט אָפּגערופן און ער איז אַוועק אַליין.

— אינגיכן וועלן מיר דאָ אפשר האָבן אַ גאַסט, — האָט זיך שאַליט געווענדעט צו שאָפּמאַנען, — אײַערע אַ באַקאַנטע פון לינקאָשייר, טאַמאַרע שניידער. איך האָב הײַנט דערהאַלטן אַ בריוו פון איר.

— טאַמאַרע שניידער?.. — האָט שאָפּמאַן אויסגערופן פאַרוווּנדערט און צופרידן. — זי קומט אַהער?.. און מיר האָט זי געזאָגט, אַז זי האָט קיין חשק ניט צו קומען קײַן לאָנדאָן... ווען וועט זי קומען?

— ס'ווענדט זיך אָן דר. בערמאַנען.

— ס'ווענדט זיך ניט אָן מיר, נאָר אָן דער פאַרוואַלטונג פון מײַן תלמוד־תורה. איך בין דאָרט אַ מנהל און ניט די פאַרוואַלטונג, — האָט בערמאַן זיך אַרײַנגעמישט אין שאַליטס רייד.

— געוויס זײַנט איר ניט די פאַרוואַלטונג, — האָט אים שאַליט געענטפערט — אָבער איר ווייסט דאָך, אַז די פאַרוואַלטונג וועט אײַך נאָכגעבן...

דר. בערמאַן האָט זיך אָנגעהויבן נאָכפרעגן בײַ שאָפּמאַנען, צי זי איז אַ גוטע לערערין, און שאָפּמאַן האָט זי זייער געלויבט. ער האָט באַזוכט אירע קלאַסן און זי געזען בײַ דער אַרבעט. אַזאַ שיינע שול־אַטמאָספערע, ווי ער האָט דאָרט געטראָפן, האָט ער נאָך אין ערגעץ ניט געזען.

ווען אַלע זײַנען געווען זיך צעגאַנגען, האָט בערמאַן ווידער צערעדט זיך מכּוח לאָהן. אָבער שאַליט האָט זיך ניט צוגעהערט. ער האָט געטראַכט מכּוח אַפּעלבוימען. ער האָט בײַ זיך געהאַט אַ פּעקל פּאַפּירן, מן־הסתם — נײַע לידער. ער האָט זיי מן־הסתם געוואָלט פאָרלייענען פאַר אים, פאַר שאַליטן,

אָבער, טרעפנדיק דאָ זײַטיקע מענטשן, האָט ער זיך צוריקגעהאַלטן. ליבער אַפּעלבוים! ווי גליקלעך ער איז געווען, ווען ער האָט דערזען זײַנע ערשטע לידער געדרוקט. ווי ווייניק עס פאָדערט זיך גליקלעך צו מאַכן אַזעלכע ייִנגלעך, ווי ער איז... ער האָט דערזען זײַן נאָמען געדרוקט שוואַרץ אויף ווײַס און — ער איז אַ גליקלעכער מענטש. אויף אַזויפיל גליקלעך, אַז אַפילו די מאָטיוון פון זײַנע לידער ענדערן זיך איצט: זיי זײַנען איצט פול מיט האָפענונגען. אַמאָל זײַנען זיי געווען פול מיט טרויער... אַזוי איז אויך די קליינע קאָרנפעלד. זי איז זײַן אינספּיראַציע, זײַן דערמוטיקונג. זי גיט אים אַפילו די טעמעס פאַר זײַנע לידער... גליקלעכע יוגנט!..

און געטראַכט האָט שאַליט מיט קנאה מכּוח דער גליקלעכער יוגנט, און אים איז גאָרניט אײַנגעפאַלן, אַז ער איז ניט פיל עלטער פון אַפּעלבוימען, און — אפשר זײַנען זיי אין די זעלבע יאָרן... דאָך האָט ער געפילט, ווי אַ סך מער יאָרן וואָלטן אים געהאַט פאַרבײַגעגאַנגען, און צוזאַמען מיט די יאָרן איז אויך אַוועק אַ סך פון זײַן ענטוזיאַזם, איבערהויפּט יענער מין ענטוזיאַזם, וואָס באַהערשט נאָך אַפּעלבוימען און קאָרנפעלדן... אָט בעט זיך נאָך קאָרנפעלד, אַז פאַרמסקי זאָל באַשרײַבן זײַנע רײַזע־אײַנדרוקן... אָט פאַרדריסט נאָך אַפּעלבוימען, וואָס פאַרמסקי וועט אויף אַ צײַט איבעררײַסן שרײַבן זײַנע אַרטיקלען אין זײַן צײַטונג... אַמאָל האָט ער, שאַליט, אויך געהאַט די פולע אמונה אין יעדן געדרוקטן וואָרט. האָט ער זיך אָבער מיט שרײַבער באַקאַנט... ווערטער פאַרראַטן מעשים, און מעשים — ווערטער... אפשר זײַנען גליקלעכער דידאָזיקע, וועלכע ווייסן דאָס נאָך ניט... אַן אויפריכטיק וואָרט, אינם ים פון ווערטער, איז נאָך זעלטענער ווי אַ פּערל אין דעם אָקעאַן... און שאַליט איז שוין אַ וואָרט־פישער געוואָרן... אפשר זײַנען גליקלעכער די יעניקע, וואָס קאָנען נאָך ניט אונטערשיידן...

פּערל־פישער... ס'איז אים געפעלן געוואָרן דאָס וואָרט. בערמאַן... לאה... אַלע, אַלע זײַנען פּערל־פישער. מע וואַרפט זיך מיטן קאָפּ אַראָפּ אין ים אַריין. מע זוכט, מע זוכט... מע ווערט שיעור ניט דערשטיקט... וואַלפישן לויערן אין ים... מע ריזיקירט אויך מיט זיי... און... ווען מע שווימט שוין צוריק אַרויס און מע זיפּט איבער דעם זאַמד... זעלטן זײַנען די גליקלעכע, וואָס געפינען אַ פּערל אויך...

אַרײַנגײענדיק צו זיך אין שלאָפצימער, האָט ער פאַרשריבן אין זײַן באָטיך־בוך:

„דער מוראדיקער סוד פונם לעבן: וואָס מער דערפאַרונג, אַלץ מער קאָמפּליצירטער ווערט ער. קאָמפּליצירטער מיט דערוואָרבענער דערפאַרונג ווערט אויך דער מענטש אין זײַן פאַרבינדונג מיטן לעבן...

„דער מענטש שטעלט זיך ניט צופרידן מיט די פּאָזיטיווע דערשײַנונגען פונם לעבן, נאָר ער מוז האָבן אַ גלויבן, אַ גאָט, אָדער געטער, וואָס זאָלן אים ברענגען פאַרשטעלונגען און אילוזיעס פון איבערנאַטירלעכע זאַכן, צו וועמען ער זאָל קענען ווידמען זײַן עגאָ. האָט דער מענטש צו וועמען צו דינען, דינט ער, און אויב ניט, איז ער אָן מוט און ניט פּראָדוקטיוו...

„א סך געטער פאַרמאָגט דער מענטש, אָבער ליבע איז דער גאָט, צו וועמען אַלע בוקן זיך, ליבע איז כולל אַלע אַנדערע געטער.

„אַפילו די, וואָס ווילן מבטל מאַכן אָט דעם גאָט, בוקן זיך אויך צו אים. און מאַכטיק איז אָט דער גאָט: קײַנער האָט אים נאָך ניט גובר געווען...

„און קרבנות פאַרלאַנגט ער פיל... הײַנט האָט זיך מײַנער אַ פרײַנט צו אים מקריב געווען... און דאָס פאַרשרײַב איך לזכרון...

„הײַנט וואָס איז דער דאָזיקער גאָט? וואָס אַזוינס איז די דאָזיקע מוראדיקע לײַדנשאַפט, וואָס גיט צו פאַרבן און מוזיק צו דעם אויסזען און אינהאַלט פון דער גאַנצער וועלט, ווען זי איז דאָ, און וואָס לאָזט אַלץ און אַלעמען אין דער פינצטער איבער, ווען זי פאַרשווינדט?..

„וואָס איז ליבע?

„און געגעבן ווערט פון אונדז די ליבע צו דער פרוי — און זי איז וואָס?

„וואָס אַזוינס איז די פרוי, אונדזער חברטע, אונדזער געליבטע, אונדזער ווײַב, וואָס צו איר ווידמען מיר דאָס נאָבלסטע פון אונדז, ניט פאַרשטייענדיק זי, ניט ווי סנדיק זי?

„וואָרים צו קאָנען זי, צו פאַרשטיין זי פעלט אונדז די מאָס צו מעסטן זי. אונדזער אייגענע מאָס איז פאַר איר ניט צוגעפּאַסט. אירע געדאַנקען זײַנען ניט אונדזערע געדאַנקען, אונדזערע געפילן — ניט אירע, אונדזער ליבע — ניט אירע, אונדזער לעבן — ניט אירער... ווער איז זי און וואָס איז זי?

„און אַז מיר מעסטן די פרוי נאָך דער מאָס פון אונדזער הנאה פון איר, דערקאָנען מיר זי? — מיר דערקאָנען אונדזער הנאה, אָבער ניט די פרוי...

„און אונדזער ליבע איז וואָס? — דאָס ווייסן מיר דאָך ניט. וואָרים מיר קאָנען דאָך ניט די דאָזיקע, ווער עס רופט זי אַרויס.

„וואָס איז איר ליבע? — דאָס ווייסן מיר דאָך אַוודאַי ניט.

„און אַז זיי באַנוצן זיך מיט דערזעלביקער שפּראַך, וואָס מיר געברויכן, קאָנען מיר זיך אויך ניט צונויפמענריידן, וואָרים דער באַדײַט פון די ווערטער איז גאָר אַן אַנדערער...

„פרויען־רייץ... זיי פאַרמאָגן אים, זיי קולטיווירן אים, זיי אַנטוויקלען אים... קולטיווירן זיי אָבער זייער אייגענע ליבע?

„געליבט צו ווערן? - יאָ! צו ליבן? - אַוודאי און אַוודאי! - אַזוי" זאָגט דער מאַן.

„אָבער די פּרוי - וואָס זאָגט זי? איז עס אמת, אַז איר אַרט ניט, אויב זי ליבט ניט, אַבי זי ווערט געליבט?..

„סודות, סודות... דער סאַמע תכלית, די סאַמע שיינקייט פונם לעבן איז אַרייַנגעטאָן אין זייער אינהאַלט און דאָך פאַרבלייַבן זיי סודות"...

שאַליט האָט פאַררויכערט אַ סיגאַרעט און האַלטנדיק אים אין מויל איז ער לאַנג געזעסן און געטראַכט.

פונם צווייטן צימער האָט זיך דערטראָגן דאָס שטאַרקע שנאָרכן פון דר. בערמאַנען...

פערטער קאַפּיטל

די וואָלקנס האָבן זיך געקליבן פון באַגינען אָן, געריקט זיך אַלץ נידעריקער און נידעריקער צו דער ערד, אָנגעהויבן צוערשט מיט אַ דריבנעם רעגן און דערנאָך אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ געדיכטן, שטאַרקן רעגן: די גאַסן האָבן אויסגעזען ווי גרויסע לוזשעס, אויף וועלכע עס האָבן געטאַנצט די רעגנטראָפּנס, געשאַפן דאָרט ווייבערירנדיקע קרייזן, וועלכע האָבן זיך צעשווומען פון קלענער צו גרעסער, אַריין אין די מחיצות פון איינעם אין דעם אַנדערן, געבראָכן זיך און געשאַפן ליניעס און וויבראַציע, געשאַפן דעם באַוועגלעכן דעקאָראַטיוון קונסט־אויסדרוק פון דער נאַטור...

די רעגנטראָפּנס האָבן הילכיק אָפּגעקלאַפּט אָן שאַליטס רעגנשירעם און דאָס האָט אים הנאה געטאָן. ער האָט שפּאַצירט לאַנגזאַם, זיך צוגעהערט צום רעגנגערויש, און עס האָט אָפּגעקלונגען אין זיינע אויערן מיט דער אָנגענעמקייט פון זכרונות פון אַמאָל, ווען ער פלעגט דאָרט, אין דער אַלטער היים, אין די קינדעריאָרן, פאַרברענגען די זומערן אין אַ פרוכט־סאָד און דאָרט ווינען אין אַ געצעלט. ער האָט געאָטעמט די ריחות פון פעלדער און גערטנער, די ריחות פון רויער, פרוכטבאַרער ערד, און דאָס רוישן פונם רעגן איבער די ליייוונטענע ווענטלעך פונם געצעלט האָט אָפּגעקלונגען מיט דער מוזיק פון פעלד און גאָרטן, ווען זיי באָדן זיך, וואַשן זיך און זויפן זיך אָן מיט געזונטן, פרישן רעגנזאַפט.

און די זכרונות פון פעלד און גאָרטן האָבן דערוועקט אין אים אויך די בענקשאַפט נאָך זיי און ער האָט אָנגעהויבן פאַרטראַכטן זיך, ווי אַזוי אָט די בענקשאַפט צו באַפרידיקן.

ער האָט אינדערפרי דערהאַלטן אַ טעלעגראַמע – אַן איינלאַדונג צו קומען קיין עדינבורג און האַלטן דאָרטן אַ רעפעראַט פאַר דער דאָרטיקער יידישער סטודענטישער גרופּע. ער האָט נאָך אויף דער טעלעגראַמע ניט געענטפערט. האָט ער איצט אָנגעהויבן האַלטן אַ ישוב־הדעת, צי ער זאָל אָננעמען די איינלאַדונג, אויסניצן די געלעגנהייט. און וויבאַלד ער וועט שוין יאָ זיין אין עדינבורג – פאַרברענגען דאָרט עטלעכע וואָכן און מאַכן עקסקורסיעס צווישן די בערג און טאָלן פון סקאָטלאַנד.

אַגב ווערט אין לאָנדאָן איצט פּוסטער און ליידיקער. דער עולם האָט זיך שוין אָנגעהויבן צעפאָרן אויף דאַטשעס און ים=ברעגן. פון זײַן קרײַז באַקאַנטע איז מאַרגאָלין אַוועק גאַסטראָלירן איבער די פּראָווינץ=שטעט, קלאַרע איז אויך אַוועק ערגעץ, און ער ווייס ניט וווהין. זי האָט אָנגענומען אַ באַשטעלונג צו דעקאָרירן אַ פּאַלאַץ ערגעץ אין דער פּראָווינץ. דר. בערמאַן האָט חתונה און מיט אים פאַרשווינדט לאה אויך...

אָבער אײנײנעם מיטן חשק צו פאָרן האָט ער אָנגעהויבן צו באַטראַכטן אויך די מניעות, וואָס האַלטן אים צוגעבונדן צו לאָנדאָן און לאָזן אים ניט פאָרן. קודם=כּל — דער אוניווערסיטעט. ער וועט דאַרפן פּועלן, אַז מע זאָל אים צומאַכן אויף אַ פּאָר חדשים. צווייטנס — דער דעלעגאַטן=קאָמיטעט פון די רוסישע פּאָליטישע פליכטלינגע אין ענגלאַנד, פון וועלכן ער איז דער סעקרעטאַר און וועלכן אים וועט שווער זײַן איבערצולאָזן אויף אַ לענגערער צײַט.

זײַענדיק פאַרטיפט אין דידאָזיקע געדאַנקען, האָט ער ניט באַמערקט, ווי ער איז שוין צוגעקומען צו דעמפּסי=סטריט און ער איז שוין אַריבער דאָס הויז, וווהין ער האָט געזאָלט אַרײַן. ער האָט זיך אומגעקערט צוריק.

די הײַזער אויף דעמפּסי=סטריט זײַנען געווען צוויי=שטאָקיקע, נידעריקע, פאַררויכערטע, ברודיק=פינצטערע, און אַזוי ענלעך איינס צום צווייטן, אַז ס'איז אים געווען שווער אויסצוגעפינען רבי ראָדקערס הויז. אויסגעהאָלפן האָט אים דאָס שילדל: „ראַביי ראָדקער, מוהל ומסדר קידושין". דאָס שילדל איז, קאָנטיק, שוין זייער אַלט געווען; עס איז געווען פאַרראָסטעט און די אותיות אויף דעם האָבן זיך קוים אַרויסגעזען, ווי עס וואָלט געהאַנגען דאָרט, ניט ווײַל דאָס איז נויטיק געווען, נאָר בכּוח חזקה. און אויך אַלס אַ זכר פון די אַלטע צײַטן, ווען רבי ראָדקערס פרוי האָט נאָך געלעבט און זײַנע קינדער זײַנען נאָך מיט אים געווען. זײַן פרוי איז געשטאָרבן מיט אַ יאָר צוריק און די קינדער האָבן זיך צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט: אַמעריקע, אַוסטראַליע, דרום=אַפריקע. זיצט ער איצט איינער אַליין, אַרומגערינגלט מיט די שאָטנס פון אַמאָל, זוכט נחמה אין די אַלטע ספרים און וואַרט אויף דעם טאָג, ווען אויך זײַן נשמה וועט אויסגעלייזט ווערן... ער דאַרף שוין ניט מער דעם שילד אויף דער טיר, וואָרים ער דאַרף שוין בכּלל ניט פיל...

פון די געסט, וועלכע זײַנען פאַרבעטן געוואָרן צו בערמאַנס און לאהס חתונה, איז נאָך קיינער ניט געקומען. רבי ראָדקער איז געזעסן בײַם טיש און אַרײַנגעקוקט אין אַ ספר. דערזעענדיק שאַליטן, האָט ער דעם ספר אָפּגערוקט אָן אַ זײַט און געענטפערט אויף זײַן באַגריסונג.

— ס'זעט אויס, אַז איך בין צו פרי, — האָט שאַליט געזאָגט, — ס'איז נאָך קיינער ניטאָ.

רבי ראָדקערס אויפנאַם-צימער איז געווען זייער באַשיידן מעבלירט. אַחוץ דעם טיש, די פּאָר שטולן און די בענק, וואָס זיַינען געווען אויסגע־שטעלט אַרום די ווענט, איז דאָרט געשטאַנען אַן אָרון־קודש. דאָס האָט רבי ראָדקער נאָך זיַין פּרויס טויט באַשטעלט צו איר אָנדענק אַ ספר־תורה און אַ גאַנץ יאָר האָט מען ביַי אים אין הויז געדאַוונט. אַזוי טיַיער האָט ער איר אָנדענק געהאַלטן.

ער האָט זיך צערעדט מיט שאַליטן און ביַי אים געפרעגט, אויב ער דענקט, אַז גענעראַל קענסאָנס פּלאַן, צו אָרגאַניזירן יידישע לעגיאָנען צו קעמפן אַנטקעגן טערקיַי, וועט זיך איַינגעבן.

– ווער ווייסט? – האָט שאַליט געענטפערט – אַ סך אוממעגלעכקיַיטן זיַינען איצט דערמעגלעכט געוואָרן. פעלקער און מענטשן לעבן איצט ניט מיט זייער נאָרמאַלן לעבן, נאָר זיי ווערן געשלעפּט מיטן אימפּולסיוון אימפּעט פון די געשעענישן. עס וועלן זיך געוויס געפינען אַ סך יידן, וועלכע וועלן פאַר־כאַפּט ווערן פון דעם אַלגעמיינעם פעלקער־פיבער און זיי וועלן זיך אָנשליסן אָן אַזאַ אַרמיי.

מיט עטלעכע טעג צוריק האָט רבי ראָדקער געדרשנט אין אַ שול, אַז צו גיין מלחמה האַלטן מיט טערקיַי וועט הייסן סתם פאַרגיסן בלוט. דורך בלוט־פאַרגיסונגען וועט דער בית־המקדש ניט געבויט ווערן. און אַ בית־המקדש, געבויט אויף בלוט, איז קיין בית־המקדש ניט. די יידן האָבן פאַר זיך אויסגעקעמפט זייער מעמד צווישן פעלקער ניט וויַיל זיי זיַינען בלוט־פאַרגיסער, נאָר וויַיל זיי זיַינען פריידיקער פון שלום. אַ דורך בלוט אויסגעקעמפטער בית־המקדש, וועט זיַין ניט קיַין יידישער בית־המקדש. אַ תפלה וועט עס זיַין. די שכינה וועט דאָרט ניט רוען; זי וועט זיך אָפּקערן פון דאָרט. והא ראיה: דוד המלך דער קריגסמאַן האָט ניט זוכה געווען צו בויען דעם בית־המקדש. זוכה געווען האָט זיַין זון, שלמה, דער רודף־שלומניק.

און ווידער האָט גערעדט רבי ראָדקער: און אַז ארץ־ישראל וועט אַרי־בער פון דעם טערקס רשות אין דעם רשות פון ענגלאַנד, וועט דורכדעם קיַין גאולה ניט קומען. „היט זיך", האָט ראָדקער געוואָרנט, „פאַר דער ממשלה פון קריסטן איבער ארץ־ישראל!" זיי זיַינען ווי רויב־פייגל, וועלכע לאָזן פאַר עמיצן אַנדערש ניט איבער פון זייער רויב. זיי וועלן ניט געדולדן קיַין יידישע ממשלה איבער דעם הייליקן לאַנד, וויַיל זיי רעכענען זיך, אַלס קריסטן, אַלס די געזעצלעכע יורשים פון דעם הייליקן לאַנד. היט זיך פאַר קריסטן בכלל! מיט די מאַכמעדאַנער האָבן מיר נאָך אַמאָל געלעבט בשלום, אָבער מיט די קריסטן קיינמאָל ניט. העלפט ניט חרוב מאַכן די טערקישע מלוכה, וועלכע איז תמיד פריַינטלעך געווען צו אונדז. זכור את סאַלאָניקי! הונדערטער יאָרן האָבן

דאָרט יידן געלעבט בשלום ושלוה אונטער דער ממשלה פון טערקײַ, און ווי נאָר גריכנלאַנד איז אַהין אַרײַן, האָט מען אונדז פּאָגראָמירט...

רבי ראָדקערס קול האָט געקלונגען ווי דער קול פון אַ נביא. אויפן עולם האָט עס געווירקט. די יידישע פּרעסע האָט וועגן אָט דער רעדע ניט געשריבן צוליב מלחמה-צענזור און סתם יידישע פּאָליטיש-טאַקטישע טעמים. אָבער זײַנע ווערטער זײַנען אַריבער פון מויל צו מויל און זיי האָבן שווער געמאַכט געמיטער. אויף אַזויפיל שווער געמאַכט, אַז די דזשוּאיש-באָארד-אָווו-דעפּיוטיס האָט געשיקט שלוחים צו אַלע יידישע שולן און געזעלשאַפטלעכע פּלעצער און מזהיר געווען, אַז מע זאָל רבי ראָדקערן מער ניט צולאָזן צו דרשענען... דאָס איז דאַן געטאָן געוואָרן, ווען רבי ראָדקער איז אַ פריער גערופן געוואָרן צום רב-הכולל און ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו געבן זײַן וואָרט, אַז ער וועט אַזעלכעס מער ניט ריידן...

– גאָטס וועגן זײַנען פאַרהוילן, – האָט רבי ראָדקער געזאָגט צו שאַליטן – און אין יעדער קללה קאָן ליגן דאָס קערנדל פון אַ ברכה. איז דאָך אין דער גאָר גרויסער קללה פון „כולו חייב” פאַרהוילן די ברכה פון „ביאת המשיח”... אפשר איז דאָס דער „קץ”?...

– דער „קץ” זיכער נישט. – האָט שאַליט געענטפערט – מענטשן האָבן זיך אַ רוק געטאָן אויף עטלעכע הונדערט יאָר צוריק...

– דהיינו?

– פּשוט, די מענטשלעכע מוחות זײַנען געוואָרן מטושטש. אַ סך פון די אָנגעזאַמלטע מענטשלעכע קולטור-אוצרות ווערן איצט פאַרגעסן און פאַרוואָרפן. עס וועט נעמען לאַנג, ביז וואַנעט מע וועט זיך כאַפּן צו אַפילו דעם פאַר-מלחמה-שכל, אַ פּשיטא שוין גיין ווײַטער...

– פאַרוואָרפן ווערן שקרים. – האָט רבי ראָדקער געענטפערט – און אמתן ווערן אויך איצט געזוכט... אמתן קאָן מען ניט פאַרוואַרפן! תורת משה לעבט שוין טויזנטער יאָרן און פאַרוואָרפן איז זי ניט. די מענטשן וועלן זיך צוריקקערן צו גאָט. די איצטיקע צרות זײַנען אַ פורעניות פאַר די שקרים פון דער ציוויליזאַציע, און מענטשן געמען אָן די פורעניות און זיי וועלן, באין ברירה, חרטה האָבן אויף די שקרים...

– הלוואַי וואָלט איך געקאָנט האָבן אײַער אמונה, – האָט שאַליט געענטפערט. – איך זע, ווי די איצטיקע צרות מאַכן מוחות מטושטש און אָן קלאָרקײַט פון פאַרשטאַנד ווייס מען ניט דעם חילוק צווישן „ברוך מרדכי” און „ארור המן”...

– אַזוי ווי פײַער לײַטערט גאָלד, לײַטערן יסורים די נשמה... – האָט רבי ראָדקער קורץ געענטפערט.

שאַליט האָט רבי ראָדקערן אויפמערקזאַם באַטראַכט: זײַנע האָר זײַנען געװען אײַנגאַנצן גרוי, דאָס פּנים – פול מיט קנײטשן, דאָך האָבן די אויגן געלויכטן מיט אַ יוגנטלעכן פײַער. אמונה... און שאַליט האָט געטראַכט, אַז צרות מאַכן אפשר שטאַרקער מענטשן. זײ שטאַרקן אָבער די שטאַרקע בלויז און זײ פאַרטיליקן די שװאַכע...

אין צימער זײַנען האַסטיק אַרײַן שאַפּמאַן און װילענסקי. ביידע, קאָנטיק, זײער אויפגערעגט. ביי װילענסקין איז דער הוט געלעגן אויפן שפּיץ קאָפּ. זײ האָבן אָפּגערופן שאַליטן אָן אַ זײַט און װילענסקי, פּאַרסאָפּעט, האָט אים אַרײַנגערוימט אין דער שטיל, אַז לאה איז אין דרויסן און זי װיל מיט אים ריידן.

שאַליט איז שנעל אַרויס. לאה האָט שפּאַצירט איבערן טראָטואַר און, דערזעענדיק אים, האָט זי זיך האַסטיק געלאָזט גײן אין זײַן ריכטונג.

– איך זוך אײַך אַרום אַ גאַנצן פרימאָרגן. – האָט זי געזאָגט – אומעטום בין איך געװען. בײַ אײַך אינדערהיים, אין אײַער שול... איך בין אַזוי צופרידן, װאָס ענדלעך האָב איך אײַך געפונען.

– װאָס איז געשען? – האָט שאַליט געפרעגט.

– שאַליט!.. פאַראורטײלט מיך ניט!.. אָבער... הײַנט האָט געזאָלט זײַן מײַן חתונה... אָבער... איך קען ניט... איך קען ניט... איך און בערמאַן... פאַרשטײט... ס׳איז דאָך אַזוי אומגעלומפּערט... שרעקלעך...

איר אָטעם איז געװען פאַרשטיקט. זי האָט מער ניט געקאָנט ריידן. שאַליט האָט געװאַרט.

– יאָ?.. – האָט ער געפרעגט.

– איר קוקט אויף מיר מיט אַזוי פיל פאָרורטײל... איך זע... איך האָב זיך געריכט... אפשר זײַנט איר גערעכט... איך װײס ניט... געװיס בין איך שולדיק... אָבער ביז הײַנט האָב איך זיך מיט זיך אַליין געראַנגלט.. איך האָב ניט געהאַט דעם מוט צו זאָגן אים... ניט געקאָנט... אָבער אַז ס׳איז געקומען דערצו... הײַנט... װי קען איך!.. שאַליט, איך בעט אײַך... איך האָב שוין מײַן בילעט... מײַנע זאַכן זײַנען שוין אויף דער באַן־סטאַנציע... איך װעל פאַרשװינדן... איר זײַנט בערמאַנס אַ פרײַנט... רעדט איר צו אים... איך קען ניט... איך קען ניט...

זי האָט געשלונגען די טרערן. איר גאַנצער קערפּער האָט געציטערט.

ס׳האָט זיך אין שאַליטן דערװעקט אַ געפיל פון רחמנות צו דער דאָזיקער שװאַכינקער מײדל.

– איר האָט מיך ניט איבערראַשט, – האָט ער געזאָגט. – אָבער פאַרװאָס עפּעס איך?..

— שאַליט, איך בעט אײַך!.. איך ווייס... איך ווייס, אַז איך בין שולדיק... אָבער... ניט פון מײַנטוועגן... טוט עס פון בערמאַנס וועגן...

— פון בערמאַנס וועגן... — האָט שאַליט איבערגעשלאָגן אירע רייד־טאַקע פון זײַנטוועגן... איר זײַנט בראַוו גענוג, אַז ווײַט, זײַנט בראַוו גענוג צו באַגעגענען אים... איך מיין ניט, אַז איר זײַנט מחויב חתונה צו האָבן מיט אים, אָבער צו אַנטלויפן ווי אַ פחדן און איבערלאָזן דאָס איבעררײדן מיט אים צו עמיצן אַנדערש... אַנטשולדיקט, אָבער איך קאָן אײַער שליחות ניט אָננעמען.

ער האָט זיך אומגעקערט און געוואָלט אַוועקגיין. זי האָט אים געכאַפּט פאַר אַ האַנט.

— שאַליט!.. איך בעט אײַך!.. קיין אַנדערער אַחוץ אײַך וועט עס ניט קענען טאָן... איר וועט עס אים קאָנען געבן צו פאַרשטיין... איך טראַכט וועגן אים... ער איז אַזאַ עמפינדלעכער... אַ שוואַכינקער... איך וויל ניט, אַז בערמאַן זאָל זײַן אין כעס... איך וויל, אַז ער זאָל פאַרשטיין... ס׳וואָלט דאָך פאַר אים אויך געווען אַן אומגליק... איר פאַרשטייט...

— יאָ, איך פאַרשטיי... — איז שאַליט אומגעדולדיק געוואָרן — אָבער וואָס ווילט איר פון מיר? וואָס פאַר אַ שײַכות האָט עס צו מיר? ס׳איז אײַער אייגענער ענין. בלויז אײַערער! ווו איז בערמאַן אַצינד?

— איך ווייס ניט. מן הסתם וואַרט ער אויף מיר בײַ מיר אין דער היים.

— טאָ קומט און איך וועל אײַך באַגלייטן אַהיים.

— אַהיים?... אוי, דאָס ניט!... ניט דאָרט!... מײַן מאַמע איז אויך דאָרט...

— איר זײַנט מחויב אויך אײַער מאַמען צו באַגעגענען!

— איך קאָן ניט!... איך קאָן ניט!... שאַליט!...

— דאַן, זײַנט אַזוי גוט און באַפרײַט מיך! אַ גוטן טאָג!

— איין מינוט, שאַליט!... — און זי האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג — וועט איר מיט מיר מיטגיין?...

ער האָט אַ ווײַלע געטראַכט.

— לאָמיר גיין! — האָט ער געענטפערט.

* * *

אין דעמזעלביקן אָוונט האָט שאַליט אַוועקגעשיקט אַ טעלעגראַמע קיין עדינבורג, אַז ער וועט קומען האַלטן פאַר זיי דעם געבעטענעם רעפעראַט, און

אַזוי ווי ער האָט בדעה צו פאַרבלײַבן אין סקאָטלאַנד אויף עטלעכע וואָכן, וועט ער צופרידן זײַן צו האַלטן פאַר זיי עטלעכע רעפּעראַטן.

ער האָט אויך אָנגעשריבן אַ קורץ בריוול צו טאַמאַרע שניידער, אַז, היות ווי ער פאָרט אויף עטלעכע וואָכן קײַן עדינבורג, קאָן ער דעריבער קײַן באַשטימטס ניט ענטפערן איר אויף איר בריוו. ער האָפט אָבער שפּעטער צו קאָנען העלפן איר צו קריגן אַ לערער־שטעלע אין לאָנדאָן. אפשר וועט איר אויסקומען צו זײַן אין עדינבורג אין משך פון די קומענדיקע עטלעכע וואָכן? ס'איז דאָך זייער נאָענט פון לינקאָשייר...

פינפטער קאַפּיטל.

שאַליט איז געשטאַנען בײַם פענצטער פון זײַן צימער, אַרויסגעקוקט אין דרויסן און אומגעדולדיק געוואַרט אויף פּאַרמסקין און ווילענסקין, מיט וועמען ער האָט אָפּגערעדט צוזאַמען צו פאָרן קײַן עדינבורג.

פּאַרמסקי, וועלכער האָט זיך במילא פאַרשפּעטיקט מיט זײַן רײַזע, האָט, דערוויסנדיק זיך, אַז שאַליט קלײַבט זיך אויך צו פאָרן קײַן סקאָטלאַנד, אָפּגעלייגט זײַן נסיעה אויף נאָך עטלעכע טעג, כּדי צו פאָרן מיט אים צוזאַמען. ער האָט אויך צוגערעדט ווילענסקין, אַז ער זאָל מיטפאָרן. אויך גוסטאָן האָט געזאָלט מיטפאָרן, אָבער אַזוי ווי די יערלעכע אויסשטעלונג פון דעם לאָנדאָנער קונסט-פאַריין וועט זיך עפענען אין עטלעכע טעג אַרום, איז ער איבערגעבליבן וואַרטן אויפן רעזולטאַט, צי מע וועט אַהין צולאָזן זײַנע אַרבעטן, וואָס ער האָט צוגעשיקט. אַזוי ווי גוסטאָן איז ניט קײַן מיטגליד פון דעמדאָזיקן פאַריין, האָט ער געוווּסט, אַז ער האָט קנאַפּע שאַנסן רעפּרעזענטירט צו זײַן אויף דער אויסשטעלונג. פּאַרמסקי האָט דערווײַל אָנגעהויבן צוגרייטן די געזעלשאַפטלעכע מיינונג, אַז אויב גוסטאָנס אַרבעטן וועלן ניט צוגעלאָזט ווערן צו דער אויסשטעלונג, איז עס דערפאַר, וואָס דער אַנטיסעמיטיזם הייבט אָן שטאַרקער אַרײַנצודרינגען אין ענגלאַנד און ער איז פאַרשפּרייט אַפילו אין די אַרטיסטישע קרײַזן, וועלכע זײַנען ביז איצט געווען יידן-פרײַנטלעך. דורכדעם האָט ער געוואָלט געבן אַן איבעריקן קלאַפּ צו די פּאַרטרעטער פון דער אַנגלאָ-דזשואיש באָאַרד אָוו דעפּיוטיס, וועלכע ציטערן צו קוקן דעם אמת גלײַך אין די אויגן אַרײַן און זיי לייקענען שטיין און ביין, אַז אין ענגלאַנד קאָנען געמאָלט זײַן אַנטיסעמיטישע טענדענצן, און וועמעס אַסימילאַטאָרישע אָנשויזונגען און מה-יפית-פּאָליטיק פּאַרמסקי האָט באַקעמפט.

דער זייגער האָט געקלונגען צוועלף און די באַן גייט אָפּ קײַן סקאָטלאַנד אין אָנדערטהאַלבן שעה אַרום. שאַליט האָט באַשלאָסן צו וואַרטן ניט מער ווי נאָך פופצן מינוטן, און אויב זײַנע באַגלייטער וועלן ביז דאַן נאָך ניט קומען, פאָרט ער אַליין.

ס'איז געוואָרן אַ קלאָרער, ליכטיקער טאָג. דער אין לאָנדאָן זעלטענער גאַסט, די זון, האָט פריילעך אַרײַנגעלויכטן דורכן פענצטער. האָבן נאָך אָבער די טראָפּנס פונם רעגן, וואָס האָט געגאָסן אינדערפרי, ניט באַוויזן אָפּצוטרי-קענען זיך פון די בלעטער פון די ביימער, און זיי האָבן אָפּגעשײַנט מיט

אַלערליי קאָלירן. דער דרויסן האָט אויסגעזען פריש, פאַרפוצט, יומטובדיק אָפּגעוואַשן. ער האָט געצויגן צו זיך. אין פאַרק האָבן זיך געשפּילט קינדער און אָנגעפילט די לופט מיט הילכיקע, לוסטיקע קולות. ס׳האָט שאַליטן געצויגן צו זײַן וואָס שנעלער אין ברייטן, פרײַען דרויסן; וואָס שנעלער אַרויסרײַסן זיך פון דער גרויער, פאַרמויערטער שטאָט און אַוועקיאָגן זיך מיט דער באַן איבער די גרינע, זאַפטיקע פעלדער און לאָנקעס, וואָס ליגן אויפן וועג צווישן לאָנדאָן און סקאָטלאַנד. אָט די נײַגעריקייט האָט אים נאָך אומגעדולדיקער געמאַכט און אים האָט שוין פאַרדראָסן, וואָס ער האָט באַשטימט צו טרעפן זיך מיט פאַרמסקין און ווילענסקין בײַ זיך אין דער היים און ניט אויף דער באַן-סטאַציע.

פאַרמסקי איז געקומען אַליין. ער האָט דערציילט, אַז ער האָט ווילענסקין ניט געזען פון נעכטן אָן און אַז ער האָט באַשטעלט אַן אַוטאָמאָביל, צו קומען און אָפּפירן זיי צו דער סטאַציע, אויף פונקט אַ פערטל נאָך צוועלף אַזייגער.

– אויב ווילענסקי וועט דאָ ניט זײַן באַצײַטנס, וועלן מיר אויף אים ניט וואַרטן. – האָט שאַליט געזאָגט.

– אויף ווילענסקין קען מען זיך ניט פאַרלאָזן. – האָט פאַרמסקי געזאָגט. – ער איז אַן אויסערגעוויינטלעכער בטלן. מיר וועלן איבערלאָזן אַ צעטעלע פאַר אים, אַז ער זאָל קומען גלײַך צו דער סטאַציע, און אויב ניט, זאָל ער נעמען אַ שפּעטערדיקן צוג.

– שרײַבט איצט אָן דאָס צעטעלע! – האָט אים שאַליט געאײַלט, – ווײַל שפּעטער וועט קיין צײַט ניט זײַן. אָן קומט שוין אויך דער אַוטאָמאָביל, וואָס איר האָט באַשטעלט.

ווילענסקי איז אָנגעקומען, ווען זיי זײַנען שוין געזעסן אין אַוטאָמאָביל. דער הוט איז בײַ אים געלעגן אויפן שפּיץ קאָפּ און די קעשענעס פון זײַן ראָק זיינען געווען פול אָנגעשטאָפּט מיט פאַפּירן און צײַטונגען. דער ראָק איז אויף אים געהאַנגען משונהדיק, ווי ס׳וואָלט געווען אַן אָנגעבלאָזענער זאַק. ער איז געלעגן שטײַף איבער די צעקנייטשטע, קיינמאָל ניט געפּרעסטע, ברייטע הויזן, וואָס האָבן געציטערט אין טאַקט מיט זײַן גאַנג, און ווערנדיק פונאַנדערגעבלאָזן פונם ווינט, האָבן זיי אָפּגעדעקט אַ ווײַסע זאָק, וואָס האָט זיך אַראָפּגערוקט אויף זײַן שוואַרצן באַשטויבטן שוך.

ווילענסקי איז געגאַנגען לאַנגזאַם און אײַנגעבויגן אונטער דער מאַסע פון אַ שווערן טשעמאָדאַן, וואָס איז געווען צעריסן אין איין אָרט און פון דער לאָך האָט אַרויסגעשטעקט דער שפּיץ אַרבל פון אַ העמד.

– ווען איר קומט מיט איין מינוט שפּעטער, וואָלט איר אונדז שוין דאָ ניט געטראָפן. – האָט אים פאַרמסקי געזאָגט.

— וואָס אײַלט איר זיך אַזוי? — האָט ווילענסקי זיך געוווּנדערט און, אַרויסנעמענדיק דעם זייגער פון קעשענע, האָט ער צוגעגעבן: — ס'איז ערשט אַ פערטל צו צוועלף. מיר האָבן נאָך גענוג צײַט.

— שוין צײַט פאַר אײַך אויסצולערנען זיך ניט צו פאַרלאָזן זיך אויף אײַער זייגער, — האָט אים פאַרמסקי געענטפערט — אײַער זייגער, דוכט מיר, האָט נאָך קיינמאָל ניט באַוויזן צו האַלטן די ריכטיקע צײַט. קומט שנעל אַרײַן אין אַוטאָמאָביל און מיר וועלן פאָרן.

אין זייער וואַגאָן זײַנען קײַן סך רײַזנדיקע ניט געווען און זיי האָבן באַקראָגן אַ קופּע פאַר זיך אַליין. ווילענסקי האָט זיך אויסגעצויגן אויפן באַנק.

— מע קאָן זיך דאָ מאַכן היימיש, — האָט ער געזאָגט, — אַ מחיה! — און שפּעטער, ווענדנדיק זיך צו פאַרמסקין, האָט ער אָנגעהויבן דערציילן: — איך בין הײַנט געגאַנגען הערן גענעראַל קענסאָנס אַ דרשה. ער רעדט: פלאַם־פײַער! הײַנט איז ער שוין אַרויס מיט אָפענע דיבורים און ער האָט אויפגעפאָדערט די פאַרזאַמלטע צו חתמענען זיך אויף אַ פּעטיציע צו דער ענגלישער רעגירונג, אַז זי זאָל דערלויבן גרינדן אַ יידישן לעגיאָן. ער רופט צו מלחמה און אין דערזעלביקער צײַט שיט ער מיט פּסוקים פונם תנ"ך און מיט מאמרים פון תלמוד וועגן אייביקן שלום. דאָך אַ גוי... אַלע שרײַען, אַז די איצטיקע מלחמה איז אַ מלחמה פאַרן אייביקן פרידן און ער שרײַט אַלעמען נאָך. איך האָב אים דערקלערט, אַז בײַ יידן קאָן אַזאַ סתירה ניט זײַן. יידן קאָנען זיך שלאָגן פאַר פרײַהײַט, פאַר זייער לאַנד, פאַר דער אמונה, אָבער ניט פאַר שלום. שלום איז בײַ אונדז אַ דבר שבקדושה און סע ווערט דערגרייכט אַלס אַ שכר פאַר יראת־השמים, פאַר אויפהיטן די תורה, פאַר אַרבעט, גמילות־חסדים, צדקה, ליבע און גוטע מידות בכלל. אָבער שלום וועט קיינמאָל ניט דערגרייכט ווערן דורך מלחמות. דאָס הייסט — שלום וועט, לויטן יידישן גלויבן, דערגרייכט ווערן דורך דער דערהויבונג פון מענטשן, אַזוי אַז די וועלט וועט צוערשט מוזן ווערן כולה זכאי... דאַן וועט משיח קומען. אַזוי האָב איך אים אויפגעקלערט. ער האָט מיך אָבער ניט פאַרשטאַנען. פאָרט אַ גוי... דאָך איז ער אַן אמתער טיפּ פון די חסידי אומות העולם.

שאַליט האָט זיך צו ווילענסקיס רייד ניט צוגעהערט. ער האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער. דער צוג האָט זיך געטראָגן איבער אַ הויכן בריק איבער די הײַזער און גאַסן פון שטאָט, וועלכע האָבן אויסגעזען גרוי און שטויביק, מעלאַנכאָליש און מאָנאָטאָן אין זייער שטיינערנער אײַנפאַרביקער פאַרגליווערטקײַט. און שאַליטן האָט זיך געדוכט, ווי זיי וואָלטן געשעפּטשעט און געבעטן זיך רחמים:

— גיט אונדז אַ ביימעלע, גיט אונדז אַ ביסל גראָז, גיט אונדז אַ ביסל לופט, אַ ביסל שאָטן, אַ ביסל פון פעלד און וואַלד־חיות...

— טרעפט ווען עמען איך האָב געטראָפן מיט גענעראַל קענסאָנען?... אײַך וואָלט זיך עס גאָר קיינמאָל ניט געגלויבט... — פון גרויס התפעלות איז ווילענסקי אַזש אויפגעשפּרונגען פון זײַן אָרט, — דר. בערמאַנען!... וואָלט איר זיך עס געקאָנט משער זײַן?... בערמאַן איז איצט קענסאָנס רעכטע האַנט! בערמאַן טוט פאַר קענסאָנען די גאַנצע אָרגאַניזאַטאָרישע אַרבעט; ער פאַרפאַסט זײַנע אויפרופן און צירקולאַרן, ער שטעלט צו די אינפאָרמאַציע צו דער פּרעסע, ער אָרגאַניזירט די דעמאָנסטראַציעס און מאַסן־פאַרזאַמלונגען, ער פאַרהאַנדלט מיט די יידישע אָרגאַניזאַציעס... און באַלד, זאָגט ער, וועט ער מאַכן אַ טור איבערן לאַנד, צו אָרגאַניזירן מאַסן־פאַרזאַמלונגען און קלײַבן חתימות אויף קענסאָנס פּעטיציע צו דער רעגירונג. און ווייסט איר, וואָס אַ חתימה אויף דער פּעטיציע מיינט? עס מיינט, ניט מער און ניט ווייניקער, ווי דאָס פּרײַוויליקע אָנשליסן זיך אָן דער ענגלישער אַרמיי. „איך, דער אונטערגעחתמעטער", שטייט דאָרט געשריבן, „אַפּעליר צו זײַן מאַיעסטעטס רעגירונג אַרײַנצונעמען מיך אין דער ענגלישער אַרמיי, בתנאַי, אַז מיר זאָל אויסקומען צו דינען אין די יידישע באַטאַליאָנען, וועלכע זאָלן געשיקט ווערן מלחמה צו האַלטן אין פּאַלעסטינע אָדער אויף אַנדערע סטראַטעגישע פּונקטן, וואָס וועלן געבויט ווערן קעגן טערקײַ, מיטן אָבזיכט אָפּצונעמען ביי איר פּאַלעסטינע"...

— אָרעמער דר. בערמאַן, — האָט פּאַרמסקי געזאָגט. — זינט זײַן אַנטוישונג מיט לאה צייטקין, איז ער ניט מיט אַלעמען... ער איז געוואָרן מטושטש... אַנומלט האָב איך אים געטראָפן שיכור. ער איז זייער אַ שוואַכינקער מענטשעלע און זייער אַן עמפּינדלעכער דערצו. פאַר מיר איז קײַן וווּנדער ניט, וואָס ער איז צוגעשטאַנען צו קענסאָנען...

שאַליטן האָט פאַרדראָסן, פאַרוואָס בערמאַן איז געוואָרן אַ טעמע פאַר רכילות־טרײַבערײַ פאַר ווילענסקין, און איבערהויפּט פאַר פּאַרמסקין. וואָרים דער אמת איז, אַז בערמאַן האָט זיך נאָך פריער אינטערעסירט מיט קענסאָנס פּלענער און איז פאַר זיי באַגײַסטערט געווען. האָט שאַליט דעריבער געענדערט די טעמע פונם געשפּרעך, פרעגנדיק בײַ ווילענסקין, וואָס עס הערט זיך מכּוח זײַן פּראָיעקט צו גרינדן אַ זשורנאַל פאַר יידישער וויסנשאַפט. ווילענסקי איז מער ווי צופרידן געווען צו ריידן איבער דעמדאָזיקן ענין.

— דערווײַל איז עס נאָך ניט מער ווי אַ פּראָיעקט. אָבער איצט האָב איך שוין מער אויסזיכטן אויף דערפאָלג. איך האָב געקראָגן אַ רעקאָמענדאַציע צו ליידי בענטלינג און מיר האָט זיך אײַנגעגעבן צו פאַראינטערעסירן זי מיט דעם זשורנאַל. אַ וווּנדערלעכע פרוי, אָט די ליידי בענטלינג. זי פאַרקערט אין די העכסטע ענגלישע אַריסטאָקראַטישע קרײַזן. זי ווערט אַפילו אײַנגעלאַדן צו די אָפיציעלע קיניגלעכע פײַערונגען און אויפנאַמעס. דאָך אינטערעסירט זי זיך

מיט יידישע ענינים. אַ סך יידישע קולטור־און צדקה־אַנשטאַלטן וואָלטן זיך אָן אירע בײַשטײַערונגען געמוזט צומאַכן. און אַליין איז זי אַזוי באַשיידן, קיין זאַך גייט ניט אויף איר נאָמען, נאָר אויפן נאָמען פון איר פאַרשטאָרבע־נעם מאַן.

— אַ ברירה האָט זי צו געבן, — האָט זיך פאַרמסקי אַרײַנגעמישט, — וויבאַלד אַז דער פאַרשטאָרבענער לאָרד בענטלינג האָט אין זײַן צוואה אָפּ־געזאָגט, אַז אַ העלפט פון די הכנסות פון זײַנע גיטער זאָל צעטיילט ווערן אויף יידישע צדקה־און קולטור־אַנשטאַלטן, לויט דער אָנווײַזונג פון דעם טשיף־ראַביי. אײַער צנועה איז אויף אַזויפיל יידישלעך, אַז זי וואָלט מיט פאַרגעניגן חתונה געהאַט מיט אַ גוי, ווען לאָרד בענטלינג וואָלט זי ניט באַוואָרנט אין זײַן צוואה, אַז טאָמער טוט זי עס, פאַרלירט זי איר חלק פון דער ירושה, וואָס מיינט גלײַכצײַטיק, איר גאַנץ פאַרמעגן. לאָרד בענטלינגן איז איר צנועהדיקײַט געווען באַקאַנט. זי האָט נאָך פאַר זײַן לעבן געפירט לינקע ליבעס מיט גוים. אַ פשיטא שוין איצט... אויב איר ווילט באַקומען אירס אַ סובסידיע פאַרן זשורנאַל, דאַרפט איר זיך ווענדן ניט צו איר, נאָר צום טשיף־ראַביי. ער איז דער באַלעבאָס.

— דאָס שרעקט מיך ניט אָפּ. — האָט ווילענסקי געענטפערט. — איך קאָן אומעטום צוקומען. אויב ס'וועט זיך ווענדן אָן טשיף־ראַביי, וועל איך גיין צו אים. זָבער ס'וועט ניט נויטיק זײַן, ווײַל כ'האָב געהאַט אַן אינטערוויו מיט לײַדי בענטלינג און זי האָט מיר בפירוש פאַרשפּראָכן אַ סובסידיע. אויך דער אײַנדרוק, וואָס זי האָט אויף מיר געמאַכט, איז ניט געווען אַזאַ ווי איר שטעלט זיך פאָר. נאָך די פראַגן, וואָס זי האָט מיר געשטעלט, האָב איך גע־דרונגען, אַז ניט נאָר איז זי באַהאַוונט אין יידישע ענינים, נאָר זי אינטערע־סירט זיך אויך מיט זיי. אַז זי קאָן העברעיִש, ווייס איך. אַז זי שטאָלצירט מיט דעם, וואָס זי שטאַמט פון אַ סך דורות יידן לומדים און רבנים, האָט זי מיר אַליין געזאָגט.

שאַליט האָט זיך דערמאָנט, אַז מיט אַ צײַט צוריק איז אין פאַרמסקיס צײַטונג געווען געדרוקט אַן אינטערוויו מיט דערזעלביקער פרוי. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט לײַדי בענטלינג, דורך איר סעקרעטאַר, פאַרעפנטלעכט אַ דער־קלערונג אין „דזשואיש קראָניקל” און אָפּגעלייקנט די באַהויפּטונגען, וואָס זײַנען אין איר נאָמען געווען פאַרעפנטלעכט אין פאַרמסקיס צײַטונג. זי האָט אויך געלייקנט, אַז זי האָט געגעבן אַן אינטערוויו צו וועמען עס איז פון די פאַרטרעטער פון דעמדאָזיקן בלאַט. פאַרמסקי האָט, נעבעך, געמוזט צוריקציען די באַהויפּטונגען פון זײַן צײַטונג, אַרויסדרייענדיק זיך מיט אַ דערקלערונג, אַז אין דער ווירקלעכקײַט איז עס ניט געווען קיין אינטערוויו, נאָר אַ פעליעטאָן, און דאָס האָט דער בחור־הזעצער דורך אַ טעות פאַרביטן די יוצרות...

„ניט בחינם איז פאַרמסקי אויף איר אין כעס...” – האָט זיך שאַליט געטראַכט.

ווילענסקי האָט פון אַ קעשענע אַרויסגענומען אַ געצייכנטן בויגן פּאַפּיר און האָט עס פונאַנדערגעשפּרייט אויף זײַנע קני.

– אָט האָב איך שוין – האָט ער געזאָגט – אַ צייכנונג פאַרן קעפּל פון מײַן זשורנאַל. ער וועט הייסן: „די מנורה”. דאָס איז אַ סימבאָלישע צייכנונג. געצייכנט האָט עס קלאַרע גורסקאַיאַ לויט דעם פּלאַן, וואָס איך האָב איר געגעבן. די מנורה ווערט אויפגעהאַלטן פון צוויי לייבן, וועלכע זײַנען אויפן דגל־יהודה. אין הינטערגרונט זעט זיך אַן אָדלער אין גסיסה און אַ האַלבע לבנה, וואָס פאַרגייט. דאָס סימבאָליזירט דעם אויפגאַנג פון יהדות און דעם אונטערגאַנג פון קריסטנטום און איסלאַם.

שאַליט האָט זיך געוווּנדערט, וואָס קלאַרע האָט מסכים געווען צו מאַכן אַזאַ צייכנונג. אַזאַ שאָוויניזם איז איר דערווידער.

– ס'איז אמת, – האָט ווילענסקי פאַרענטפערט קלאַרען, – אַז זי האָט זיך ניט געכאַפּט, אַז דאָסדאָזיקע צייכנונג קאָן אַזוי אויסגעטײַטשט ווערן. ווען איך האָב איר געגעבן מײַן פּלאַן, האָב איך עטוואָס אַנדערש געהאַט אין זינען. די מנורה האָט געזאָלט סימבאָליזירן דאָס אינערלעכע ליכט פון אַ מענטשלעכער נשמה. די לייבן האָבן געזאָלט סימבאָליזירן יידישקײַט. דאָס האָט געזאָלט הייסן, אַז דאָס יידישע נשמה־ליכט איז אַזוי שטאַרק, אַז עס נויטיקט זיך ניט מער אין די הימל־ליכטער. פאַרגייט דערפאַר די לבנה. און אַזוי ווי די יידישע מאָראַל שטיצט זיך אויף צדקה און יושר, ווערט געטויט דער אָדלער, וועלכער סימבאָליזירט מיט זיך רויב, רציחה, אויטאָקראַטיע. ערשט שפּעטער, ווען די צייכנונג איז שוין געווען פאַרטיק, האָב איך זיך געכאַפּט, אַז די האַלבע לבנה קאָן סימבאָליזירן דעם איסלאַם און דער אָדלער – קריסטנטום...

און שפּעטער, אַרײַנגייענדיק אין אַ התלהבות, האָט ווילענסקי אָנגעהויבן באַווײַזן, אַז ס'איז אַ ביאָלאָגישער געזעץ, אַז די יידישע ראַסע זאָל זײַן טיפזיניקער און נשמה־רײַכער פון די קריסטלעכע און איסלאַמישע פעלקער, ווײַל די יידישע קולטור איז אַ סך עלטער. חוץ דעם, האָבן די יידן, וווינענדיק צווישן די אומות העולם, איבערגענומען אויך דאָס ביסל אמת, וואָס די אומות העולם פאַרמאָגן, און די יידישע קולטור באַזיצט איצט דעם תמצית פון אַלע אמתן פון דער וועלט.

שאַליט האָט עס געלייקנט.–„די היפּאָטעזע”, האָט ער געזאָגט, „פון דער סופּעריאָרער מאָראַלישער און מוחדיקער אַנטוויקלונג פון באַשטימטע מענטשלעכע ראַסעס און משפּחות, טאָר קנאותדיק ניט אַרויסגעשטעלט ווערן אַלס אַן אומבאַשטרײַטבאַרער אַפּריאָרי־פאַקט, אַז זייערע באַשטימטע אידעעס זײַנען אמתער לגבי די אידעעס פון זייערע קעגנער, וועלכע פאַרטרעטן אַנדערע

(6)

אידעעס. כל זמן מיר האָבן נאָך ניט דערקאָנט דעם אַבסאָלוטן וועלט-אמת, קאָנען אַלע אָנגענומענע אמתן אַרויסצײַגן זיך פאַר פאַלש. און וואָס באַלאַנגט משהס ליכט, האָט עס נאָך ניט דעם אַבסאָלוטן כוח לגמרי צו פאַרטונקלען קריסטוסן, בודאַן, זאַראָאַסטערן, קאָנפוציוסן אָדער מאַכמעדן. יעדער איינער פון זיי פאַסט זיך צו צו די ספּעציפיש-נאַציאָנאַלע און טראַדיציאָנעלע סימ-פּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס פון אינדיווידועלע פעלקער און משפחות. אָבער קיין איינער פון זיי קאָן ניט ווערן אוניווערסאַל. דאַרפן זיי, על-פּי-יושר, לעבן בשלום. זאָלן זיי זיך זעלבסטשטענדיק און בשלום און אין האַרמאָנישן צו-נויפלעבן זיך אַנטוויקלען, וועט אפשר אַמאָל דערגרייכט ווערן דער וועלט-אמת.

ווילענסקי האָט, ווי זײַן שטייגער איז, ניט געלאָזט שאַליטן אויסריידן זיך. ער האָט זיך געהיצט און געפּרוּווט אומגעדולדיק אַרומלויפן איבערן וואַ-גאָן, און אין זײַן ווילן צו באַלאַנסירן זיך אַנטקעגן די שטויסן און טרייסלען פון דעם שנעל-לויפנדיקן צוג, האָט ער געמאַכט אַזעלכע משונהדיקע גרי-מאַסן, אַז פאַרמסקי האָט זיך ניט אײַנגעהאַלטן און זיך צעלאַכט. שאַליט איז גערן געווען, וואָס פאַרמסקי האָט זיך שפּעטער אויך אַרײַנגעמישט אין דער דיסקוסיע און אָפּגעווענדעט ווילענסקיס אויפמערקזאַמקייט צו זיך. האָט ער זיך אָפּגעקערט צום פענצטער און הנאה געהאַט פון דער וועלט פון גרין און גאָלד, דורך וועלכער דער צוג האָט זיך געטראָגן מיט מוראדיקער שנעלקייט.

די פאַרגייענדיקע זון האָט שוין אָנגעלייגט געדיכטע פאַרבן פון פּורפּור און פיאָלעט אויף די פעלדער און באַדעקט מיט גאָלד די פענצטער פון די פּויערישע ווײַסע און ציכטיקע הײַזער, וואָס זײַנען געשטאַנען פוןביידע זײַטן פון דער באַן-ליניע, ווען דער קאָנדוקטאָר איז געקומען אָנזאָגן, אַז אָוונט-ברויט ווערט דערלאַנגט, און זיי זײַנען אַלע אַוועק אין פּולמאַנס וואַגאָן. נאָכן עסן איז ווילענסקי דאָרט פאַרבליבן אויסצוטענהן זיך מיט אַ יידן פון מאַנטשעסטער, מיט וועלכן ער האָט זיך בײַם עסן באַקאָנט; שאַליט און פאַרמסקי האָבן זיך אומגעקערט אין זייער קופּע אַליין.

אויף דער קומענדיקער סטאַנציע איז אין זייער קופּע צוגעקומען נאָך אַ פּאַסאַזשיר, - אַ בלאָנדע ענגלישע מיידל, קורץ און פעט און געקליידט אין אַ נאַציאָנאַלן סקאָטישן קאָסטיום. אַז זי איז אַ פאַרמערקע, האָט מען גלײַך געקאָנט דערקאָנען נאָך איר פאַרברענטן פּנים און מגושמדיקע, כמעט מאַנסביל-שע הענט. פאַרמסקי האָט אָנגעהויבן מאַכן ציניש באַמערקונגען אויפן חשבון פון איר אַנטוויקלטער ברוסט און קורצן דיקן האַלדז און האָט פּרובירט פאַר-פירן מיט איר אַ געשפּרעך. דאָס מיידל האָט זיך פאַררויטלט און זיך אָפּגע-קערט צום פענצטער. באַמערקנדיק אַ מינע פון אומצופרידנקייט אויף שאַליטס פּנים, האָט פאַרמסקי פון דער מיידל זיך צוריקגעצויגן. ער איז באַלד אַרײַן

אין אַ געמאַכטער סענטימענטאַלער שטימונג און האָט אָנגעהויבן אויף אַ מעלאָ־דראַמאַטישן שטייגער צו דערציילן די געשיכטע פון זײַן ערשטער ליבע:

— ס'איז געווען אין רוסלאַנד. איך בין געשטאַנען צום פּריזיוו. איר ווייסט דאָך, ווי הפקרדיק פּריזיוווניקעס פירן זיך אויף; נו, האָבן מיר געלעבט!.. דאָס שטעטל איז געווען קליין, און בחורים — זייער ווייניק. די מערסטע בחורים זײַנען געווען צעפאָרן אין אַמעריקע און איבער די גרעסערע רוסישע שטעט. מיידלעך פאָרן אַזויפיל ניט אַרום. זײַנען די שטענדיק עלנטע מיידלעך געווען צופרידן מיט די פּריזיוווניקעס, וועלכע האָבן געוווסט ווי צו לעבן...

— מיט איר האָב איך זיך באַקאָנט אויף אַ וועטשערינקע. מאַניע האָט זי געהייסן. שפּעטער האָב איך זיך דערוווסט, אַז זי איז מיט אַ קורצער צײַט צוריק געקומען צוריק אַהיים פון באַקו, וווהין זי איז מיט אַ פּאָר יאָר פריער אַוועק שטודירן און פון וואַנעט זי איז צוריקגעקומען מיט שווינדזוכט... זי איז אַהיים געקומען, כדי די סאָסנאָווע וועלדער־לופט פון איר שטעטל זאָל זי היילן. ס'איז אָבער שוין צו שפּעט געווען...

— שוין בײַ דער ערשטער באַגעגעניש האָט זי אויף מיר געמאַכט אַ געוואַלדיקן רושם. דאָס זײַנען אירע אויגן געווען, וואָס האָבן דעמדאָזיקן שטאַרקן רושם געמאַכט. אויף איר אויסגעמאָגערטן, זייער בלאַסן פּנים האָבן די אויגן געלויכטן ווי צוויי אויסערגעוויינטלעכע בלישצעדיקע שטערן. און אַ וועלט מיט טרויער איז אין זיי געווען באַהאַלטן. און טענות: „איך וויל לעבן, לעבן!.. זאָל דאָס לעבן פון מיר ניט גערויבט ווערן"!.. מע זאָגט, אַז אַ פאַרווונדעטע גאַזעל קוקט אַזוי אויפן יעגער...

— זי האָט פאַרמאָגט מערקווירדיקע מוזיקאַלישע פעיִקייטן. די טענער פון איר פידל קלינגען עד־היום אין מײַנע אויערן... אַזוי האַרצרײַסנדיק־טרויעריק... ווי זי וואָלט גערופן די וועלט אויף אַ דין־תורה, פאַרוואָס איר לעבן ווערט פון איר אַוועקגעריסן, נאָך איידער זי האָט צײַט געהאַט אַרומצוזען זיך אויף דער וועלט... אַמאָל האָבן די טענער פון איר פידל געטענהט, אַמאָל געקלאָגט, אַמאָל תפילה געטאָן און אַמאָל געזעגנט זיך מיט דער לופט, מיט דער זון, מיטן הימל, מיט דער וועלט... אוי, האָב איך זי געליבט!.. מיט וויפיל פאַרגעניגן איך וואָלט מײַנע אייגענע לונגען אַרויסגעריסן און איר אַוועקגעשאָנקען...

— מע האָט מיך אָפּגעגעבן פאַר אַ סאָלדאַט. מיט מײַן פאַרטיי רעקרוטן האָב איך אויף מאָרגן געדאַרפט אַוועקגעשיקט ווערן צום באַשטימטן רעגימענט. די לעצטע נאַכט האָב איך בײַ איר פאַרבראַכט. זי האָט געוויינט... איך אַליין האָב זיך קוים אײַנגעהאַלטן פון וויינען... צום סוף האָט זי זיך גענומען פאַרן פידל. זי האָט אָנגעהויבן שפּילן דעם ניגון פון „קריזאַנטעמאַ". אײַך איז דער־

דאָזיקער ניגון מן-הסתם באַקאַנט. דאָס ליד גופא האָט אָבער אַ סך וואַריאַציעס. פאַראַן דאָרט אַזאַ פערז:

„ווילסטו ויסן, פאַרוואָס דווקא איצט?״

„ווײַל מאָרגן שטאַרב איך, אוי, גלויב!...״

דאָסדאָזיקע ליד האָט זי געשפּילט און אויך געפּרוווט זינגען. ווי זי וואָלט פאָרויסגעפילט, אַז אָט קומט עס... ווי זי וואָלט אויף אַן אמתן און אויף אייביק געזעגנט זיך... דאָס ליד קלינגט עד-היום אין מײַנע אויערן... אויך קאָן איך ניט פאַרגעסן איר אויסזען, בעת זי האָט עס געזונגען... פּלוצים האָט זי איבערגעריסן דאָס ליד... אַ כאַפּ געטאָן זיך פאַרן ברוסט... אַ הוסט געטאָן און... אַ שטראָם בלוט האָט אָנגעהויבן פליסן פון ביידע ווינקלען פון איר מויל, אַ שפּאַר געטאָן פון איר נאָז, געגאָסן זיך איבער איר האַלדז, איבער איר ווײַסער בלוזע...

פאַרמסקי האָט אַראָפּגעלאָזט זײַן קאָפּ און געשוויגן אַ ווײַלע. ווי די זכרונות פון דערדאָזיקער געשעעניש וואָלטן אים אַזוי שטאַרק גערירט, אַז ער קאָן זיי ניט דערציילן אין איין אָטעם. שפּעטער האָט ער די דערציילונג געענדיקט:

— אין דעם זעלביקן אָוונט איז זי געשטאָרבן...

שאַליט האָט זיך געטראַכט, אַז די גאַנצע מעשה מוז זײַן אַן אויסגעטראַכטע, אָבער כּדי צו ענטפערן עפּעס, האָט ער געזאָגט:

— איר טיפּט זיך צופיל אין אײַער פאַרגאַנגענהײַט. שײינקײַטן פון עבר דאַרפן בלויז דינען פאַרן מאַטעריאַל צום בנין פון דעם מענטשן, אַז ער זאָל קאָנען אויפנעמען זאַכן אין זייער מער פאַרנונפטיקן געשטאַלט.

פאַרמסקי האָט אַ זיפץ געטאָן און אָנגעשטעלט אַן ערנסטן פאַרבענקטן פּנים.

— מכוח מײַן ליבע צו מאַניען האָב איך אַ סך נאָכגעדענקט, — האָט ער געזאָגט. — מחמת זי איז געווען בײַם שוועל פונם קבר, האָב איך זי געליבט. אָט דער אויסדרוק פון אירע אויגן, אַן אויסדרוק פון שרעק, פון טויט-שרעק, אַ חתימה פון נאָענטקײַט צו יענער-וועלט, — איז געווען דערדאָזיקער כּוח, וואָס האָט מיך געפאַנגען... דאָס איז דאָך לעבנסלוסט, וואָס שאַפט דאָס געפיל פון ליבע אין אונדז. דאָס איז אָבער דער חותם פון טויט געווען, וואָס האָט געשאַפן מײַן ליבע צו איר... אַ מוראַדיקער ווידערשפּרוך, פאַר וואָס איך האָב באַצאָלט מיט לאַנגיאָריקע שרעקלעכע לײַדן... די שווידערלעכע איראָניע פון דער נאַטור! וואָלט זי מיט לעבן פול געווען, וואָלט מאַניע אַנדערש אויסגעזען, וואָלט זי אַנדערש געשטימט געווען, — וואָלט איך זי אפשר ניט געליבט...

די פאַרגאַנגענע זון האָט דעם נעפּל ביים האָריזאָנט אָנגעצונדן מיט פּורפּור און רויזן און די שיטערע וואָלקנס פון אויבן זיינען געווען פּייער־רויט.

— יאָ — האָט שאַליט צו זיך זעלבסט געזאָגט — וואָס איז ליבע? ס'איז די ליידנשאַפט פון אונדזער נשמה. די נשמה אָנערקענט ניט קיין קערפּער־לעכקייט; פּראָטעסטירט זי דערפאַר, ווען מיר ווילן אונדזער ליבע פאַרקער־פּערן. ווערט די ליבע אָפּגעריסן, נאָך איידער די נשמה האָט זיך מיט איר געזעטיקט, ווייטיקן מיר. געבענטשט זאָלן זיין די ווייטיקן!..

אָט אַזוי האָט ער צו זיך גערעדט און ער האָט געפילט, אַז זיינע ווערטער זיינען ניט אַזוי דאָס עכאָ פון פּאַרמסקי׳ס דערציילונג, ווי דער בת־קול פון דעם ליידנשאַפטלעכן פּורפּורנעם אָפּגלאַנץ פונם הימל...

זעקסטער קאַפּיטל.

באַגעגנט צו ווערן פון קלאַרען אויף דער באַן-סטאַנציע אין עדינבורג האָט זיך שאַליט ניט געריכט. אָבער ווען ער האָט זי דאָרט דערזען, האָט ער זיך ניט פאַרוווּנדערט. „אַ, איז עס עדינבורג, וווּהין איר זײַנט פאַרפאָרן?" — האָט ער צו איר געזאָגט.

באַלד איז ער אַרומגערינגלט געוואָרן פון די סטודענטן, זײַנע אַלטע און נײַע באַקאַנטע, וועלכע זײַנען געקומען אים מקבל-פּנים זײַן, און ער האָט קלאַרען פאַרלוירן אינם המון.

דער סעקרעטאַר פון דעם יידישן סטודענטן-פאַריין האָט אים דערציילט, אַז, אַזוי ווי ער, שאַליט, האָט בדעה צו פאַרבלײַבן דאָ עטלעכע וואָכן, האָבן זיי פאַר אים געדונגען אַ צימער ניט אין קיין געוויינטלעכן האָטעל, נאָר אין אַ פאַמיליען-האָטעל, ערגעץ בײַם עק שטאָט, ווו, זיי מיינען, אַז אים וועט זײַן באַקוועם.

אין דעם אַוטאָמאָביל, וואָס האָט געוואַרט אויף אים מיט פאַרמסקין און ווילענסקין, אָפּצופירן זיי צו זייערע צימערן, וואָס האָבן זיך געפונען אין איין געגנט, איז קלאַרע ניט אַרײַן. ער האָט זיך אויף איר נאָכגעפרעגט, אָבער אויף דער סטאַנציע האָט מען זי שוין ניט געפונען. ס'האָט שאַליטן פאַרדראָסן, ווײַל ער האָט געוואָלט דערקונדיקן זיך בײַ איר, ווו זי וווינט, כדי צו קומען שפּעטער באַזוכן זי. לאַנג צו טראַכטן מכוח איר האָט ער אָבער קײַן געלעגנהײַט ניט געהאַט, ווײַל דער סטודענט בראָנצווײַג, וועלכער האָט זיך אַרײַנגעזעצט אין זײַן אויטאָמאָביל, האָט אים אָנגעהויבן דערציילן מכוח די צוגרייטונגען, וואָס זײַנען געמאַכט געוואָרן פאַר זײַן רעפעראַט און מכוח פאַרשיידענע אַנדערע ענינים פון זײַן פאַריין.

ווי אָנגענעם איז דעפּאַר שאַליט איבערראַשט געוואָרן, אַרײַנקומענדיק צו זיך אין צימער און באַמערקנדיק, אַז קלאַרע האָט אים דעקאָרירט. אַלע ווענט זײַנען געווען באַהאַנגען מיט אירע בילדער. זיי זײַנען געהאַנגען אויף אַלע ליידיקע פלעצער פון די ווענט אין אַזאַ גרויסער צאָל, אַז דער צימער וואָלט געמאַכט אַן אײַנדרוק פון אַ בילדער-גאַלעריע, ווען ניט די בעט און די איבעריקע מעבל, וואָס פּאַסן זיך געוויינטלעך פאַר אַזאַ גאַלעריע ניט. שטיללעבן, לאַנדשאַפטן, כאַראַקטערן און סימבאָלן. דאָס בעט איז געווען איבער-

געדעקט מיט אַ געמאָלטן טעפּיך, אויף וועלכן עס זײַנען געווען געמאָלן פּרויען־פיגורן, דעקאָראַטיוו געפלאָכטן און אַרומגערינגלט פון טאַנצנדיקע און אַרומפליענדיקע פּעעס. שאַליט האָט גלײַך דערקאָנט, אַז אויך דאָס איז קלאַרעס מאָלערײַ. אויפן טיש איז געשטאַנען אַ גרויסע וואַזע מיט בלומען. זײַנען עס קלאַרעס בלומען?..

ערשט אויף מאָרגן אינדערפרי איז קלאַרע געקומען באַזוכן אים. זי האָט געזאָגט:

— פאַרלאָזנדיק לאָנדאָן צו פאָרן אַהער, האָב איך ניט געדענקט צו באַגעגענען זיך דאָ מיט אײַך. איך בין אויסערגעוויינלעך צופרידן צו זען אײַך דאָ, ס'איז מיר אומעטיק געווען. מיט אײַך אין איין הויז וועט זײַן פריילעכער.

— אין איין הויז? — האָט ער זיך פאַרוואונדערט — וווינט איר אויך דאָ?

— יאָ, אַזוי אַרום האָב איך זיך באַצײַטנס דערוווסט, אַז איר קומט אַהער. מיט עטלעכע טעג צוריק האָט מיר מײַן באַלעבאָסטע דערציילט, אַז מע האָט בײַ איר געדונגען אַ צימער פאַר אַ גאַסט פון לאָנדאָן, וועלכער וועט דאָ פאַרברענגען עטלעכע וואָכן. זי האָט אָנגערופן אײַער נאָמען. און דערהערנדיק, אַז מיר זײַנען גוטע באַקאַנטע, האָט זי מיר פאָרגעשלאָגן אויפצוהענגען עטלעכע פון מײַנע בילדער אין אײַער צימער. זי האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז איר וועט זיך דערמיט פרייען. זי איז זייער אַ ווילע פרוי. זי הייסט מרס. סקאָט און זי באַרימט זיך, אַז וואָלטער סקאָט איז אירער אַ נאָענטער קרוב געווען. איר וועט דאָ געפינען זײַן בילד כמעט אין יעדן צימער. און דאָ איז דאָ איין צימער, אין וועלכן, זי באַרימט זיך, אַז וואָלטער סקאָט האָט אַמאָל געוווינט. יענעם צימער פאַרדינגט זי קיינמאָל צו קיינעם ניט. ער מוז בלײַבן שטיין פונקט אַזוי, ווי ווען סקאָט איז דאָ געווען.

קלאַרע האָט גענומען אויספרעגן לאָנדאָנער נײַס. איבערהויפּט האָט זי געוואָלט וויסן, וואָס איז געשען צווישן בערמאַנען און לאַהן. גוסטאַן האָט איר מכּוח דעם געשריבן. איז אמת, אַז איבער דעמדאָזיקן אינצידענט האָט זיך בערמאַן אָנגעשלאָסן אָן דער אַרמײ?

שאַליט האָט זיך אָבער אַרויסגעדרייט פון אַן ענטפער, זאָגנדיק, אַז אים זײַנען די איינצלהײַטן פון דעמדאָזיקן ענין ניט באַקאַנט. ער האָט סײַ לאַהן און סײַ בערמאַנען שוין לאַנג ניט געזען, און ווען ער האָט זיי יאָ געזען, האָבן זיי מיט אים מכּוח דעמדאָזיקן אינצידענט ניט גערעדט. בכּלל אינטערעסירט אים אָט דער ענין ניט.

שאַליטס אויפמערקזאַמקײַט איז צוגעצויגן געוואָרן צו אַ בילד, וואָס איז געהאַנגען איבערן קאַמין. קלאַרע האָט עס באַמערקט.

— אָטאָדאָס בילד האָב איך אויפגעהאַנגען אויפן אָנגעזעענסטן אָרט, — האָט זי געזאָגט — ווײַל איך האָב גערעכנט, אַז עס וועט אײַך הנאה טאָן. ווי איר זעט, האָט זיך זײַן פאַרב נאָך ניט אָפּגעטריקנט. איך האָב עס ערשט גע־ענדיקט. איך רוף עס פ ר י ל י נ ג. איך האָב געוואָלט שאַפן די האַרמאָניע צווישן דער מיידל אויפן בילד און דער אַרומיקער נאַטור, אַז זיי זאָלן זיך בלענדן אין אַזאַ אייניקייט, אַז אײנס זאָל ווערן אַן אָרגאַנישער טייל פון דעם צווייטן, און מע זאָל זיי ניט קאָנען פונאַנדערשיידן. איך בין אין עקסטאַז פון אָט דעם בילד. ס׳איז דערפאַר, וואָס איך בין ממש פאַרליבט אין מײַן מאָדעל. זי איז אַן ענגליש מיידל פון לינקאָנשייר. איר נאָמען איז עליזאַבעט. זי איז דאָ צוגאַסט אײנינעם מיט אַ יידישער לערערין פון לינקאָנשייר, טאַמאַרע שניידער. זיי ביידע זײַנען אינטימע חברטעס. וואָס פאַר אַ וווּנדערלעכע שײנ־הײַט עליזאַבעט איז! איך וועל זי אויסנוצן פאַר אַ מאָדעל צו מאָלן „רות". איך האָב שוין דעם פּלאַן אָנגעוואָרפן. איך וועל אײַך מיט איר באַקאָנען. איך בין אײַך אָבער מתרה, אַז איר זאָלט זיך באַגנוגענען בלויז מיט קוקן אויף איר. פאַרפירט איר מיט איר אַ שמועס, ווערט איר אַנטוישט... עס זײַנען דאָ זייער ווייניק ענינים, אין וועלכע זי איז באַהאַוונט...

שאַליט האָט אַ שמייכל געטאָן.

— איך קאָן הנאה האָבן פון שטומער שײנקײַט אויך... — האָט ער געזאָגט — בכלל שטעל איך זיך ניט פאָר מיידלשע שײנקײַט אָן נאַיִוויטעט...

— פאַרוואָס?

— ווײַל בלויז זיי קאָקעטירן ניט...

— איז ווירקלעך אַזוי געפערלעך צו קאָקעטירן מיט אײַך?..

שאַליטן האָט עליזאַבעטס חברטע, טאַמאַרע שניידער, מער אינטע־רעסירט. קלאָרע האָט אָבער ניט געהאַט די געלעגנהײַט מער ווי פאָרמעל צו באַקאָנען זיך מיט איר.

— ווי לאַנג וועט איר דאָ פאַרבלײַבן, שאַליט?

— איך האָב נאָך ניט באַשטימט, — האָט ער געענטפערט, — מײַן אָפּיצי־עלער אורלויב ענדיקט זיך אין אַ חודש אַרום. איך קאָן עס אָבער פאַרלענ־גערן, ווי אויך פאַרקירצן. איך וועל זען. איך רעכן צו פאָרן אין די בערג אויף עטלעכע וואָכן.

— גוט, — האָט זי געזאָגט, — מיר וועלן זיך באַמיען צו פאַרברענגען דאָ אינטערעסאַנט. אין אַ וואָך אַרום וועט דאָ גוסטאָן אויך זײַן. מע האָט זײַנע אַרבעטן צו דער אויסשטעלונג ניט צוגעלאָזט. אין גלאַזגאָ גאַסטראָלירט איצט מאַרגאָלין. אויך ער וועט קומענדיקע וואָך אַהער קומען. ס׳וועט זיך דאָ פאַר־זאַמלען אונדזער גאַנצע באָהעמיע... טאָ לאָמיר נעמען מיט שטורעם די סקאָט־לענדישע בערג!..

זיבעטער קאַפּיטל.

ווילענסקי, ווען מע האָט, אַלס אָנגעזעענעם גאַסט, צוגעטיילט דעם כבוד פאָרצושטעלן שאַליטן אויף דער פאַרזאַמלונג, — האָט עס געטאָן אויף זיין געוויינטלעכן פּאָעטישן, גוזמאדיקן שטייגער. פאַרגלייכנדיק שאַליטן מיט אַנדערע יידישע גדולים, האָט ער אויך אין אים געפונען דעם „ניצוץ־אלוקים" און דעם „שלטון השכל", דורך וועלכע יידישע גדלות ציינט זיך כאַראַקטעריסטיש אַרויס. דערווייל האָט ער זיך פאַרגעסן, אַז ניט ער דאַרף היינט ריידן, און ער האָט זיך אַריינגעלאָזט אין אייגענע חקירות. „דער עיקר ביי די יידן", האָט ער געטענהט, „איז די נשמה פון דער זאַך. ניט דער לבוש, נאָר דער תוכן. דער צלם איז ניט וויכטיק. די יידישע תורה פאַרבאָט אים אַפילו. און אין יעדן צלם זוכט דער ייד דעם פאַרבאָרגענעם רמז, די נשמה פון דער זאַך. אַפילו די טרעגער פון אידעעס זיינען ניט אַזוי וויכטיק, ווי די אידעעס גופא. די יידן האָבן זיך אַפילו ניט געקימערט צו געדענקען דעם אָרט פון משהס קבר. משה איז ניט וויכטיק. וויכטיק איז גאָטס וואָרט, וואָס איז געקומען דורך זיין מויל. טרעגער פון אידעעס קאָנען שטאַרבן, די אידעע בלייבט אָבער אייביק. די יידן ווייסן ניט פון קדושים. קדושים קאָנען זיין גוטע בעטער, איינפלוסרייכע בעטער, גרויסע בעלי־רצון, בני־בית אין די היכלי־אלוקים, אָבער קיין שותפים ביים בורא קאָנען זיי ניט זיין. ניט אַזוי ווי ביי די קריסטן..." ער וואָלט נאָך און נאָך גערעדט. האָט אים אָבער פּאַרמסקי צוגעשיקט אַ צעטעלע, אַז ניט ער דאַרף היינט האַלטן די לעקציע. האָט ער זיך פאַרלוירן און צעטומלט, איבערגעריסן זיינע רייד אין מיטן געדאַנק, ניט פאָרגעשטעלט שאַליטן, נאָר זיך פלוצים אַוועקגעזעצט.

אין זיין רעפעראַט האָט שאַליט ווילענסקיס נאָמען ניט דערמאָנט און אויך האָט ער ווילענסקין ניט געהאַט אין זינען. דאָך איז אויסגעקומען, אַז זיינע רייד זיינען אַ סתירה צו ווילענסקיס. אין משך פון די אָנדערטהאַלבן שעה, וואָס ער האָט גערעדט, האָט ער באַוויזן, אַז דאָ, ווו ווילענסקי האָט פאַרגעשטעלט, אַז דער אידעאַל פון דער וועלט איז שוין אַ פאַרטיקער און ער וואַרט בלויז אויף דער פּאַסיקער צייט, אין וועלכער ער זאָל צום אויסדרוק קומען, — האָט שאַליט באַוויזן, אַז דער עיקר איז דער מענטש און מיט זיין אַנטוויקלונג שאַפט זיך אויך די אידעע. דער מענטש איז ניט דער טרעגער

פון אַ פּאָרויס באַשטימטער אידעע, נאָר ער איז אַליין דער שאַפער פון דער אידעע. אין דרויסן פון אים איז גאָרנישט. די וועלט ווערט ניט באַהערשט פון אַ פאַטאַליזם. און ניט נאָר שאַפט דער מענטש די אידעע, נאָר ער שאַפט אויך זיך גופא און ער שאַפט אין זיך דעם שאַפונגס-גייסט.

ווען שאַליט האָט געענדיקט, האָט די פאַרזאַמלטע סטודענטשאַפט, אויף איר יוגנטלעך-ענטוזיאַסטישן שטייגער, אים געמאַכט אַן אָוואַציע. ווילענסקי האָט געקלאַפּט מיטן האַמער איבערן טיש. ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן. אָבער דער עולם האָט זיך צו אים ניט צוגעהערט. די פאַרזאַמלטע אַליין האָבן די פאַרזאַמלונג געשלאָסן. שאַליטס באַקאַנטע האָבן אים אַרומגערינגלט. אומבאַקאַנטע זיינען צוגעקומען מיט אים צו באַקאַנען זיך.

ווען דער עולם האָט שוין אָנגעהויבן פונאַנדערגיין זיך, איז צו שאַליטן צוגעקומען קלאַרע, געאָרעמט מיט אַ צווייטער פרוי.

— שאַליט, לאָמיר איך פאָרשטעלן: מיס טאַמאַרע שניידער! — האָט זי געזאָגט.

טאַמאַרע האָט פריינטלעך געשמייכלט און אים דערלאַנגט די האַנט.

— עס פרייט מיך זייער צו קאָנען איך, מר. שאַליט, און איך וועל אייך אויך דאַנקען פאַר אייער זייער פריינטלעכן בריוו.

איר שטימע האָט אויף אים געמאַכט זייער אַן אָנגענעמען איינדרוק. זי האָט געקלונגען זייער מעלאָדיש. ווי זי וואָלט ניט גערעדט, נאָר געזונגען. ער האָט זי נייגעריק באַטראַכט. אירע אויגן זיינען אים זייער געפעלן געוואָרן, אויסערגעוויינטלעך גרויסע און אויסדרוקספולע אויגן.

ער האָט איר געענטפערט, אַז ער האָט זיך זייער געפרייט, ווען קלאַרע האָט אים דערציילט, אַז זי איז אין עדינבורג. און נאָך האָט ער איר געזאָגט, אַז אים איז זייער געפעלן געוואָרן איר בריוו צו אים. ער דאַנקט איר פאַר איר צוטרוי צו אים צו שרייבן אים אַזאַ פריינטלעכן בריוו. ער האָט דעם בריוו געלייענט און איבערגעלייענט.

פאַרמסקי איז צו זיי צוגעקומען און, אַנטשולדיקנדיק זיך פאַר טאַמאַרען, האָט ער אָפּגערופן שאַליטן אָן אַ זייט.

— איר האָט געהאַלטן אַן אינהאַלטסרייכע לעקציע, שאַליט! — האָט ער געזאָגט — איך וויל זי אָפּדרוקן אין מיין צייטונג. איך האָב גענומען נאָטיצן. נאָך היינט ביינאַכט וועל איך אָנשרייבן דעם אינהאַלט פון דער לעקציע. וואָלט איר עס געוואָלט איבערקוקן, איידער איך שיק עס אַוועק?

שאַליט האָט זיך מיט זיך אַליין מישב געווען, וואָס צו טאָן. נאָכדעם האָט ער פאַרמסקין געענטפערט, אַז ער וועט עס בעסער אַליין אָנשרייבן. אָבער אַזאַ זאַך פּאַסט זיך ניט פאַר אַ טאָג-צייטונג. אויב ער, פאַרמסקי, וויל, וועט ער עס אים געבן פאַר דער מאָנאַטלעכער ליטעראַרישער ביילאַגע פון

זײַן צײַטונג. פּאַרמסקי איז געװען צופרידן און געזאָגט שאַליטן, אַז ער װעט עס באַצײַטנס אַנאָנסירן.

קלאַרע האָט דערװײַל באַקאָנט טאַמאַרען מיט װילענסקין און, װען פּאַרמסקי האָט זיך געשײדט מיט שאַליטן און איז צו זײ צוגעגאַנגען, האָט זי טאַמאַרען אױך מיט אים באַקאָנט.

— אָט האָט איר דאָ כּמעט דעם גאַנצן לײַטנדיקן גײַסט פֿון װײַטשעפּל, — האָט זי געזאָגט צו טאַמאַרען. — װעט איר איצט באַשליסן, צי סע לױנט זיך פֿאַר אײַך צו באַזעצן זיך אין לאָנדאָן.

— גלױבט איר ניט, מיס שנײדער, — האָט פּאַרמסקי קלאַרען װידערשפּראָכן, — אַז דאָס איז דער לאָנדאָנער ײדישער לײַטנדיקער גײַסט. קלאַרע איז בײזװיליק. אַלײן איז זי פֿון לאָנדאָן אַװעק, פֿאַרגינט זי ניט, אַז עמיצער אַנדערש זאָל אַהין קומען. קומט קײַן לאָנדאָן! לאָנדאָן איז די אינטערעסאַנטסטע שטאָט, ניט נאָר פֿון ענגלאַנד, נאָר פֿון דער גאַנצער װעלט. איבערהױפּט איצט, װען די מלחמה האָט פּאַריז אױסגעלײדיקט.

אױסנוצנדיק די געלעגנהײַט, װען טאַמאַרע איז אױף אַ װײַלע מיט אים געבליבן אַלײן, האָט מאַרגאָלין, װעלכער האָט טאַמאַרען נאָך פֿריער געטראָפֿן עטלעכע מאָל, — זיך צו איר געװענדעט:

— מיר איז ניט באַקװעם צו רופֿן אײַך מיטן נאָמען שנײדער. דער נאָמען שטימט ניט מיט דעם אײַנדרוק, װאָס איר האָט אױף מיר געמאַכט. שנײַדערײַ איז דער רמז פֿון אומראַפֿינירטקײט בײַ ײדן. שנײַדערײַ רעפּרעזענטירט פֿאַר מיר די טעאַטער־גאַליאָרקע. מיט אײַער דערלױבעניש װאָלט איך אײַך ליבערשט גערופֿן מיט אײַער ערשטן נאָמען. טאַמאַרע איז אַ שײנער נאָמען. טאַמאַרען האָט לערמאָנטאָװ כּמעט צו דער שטופֿע פֿון אַ געטין דערהױבן. טאַמאַרע איז תּמר. תּמר איז אַ שלאַנקער בױם. תּמר איז אַ סימבאָל פֿון שײנקײט. נאָך תּמרן איז יהודה אין מדבר נאָכגעגאַנגען און זײַן טלית און תּפֿילין פֿאַרמשכּנט. מיט תּמרן איז פּרינץ אמנון אַזױ באַגײַסטערט געװען, אַז זײַן לעבן האָט שױן בײַ אים קײַן װערט ניט געהאַט. װעט איר מיר דערלױבן צו רופֿן אײַך מיטן נאָמען, „טאַמאַרע”?

זי האָט זיך דערפֿילט שטאַרק באַלײדיקט. ניט ענטפֿערנדיק קײן װאָרט, האָט זי זיך פֿון אים אָפּגעקערט. זי איז אַװעק צום צװײטן עק צימער און דאָרט, װענדנדיק זיך צו פּאַרמסקין, האָט זי אים געבעטן צו דערצײלן איר מכּוח לאָנדאָן. זי איז נײַגעריק צו װיסן מכּוח דערדאָזיקער װוּנדערלעכער שטאָט, װאָס האָט זיך צעשפּרײט בײַם ברעג טעמז, און איז אַלײן פֿאַרשיכּורט פֿון די װוּנדערלעכע שײנקײטן פֿון אירע פּאַלאַצן, גערטנער און מאָנומענטן. איר איז לאָנדאָן באַקאָנט בלױז דורך בילדער און ביכער און אין איר פֿאַר־

שטעלונג מאָלט עס זיך ווי אַ מיטאָלאָגישע לעגענדע. זי האָפט, אַז איר וועט ניט אויסקומען אַנטוישט צו ווערן. פּראָווינציאַלן איבערטרײַבן אַלעמאָל...

און מיט אַ שמייכל האָט זי צוגעגעבן:

— איך מיין דערמיט ניט דעם „לײַטנדיקן יידישן גײַסט פון ווײַטשעפּל,“ ווי קלאַרע האָט אײַך אָנגערופן. איך מיין די שטאָט בכלל...

צו זיי איז צוגעקומען שאַליט.

פּאַרמסקי האָט איר דערציילט, אַז ער איז געקומען אַהער אויסרוען זיך פון זײַן אָנגעשטרענגטער אַרבעט אין משך פון די לעצטע עטלעכע יאָר. ערשט איצט, ווען ער איז אַוועק פון דעם שטענדיקן טומל פון דער רעדאַקציע, ווען ער האָט די מעגלעכקײַט צו שטיין פּנים לפּנים מיט זיך אַליין, מיט זיך און מיט דעם אייגענעם חשבון־הנפש, — ערשט איצט פילט ער זייער שטאַרק, אַז ער באַגייט אַן אומרעכט אַנטקעגן זיך גופא, וואָס ער לאָזט זײַן טאַלאַנט אויסוועבן זיך אין זשורנאַליסטישער טעטיקײַט.

דערויף האָט אים טאַמאַרע געענטפערט, אַז דער נוצן פון אַ זשורנאַליסט איז אפשר ניט קלענער פון דעם נוצן פון אַ קינסטלער. ביידע מאַכן זיי דאָס לעבן שענער און בעסער. נאָר דאָס, וואָס פּאַרמסקי איז אומצופרידן, וווּנדערט איר ניט. אַ דערגרייכטער ציל איז אַלעמאָל קלענער לגבי דער פאָר־שטעלונג וועגן אים, ווען מע איז אויפן וועג פון זײַן דערגרייכונג. מענטשן שטעלן זיך בכלל קיינמאָל ניט צופרידן.

דערויף האָט שאַליט באַמערקט, אַז די מענטשלעכע טבע פון שטענדי־קער אומצופרידנקײַט איז אַ ברכה, וואָרים דאָס באַאײַנפלוסט דעם מענטשן תמיד צו שטרעבן צו נײַע דערגרייכונגען. און אַמאָל דערגרייכט מען אויך...

פּאַרמסקי האָט זיך דער ערשטער געזעגנט. מיט אים איז אויך מאַרגאָלין אַוועק. געבליבן זײַנען אין זאַל עטלעכע סטודענטן, וועלכע האָבן געוואַרט אויף שאַליטן צו באַגלייטן אים אַהיים. דערווײַל האָבן זיי אַרומגערינגלט קלאַרען, וועלכע האָט זיי דערציילט וועגן די אַנטיקן־בילדער, וואָס געפינען זיך אין לוווּר. אַרויס פונם זאַל זײַנען זיי אַלע צוזאַמען.

אונטער דער לבנה האָבן זיך וואָלקנס שנעל געיאָגט איינע נאָך די אַנדערע און געוואָרפן שאָטנס אויף דער ערד. די גאַסן זײַנען געווען שטיל, אײַנגעשלאָפן. בלויז אין שאָטנדיקע ווינקלען און אויף באַלקאָנען פון הײַזער האָבן זיך פּאָרלעך באַגעגנט. טאַמאַרע מיט שאַליטן האָבן זיך פאַרקערט אין אַ זײַטיקער גאַס און דאָ איז די שטילקײַט און פאַרשלאָפנקײַט פון דער שטאָט נאָך בולטער געווען.

— עדינבורג, די הויפּטשטאָט פון סקאָטלאַנד, און דאָך ווי שטיל און רויִק זי איז! — האָט טאַמאַרע באַמערקט — איז לאָנדאָן אויך אַזוי? דער־ציילט מיר וועגן לאָנדאָן.

ביז איצט האָט ער געשוויגן. זי האָט די גאַנצע צייט גערעדט. ער האָט זיך ניט אַזוי צוגעהערט צו דעם זין פון אירע ווערטער, ווי צו דעם קלאַנג פון איר שטימע. ער האָט שטאַרק הנאה געהאַט פון דעם מעלאָדישן קלאַנג פון איר קול. ער האָט אַפילו אין איר ריכטונג ניט געקוקט און ס'האָט זיך אים געדוכט, ווי עפּעס ווערט גערעדט צו אים, און פון זייער ווייט. און דאָס ריידן שאַפט אין אים אַ מאָדנע, אומבאַקאַנטע און זייער אָנגענעמע סענסאַציע. איר דירעקט צו אים געריכטעטע פראַגע האָט אים אויפגעוועקט.

צו דערציילן וועגן לאָנדאָן? ווי קאָן מען? ס'איז אַזוי גרויס און מעכטיק. די גאוניות פון מיליאָנען מענטשן און פון אַ סך דורות איז אין לאָנדאָן פאַרקערפּערט. לאָנדאָן איז אַ געניאַלע מענטשלעכע קונסט־ווערק.

זי האָט זיך געוווּנדערט. זי האָט זיך פאַרגעשטעלט, אַז ער, שאַליט, וועלכער פאַרהערלעכט אַזוי די נאַטור – יעדנפאַלס אַזוי אורטיילט זי אים נאָך זיינע שריפטן – זאָל, אין דער זעלביקער צייט, קאָנען געפינען שבחים פאַר לאָנדאָן. די טענדענץ פון אַ סך נאַטור־ליבהאָבער איז צו קוקן אויף דער שטאָט ווי אויף דעגענעראַציע לגבי דער נאַטור.

ער האָט געענטפערט:

– איך ליב די נאַטור, ווייל איך ליב איר אומענדלעכע ענערגיע, איר אומגעהויערע מאַכטיקייט און אירע אומדערשעפלעכע רייכע קוואַלן פון אומאויפהערלעכע שאַפונגען. איך בוק זיך פאַר יענעם מוראדיקן כּוח פון דער נאַטור, וואָס פאַרמעסט זיך אויף אומענדלעכע גרויסקייטן און, אין דערזעלביקער צייט, לאָזט ער ניט אויס די קלענסטע דעטאַלן, וואָס גיבן צו צויבערלעכן און אומדערשעפלעכן חן צו יעדער דערשיינונג. דאָס איז דאָך די זעלביקע ענערגיע, וואָס האָט באַשאַפן סיי די הימאַלאַיען און סיי די פּיאָלעטן־בלומען, סיי די מאַמאָנטן און סיי די שמעטערלינגען, סיי דעם מילכוועג און סיי יעדן שטריך פון אַ שנייעלע. דורך דער נאַטור ווערט צו אונדזער באַוווסטזיין געבראַכט די סוגעסטיע פון אַן איבערנאַטירלעכער מאַכט, וואָס די נאַטור איז זיין קונסט־אויסדרוק. נו, און די שטאָט? – דורך איר ווערט צו אונדזער באַוווסטזיין געבראַכט די פאָרשטעלונג פון אַן ענערגיע, פון אַ מאַכט. די מענטשלעכע מאַכט! און די שטאָט איז זיין קונסט־אויסדרוק. לאָנדאָן, ווייל עס איז גרעסער און עלטער פון אַנדערע שטעט, סימבאָליזירט מיט זיך אַמשטאַרקסטן די מענטשלעכע פעיִקייטן. אָ, מע ווערט אַזוי שטאָלץ, ווען מע זעט, וואָס מענטשן קאָנען אויפטאָן און האָבן אויפגעטאָן. דערדאָזיקער ריז איז דאָך אַ ריין מענטשלעכע שאַפונג. ניט געבאָרגט פון קיינעם! און דערדאָזיקער ריז איז דאָך ניט איין גרויסע פאָרמלאָזע מאַסע, נאָר אַזוי ווי די נאַטור איז ער אַ צונויפשטעל פון אַ סך קליינע און אַמאָל מיניאַטיורע זאַכן פון וווּנדערלעכער שיינקייט. ער איז אַ צוזאַמענשטעל פון ריזיקע

קאָלאָנעס, פּילשטאָקיקע בנינים און ביז מיניאַטיור סטאַטועטקעס און ביז אַ שפּיץ פון אַ נאָדל. און דאָס מערקווירדיקסטע איז דאָס, וואָס אַ מענטש, אַ יחיד, ווי גרויס ער זאָל ניט זײַן, ווערט ער דאָרט פאַרלאָרן. לאָנדאָן איז אַ מאַסן־שאַפונג. אָבער, מערקווירדיק, ניט אַ שאַפונג פון מאַסן, נאָר אַ שאַפונג פון יחידים. די שאַפונג איז דאָ און דער יחיד איז פאַרלוירן... דער פּועל־יוצא איז דאָ, אַז דער מענטש איז קליין לגבי זײַנע מעשים. דער אמת איז דאָך אָבער אַן אַנדערער: דעם מענטשנס אויסדרוק־מעגלעכקײַטן זײַנען פיל קלענער פון זײַנע פּאָטענציעלע פעיִקײַטן...

— יאָ, ס'איז אַ רעטעניש, מר. שאַליט! אָבער צוזעלכעס ווי לאָנדאָן ווערט דאָך פון איין מענטשן ניט געשאַפן און אויך ניט פון איין דור. און אַז דער יחיד ווערט פאַרלוירן אין דער ענערגיע פון אַ קאָלעקטיוו און פון דורות, איז דאָך קיין חידוש ניט.

— ניין, ניט דאָס האָב איך געמיינט, — האָט שאַליט געענטפערט.

— איך האָב געמיינט צו פאַרגלײַכן דעם מענטשן מיט זײַנע מעשים, דעם אַרכיטעקט מיט זײַנע בנינים, דעם מאַלער מיט זײַן בילד און דאָס גלײַכן. אָט, למשל, געפינט זיך אין דער נאַציאָנאַלער גאַלערעע אַ מוראדיק מעכטיקע סטאַטוע פון משהן; לעבן איר — די סטאַטוע פון דודן. מעכטיקע, גאָר ניט ערדישע, פּראָפעטישע פיגורן. און דערבײַ הענגט דאָס בילד פון זייער שעפער, מיקאעל אַנדזשעלאָ. וויפיל מאָל שטאַרקער זײַנען זײַנע ווערק פון אים!.. און דאָך זײַנען זײַנע שאַפונגען געווען אין זײַן פּאָטענץ. און דורך אָט די שאַפונגען האָט זיך דאָך זײַן פּאָטענץ אינגאַנצן ניט אַרויסגעזאָגט... און דאָס איז, וואָס איך האָב געמיינט צו זאָגן. וואָס באַלאַנגט קאָלעקטיווע אַרבעטן און ירושות פון דורות, חידוש איך זיך ניט, וואָס דער יחיד ווערט אין זיי פאַרלוירן. ער אַליין איז דאָך זייער פּראָדוקט. לאָנדאָן: נײַס איז דאָ געלייגט אויף אַלטס. די באַהעפטונג פון אַמאָל מיט דעם איצט. די חכמה פון דורות געמישט מיט די דערפאַרונגען פון הײַנט. די אָנגעזאַמלטע עשירות פון אַ פאָלק פון פילע מיליאָנען און פון דורות אין די פילע צענדליקער. הײַזער, מאָנומענטן, בילדער, ביכער און אַפילו מוזיק... אין צײַטן פון ספקות געפינט מען דאָרט נחמה; אין צײַטן פון יאוש געפינט מען דאָרט דערמונטערונג. דידאָזיקע קאָנצענטראַציע פון שיינקײַטן און פון מאַכט האָב איך אַזוי אָפט באַוווּנדערט אין די אַלטע גאָטישע בנינים פון לאָנדאָן. די נישטיקײַט פון דעם יחיד רײַסט זיך צו דער מוראדיקער גרויסקײַט פון דעם אַרויף... גאָטישע בנינים פאַרמאָגט לאָנדאָן אין אַ גרויסער צאָל. איך שפּאַציר איבער אַן אָרעמער לאָנדאָנער געסל. הײַזער אָן פּרעטענזיעס, אַרײַנגעקוועטשט איינע צווישן די אַנדערע, אַזוי צונויפגעדריקט, אַז עס איז שווער צו אָטעמען. ממש זיי ווערן דערשטיקט. ענג, נידעריק, קליין, גרוי. ברענגען זיי טרויער. ווערן

זייערע אײַנוווינער נידערגעשעצט. וואָרים זיי באַגנוגענען זיך דאָך מיט דער קלײנקײַט פון דעם חלל, וואָס זיי פאַרמאָגן אין דידאָזיקע הײַזער. אויב ניט, וואָלט דאָך זייער פראָטעסט געווען שטאַרקער... און אויב אַ קליינער חלל איז גענוג פאַר זיי, קאָנען זיי דאָך גרויס ניט זײַן. עס קאָן דאָך ניט גרויס־קײַט אין קלײנקײַט גרויסקײַט געפינען. און דאָ לעבן זיי זיך דאָך אויס אין זייערע לײַדן און פריידן, אין זייערע ליבעס און פײַנטשאַפטן, אין זייערע חתונות און לוויות, אין זייער יוגנט און עלטער... אַלץ אין דעם דאָזיקן קליינעם חלל... ווי קליין זייערע עמאָציעס מוזן זײַן! הייבט דער מענטש אָן נידערשעצט צו ווערן... גיי איך פון דאָרט אָבער אַוועק צו אַ וועסט־מינסטער עבי, למשל, אָדער צו אַ סט. פאַול און איך דערזע דאָרט דעם גרויסן שווונג, דעם גרויסן פאַרנעם — אָ, ווי שטאָלץ מיט דעם מענטשן איך ווער!.. — אָ, ווי גרויס מענטשן זײַנען, וויבאַלד זיי נויטיקן זיך אין אַזעלכע קאָלאָסאַלע שטחן, אין אַזעלכע קאָלאָסאַלע פאַרנעמען, כדי זייער ברויזנדיקער גײַסט זאָל האָבן גענוג רוים פאַר זײַן אויסדרוק... גיי איך צוריק אין גאַס, באַגעגן זיך מיט מענטשן און זיי ריידן מכּוח מאַזאָליעס און פוטער־קיכלעך, און זייערע פּנימער זײַנען וואָכעדיק, און זיי זעען ניט ווײַטער פון זייערע ד׳ אמות... אַנטלויף איך מיט מײַן אַנטוישונג און מיט מײַן טרויער און איך לויף אַרײַן אין אַ בילדער־גאַלערעע, און... אויף מיר קוקן שוין, פון זייערע ראַמען אַרויס, באַגײַסטערטע, אינספּירירטע, פּראָפעטישע פּנימער פון מענטשן, וואָס אין זייער פאַרנעם און אין זייער פאַרמעסט ליגט די פּאָטענץ פון פילע דורות און פון מוראדיקן רוים... און איך קער זיך אָפּ פון זיי און איך דער־פיל אויף זיך דעם בליק פון, לאָמיר זאָגן, אַ מאָנאַ ליזאַ, און איך דערזע די צונויפזאַמלונג פון שיינקײַט, פון דעריעניקער שיינקײַט, וואָס מאַכט, אַז וועלטן און דורות זאָלן האָבן אַ זין, זאָלן האָבן אַ פאָרמע פאַרן אויסדרוק פון זייער גײַסט... פאַרנאַכט. די גאַלערעעס פאַרמאַכן זיך; די ביבליאָטעקן שליסן זיך. די שטאָט וויקלט זיך אײַן אין אַ לײַכטן זילבערנעם נעפּל. איבערן הימל, איבערן טיף־בלויען הימל לויפן שנעל, ווי זיי וואָלטן איינע די אַנדערע געוואָלט איבעריאָגן, ווײַסע וואָלקנדלעך. צייכענען זיך בײַ די זײַטן פון די גאַסן און אין די סקווערן די הערלעכע ליניעס פון מאָנומענטאַלע הײַזער און פון מאָנומענטן גופא. די שטאָט גרייט זיך צו רוען פון דעם טאָגס אָנגעשטרענגטער אַרבעט. ווייל איך אויך רוען. שפּאַציר איך זיך אַרײַן צו אַ סימפאָניע־קאָנצערט און אונטער די קלאַנגען פון בעטהאָווענס אָדער מאָצאַרטס מוזיק געפינט מײַן גײַסט די גליקזעליקײַט, וועלכע האָט דערהאַלטן שאַפנדיקן לעבן אויף דער ערד פון אוראַלטע צײַטן אָן און ביז הײַנט צו טאָג און ביז דעם סוף פון דורות...

ער האָט זײַנע טריט געשטעלט אין טאַקט מיט דעם פּלוס פון זײַנע געדאַנקען – אַמאָל שנעלער און אַמאָל לאַנגזאַמער. זי האָט זיך באַמיט צו נאָכפאָלגן אים. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט בײַם אַרײַנגאַנג פון איר הויז.

– איז עס לאָנדאָן, אָדער ס׳איז אײַער לאָנדאָן, מר שאַליט?

– מײַן לאָנדאָן?.. אפשר...

– און אין אײַער לאָנדאָן רעגנט אַמאָל?..

– רעגנט?.. – ער האָט ניט געוווּסט, וואָס צו ענטפערן. האָט ער ניט איבערגעטריבן איצט?... ער האָט זיך דערמאָנט אָן דעם באָהעמישן רעסטאָראַנט... אַ סצענע דאָרט – מאַרגאָלין איז שיכור. אין אַ ווינקל זיצט ער מיט דער קלײנינקער מיס קאָרנפעלד; זי שרײַט... לאה צײיטקין... צו וואָס האָט ער איצט איבערטריבן?..

עס האָבן זיי אָנגעיאָגט קלאַרע און איר באַגלייטער. פאַרשפּרעכנדיק קלאַרען צו באַזוכן זי מאָרגן אָוונט, האָט טאַמאַרע געווונטשן אַלעמען אַ גוטע נאַכט און איז פאַרשוווּנדן הינטער דער טיר פון איר הויז.

אַכטער קאַפּיטל.

די פענצטער פון קלאַרעס סטודיע, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט צו מערב, זײַנען געווען ברייט אָפן, און שאַליט, אָנגעשפּאַרט אָן אַ ווענטל פון אַ שטול, די הענט פאַרלייגט אויף דער ברוסט, איז געשטאַנען און געקוקט, ווי די זון פאַרגייט אין דעם גאָלדענעם נעפּל. קלאַרע איז געשטאַנען לעבן אים און האָט געצייכנט אַ סקיצע פאַר אַ הינטערגרונט צום בילד „רות", פאַר וואָס עליזאַבעט האָט געזאָלט מאָדעלירן. גוסטאַו, וועלכער איז ערשט הײַנט אינדערפרי געקומען צופאָרן, האָט אויסגעקלאַפּט אויף אַ מאַנדאָלינע דעם מאָטיוו פון אַ פּאָפּולער ענגליש ליד און האָט דערבײַ אונטערגעברומט די ווערטער. ווילענסקי, וועלכער האָט זיך פאַרטשעפּעט אָן אַ נאָגל און געמאַכט אַ געוואַלדריס אין דעם אַרבל פון זײַן מאַנטל, איז געזעסן אָנגעבלאָזן און אומצופרידן. ער איז געווען מלא־כּעס אויף דער גאַנצער וועלט, וואָס אויף איר זײַנען אויסגעטראַכט געוואָרן אַזעלכע זאַכן ווי נעגל מיט אַ צוגאָב פון מאַלער, וועלכע ברויכן די נעגל, כּדי אָנצוציען די לײַוונטן. נאָך זײַן מיינונג וואָלט מען געדאַרפט אויסשעכטן דאָס גאַנצע סקאָטישע פאָלק, וואָס איז פויל, פאַרמאַכן די קראָמען זעקס אַזייגער פאַרנאַכט און ער קאָן דערפאַר איצט ניט קריגן ניט קיין שנײַדער און ניט קיין נאָדל...

קלאַרע האָט אים געבעטן צו באַרויִקן זיך. באַלד וועט די הויז־באַלעבאָסטע צוריקקומען, וועט זי בײַ איר נעמען אַ נאָדל און זי, קלאַרע אַליין, וועט פאַרנייען דעם ריס.

ווילענסקי האָט אויף איר געוואָרפן אַ בליק פול מיט פאַרדרוס און ער האָט געזאָגט:

— איך בין אַ מאַן און דאָך האָב איך אינדערהיים אַלע נויטיקע ניי־מכשירים... ווי איז מען דאָס אַזוי פאַרנאַכלעסיקט, אַז אַפילו קיין נאָדל און פאָדעם האָט מען ניט בײַ זיך? מאַלער, שרײַבער, סתם קינסטלער: איר פרעטענדירט צו זײַן לערער פון מענטשן און אַליין זײַנט איר אַ מוסטער פון פאַרנאַכלעסיקייט... לערנט זיך אַפריער אויס אַליין צו זײַן מענטשן, וועט איר דערנאָכדעם מעגן לערנען מענטשן צו זײַן געטער. אַרבעטנדיק פאַרטראַכט אײַער קונסט! בײַ אַרבעטער ווערן געשאַפן פּראָדוקטיווע מאָטיוון און בײַ ליידיקגייער — צעפּוילטע מאָטיוון. רבי יוחנן איז אַ שוסטער געווען

און דערפֿאַר איז ער אַ תּנא געווען. משה רבינו איז אַנטלאָפֿן פֿון זײַן ליידיקגייערישן פּריצישן לעבן און האָט ביז זײַן סאַמע עלטער געאַרבעט, פּיטערנדיק יִתרות שאָף; דערפֿאַר האָט ער זוכה געווען דעם ברענענדיקן דאָרן צו זען. און ווי אַזוי וואָלט דוד המלך געקאָנט ווערן דער דיכטער פֿון די תּהילים־לידער, ווען ער וואָלט ניט געפּיטערט זײַן פֿאָטערס שאָף?

קיינער האָט זיך צו אים און צו זײַן ווערטשען ניט צוגעהערט. האָט ער געלאָזט זײַן אומצופֿרידנקײַט אויסוועבן זיך, און ער האָט געכאַפּט די דערבײַ ליגנדיקע צײַטונג און זי גענומען האַסטיק בלעטערן, צוערשט מיט כּעס, ביז וואַנעט זײַן אויג האָט אויפֿגעכאַפּט אַ קעפּל פֿון אַן אַרטיקל, מיט וועלכן ער האָט זיך פֿאַראינטערעסירט, און ער האָט אים גענומען לייענען. אַז דאָס אַרטיקל טוט אים שטאַרק הנאה, האָט מען געקאָנט אורטיילן נאָך די באַוועגונגען פֿון זײַנע פּלייצעס און נאָך די גרימאַסן פֿון זײַן פּנים.

קלאַרע האָט אַוועקגעלייגט איר אַרבעט און איז צוגעגאַנגען צו שאַליטן.

— זעט, וויפֿיל כּישוף עס ליגט אין סקאָטלענדישע פֿאַרנאַכטן, — האָט זי געזאָגט. — די גאַנצע לופֿט איז אַרײַנגעטאָן אין ווירבלווינט פֿון פֿאַרבן.

— אָ, איר זײַנט צו שפּעט געקומען, — האָט איר שאַליט געענטפֿערט. — דער סאַמע שטורעם פֿון פֿאַרבן איז פֿריער געווען.

זיי האָבן אַנטציקט בײדע געקוקט דורכן פֿענצטער און דאָרט אויפֿן האָריזאָנט, הינטער וועלכן די זון האָט זיך שוין פֿאַרקײַקלט און איבער־געלאָזט נאָך זיך שפּורן פֿון גאָלד און שפּורן פֿון פֿײַער, וואָס זײַנען אויפֿגע־כאַפּט און אײַנגעזאַפּט געוואָרן פֿון די שיטערע וואָלקנדלעך איבערן גאַנצן מערב־זײַט פֿון הימל.

שאַליט האָט אָנגעהויבן ריידן:

— שיין איז סקאָטלאַנד, שיין איז אויך אומעטום, ווו עס איז נאָר דאָ אַ הימל און אַ זון איבערן קאָפּ... אַפֿילו לאָנדאָן... אַהין וועט געוויס קיינער ניט קומען צו זוכן נאַטור־שיינקײַטן. מע האָט זיך אײַנגערעדט, אַז דאָרט קאָן מען אַלץ זוכן און אפֿשר געפֿינען, אַחוץ פֿון דער דאָזיקער ברכה פֿון גאָט. אַפּשיטא־שוין ווען סע רעגנט אָדער ווען סע לאָזט זיך אַראָפּ איבער דער שטאָט דער ברודיקער רויכיקער נעפּל. אין אָט אַזאַ געוויינטלעכן געווי טער האָב איך אָבער איינמאָל אין לאָנדאָן אַזאַ דערשײַנונג געזען: אויף אַ ווײַלע האָט זיך די זון קוים־קוים אַדורכגעריסן דורך אָט דער ברודיקײַט און אָנגע־שאָטן אַ צויבער פֿון פּורפּור־ און רויזן־פֿלעקן איבער די וואָלקנס, וואָס זײַנען אויפֿן העלפֿט וועג געווען צווישן דעם זעניט און דעם האָריזאָנט. און פּלוצים, ווי דורך אַ כּישוף, האָבן זיך סײַ די וואָלקנס און סײַ דער נעפּל צעשפּאָלטן. אַזוי ווי אַ וואַנט, משופּעדיק, האָט זיך פֿון דער ערד און ביזקל דעם הימל אַוועקגעשטעלט אַ וואָלקן — אַ נעפּל. און אָט אויף דער וואַנט, אַ הונדערט פּיס

פון דעם אָרט, ווו איך בין געשטאַנען, האָט אַרויפגעשײַנט אַ ברעקל פון דער זון. און דאָס איז דאָס וווּנדערלעכסטע געווען פון אַלע ווונדערלעכע נאַטור־דערשײַנונגען, וואָס איך האָב אַמאָל געזען. אַ גאָלדענע וואַנט — אַ כּישוף־וואַנט פון די פאַנטאַזיעס פון טויזנט און איין נאַכט. און אויף אָט דער גאָל־דענער וואַנט האָבן בליצנשנעל אָנגעהויבן באַוועגן זיך פאַרבן. אַ שלל מיט פאַרבן — רויט, בלוי, פּײַער, פּורפּור, פיאָלעט, געלב, גרין... געשטראָמט האָבן די פאַרבן פון אויבן אַראָפּ און פון אונטן אַרויף. באַגעגנט זיך אויפן וועג, געשפּאָלטן זיך, געמישט זיך, געדרייט זיך ווי אַ וואַסערדריי, געדרייט זיך אין קרײַזן, געשניטן זיך איינס דורך דער צווייטער, געענדערט זיך אין אַנדערע פאַרבן, אויסגעלאָשן זיך און ווידער אָנגעצונדן זיך. טונקעלער געוואָרן און באַלד צוריק אָנגעצונדן זיך מיט אַ באַנײַטער שטאַרקײַט... אין סיביר, אויפן ווײַטן צפון, האָב איך אַמאָל געזען דאָס צפון־ליכט. איך ווייס ניט, וואָס איז ווונדערלעכער געווען.

צו זיי איז צוגעקומען מאַרגאָלין, וועלכער איז נאָך פריער אומבאַמערקט אָנגעקומען אין סטודיע און, ווענדנדיק זיך צו קלאַרען, האָט ער געזאָגט:

— ווען וועלן מיר שוין האָבן די זכיה צו זען אײַער באַרימטע ענגלישע שיינקײַט? — געמיינט האָט ער עליזאַבעטן.

קלאַרע האָט אים געענטפערט, אַז זי וואָלט שוין דאָ באַדאַרפט זײַן, אָבער פריער האָט זי איר טעלעפאָנירט, אַז זי האָט זיך פאַרשפּעטיקט. קומען הײַנט וועט זי אָבער זיכער. זי וועט אַהער קומען אינײנעם מיט טאַמאַרע שניידער.

דערהערנדיק טאַמאַרעס נאָמען, האָט זיך מאַרגאָלין פאַרקרימט און האָט זיך מכּוח איר אויסגעדריקט אויף זײַן וווּלגאַרן, בינע־עפעקטישן שטייגער. דערזעענדיק אויסדרוקן פון אומצופרידנקײַט און פאַראַכטונג צו אים אויף די פּנימער סײַ פון שאַליטן און סײַ פון קלאַרען, האָט ער, ווי כּדי צו באַרעכ־טיקן זיך, אָנגעהויבן זײַן פאָרוואַרפן:

— איך פאַרשטיי ניט, פאַרוואָס איר אַלע ווערט נתפּעל פון דערדאָזיקער מיס שניידער. אַ קאָקעטקע, נעמט זיך איבער און שיט מיט פוסטע פראַזן. וואָלט זי כאָטש שיין אָדער קלוג געווען און געהאַט מיט וואָס איבערצונעמען זיך, — איז דאָס אויך ניט. איך האָס די פרויען, וועלכע ווילן מאַכן דעם אײַנדרוק, אַז זיי זײַנען פון אויסערגעוויינטלעך איידעלן שטאָף געמאַכט און גיבן אָנצוהערעניש, אַז אָנצורירן זיי מוז מען מיט אויסערגעוויינטלעכער פאָרזיכטיקײַט. זיי זײַנען אָן איבערגעבליבענער, אָדער, בעסער געזאָגט, אַ קינצלעך נאָכגעמאַכטער פּראָדוקט פון די פרויען־אידעאַלן פון אונדזערע מיטלעלטערלעכע ראָמאַנטיקער. אָט יענעם אַלטמאָדישן קאָנווענציאָנאַליזם ציִען זיי אויף זיך אָן און שטאָלצירן מיט אים, ווי אָן ענדיק מיט זײַן עק...

שאַליט האָט אַפילו ניט געפונען פאַר נויטיק צו באַהאַלטן דעם עקל, וואָס ער פילט צו אים, און ער האָט זיך פון אים אָפּגעקערט. קלאַרע האָט אַ צי געטאָן מיט די שולטערן. אָבער ווילענסקי, וועלכער האָט אַלעמען און אַלץ אָנגענומען ערנסט, האָט מאַרגאָלינען ניט פאַרשוויגן און ער האָט אים אָנגעהויבן ענטפערן. דווקא אין דעם, וואָס מאַרגאָלין רופט אָן קאָנווענ-ציאָנאַליזם און וואָס ער פאַראַכטעט ווי אַלטמאָדיש, — געפינט ער שיינקייט. צניעות און ריינקייט זיינען די מעלות, וואָס דערהויבן די פרוי צו די העכסטע מדרגות פון ליבעסווערטיקייט.

מאַרגאָלין איז געווען צופרידן מיט ווילענסקיס אָפּרוף. דאָס האָט אים אַרויסגעפירט פון דער פאַרלעגנהייט פון דער אָפן אַרויסגעצייגטער צו אים פאַראַכטונג. צו אַריינגיין מיט ווילענסקין אין אַ דיסקוסיע איז ער אָבער איצט ניט געווען געשטימט. געברענט האָט זיין צאָרן ניט אויף ווילענסקין, נאָר אויף קלאַרען און שאַליטן. האָט ער דעריבער ווילענסקין קורץ און באַליידיקנדיק געענטפערט:

— אייער אַלטע בטלנות... איר מיינט נאָך אַלץ, אַז ס'איז דאָ נאָך פאַרבליבן אויף דער וועלט אַזאַ זאַך ווי קדושה. גייט בעסער אַרויס און לעבט אויף דער וועלט איידער אומנויטיק צו מאָראַליזירן...

דערויף האָט אים ווילענסקי געענטפערט, אַז דער סוף פון אוממאָראַלן לעבן איז אַלעמאָל אַ טרויעריקער. מענטשן פון מאַרגאָלינס שניט ענדיקן אַלעמאָל זייער לעבן שיכורערהייט הינטער אַ פּלויט...

אַזאַ ענטפער איז פאַר ווילענסקין געווען אויסערגעוויינטלעך, וויל געוויינטלעך האָט ער באַליידיקונגען אַלעמאָל גוטמוטיק אויפגענומען. אָבער זיין אומצופרידנקייט פון פריער האָט אים נאָך אַלץ ניט אָפּגעלאָזט. ער האָט ווידער גענומען האַסטיק בלעטערן די צייטונג.

מע האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר.

— אָט זיינען זיי שוין דאָ, — האָט קלאַרע געזאָגט און איז אַוועק עפענען די טיר. ביים אַריינגאַנג האָט זי זיי באַגריסט:

— מיר האָבן אָקאָרשט גערעדט וועגן אייך. מיר זיינען שוין אַביסל אומגעדולדיק געוואָרן וואַרטנדיק.

טאַמאַרע האָט זיך אַנטשולדיקט, אַז זי איז אויפן וועג פאַרהאַלטן געוואָרן פון אַ פאָר גלאַזאָווער פריינט, וועמען זי האָט צופעליק באַגעגנט. זיי האָבן זי געבעטן, אַז טאָמער וועט זי זיך באַגעגענען מיט מר. שאַליטן, זאָל זי אים צוריידן, אַז ער זאָל קומען קיין גלאַזאָגאָ באַגריסן זייערע אַ קאָנ-פערענץ. זי האָט זיי געענטפערט, אַז זי קאָן מר. שאַליטן ניט מער פון זיי און דעריבער זאָלן זיי אַליין קומען ריידן צו אים. — ווי איך פאַרשטיי, האָט איר זיי אָפּגעזאָגט, מר. שאַליט? — האָט זי ביי אים געפרעגט.

שאַליט האָט געענטפערט, אַז זיי זײַנען בײַ אים געווען און ער האָט זיך אָפּגעזאָגט. ער איז ניט מסכּים מיט דער גאַנצער קאָנפערענץ. ס׳איז אַ קאָנפערענץ מכּוח אויסגלײַכונגען אין אָרטאָדאָקסישע ענינים. ער האָט זיי רעקאָמענדירט ווילענסקין, וועלכער איז אין אַזעלכע ענינים מער באַהאַוונט. אַחוץ דעם וויל ער זײַן וואַקאַציע אויסנוצן פאַר עקסקורסיעס צווישן די בערג און ער וויל זײַן פרײַ.

— איז זי אַמאָל געווען צווישן די סקאָטלענדישע בערג?

— ניין, זי איז נאָך דאָרט קיינמאָל ניט געווען.

זי איז צוגעגאַנגען צום פענצטער, ווו שאַליט איז געשטאַנען, און האָט אַרויסגעקוקט אין דרויסן. אין דרויסן איז שוין פינצטער געווען, אָבער דער האָריזאָנט איז נאָך אַלץ געווען באַפאַרבט רויזן־בלוי.

— איר האָט פאַרשפּעטיקט דעם זון־פאַרגאַנג, — האָט ער צו איר געזאָגט. — אָט יענע ביימער בײַם האָריזאָנט זײַנען געווען סאַמע גינגאָלד.

קלאַרע האָט פאָרגעשטעלט עליזאַבעטן פאַר אירע געסט. — זיי אַלע האָבן געזען דאָס בילד, פאַר וועלכן איר האָט מאָדעלירט, — האָט זי צו איר געזאָגט, — און זיי זײַנען זייער נײַגעריק געווען צו באַקאָנען זיך מיט אײַך. זיי האָבן מיר ניט געגלויבט, אַז דאָס בילד רעפּרעזענטירט זייער ווייניק פון אײַער שיינקייט. איצט וועלן זיי זיך איבערצײַגן.

— איך בין זיך מודה, — האָט מאַרגאַלין געזאָגט — אַז איך האָב געוואָרט מיט אומגעדולד צו טרעפן זיך מיט אײַך. פאַר מיר איז אינטערעסאַנט געווען אויסצוגעפינען, אויף וויפיל קונסט קאָן פאַרשענערן ווירקלעכקייט. אָבער איצט זע איך, אַז קיין איין קינסטלער האָט ניט דעם גענוגנדיקן טאַלאַנט צו פאַרמעסטן זיך מיט דער נאַטור...

עליזאַבעט האָט באַדאַנקט קלאַרען דורך צוטוליען זיך צו איר, און מאַרגאָלינען — מיט אַ נייג מיטן קאָפּ און מיט אַ שמייכל.

ס׳איז אָנגעקומען פאַרמסקי און האָט געבראַכט ווײַן.

— איצט איז אונדזער קרײַזל שוין אינגאַנצן דאָ, — האָט קלאַרע געזאָגט — און מיר וועלן אויפלעבן די לאָנדאָנער באָהעמיע אין עדינבורג.

דאָס אַריבערברענגען פון די לאָנדאָנער שטימונגען קײַן עדינבורג האָט ווילענסקין אַרויפגעפירט אויפן געדאַנק, אַז דאָס איז דער גײַסט, וואָס שאַפט די סביבה און ניט פאַרקערט. דער יידישער גײַסט האָט אין דעם זין וואונדער באַוויזן. די יידן האָבן זייער תּורה און די ירושה פון חכמה און גוטע מידות מיטגעבראַכט אומגעענדערט, וווהין זיי זײַנען נאָר געקומען. אַנדערע פעלקער, ווען זיי קומען אָן אין אַ נײַ לאַנד, פאַרלירן זיי זייער אייגנאַרטיקן פּרצוף אין משך פון אַ פּאָר דורות. די יידן — ניט.

קלאַרע מיט פֿאַרמסקין האָבן דערלאַנגט דעם ווײַן צו די געסט. מאַרגאָלין האָט גענומען איין גלאָז ווײַן פֿאַר זיך און אַ צווייטע – פֿאַר עליזאַבעטן. זי האָט זיך אָפּגעזאָגט מיטן תּירוץ, אַז זי טרינקט ניט; ער האָט זי גענומען צוריידן: – זאָל זי זיך אַרומקוקן – אַלע טרינקען. זאָל זי זיך צוגעוווינען. אין דעם קרײַז, וואָס זי זעט איצט, טרינקט מען אויף אַ גאַנץ אַנדער שטייגער, ווי זי איז, מן־הסתּם, געוווינט צו זען אַנדערשוווּ. דאָ טרינקט מען ניט לשם שיכּורן, אויך ניט לשם פֿרייִלעכקייט, נאָר לשם שיינקייט און אינספּיראַציע. בכּלל איז דאָ דאָס לעבן אַנדערש און אינטערעסאַנטער. דאָ איז מען פֿרײַ. דאָ האָט מען פֿאַרוואָרפֿן די אַלטמאָדישע קאָנווענציעס. דאָ איז מען אומבאַגרענעצטער און דערפֿאַר גליקלעכער. זאָל זי זיך באַקאָנען מיט דעם דאָזיקן לעבן. אפֿשר וועט עס איר ניט געפֿעלן ווערן, דאָך זאָל זי זיך באַקאָנען, אָבער בלויז באַקאָנען זיך איז ניט גענוג. פֿון דער זײַט קאָן מען ניט אורטיילן. מע דאַרף זיך אַליין אײַנלעבן. דער ווײַן איז ניט שטאַרק. זי וועט פֿון אים ניט שיכּור ווערן. זאָל זי נאָר פֿאַרזוכן.

זי האָט אויסגעטרונקען.

– זעט איר? איך האָב אײַך געזאָגט, אַז ס'וועט אײַך געפֿעלן ווערן. נאָך אַ גלעזל?

און שפּעטער האָט ער בײַ איר געפֿרעגט, ווי לאַנג זי וועט פֿאַרבלײַבן אין עדינבורג. אויף שטענדיק? זי זוכט דאָ אַ שטעלע? וואָס קאָן זי טאָן? – אַ בוכהאַלטערין איז זייער אַן אָרעמע פּראָפֿעסיע. קאָן זי טאַנצן? יאָ? זייער גוט. ער מוז זען, ווי זי טאַנצט. אפֿשר וועט ער קאָנען פֿאַר איר עטוואָס בעסערס געפֿינען איידער בוכהאַלטערײַ ... ער, מאַרגאָלין, איז פֿאַרבונדן מיט טעאַטערס...

קלאַרע האָט זיך געזעצט לעבן גוסטאָנען און בײַ אים נאָכגעפֿרעגט זיך, פֿאַרוואָס ער איז הײַנט אַזוי פֿאַרזאָרגט. ניט פֿאַרזאָרגט? איז פֿאַרוואָס איז ער אַזוי אָפּגעזונדערט פֿון אַלעמען? איז ער נאָך אַלץ פֿאַרזאָרגט, פֿאַרוואָס מע האָט זײַנע אַרבעטן ניט צוגעלאָזט צו דער אויסשטעלונג? ער האָט זיך אויף דעם באַדאַרפֿט ריכטן. די אַלטע קאָנסערוואַטיווע קונסט־קריטיקער און זאָגענאַנטע מבֿינים קאָנען ניט און ווילן ניט צולאָזן צו דער אויסשטעלונג אַזעלכע אַרבעטן, וואָס גיבן זיך ניט אונטער צו די אַלטע שאַבלאָנע באַגריפֿן וועגן קונסט. זיי ווילן אַלעמאָל באַקעמפֿן די נײַע רעוואָלוציאָנערע שטרעבונגען אין קונסט, פֿון וועלכע מין זיי זאָלן ניט זײַן. זייערע אַ הסכּמה צו אַ קונסט־ווערק איז פֿאַר דעם ווערק ניט קיין שבֿח, נאָר אַ גנאַי; זייערער צאָן אָפּזאָג – איז צומאָל אַ דערמונטערונג...

דאָס געשפּרעך איז געוואָרן אַן אַלגעמיינער און עס האָט זיך געדרייט אַרום דער פֿראַגע פֿון קונסט. ווילענסקיס קול האָט זיך געלאָזט הערן שטאַרקער

פון אַלעמענס. יידישע קינסטלער וועלן קיינמאָל קיין קונסט־ווערק ניט שאַפן, ווען זיי וועלן גיין באַאַרבעטן פרעמדע פעלדער. אָט, למשל, אַנטאָקאָלסקי: זײַן איוואַן דער גרויזאַמער איז אַ שוואַך ווערק. וואָלט ער אָבער אָנשטאָט דעם פאַרנומען זיך צו שאַפן הורדוסן, וואָלט ער זיכער געשאַפן אַ גרויס ווערק.

— הורדוס איז דאָך אויך קיין ייד ניט געווען... — האָט עמיץ באַמערקט.

און גוסטאַן האָט זיך גענומען אויסטענהן מיט ווילענסקין, אַז אַנטאָקאָלסקיס איוואַן איז אַ גרעסערע קונסט־ווערק פון זײַן שנײַדער, הגם דעם לעצטן האָט ער פאַרגעשטעלט טיפּיש יידיש. שולדיק איז ניט די טעמע, נאָר דער צו גרויסער פאַרנעם. איוואַן איז ניט פאַר אַנטאָקאָלסקיס כּוחות געווען. זאָל ווילענסקי ניט פאַרגעסן, אַז אַנטאָקאָלסקיס פעיִקייטן זײַנען ניט געווען גרעסער פון מיטלמעסיקע.

שאַליט האָט זיך אין אַלגעמיינעם שמועס ניט באַטייליקט. ער האָט פאַר טאַמאַרען און פאַר זיך צוגעטראָגן צוויי שטולן צום פענצטער. ער האָט געבעטן זי צו דערציילן עטוואָס. אים איז זייער אַנגענעם צו הערן זי ריידן. איר שטימע איז אַזאַ מעלאָדישע. ער ליבט אויך צו קוקן אויף איר בעת זי רעדט. איר געזיכט איז זייער אויסדרוקפול. ס'איז גאָרניט נויטיק צוצוהערן זיך צו די ווערטער, וואָס זי רעדט אַרויס — ס'איז גענוג צו הערן די אינטאָנאַציעס פון איר שטימע און דעם אויסדרוק אויף איר פּנים, כּדי צו וויסן, וועגן וואָס זי רעדט.

זי האָט אויסגעדריקט איר באַוווּנדערונג, וואָס ער קאָן באַמערקן אַזעלכע איינצלהייטן אין אַ מענטשן. זי האָט געמיינט, אַז זײַן ברייטער פאַרנעם פון זאַכן, זײַן נייגונג צום אַבסטראַקט שטערט אים אָפּצושטעלן זיך אויף דעטאַלן, שטערט אים צו קאָנען באַמערקן זיי.

ער האָט איר געענטפערט, אַז איר באַמערקונג איז אַ ריכטיקע. מענטשן בכלל אונטערשיידן זיך אַזוי ווייניק איינער פונם צווייטן, און דאָס אייגנאַרטיקע אין זיי איז, מערסטנס, אַזוי אומבאַדײַטנדיק, אַז עס ווערט פאַרלוירן אין די פאַרשיידענע ניואַנסן פון לעבן. אינטערעסאַנטער זײַנען די ניואַנסן בכלל און ווי אַזוי זיי ווערן רעפלעקטירט אויף אַלע מענטשן אין אַלגעמיין. בעת אַ לוויה וויינען אַלע און בעת אַ חתונה טאַנצן אַלע. אָט דער כּלל איז אינטערעסאַנטער פון די אומבאַדײַטנדיקע אָפּווײַכונגען און אַנדערשקײַטן פון דעם אָדער יענעם יחיד. וואָרים די אַלגעמיינע פּראָבלעמע פונם לעבן איז פיל וויכטיקער פון די אינדיווידועלע נייגונגען פון אַ יחיד, וועלכע מישן זיך אַלץ איינס אַרײַן אינם כּלל. דעריבער איז פאַר אים קיין פאַרגעניגן ניט צו שטודירן ברעקלעך חן און פּיצלעך פון שיינקײַטן. אים פאַרכאַפּט דער גרויסער פאַרנעם. דערפאַר איז ער זייער דאַנקבאַר צו עמיצן,

װעלכער פאַרמאָגט אַזױפיל אײגנאַרטיקע אױסגעצײכנטקײַט, אַז זײ טײלן אים בולט אױס פון זײַן אַרומיקן קרײַז...

ער האָט זײַן שטול צוגערוקט נענטער צו איר און ער האָט זיך אָנגעהױבן מודה זײַן פאַר איר:

– פאַראַן שײנקײַטן אינעם מענטשן. פאַראַן אױך מיאוסקײַטן. האָבן אַ סך פרויען אַ טבע – און זײ טוען עס קונציק – צו פאַרבאָרגן דאָס, װאָס זײ דענקען, אַז ס'איז מיאוס, און אַרױסצושטעלן דאָס, װאָס איז לױט זײער באַגריף שײן. אָבער דאָס פאַרבאָרגענע שװימט מיט דער צײַט אַרױס אומגעריכט. װערט מען אומגעריכט אַנטױשט, אײן אַנטױשונג נאָך דער צװײטער. הערט מען אױף צו גלױבן. אָבער װאָס װײניקער מע גלױבט, אַלץ נײַגעריקער װערט מען נאָך אמתדיקן חן. און דערהערט מען אַמאָל דעם קלאַנג פון אַן אמתער מוזיקאַלישער נאַטע, פילט זיך דאָס האַרץ צוריק אָן מיט פרײד... און – אױך מיט אמונה, צוטרוי...

זי האָט געשװיגן. זי האָט זיך צוגעהערט צום פאַרשטאַרקטן קלאַפּן פון איר אײגן האַרץ. אינײנעם מיט אָנגענעמקײַט האָט זיך אין איר האַרץ פאַרגנבעט אומרו... פאַרװאָס? זי האָט ניט פאַרשטאַנען. ער האָט געשװיגן אַ װײַלע און אַרױסגעקוקט דורכן פענצטער אין דער טיפער פינצטערניש אַרײַן. און ניט אָפּקערנדיק זײַן בליק פונם פענצטער, און פונקט װי ניט צו איר, נאָר צו דער דאָרטיקער פינצטערניש װאָלט ער זיך געװענדעט, האָט ער שפּעטער װידער געזאָגט:

– פרויען האָבן קײן גלױבן ניט אין זיך. אױב ניט – װאָלטן זײ דאָך ניט קאָקעטירט... װיבאַלד זײ האָבן קײן גלױבן ניט, פאַרװאָס זאָל איך גלױבן?...

צו זײ איז צוגעקומען קלאַרע מיט דרײַ גלעזער װײַן.

– מיר האָבן זיך פאַרגעשטעלט, אַז איר טרינקט קײנמאָל ניט, מר. שאַליט. – האָט טאַמאַרע געזאָגט, נאָכדעם װי שאַליט האָט אױסגעטרונקען זײַן גאַנצע גלאָז.

– איך האָף, אַז איר שטעלט זיך ניט פאָר, אַז איך בין אַ נזיר אָדער אַ פּרוש... – האָט ער געענטפערט מיט אַ שמײכל, און דערװײַל צוגעטראָגן נאָך אַ שטול פאַר קלאַרען.

– װאָס פאַר אַ שײנער אָװנט – האָט קלאַרע געזאָגט, קוקנדיק דורכן פענצטער – װי שײן איז די נאַכט־פּאַנאָראַמע, װאָס זעט זיך פון אָט דעם פענצטער. דידאָזיקע פײערלעך, װאָס זײַנען צעשאָטן איבער דער ברײט און לענג פון דער שטאָט, צעשאָטן זיך דאָ אין שורות און צײלן און דאָרט – אין אומאָרדנונג, אָט די שימערירנדיקע ליכט אינעם דינעם בלױלעכן נעפּל, – ברענגען די סוגעסטיע פון אַ ים, װאָס איז אָנגעפילט מיט שיפן. מע זעט ניט,

ווי עס לאָזט זיך אויס דער הימל און ווי עס הייבט זיך אָן דאָס וואַסער. הימל און ים האָבן זיך צונויפגעגאָסן. און אין דעם חלל שימערירן פינטלעך ליכט. אוי, ווי שיין!.. איך האָב אַזוי הנאה פון מײַן סטודיע!

זיי האָבן אַלע דרײַ געשוויגן און געקוקט דורכן פענצטער.

זאָלן מיר טרינקען נאָך צו גלעזער ווײַן? – האָט קלאַרע פאָרגעשלאָגן.

און די שטימונגען פון דער נאַכט האָבן צו טאַמאַרען געבראַכט זכרונות פון אירע שטימונגען אין איר שטעטל, אין לינקאָנשייר. זי האָט דערציילט:

— דאָרט איז דאָ אַ קליינע אָזערע; פאַרשימלט און באַוואַקסן מיט געמייזעכץ און וואַסער־ליליעס. אַרום און אַרום איר וואַקסן אַלטע, גרויסע, געדיכט־באַצווײַגטע ווערבעס. זיי זעען אויס ווי אַן אַרומגעפלאָכטענער קראַנץ פאַר דער אָזערע. שיין איז די אָזערע, דאָך האָב איך געפילט, אַז איר איז אומעטיק. בײַ אירע ברעגן האָב איך ליב געהאַט צו זיצן. איך האָב הנאה געהאַט פון דער שיינקייט, דאָך האָט זיך מיר אָפטמאָל געדוכט, אַז די אָזערע קלאָגט. דאָס געזאַנג פון די זשאַבעס און פון די גרילצן האָב איך אָנגענומען פאַר דער אָזערעס קלאָג־ליד. מיר האָט זיך געדוכט, אַז, ווען די אָזערע וואָלט געקאָנט ריידן, וואָלט זי געזאָגט: „ס'איז מיר אומעטיק צו זײַן אַזוי אומבאַוועגלעך און פאַרגליווערט, שטענדיק צו קוקן אין דעמזעלביקן הימל, שטענדיק צו זײַן אַרומגערינגלט פון דיזעלביקע ווערבעס...” ס'האָט זיך מיר אָפטמאָל געדוכט, אַז איך הער די אָזערע זאָגן, אַז זי וואָלט געוואָלט צונויפגיסן זיך מיטן ים, ווערן זײַנע אַ כוואַליע, וואַרפן זיך אין שטיפערישער לוסטיקײַט אויף משופּעדיקע ברעגן, ברעכן זיך האַלדז און באַקן, זשיפּען און ווײַס־פּיענען זיך, אָפּגעשלײַדערט ווערן צוריק פונם ברעג און ווידער צונויפקלײַבן זיך און ווידער אַטאַקירן... אוי, איך בין אַזוי לאַנג איינזאַם געווען, אַזוי לאַנג געווען אין זיך און מיט זיך בלויז, אַז מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז עמאָציע און שטורעם, וואָס זײַנען די לוסט פונם לעבן, זײַנען אויך דער תּוכן פונם לעבן, און – ווען מען גלוסט זיך צו זײַן אייביק סענטימענטאַל? עס ווילט זיך אַן איבערבײַט פון טיפקײַט, שאַרפקײַט און – עמאָציעס... טיפע, שטורעמדיקע... איז דען ניט די נשמה פונם שעפער, בעת ער איז בײַ זײַן אַרבעט, אַ שטורעמווינט פון עמאָציעס?..

שאַליט האָט געקוקט אויף טאַמאַרען. צוגעהערט זיך צו אירע רייד, געקוקט אויך אויף קלאַרען און, אומבאַוווסטזיניק פאַר זיך גופא, האָט ער זיי פאַרגליכן: קלאַרע – צוערשט האָט ער זי גאָרניט באַמערקט. ער איז מיט איר באַקאַנט געווען אַ לאַנגע צײַט, אָבער צום ערשטן מאָל באַמערקט האָט ער זי יענעם אָוונט, ווען ער איז אַרײַן צו איר אין סטודיע און די קינסטלערין איז לעבן איר קונסט־ווערק געשטאַנען. ווי אירע בילדער

וואָלטן באַוויזן דעם כּוח אויפצודעקן די נשמה פון זייער שפּעריין... און איצט, מער ווי אַלעמאָל, און בײַ דער זײַט פון טאַמאַרען, באַמערקט ער זי ווידער. צי איז דאָס די סביבה פון איר סטודיע, צי איז דאָס דאָס טונקעלע אָוונט-ליכט, צי איז דאָס די ווירקונג פונם ווײַן, אָבער אירע אויגן פינקלען און זי איז באַחנט... און האַרט לעבן איר זיצט טאַמאַרע. טאַמאַרע – דאָרט, ווו קלאַרע האָט זיך שוין געפונען, דאָרט, ווו קלאַרע האָט פאַר זיך שוין אויסגעטראָטן אַ וועג, דאָרט, ווו קלאַרע איז שוין באַוווסטזיניק אויף אירע כּוחות און זי ווייסט שוין, וואָס זי וויל טאָן און וואָס זי זאָל טאָן, – דאָרט, אויף דעם זעלביקן וועג גייט אויך טאַמאַרע. און אויך זי איז פול מיט שטימונגען. אָבער זי שטעלט נאָך אויס גרויסע, פאַרוווּנדערטע אויגן און זי זוכט ערשט און זי פרעגט נאָך קשיות... יאָ, דאָ האָבן זיך שוין כּוחות אַנטפּלעקט, און דאָ האַלטן זיי ערשט אין אַנטפּלעקן זיך... וואָס איז שענער?.. אַ צאַפּלדיק, ציטערדיק פייגעלע?..

די איבעריקע געסט, און פון וועמען זיי זאַלבעדריט זײַנען געזעסן אָפּגעזונדערט, האָבן שוין אָנגעהויבן לוסטיקער צו ווערן און זײַנען אַרײַן אין ווײַן-שטימונג.

מאַרגאָלין האָט סוף-כּל-סוף געפּועלט בײַ עליזאַבעטן, אַז זי זאָל טאַנצן. גוסטאָן האָט אויף דער מאַנדאָלינע געשפּילט פאַר איר דעם נאַציאָנאַלן סקאָטישן טאַנץ.

– זעט, ווי גראַציעז זי איז, – האָט קלאַרע געזאָגט. – אוי, ווי שיין! – און שפּעטער, ווען עליזאַבעט האָט שוין געענדיקט איר טאַנץ, האָט זי געזאָגט צו שאַליטן: – די וועלט איז שיין און וועט פאַרבלײַבן שיין און מענטשן וועלן נאָכל זײַן, כּל-זמן אַזעלכע נאַטירלעכע שיינקײַטן וועלן האַלטן אין איין דערמאָנען אַלעמען, אַז אמתע שיינקײַט איז טאַקע דאָ.

דבקות! דבקות! – האָט ווילענסקי שיכּור געשריען פונם צווייטן עק צימער. – די שכינה... התגלות השכינה...

– שרײַט ניט אַזוי! – האָט אים פאַרמסקי געפּרוּווט אײַנהאַלטן. – ניט די שכינה, נאָר דער ווײַן רעדט איצט דורך אײַך.

ווילענסקי איז צוגעטראָטן צו שאַליטן:

– איר פאַרשטייט, שאַליט? – דעם סוד פון ווײַן האָבן די חסידים אויסגעפונען. פאַר זיי האָט מען אויך געוווּסט פון ווײַן. כּי יין ישמח לבב אנוש... אָבער די חסידים האָבן אויפגעדעקט זײַן אמתדיקן סוד... זאָרג איז אַ קליפּה. ווײַן באַפרײַט אונדז פון דער קליפּה... ווערט דער מענטש במילא ראוי צו התגלות השכינה... קומט די אמתדיקע דבקות... קומט די אַנטפּלעקונג פון די ספירות, כּביכול... לחיים!

גוסטאָן, אויך בגילופין, האָט אָנגעשטעלט דעם גראַמאָפאָן צו שפּילן טשײַקאָווסקיס סלאַווישן מאַרש און פאַרגעשלאָגן, אַז אַלע זאָלן גיין מאַרשירן. פאַרמסקי איז צוגעגאַנגען צו עליזאַבעטן און זי געוואָלט אַרומנעמען, אָבער מאַרגאָלין האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג און צווישן זיך צווישן זיי ביידן. האָט פאַרמסקי אים אַרומגענומען.

– איר זײַט באַגאַנגען אַן עוולה, – האָט זיך פאַרמסקי געווענדעט צו קלאַרען – וואָס טויג ווײַן אָן פּרויען? מילא ווילענסקי פאַרזאָרגט זיך מיט דבקות און שכינה, אָבער איך בין אינגאַנצן אויסגעלאָזט. איר וואָלט באַדאַרפט מער מיידלעך אײַנלאַדן. וועט איר כאָטש מאַכן לחיים מיט מיר?

עליזאַבעט האָט פאַרכאַפּט קלאַרעס שטול און אַרומגענומען טאַמאַרען.

– עס שווינדלט מיר דער קאָפּ... – האָט זי געזאָגט.

מאַרגאָלין האָט געבראַכט נאָך אַ שטול און לעבן זיי זיך אַוועקגעזעצט.

– ס'איז אַ חרפּה, אַז אַזאַ וווּנדערשיינער מיידלשער קאָפּ זאָל זיך גאָר אָנלענען אָן אַ מיידלשער ברוסט.

און ער האָט געוואָלט אָפּציען עליזאַבעטן פון טאַמאַרען און צוציען איר קאָפּ צו זײַן ברוסט. עליזאַבעט האָט זיך געוועהרט. זי איז דערנאָך אויפגעשטאַנען, צוגעגאַנגען צום טיש, אַרויסגענומען פון וואַזע בלומען און אַרײַנגעשטעקט זיי אין אירע האָר.

– ליבט איר בלומען, מר. מאַרגאָלין?

געוויס ליבט ער בלומען. אוי, ווי שיין עס פּאַסן זיך די בלומען צו אירע האָר. אָבער איין בלום איז ניט גוט אַרײַנגעשטעקט געוואָרן. וועט זי אים דערלויבן פאַרריכטן זי? נאָך אַ פּאָר בלומען וואָלטן זיך געפּאַסט אָטאָדאָ איבער אירע שלייפן. אָט אַזוי! זאָל זי נאָר אַ קוק טאָן אין שפּיגל! ווי שיין זי איז! מאָרגן וועט ער איר ברענגען אַ גרויסן בוקעט. וועלכע בלומען ליבט זי מער?

זי האָט זיך באַטראַכט אין שפּיגל און איבערגעזעצט די בלומען בײַ זיך אויפן קאָפּ.

– הערט, וואָס פאַר אַ מאָדנעם חלום איך האָב אַמאָל געזען, זייער אַ מאָדנעם. איך בין אַ כינעזישע רויז. ערגעץ אין אַ גאָרטן בין איך פאַרפלאַנצט. און אַ סך חברטעס האָב איך, אויך בלומען... עס האָט אויפגעשײַנט דער פרימאָרגן און מיר כאַפּן זיך אויף פון שלאָף. עס שײַנט די זון און ס'טוט אונדז אַזוי הנאה... אוי, וואָס פאַר אַ מאָדנער חלום... און איך גלעט מיט מײַנע אייגענע בלעטלעך זיך גופא... און ס'איז געווען אַ מחיה... זיך אַליין צערטלען... מענטשן צערטלען זיך ניט אַליין... אוי, איך רייד אַפּנים נאַרישקײַטן... עפּעס רייד איך איצט אַזויפיל... אַלעמאָל וויל איך ריידן און איך קאָן ניט... אוי, ס'שווינדלט מיר דער קאָפּ...

זי האָט אַ כאַפּ געטאָן מאַרגאָלינען פאַר זײַנע האָר און זיי צעשויבערט.

— אוי, ווי שיין איר זײַנט אין אײַער פרײַער האַלטונג! — האָט מאַרגאָלין כמעט ווי אויסגעשריען. ער האָט זי אַרומגענומען און געוואָלט קושן. זי האָט זיך פון אים באַפרײַט.

— איר טאָרט עס ניט טאָן! — האָט זי אמתדיק דערשראָקן אויסגע־שריען. זי האָט זיך געזעצט אויף אַ שטול און די פאַרבן פון איר פּנים האָבן זיך אָנגעהויבן בײַטן פון רויט אויף בלאַס און פון בלאַס צוריק אויף רויט.

ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער האָט זי ווירקלעך דערשראָקן. האָט ער בײַ איר געבעטן אַנטשולדיקונג. ער איז שוין ניט מער דער הערשער פון זײַנע געפילן: זי איז אַזוי צויבערלעך... האָט ער זיך אויף אַ מאָמענט פאַרלוירן...

— וואָס פאַר אַ מענטש איז מאַרגאָלין? — האָט טאַמאַרע געפרעגט שאַליטן — ער מאַכט אויף מיר אַ שלעכטן אײַנדרוק.

— ער מאַכט אויף מיר ניט קיין בעסערן אײַנדרוק... — האָט שאַליט געענטפערט.

— איך האָב מורא, אַז דאָ איז הײַנט צופיל ווײַן אויסגעטרונקען געוואָרן. איך וועל נעמען עליזאַבעטן און גיין מיט איר אַהיים, — האָט טאַמאַרע געזאָגט.

— וועט איר מיר דערלויבן צו באַגלייטן אײַך? — האָט שאַליט געפרעגט. זי האָט אים באַדאַנקט מיט אַ בליק.

ניינטער קאַפּיטל.

זיי האָבן זיך צוריקגעקערט פון באַגלייטן טאַמאַרען און עליזאַבעטן און זיי זיינען פאַרגאַנגען צו שאַליטן אין צימער.

– וואָס וועט איר איצט טאָן, שאַליט? וועט איר זיך שוין לייגן שלאָפן?

ניין, ער וויל נאָך ניט שלאָפן.

איר, קלאַרען, ווילט זיך נאָך אויך ניט שלאָפן. ס׳איז שוין איינס אַזייגער, דאָך זאָלן זיי נאָך זיצן און שמועסן אַביסל. זאָלן זיי גיין צו איר אין סטודיע?

– ניין, ניט אין סטודיע, – האָט ער געענטפערט – דאָרט איז אַזאַ אומאָרדנונג. זאָל בעסער זיין דאָ, אין צימער.

– זאָל זיין אַזוי.

זי איז אַוועק צו זיך אין צימער איבערטאָן זיך און איז צוריקגעקומען אין אַ רוישיק־פאַרביקן כינעזישן קימאָנאָ. די פאַרבן פון דעם קימאָנאָ האָבן געוואָרפן אַן ענלעכן אָפּשיין אויף איר האַלדז און פּנים, און איר דינקייט האָבן געבראַכט סוגעסטיעס פון די ליניעס פון איר קערפּער, וואָס האָבן זיך אויסגעוויזן צו זיין רייצנדיק. די טונקעלע באַלייכטונג פונם צימער, וועלכע האָט איבערגעלאָזט מער שאָטן איידער ליכט, און דער רויזן אָפּשיין פון דעם אַבאַזשור פונם לאָמפּ האָבן פאַרגלעט די שפורן פון קנייטשן אויף איר פּנים, און קלאַרע האָט אויסגעזען אַ סך יינגער און באַחנט.

שאַליט האָט זי באַטראַכט און געקלערט, ווי וואונדערלעך די נאַכט איז, וואָס קאָן דורך אירע געהיימניספולע שאָטנס באַניַיען מיט יוגנט...

קלאַרע האָט אינטויִטיוו דערפילט זיין באַוואונדערונג און ס׳האָט איר הנאה געטאָן. זי האָט זיך אַוועקגעלייגט אויף דער זאָפע און פאַררויכערט אַ סיגאַרעט.

אויך שאַליט האָט זיך באַקוועם געמאַכט: אויסגעטאָן דאָס רעקל און די שיך, אויסגעצויגן זיך אין אַ וואַקל־שטול, פאַרלייגט די פיס אויף אַ צווייטן שטול און פאַרלייגט די הענט הינטערן קאָפּ.

קלאַרע האָט גערויכערט דאָס סיגאַרעט, געבלאָזן דעם רויך אינדערהויך און אַכטונג געגעבן, ווי דאָס ווינטל, וואָס האָט קוים געבלאָזן דורכן פענצטער, כאַפּט אים אויף, צעברעקלט אים און צעשפּרייט אים איבער אַלע ריכטונגען, ביז וואַנעט ער פאַרשווינדט אין דער האַלב־טונקלקייט פונם צימער.

דער גרויסער אַבאַזשור פון דעם טיש־לאָמפּ, פון דעם איינציקן לאָמפּ, וואָס האָט באַלויכטן דעם צימער, האָט געוואָרפן שאָטנס אויף די ווענט און דאָרט אויף קלאַרעס בילדער. אין אָט דער האַלב־טונקלקייט האָבן די ביל־דער אויסגעזען פאַנטאַסטיש און די פיגורן אויף זיי האָבן זיך אָנגעטאָן אין אַ באַזונדערן חן.

שאַליט האָט עס באַמערקט און געזאָגט:

— קוקט אויף אײַערע בילדער, קלאַרע! זיי האָבן איצט גאָר אַן אַנדער חן. זעט, ווי וווּנדערלעך זיי זײַנען!

קלאַרע האָט, אָנשפּאַרנדיק זיך אויף איין האַנט, האַלב אויפגעהויבן זיך און זיך אײַנגעקוקט. איר פּנים האָט מער און מער אָנגעהויבן אויסדריקן באַוווּנדערונג און ענטוזיאַזם.

— שאַליט, איר האָט איצט מײַן אויפמערקזאַמקייט געצויגן צו אַ וווּנ־דערלעכער דערשײַנונג. איך האָב עס דאָך אַזויפיל מאָל געזען, אָבער אויף דעם ניט אויפמערקזאַם געוואָרן... די בילדער דריקן איצט אויס עטוואָס גאַנץ אַנדערש... וווּנדערלעך... אייניקע שטריכן האָבן זיך פאַרהוילן, אַנדערע געוואָרן מטושטש, דעריבער זײַנען גאָר אַנדערע געוואָרן בולטער... שאַפן זיך אײַנגאַנצן נײַע פּאַנאָראַמעס, אַנדערע אידעעס... וווּנדערלעך! איך וועל מאָלן מײַנע אייגענע בילדער... מאַנכע פון זיי, יעדנפאַלס... קוקט נאָר, שאַליט, אויפן „פרילינג“. פונם פרילינג איז אַ מאַדאָנע געוואָרן...

פון התפּעלות האָט זי זיך העכער אויפגעהויבן פון איר געלעגער.

— אוי, שאַליט, איך האָב עס! איך האָב די מאַדאָנע!.. איך האָב זי אַלעמאָל געזוכט און איצט האָב איך זי געפונען... וועט איר מיר דער־לויבן צו מאַכן איצט אַ סקיצע? איך מוז גלײַך מאַכן אַ סקיצע!

זי האָט זיך שנעל אויפגעהויבן און אַוועקגעשטעלט זיך און געמאַכט אַ טראָט אין דער ריכטונג פון דער טיר צו גיין ברענגען מאַטעריאַל צו מאַכן די סקיצעס. אָבער ביסלעכווײַז איז איר באַגײַסטערונג אָפּגעשוואַכט געוואָרן. דעם צווייטן טראָט האָט זי געשטעלט ניט אַזוי אַנטשלאָסן ווי דעם ערשטן און נאָך דעם דריטן טראָט האָט זי זיך צוריקגעקערט און צוריק אַרויפגע־וואָרפן זיך אויף דער זאָפע.

— איך וועל עס אָפּלייגן אויף אַן אַנדערש מאָל. איך בין איצט צו צע־שטרייט און צו מיד צו זײַן פעיִק צו אַרבעטן.

— אויך קלאַרעס שטימונגען געדויערן ניט לאַנג, — האָט זיך שאַליט געטראַכט — דאָך איז דאָ אַ באַזונדער חן אין זיי: דער חן פון אַ קינסט־לערין...

און באַלד האָט ער ווידער אַ טראַכט געטאָן:

— פון וואַנעט דרינג איך, אַז אירע שטימונגען געדויערן ניט לאַנג?..

און בעת־מעשה האָט ער געזאָגט הויך, אויפן קול:

— ס'מאַכט ניט, אַז איר וועט די סקיצן איצט ניט מאַכן. איר באַגרייפט זיי און איר האָט זיי אין זיך, וועט איר זיי אַן אַנדערש מאָל צייכענען.

און נאָך אַ פויזע האָט ער געזאָגט:

— אַמאָל דוכט זיך מיר, אַז דער אויסדרוק פאַרשוועכט דעם כּבֿוד פון דער נשמה פון דער קונסט; וואָרום קונסט איז גייַסט און אויסדרוק איז מאַטעריע, און איר כּבֿוד ווערט אויף אַזויפיל פאַרשוועכט, אויף וויפיל מאַטעריע שטייט נידעריקער פון גייַסט... דעם קינסטלערס קונסט־אויסדרוק איז בלויז די מעטאַמאָרפאָזע פון אויסנעמען בייַם עולם. דאָס איז דאָס קאָקעטירן פון דעם עגאָ, כּדי צו קריגן אָנערקענונג; דאָס איז, ווי ווילענסקי וואָלט זיך אויסגעדריקט, די מעשים־טובֿים פון דעם צדיק, דורכגעפירט אין אַ טעאַטער.

— ס'איז אמת, — האָט קלאַרע צוגעגעבן. — ווי ווונדערלעך עס וואָלט געווען, ווען די ריינע גייַסטיקייַט פון קונסט וואָלט ניט געדאַרפט מאַטעריאַלי־זירט ווערן. מייַנס אַ בילד האָב איך געטראָפן הענגען אין אַ צו מיר דער־ווידעריקן הויז — ווי פרעמד דאָס בילד איז מיר געווען... איר האָט דער־מאָנט ווילענסקין. מיר דוכט אַמאָל, אַז ער איז גערעכט: אַן אַמאָליקער יידי־שער מאָלער פלעגט צייכענען אויף הגדות און מגילות, און הייליק זייַנען יענע ספרים געווען... און אַ פרומער ייד וועט אין בלעטער פון אַ ספר ניט אייַנוויקלען קיין הערינג... ס'איז געווען אַ הייליקע באַציִונג צו קונסט... אפשר וועט אייַער נבֿואה, שאַליט, אַמאָל מקוים ווערן און די מענטשלעכע חושים וועלן זיך אויף אַזויפיל אַנטוויקלען, אַז דער אויסטויש פון עסטעטישע עמפינדלעכקייטן צווישן מענטש און מענטש און צווישן מענטש און געזעל־שאַפט זאָל פאָרקומען אויף אַ דירעקטן אוממיטלבאַרן אופן... דוכט מיר, אַז דאָס זייַנען אייַערע רייד געווען.

יאָ, ער האָט שוין לאַנג געטראַכט מכּוח דעם.

דורכן פענצטער האָט אין צימער אַרייַנגעבלאָזן אַ שטיל ווינטל און אַרייַנגעבראַכט ריחות פון אַקאַציעס. דורכן פענצטער האָט אין צימער אַרייַנגעקוקט אַ האַלבער הימל, אָנגעשאָטן געדיכט מיט שטערן. ביידע האָבן אַרייַנגעקוקט אין פענצטער און געשוויגן. דאָס שווייַגן האָט שאַליט איבערגעריסן:

— די וועלט ענדערט זיך ניט. טאָג אָדער נאַכט — קיין איין ברעקל פון דער וועלט־סובסטאַנץ ענדערט זיך ניט. דאָך ווי געענדערט איז דאָס לעבן אונטער פאַרשיידענע באַלייַכטונגען. איז עס אמת, אַז דער עצם פון אונדזער לעבן־דערקענטעניש איז מער אָפּהענגיק פון דעם ליכט, וואָס ווערט אויף אים געוואָרפן, איידער פון זייַן אינהאַלט? יאָ, ס'איז אַזוי. ס'איז דאָ, אין דעם פאַל, אויך דער ווידערשפרוך צווישן שׂכל און געפיל. דער שׂכל

זאָגט, אַז דאָס פּאָזיטיוו, שוין באַנומענע איז ווערטפול, און דאָס געפיל, וואָס איז מער גענייגט צום סוגעסטיוון, צום מיסטעריעזן, איז טפלדיק. דאָך וואָס הערשט מער?.. דער שכל ליבט דעם טאָג, דאָס קלאָרע, דאָס באַלויכ־טענע. דאָס געפיל, פאַרקערט, ליבט די נאַכט, דאָס געהיימניספולע, דאָס אומקלאָרע. עס ווערט דאַן מער געררייצט. אפשר איז עס דערפאַר, וואָס דאָס געוויסן פונם שכל הייבט דאַן זײַן קול אַזוי הויך ניט אויף?.. ס'איז דאָך אַ מיסטעריע. ווייסט דאָך דער שכל ניט, וואָס עס איז אַזוינס. שווײַגט ער... אַזוי ווי דער פאַרטאָג איז עס אין נעפּל אײַנגעהילט. דאָס געפיל איז אין אַ מצב פון אַ מיסטישן ציטער. מע ריכט זיך: אָט וועט עטוואָס קומען! עטוואָס וועט דערשײַנען. וואָס וועט דערשײַנען? וואָס פאַר אַ פּרצוף וועט עס האָבן? און אפשר וועט גאָרנישט דערשײַנען?..

קלאַרע האָט געשוויגן. שאַליט האָט אַ ווײַלע געקוקט אויף עליזאַבעטס בילד און נאָך אַ קורצן שווײַגן האָט ער פאָרטגעזעצט:

— איך האָב הײַנט אַכטונג געגעבן אויף עליזאַבעטן און מאַרגאָלינען. איר האָט זיי, מן הסתם, אויך באַמערקט. עליזאַבעט, די נאַיִווע, קליינשטעטל־דיקע מיידל, הייבט ערשט אָן שטעלן אירע ערשטע, וואַקלדיקע טריט אויפן וועג פון אַ לעבן פון אַ ברייטערן פאַרנעם איידער איר היימישע סביבה. דאָס, וואָס האָט זיך הײַנט אָוונט פאַר איר אַנטפּלעקט, אָט די נײַע סביבה, האָט אויף איר געוויס געמאַכט אַ שטאַרקן רושם. לעבן בכלל איז נאָך פאַר איר, מער איידער פאַר מער דערפאַרענע, אײַנגעוויקלט אין אַ נעפּל פון אַ מיסטעריעזן גלאַנץ. דורך איר אומדערפאַרנקײַט זײַנען בײַ איר נאָך פאַרבליבן אַ סך נאַטירלעכע רײַכקײַטן. שיין, אָנגעלאָדן מיט עשירות און מיט נאָכמער נאַיִוון גלויבן, שטעלט זי איצט אירע ערשטע טריט אויפן וועג פון אַ נײַ לעבן און שוין הייבט זי זיך אָן אָנשטויסן אָן העסלעכע, אומרייניע, מאַרגאָלינישע אײַנפלוסן. ווהין וועט דער לעבנסוועג זי פירן?.. — ליגט זי איצט, מן הסתם, אין איר בעט און איר נאַיִוויטעט פרעגט אומבאַוווסט־זיניק אַ סך קשיות, וואָס זי האָט ניט די דערפאַרונג צו פאַרענטפערן. אָט האָט זיך פאַר איר הײַנט עטוואָס שפּאָגל־נײַעס אַנטפּלעקט, און איר ראָמאַנ־טישע נאַיִוו־מיידלישקײַט שטייט פאַר דעמדאָזיקן סוד און פרעגט, און פרעגט, און איר האַרץ, — סײַ עס שרעקט זיך און סײַ עס פרייט זיך... און אויף אַן אַנדער בעט ליגט אַ מאַרגאָלין און ער איז ניט גענוג אָרנטלעך, אַפילו ווען ער זאָל האָבן די פעיִקײַט דערצו, צו באַנעמען די געפילן פון אָט דעם ליבלעכן קינד, און, אָנשטאָט דורך זייער דערהויבנקײַט אַליין דערהויבן צו ווערן, — איז ער אָנגעפילט מיט סאַדיסטישע, עראָטישע פאַרלאַנגען חרוב צו מאַכן, טמא צו מאַכן... אַליין געפאַלן, וויל ער נאָך קרבנות אין אָפּ־גרונט אַרײַנשלעפּן... אַזוי איז שוין דאָס געזעץ פון געפאַלנקײַט...

קלאַרע האָט געשוויגן. זי האָט זיך אָבער אויפמערקזאַם צוגעהערט צו זײַנע רייד. זי האָט פון אים די גאַנצע צײַט קײַן אויג ניט אַראָפּגענומען, געשטודירט אַלע זײַנע באַוועגונגען. זי האָט פאַררויכערט נאָך אַ פּאַפּיראָס. שאַליטן האָט אָבער ניט געאַרט, צי קלאַרע איז אויפמערקזאַם אָדער ניט. וואָלט זי דאָ ניט געווען, וואָלט ער דורכגעטראַכט דיזעלביקע געדאַנקען, און ווײַבאַלד זי איז דאָ, רעדט ער זיי אַרויס הויך אויפן קול. ער האָט גע־פילט אַ שטימונג, אַ קוים־באַמערקבאַרע שטימונג, אַז עטוואָס נײַעס טרעט איצט אויך אין אים אַרײַן. דערפאַר אפשר קומען איצט צו אים אָטאָדי און ניט קײַן אַנדערע געדאַנקען. ער האָט הײַנט אָוונט אַ סך הנאה געהאַט. פון וואָס? – קלאַרע?.. טאַמאַרע?.. ווער פון זיי האָט אים די הנאה פאַר־שאַפט?.. קלאַרע?.. אָבער אין זײַן איבערבאַוווסטזײַן איז ניט זי, נאָר טאַמאַרע געווען... אַ מאָדנע זאַך: ער האָט צײַטנווײַז געפילט אַ נאָענטן קאָנטאַקט מיט דער דאָזיקער מיידל, וועמען ער קען נאָך אַפילו ניט... אַ מאָדנע אַסאָציאַציע... עפּעס אויסערגעוויינטלעכעס איז דאָ אין אירע גרויסע אויסדרוקפולע אויגן, אין איר זייער מעלאָדישער שטימע, אין איר האַלטונג, אין אַלע אירע באַנעמונגען. זי איז ניט טיפזיניקער פון פילע פון זײַנע באַקאַנטע פרויען, דאָך האָט ער געפילט אַ מאָדנע עסטעטישע הנאה פאַרברענגענדיק מיט איר. זי איז צוריקגעהאַלטן, צוריקגעצויגן, אָבער ס׳איז ניט מחמת קאַרגשאַפט. אַ נאַטירלעכע באַשיידנקײַט און אַ נאַטירלעכע ראַפי־נירטקײַט...

אַזוי האָט ער מכוח טאַמאַרען געטראַכט. און פּלוצים האָט זיך, ווי אַ היפּוך צו טאַמאַרען, פאַר אים פאָרגעשטעלט דאָס געשטאַלט פון לאהן, פאָרגעשטעלט האָט זי זיך פאַר אים, ווי ער האָט זי געזען אַרומשפּרײַזנדיק איבער איר צימער, קאַפּריזנע, אויפגערעגט, צערייצט. בליצט פון איר אַמאָל אַרויס אַ שיינער געדאַנק, ווערט אָבער פינצטער באַלד צוריק. אַזוי ווי אַ בליץ אין אַ פינצטערער נאַכט... אומצופרידן מיט זיך און מיט דער גאַנצער וועלט. זי זוכט הנאות און האָט קיינמאָל קײַן הנאה ניט. איז זי צערייצט, און אין אירע מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציעס פעלט דעריבער דאָס פּאָזיטיווע, דאָס נאַרהאַפטיקע פאַר דער נשמה. ס׳איז בלויז דאָס נעגאַטיווע, די הכחשה, דאָס אָפּשפּאָטן, די איראָניע... ניט לעבן־שטימונגען, נאָר לעבן־אַפּיקורסות...

און נאָכגעבנדיק זײַן געוווינהײַט, האָט ער אַרויסגענומען זײַן נאָטיץ־ביכל. ער האָט אינגאַנצן פאַרלוירן דאָס באַוווסטזײַן, אַז דאָ געפינט זיך קלאַרע לעבן אים. ער האָט פאַרצייכנט:

„קונסט דאַרף ברענגען פּאָזיטיווע ווערטן. דער איז קײַן קינסטלער ניט, ווער עס האָט ניט קײַן פעסטגעשטעלטע אידעעס פון אַ שעפערישן ווערט.

(7)

ווען דער קינסטלער ברענגט קײן פּאָזיטיװע װערטן ניט אַרױס, נאָר ער קומט בלויז צו קריטיקירן אָדער מבטל צו זײַן, ווען דער קינסטלער מאָלט אידעענלאָזיקײַט, אַפּאַטיע, לעבן=אומזין און צװעקלאָזיקײַט, – שאַפט ער ניט קײַן קונסט״...

– וואָס האָט איר פאַרצייכנט, שאַליט? – האָט ער דערהערט קלאַרעס פראַגע.

דאָס האָט אים געבראַכט צום באַװוסטזײַן, אַז זי איז דאָ. אַזוי האָט ער זי אינגאַנצן אויפגעהערט צו באַמערקן.

– וואָס האָב איך פאַרצייכנט? – האָט ער איבערגעפרעגט – גאָרנישט באַדײַטנדיקס. אַ סתם געדאַנק.

–לייענט עס פאַר מיר, – האָט זי אים געבעטן.

ער האָט איר צוליב געטאָן.

– זײַנט איר מיט מיר מסכים? – האָט ער געפרעגט.

זי האָט ניט געענטפערט. זי האָט זיך אַביסל אויפגעהויבן פון איר געלעגער אויף דער זאָפע, אָנגעשפאַרט זיך אָן עלנבויגן, אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער און געזעצט זיך.

– סאַר אַ שיינע נאַכט! שטיל, רויק. אָן פאַלט אַ שטערן. איר האָט געזען, שאַליט?

ערגעץ האָט אַ זייגער געקלונגען דרײַ.

– שוין דרײַ אַזייגער, – האָט זי געזאָגט – באַלד וועט שוין אָנהייבן טאָגן. די צײַט איז אַזוי שנעל אַוועק...

ער האָט זיך אַװעקגעזעצט לעבן איר בײַם פענצטער.

– אַ טיפער הימל. טויזנטער שטערן. מוראדיקע וועלטן... און מיר זיצן דאָ ערגעץ אויף דער ערד, אין אַ קליין צימער, טריליאָנען מײַלן אַוועק, אַ טריליאָנטן טריליאָנטחלק פון דעם אַלעמען און נאָך אַ סך ווייניקער פון דעם, און – מיר באַנעמען דאָס אַלץ מיט איין מאָל... – האָט ער געזאָגט.

זי האָט אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף זײַן קאָפּ און גענומען גלעטן זײַנע האָר.

– אַ מאָדנער מענטש זײַנט איר, שאַליט... עס פאַלן אײַך אײַן אַזעלכע מאָדנע געדאַנקען. אײַערע געדאַנקען רעכענען זיך ניט מיט אָרט און מיט צײַט. אָט טראַכט איר מכּוח קונסט. דרײַ אַזייגער בײַנאַכט, נאָך אַ היפּש שטורעמדיקן אָוונט... און אײַערע געדאַנקען האָבן אַפילו קײן שײַכות ניט מיט דעם, וואָס איר האָט די לעצטע פּאָר שטונדן געפילט. זיי האָבן בכלל קײַן פּאָזיטיוון ווערט ניט. אַן אַבסטראַקט=פילאָזאָפישן בלויז... פּלוצים באַפאַלט אײַך אַ שטימונג און איר זוכט די שײַכות פון דער וועלט צו דעם איך... אַ מאָדנער מענטש... איך האָב אַמאָל מורא פאַר אײַך...

אַ פרעמדקײַט בלאָזט פון אײַך... איר ציט אויף זיך אַרויף צופיל שטרענג־קײַט, צופיל ערנסט... הגם סע פילט זיך, אַז איר פירט אַן אינערלעכן קאַמף און אין דערווירקלעכקײַט זײַנט איר ניט אַזאַ שטרענגער... וואָס צווינגט אײַך צו זײַן אַזוי?..

וואָס צווינגט אים צו זײַן אַזוי? ער ווייסט אַליין ניט. אפשר די איבערפלעכלעכקײַט, די פּרינציפּנלאָזיקײַט און אידעענלאָזיקײַט פון דער אַרומיקער סביבה. וויל ער דערפאַר בויען אַן אייגן וועלטל, אַן אינהאַלט אין זיך זעלבסט. ער איז אָבער ניט, אַזוי ווי זי מיינט, אַ דאָגמאַטיקער. וואָלט ער עס געווען, וואָלט אים ניט אויסגעקומען אַזוי אָפט צו מאַכן זײַן אייגענעם חשבון־הנפש, וואָלט ער ניט געזוכט...

יאָ, ער איז אַמאָל סענטימענטאַל. ער וויל עס ניט דערשטיקן. און פאַרוואָס זאָל ער עס טאָן? סענטימענטן זײַנען שיין. אָבער... ווידער די סביבה... ער דערשטיקט די אייגענע סענטימענטן... איז ער צוריקגע־צויגן?.. אָבער זינגט ער איז אַלט געוואָרן פערצן יאָר, האָט ער קיין היים ניט געהאַט. און זײַן יוגנט האָט ער, אַלס פּאָליטישער פאַרברעכער, צוערשט אין טורמע און דערנאָך אין סיביר פאַרבראַכט. האָט ער זיך אויסגעלערנט צו זײַן אין זיך...

— יאָ, שאַליט, דאָס לעבן טאָר טרוקן ניט זײַן... ס'דאַרף אויך זיסקײַטן פאַרמאָגן... איר וואָלט באַדאַרפט פאַרליבן זיך. אַ פרוי וואָלט באַדאַרפט אַרײַנטרעטן אין אײַער לעבן. האָט איר אַמאָל געליבט?

— געליבט? ער ווייסט אַליין ניט... ס'איז גיכער געווען די גלוסטונג ליב צו האָבן איידער ליבע... ניין, ס'איז ניט ליבע געווען... פאַר אים הייסט ליבע דער קונסט־אויסדרוק פון דער נשמה און דעריבער זײַנען דאָ גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקײַטן... ניין, ס'איז ניט אַ דאָגמע, נאָר אַן אינער־לעך געפיל... אַזוי איז ער...

— מיט אײַער גאַנצן ערנסט זײַנט איר נאָך זייער נאַיִוו, שאַליט... — האָט זי געזאָגט — אַ גרויסער נאַיִווער יינגל...

זי האָט אים געגלעט איבערן קאָפּ. זײַן קאָפּ האָט זיך ביסלעכווײַז געבויגן, ביז וואַנען ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף איר ברוסט.

זיי האָבן ביידע געקוקט דורכן פענצטער אין דער נאַכט אַרײַן...

צענטער קאַפּיטל.

די זון האָט דורכגעריסן דעם פרימאָרגן־נעפּל, אַרײַנגעשטראַלט דורכן
אָפענעם פענצטער, לאַנגזאַם גערוקט אירע שטראַלן איבער דעם דיל, ביז
יי זײַנען אַרויף אויפן בעט און אַרײַנגעשײַנט שאַליטן אין פּנים אַרײַן.
שאַליט האָט זיך אויפגעכאַפּט.
— ס׳איז שוין שפּעט. — איז געווען זײַן ערשטער געדאַנק.
ס׳איז אָבער ערשט אַכט אַזייגער געווען.
האָט ער שוין געוואָלט איבערקערן זיך אויף דער צווייטער זײַט און צוריק
זײַנשלאָפן. איז זײַן בליק געפאַלן אויף אַ בריוו, וואָס איז געלעגן אויפן
יל בײַ דער טיר. דאָס האָט די הויז־באַלעבאָסטע ניט געוואָלט וועקן אים,
אָט זי דעם ערשט אָנגעקומענעם בריוו אונטערגערוקט אונטערן טיר.
ער איז אַראָפּ פון בעט און אים אויפגעהויבן. ס׳איז געווען פון קלאַרען.
קלאַרע, וועלכע איז מיט אַ וואָך פריער אָפּגעפאָרן קײַן ניוקאַסל און
אָרט אינײנעם מיט גוסטאָנען רעסטאַווירט די בילדער און סטאַטועס פון
ן אַלטן קלויסטער, — האָט געשריבן זייער בקיצור, אַז איר אַרבעט איז שוין
מעט געענדיקט און זי וועט הײַנט אָדער מאָרגן צוריקקומען קײַן עדינבורג.
ויב ער, שאַליט, פאָרט אַוועק אין די בערג, זאָל ער דאָרט רעזערווירן
ימערן אויך פאַר איר און גוסטאָנען.
שאַליט האָט זיך שנעל אָנגעטאָן און איז אַרויס אויף דער וועראַנדע
ון זײַן הויז. אונטערן באַרג, אויף וואָסערן דאָס הויז איז געשטאַנען, האָט
ך ברייטלעך פונאַנדערגעלייגט די שטאָט, איבערגעדעקט זיך מיטן נעפּל
ון געדרימלט. אונטער די שטראַלן פון דער זון האָט דער נעפּל געשײַנט
לבערדיק־בלוי און זיך לאַנגזאַם באַוועגט, ווי ער וואָלט געפאָלגט דעם אָטעם
ון דער שטאָט. דאָ און דאָרט האָט זיך אַ פאַבריק־קוימען אויסגעצויגן, אַרויס־
עשטעקט דעם קאָפּ פון אונטער דעם נעפּל, געוואָרפן זײַלן רויך, געטריבן
י אין הימל אַרײַן, אַז זיי זאָלן זיך באַזילבערן און באַבלויען. און געדוכט
אָט זיך, אַז דאָס זײַנען פאַרגליווערטע אברים פון דעם משונהדיקן בעל־
ף, דער שטאָט. און דער בעל־גוף אַליין שלאָפט, און שלאָפנדיק ציט ער זיך
יס, קערט זיך פון זײַט צו זײַט; גליטשט זיך דערווײַל זײַן צודעק, דער
נעפּל, אַראָפּ פון איין אבר, פון אַ צווייטן: דעקט זיך אָפּ אַ דאַך, אַ הויז־

אַ גאַס, אַ בוים, אַ גאָרטן; קומט אַהין צו די זון און מאַכט עס צו שמייכלען מיט ליכט...

שאַליט האָט געטראַכט:

אָט איז אַ שטאָט. הײַזער אויף הײַזער. געבויט געוואָרן פון מענטשן פאַר שוץ פון רעגן און קעלט, געבויט געוואָרן פאַר באַקוועמלעכקײַט וועגן און ניט לשם דעקאָראַטיווער שיינקײַט. און די מענטשן דאָרט אונטן האָבן שיינקײַט גאָר אין זינען ניט, נאָר זיי האַוועט אין זייערע באַגריפן וועגן די נויטן פון טאָג, און זיי טראַכטן ניט, אַז זיי, צוזאַמען מיט זייערע בנינים, ווערן איצט באַנומען אָטאָדאָ פון מיר, שאַליטן, ניט פון דעם שטאַנדפונקט פון מאַטעריעלן נוצן, נאָר דורך אַ באַגריף פון פּלאַסטיש־דעקאָראַטיווער עסטעטישער הנאה. געבויט האָבן מענטשן די שטאָט דורך פּאָליטיש־סאָציאַלע נויטן. איז אָבער געקומען די זון, איז געקומען דער נעפּל און האָט זיי פאַרוואַנדלט אין אַ מיטאָס פון פאַרבן און ליניעס. וואָלט דאָך דאָרט איצט אַפילו אַ שלאַכט געקענט פאָרקומען, וואָלט דאָרט איצט אַפילו אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע געקענט פאָרקומען, — וואָלט עס זייער אָנגעזיכט ניט געענדערט און די בילדלעכקײַט פון דער פּאַנאָראַמע וואָלט פאַרבליבן די זעלביקע, און דער נעפּל און זונשטראַלן־שפּיל וואָלט זיך אויך אַ האָר ניט געענדערט...

און שאַליט האָט דערפון אויך דעם מוסר־השכּל געצויגן:

— אוי, ניט דער אַבזיכט ווערט דערגרייכט, ווען מע בויט אַ בנין, נאָר דאָס סודותדיקע, דאָס איבערמענטשלעכע, דאָס פון דער נאַטור פאָרויס־באַשטימטע. דער מענטש בויט זיך זײַנס און די נאַטור איבערזעצט עס אויף איר אייגענעם שטייגער.

— און דער זעלביקער אמת גילט אויך אין דעם פרט פון דעם מענטשנס גײַסטיקע אויפטוונגען און דערגרייכונגען...

— אָן ליגט אַ שטאָט. פון אינעווייניק איז זי ווי מיאוס און ווי שיין. קומט אָבער די זון און דער נעפּל, ווישט אָפּ דעטאַלן און איינצלהײַטן און שאַפט אַן אַלגעמיינע פּאַנאָראַמע פול מיט חן, וואָס איז גאָרניט שטאָט און גאָרניט מענטשלעך אויפגעטאָן. זאָל מען אָבער אויך אָט דעם חן צעגלידערן, וועט ווידער אַן אַנדער זאַך אַרויסקומען... פאַרבלײַבן וועט דער חן ניט מער ווי אין דער פאָרשטעלונג, אין דער אילוזיע, אַזוי ווי אַן אויסגעטראַכטער מיטאָס...

— אָט אַזוי זײַנען מיר מענטשן און אַזוי זײַנען אונדזערע זעונגען. מיר זעען ניט דיווירקלעכקײַט, נאָר די אָפּשפּיגלונג אין אונדזער זעונג...

און פונם כּלל זײַנען שאַליטס געדאַנקען אַריבער צום פרט — פון דער פּאַנאָראַמע און דעם מוסר־השכּל, וואָס ער האָט געצויגן, — צו זיך גופא:

געווען צייטן, ווען ער האָט געמיינט, אַז ער האָט דערזען דאָס מיסטיש־גרויסע. ס'זיינען געווען מאָמענטן, ווען ס'האָט זיך אים געדוכט, אַז ער האָט זיך דערהויבן ביז סאַמע הויכקייט. צי ס'איז געווען די דערהויבונג פון דער נשמה, צי די אויפדעקונגען פון וועלט־סודות, צי עפּעס אַנדערש, אָבער ס'איז געווען... ווי אַ נבואה־גייסט און אַ נבואה־ענטוזיאַזם... געווען אַ סך אַזעלכע מאָמענטן... איבערהויפּט ווען ער איז געווען אינם אָריענט. קיינמאָל איז ער אָבער אַזוי אומרויִק ווי איצט ניט געווען... איצט?.. וואָס איז איצט?..

אַמאָל האָט קלאַרע געזאָגט:

— וויכטיק איז ניט דאָס לייוונט, וויכטיק זיינען די פאַרבן...

און געזאָגט האָט זי עס אויף מאָרגן נאָך יענעם שיינעם אָוונט... און געווען איז עס בייטאָג. און אירע, קלאַרעס, אויגן זיינען נאָך דער שלאָפלאָזער לוסט־נאַכט געווען רויט, און איר פּנים צעקנייטשט און איר רייץ פאַרשווונדן... און ער האָט זיך דאַן געטראַכט:

— דו, קלאַרע, ביסט דאָס לייוונט... איך בין דער קינסטלער געווען... איך בין די פאַרבן געווען...

און באַלד האָט ער אָנגעהויבן צווייפלען:

— און אפשר איז ער, שאליט, דאָס לייוונט, און זי, קלאַרע, איז די קינסטלערין?..

און ער האָט דערפילט אַ באַליידיקונג. אַ באַליידיקונג פאַר זיך און אויך פאַר קלאַרען: פאַרוואָס ניט אַ גלייכבאַרעכטיקטע קעגנזייטיקע טוישונג פון עסטעטישע הנאות?.. פאַרוואָס עפּעס די חרטה?.. פאַרוואָס ניט ביידע קינסטלער און אַ באַהעפטונג פון אינספּיראַציע?..

און ער האָט זיך דענסטמאָל דערמאָנט, וואָס ער האָט אַמאָל צו לאהן געזאָגט:

— דאָס איז די באַהעפטונג פון צוויי טענער, וואָס קומען גלייכצייטיק פון צוויי געפּאָרטע סטרונעס אויף איין מוזיקאַלישן אינסטרומענט, וואָס שאַפט די סאַמע נשמה פון מוזיק...

ניין, ניט פאַרבן געלייגט אויפן לייוונט, נאָר צוויי פאַרשיידנאַרטיקע טענער האַרמאָניש געפּאָרט...

דאָס איז, אין וואָס ער האָט אַמאָל געגלויבט. דאָס איז, אין וואָס ער גלויבט נאָך איצט אויך... און יענער אָוונט: — איז עס געווען איינע פון יענע זעונגען, וואָס מיר זעען גאָרנישט?.. איינע פון יענע זעונגען, ווען מיר זוכן זעונגען בלויז און די גלוסטונג פון זעונג ברענגט מיראַזשן בלויז?.. אַ פאַרפירעניש?..

דאָך איז ער באַרייכערט געוואָרן מיט אַ זעונג... אויך קלאַרע איז באַרייכערט געוואָרן מיט אַ זעונג... און קלאַרען איז ער דערפאַר דאַנקבאַר

געווען. און ווען ער האָט זי שפּעטער אַרומגענומען און געקושט, האָט זי פאַרשטאַנען... אויך ער האָט זי פאַרשטאַנען... אויך זי, אויף איר שטייגער, איז אים דאַנקבאַר געווען... און דאָס איז זי געווען, וועלכע האָט אים אין אַ פּאָר טעג אַרום אָנגעצייַגט אויף טאַמאַרען... צוערשט האָט ער זיך שטאַרק געוווּנדערט, אָבער שפּעטער, ווען זי האָט צו אים, דוכט זיך בדרך אַגב, דאָך ניט צופעליק געזאָגט: „איר ווייסט, איך בין דאָך מיט צען יאָר עלטער פון אייַך..." – האָט ער פאַרשטאַנען... ערשט דאַן האָט ער פאַר איר דרך־ארץ געקראָגן... זי איז אַוועקגעפאָרן מיט גוסטאָנען... זי דאַרף ניט, אַז גוסטאָן זאָל איר העלפן אין דער אַרבעט, דאָרט אין דער קירכע... זי האָט יענעם אָוונט זיך נוקם געווען אָן גוסטאָנען, האָט זי געזאָגט. ער האָט ניט פאַרשטאַנען. זי האָט זיך אָבער אַרויסגעדרייט פון אַן אויפקלערונג...

און דאַן איז געקומען טאַמאַרע... איז זי ערשט דאַן געקומען?.. איז זי פריער ניט געווען?.. און איז זי איצט דאָ?..

און שאַליט האָט דערפילט אַ מאָדנעם אומרו. איז טאַמאַרע אפשר אויך ניט מער ווי איינע פון יענע זעונגען, ווי מיר זוכן זעונגען?..

פאַרמסקיס „גוט מאָרגן" האָט זייַנע געדאַנקען איבערגעשלאָגן. שאַליט האָט אים אָנגעצייַגט אויף דער פאַנאָראַמע.

– יאָ, עדינבורג איז אַ שיינע שטאָט, – האָט פאַרמסקי געזאָגט.

– די שטאָט איז שיין?.. – האָט זיך שאַליט פאַרוווּנדערט.

פאַרמסקי האָט בײַ אים געפרעגט, צי ער האָט נאָכגעפאָלגט דעם „יידישן טאָגבלאַט", פאַרמסקיס צייַטונג, אין משך פון די לעצטע עטלעכע וואָכן. ניט נאָכגעפאָלגט? אַ שאָד. אַ גרויסע זאַך איז אויסגעקעמפט געוואָרן אין משך פון אָט דער צייַט אויף דער יידישער גאַס. עס איז דורכגעבראָכן די כינע־זישע וואַנט פון דער אַסימילאַטאָרישער דזשואיש באָאַרד אָוו דעפּיוטיס. דער קאַמף האָט זיך אָנגעהויבן, הלמאַי די באָאַרד האָט ניט פּראָטעסטירט אַנטקעגן די יידישע פאַרפאָלגונגען אין רוסלאַנד. דאָס איז נאָך פאַראַיאָרן געווען, ווען דער צאַר איז נאָך געווען אין מאַכט, זינט דאַן זייַנען די רוסישע יידן עמאַנ־סיפּירט געוואָרן. האָט זיך דער קאַמף אַנטוויקלט פאַר דער קעגנערשאַפט פון דער באָאַרד צום ציוניזם. פאַרמסקי איז די גאַנצע צייַט געווען דער פירער פון דער אָפּאָזיציע. נעכטן האָט זיך דער אָנגעפירטער קאַמף געענדיקט. אַ גרויסער זיג פאַר דער אָפּאָזיציע. מע טעלעגראַפירט צו אים, אַז די אָפּאָזיציע האָט געקראָגן די אויבערהאַנט און אַז די אַסימילאַטאָרן האָבן זיך צוריקגעצויגן פון דער באָאַרד.

– ווער זייַנען דידאָזיקע, וואָס האָבן זיך צוריקגעצויגן? – האָט שאַליט געפרעגט.

פאַרמסקי האָט אויסגערעכנט אַ צענדליק נעמען.

— אויב זיי זײַנען אַוועק, איז דאָך דאָרט קיינער ניט פאַרבליבן, מיט וועמען די עפנטלעכקײַט זאָל זיך רעכענען...— האָט זיך שאַליט פאַרווונדערט — ווו איז דער אויפטו?

און שאַליט האָט געקוקט אויף פּאַרמסקין און געזען, אַז דאָס לעצטע ברעקל אידעאַליזם האָט זיך פון אים שוין לאַנג אָפּגעטאָן, אַז אין דער ווירקלעכקײַט אינטערעסירט אים ניט די באָאַרד און ניט איר טעטיקײַט, און אויסן איז ער בלויז זײַן אייגענע פּאָפּולאַריטעט.

פּאַרמסקי האָט געטענהט, אַז יענע יידן זײַנען קיין יידן ניט, נאָר זיי זײַנען בלויז פילאַנטראָפּן און מה־יפ'תניקעס בײַ די ענגלישע פּאָליטיקער. זיי זײַנען אפשר גאונים אַלס ענגלישע פּאָליטיקער, אָבער ווען עס קומט צו יידישע ענינים, זײַנען זיי סײַ בייזווייליק און סײַ עם־הארצים. אָן זיי איז בעסער. זאָלן די אמתדיקע יידן פאַרנעמען זייער אָרט.

שאַליט האָט אים ניט געענטפערט. ער האָט געקוקט אויפן נעפּל איבער דער שטאָט, ווי ער ווערט דורכזיכטיקער און שיטערער און סע הייבן זיך שוין אָן אָפּצודעקן די הײַזער און די גאַסן. אַווטאָמאָבילן און וועגענער לויפן אַרום; מענטשן האַוועןֹ; אַ פערד פאַלט אין שפּאַן; ס'פליט אַ טראַמווײַ מיט אימפּעט פאַרבײַ. און ער האָט געטראַכט:

— אמתדיקע יידן — דאָס זײַנען די פּאַרמסקיס... אָן האַוועןֹ זיי, און מיט אַ געשריי, און מיט אַ געפילדער. ווען זיי וואָלטן כאָטש אויף איין מינוט אָפּגעשטעלט זיך אָנטקעגן אַ שפּיגל...

ער האָט איבערגעלאָזט פּאַרמסקין און איז אַרײַן אין הויז. פאַרבײַ־גייענדיק קלאַרעס סטודיע, האָט ער דורך דער אָפענער טיר דערזען דאָרט ווילענסקין מיט טאַמאַרען. ווילענסקי האָט באַטראַכט קלאַרעס בילד: „דער אייביקער ייד", אַ סימבאָליש־דעקאָראַטיוו־טענדענציעז בילד, מיט וועלכן קלאַרע אַליין איז אומצופרידן געווען, אָבער פון וואָס ווילענסקי האָט גראָד פיל געהאַלטן. דאָס בילד האָט פאָרגעשטעלט אַן עגיפּטישע פּיראַמידע, פון וועלכער עס ציט זיך אַרויס אַ פיגור פון אַ יידן, וואָס שטרעקט אויס די הענט צו משיחן, וועלכער זעט זיך אין הינטערגרונט. משיח שטרעקט אויס צום יידן זײַנע קייטן, וואָס דער ייד שטרענגט זיך אָן צו צערײַסן. אַחוץ דעם פלעכטן זיך אויפן בילד: טליתים, רצועות, מגן־דודס, מנורות, לולבים. קאָנטיק, אַז דאָס בילד האָט קלאַרע געמאָלן שוין לאַנג צוריק און דאַן איז זי געווען אונטער דער השפּעה פון אפרים ליליען. שוין לאַנג אָבער, אַז קלאַרע איז אַוועק סײַ פון דעמדאָזיקן סטיל און סײַ פון יענע טענדענצן. ווילענסקי האָט שטאַרק זשעסטיקולירט מיט די הענט און דערקלערט טאַמאַרען די באַדײַטונג פונם בילד. דערווײַל האָט ער געהאַלטן אַ דרשה מכוח דער אייביקײַט פון יידן, מכוח ליכט און פינצטערניש, מכוח דעם יידישן באַגריף

פון טומאה און טהרה, פון שכינה און סיטרא־אַחרא, אַזש ביז די צען ספירות...

טאַמאַרע איז געשטאַנען בײַם פענצטער און אונטער די שטראַלן פון דער זון האָבן אירע האָר אָפּגעגלאַנצט מיט גאָלד און איר האַלדז איז געווען רויזן. איר פּנים איז געווען בלייכלעך, אָבער פריש. פון אונטער דעם ווײַסן קלייד, וואָס האָט בולט געמאַכט איר טאַליע, האָבן זיך חנעוודיק געצייכנט די ליניעס פון איר קערפּער. ענטפּערנדיק אויף שאַליטס „גוט־מאָרגן", האָט זי געשמייכלט און באַוויזן אירע שיינע ווײַסע ציין. שאַליט האָט באַמערקט, אַז זי שמייכלט ניט נאָר מיט די ליפּן, נאָר אויך מיט די אויגן... אירע טונקל־ברוינע אויגן האָבן זיך פאַרזשמורעט אַביסל און זיי האָבן געשמייכלט...

— מר. ווילענסקי איז פאַרליבט אין יידישקייט, — האָט זי זיך געווענדעט צו שאַליטן — און ווו נאָר ס'איז דאָ אַ ברעקל חן, זאָגט ער, אַז עס באַלאַנגט צו אונדז...

ווילענסקי האָט געזאָגט, אַז ער דאַרף גיין אין ביבליאָטעק, און איז אַוועק. שאַליט האָט פאַרבעטן טאַמאַרען צו עסן פרישטיק צוזאַמען מיט אים. דער פרישטיק איז זיי דערלאַנגט געוואָרן אויף דער וועראַנדע.

טאַמאַרע איז געווען אַ סימפּאַטישע צוהערערין און שאַליט האָט גערעדט אָן אויפהער. צוערשט האָט ער גערעדט מכּוח ווילענסקין:

— אָט די ווילענסקיס זײַנען זייער נוצלעך. זיי זײַנען פון יענעם טיפּ מענטשן, בײַ וועמען איין חוש איז אַנטוויקלט אויפן חשבון פון די איבעריקע חושים. דערגרייכט דערפאַר בײַ זיי דערדאָזיקער חוש הויכע שטופן פון אַנטוויקלונג. אַזעלכע מענטשן בויען טיילן פון דער מענטשלעכער ציוויליזאַציע. פון אַ סך אַזעלכע טיילן ווערט צונויפגעשטעלט איין גרויסע גאַנצע זאַך. און זאָלן זיי קומען די מוזיקער מיט אַן עקזאַלטירטן חוש פאַר קלאַנגען און שאַפן די מוזיק פון דער וועלט; און זאָלן קומען די מאַלער — און שאַפן די אוצרות פון פאַרבן־קאָמבינאַציעס; און זאָלן קומען די דיכטער, די נביאים, די וויסנ־שאַפט־לײַט, די דענקער, די מיסטיקער, די פילאָזאָפן, — זאָלן זיי אַלע קומען, עקזאַלטירט אין זייער פאַך, און יעדער איינער וועט צוטראָגן זײַן חלק, און אַלע איינציקע וועלן אַראָפּברענגען צו אונדז די פאַרבאָרגענע אוצרות פון דער וועלט, וועלכע מיר זוכן אַזוי נײַגעריק, וועלכע וועלן פאַר אונדז אַנטפּלעקן דעם זין פון אונדזער קיום.

— אַזעלכע עקזאַלטירטע מענטשן זײַנען נוצלעך. אָבער זיי זײַנען ניט דער אידעאַל פון אַ דערהויבענעם מענטשן. פאַנאַטישע איינזײַטיקייט רויבט פון דעם מענטשן די הנאה פון אַנדערע שיינקייטן. וואָרים שיינקייט קאָן זיך געפינען ניט נאָר אין דעם קרײַז פון אונדזער באַנעם, נאָר אויך אין דרויסן פון אים. אַ יידישער ניגון אַפּעלירט צום געהער פון ווילענסקין, אָבער אַ סקאָ־

טישער מאָטיוו אַפּעלירט דאָך אויך צו עמיצנס אַ געהער. דאַרפן מיר אונדזער חוש איבן פּאַר פּילפּאַכע און אַלזײַטיקע באַנעמונגען און מיר וועלן פּילפּאַך הנאה האָבן.

– אין אַ געוויסן זין איז ווילענסקי אפשר גערעכט. אַלס פאָלק, אַלס אַן אינדיווידועלע גאַנצקייט און אויסגעצייכנטקייט, זײַנען די יידן אפשר גײַסטיק רײַכער פון אַ סך פון זייערע שכנים, ווארים אויף זייער וואַנדער־וועג האָבן זיי אויסגענוצט די געלעגנהייט און אײַנגעזאַפּט אין זיך פאַרשיידנאַרטיקע קולטורן. און מחמת זיי האָבן קיינמאָל קיין רו ניט געהאַט, האָבן זיי אײַנגעזאַפּט אַממערסטן דאָס מיסטישע, דאָס נביאישע פון אַ סך קולטורן, און ווײַל זיי זײַנען געווען פאַרפאָלגט, זײַנען זיי נביאיש־רעוואָלוציאָנער. ס׳איז דאָך ניט קיין צופאַל, וואָס לויט זייער פּראָפּאָרציע האָבן די יידן זייער אַ גרויסע פאַרטרעטערשאַפט אין רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען. אָט, למשל, די איצטיקע געשעענישן אין רוסלאַנד: הערט זיך ניט אַמאָל דער קול פון דעם נביא אין די אַראַטאָריעס פון די אומרו־גײַסטער פון די טראָצקיס, יאָפעס און ראַדעקס? עס קאָן זיך אויסווײַזן, אַז זיי זײַנען בלויז יחידי־סגולה. יחידי־סגולה קומען אָבער פון אַן אויסגעשפּראָכענער פאָלקס־אידעאָלאָגיע. דידאָזיקע אידעאָלאָגיע איז פאַרן איבערפלעכלעכן אויג אפשר ניט שטאַרק אויסגעשפּראָכן. טאָג־טעגלעך — זיכער ניט אויסגעשפּראָכן. אויב ניט, וואָלט דאָך אונדזער ביאַליק קיין גרונט ניט געהאַט אין זין „שחיטה־שטאָט” צו צאָרענען אַזוי אויפן פאָלק פאַר זײַן באַהאַלטן זיך אין שטאַלן אין דעם טאָג פון בראָך און פאַר זײַן ניט צײַגן קיין ווידערשטאַנד. דערדאָזיקער פאָלקסגײַסט אָבער אַנט־פּלעקט זיך בולט אין בין־השמשות־צײַטן, ווען די וועלט שטעלט זיך אויף דער גרענעץ פון טאָג און נאַכט, אויף דער גרענעץ פון גרויסע געשעענישן, ווען די נשמה באַהעפט זיך מיטן מורא־דיקן פלאַטערן פון פאַרבן און שטעלט זיך פנים לפנים מיט ווערטן, וואָס זײַנען אייביקער און גרעסער פון פעלקער און לענדער־איבערקערענישן אפילו. אויך אַנטפּלעקט זיך דערדאָזיקער גײַסט אין שבתים־צײַטן, ווען אַלץ ווערט גערופן צו רו און צו שלום, און דער גרויסער אידעאַל פון אייביקער רו און אייביקן שלום ווערט געשטעלט אין אַ פּערס־פּעקטיוו. טאָג־טעגלעך ווערט אָבער דער דאָזיקער גײַסט ניט אויסגעשפּראָכן. ווײַל מען לעבן – דאַרף מען זיך צום לעבן צופּאַסן. און אין זייערע וואַנדע־רונגען האָבן זיך די יידן אויסגעלערנט אויך, ווי אַזוי צוצופּאַסן זיך צום לעבן. צווינגט זיי דאָס לעבן צו באַהאַלטן זייער טרוים פון שלום אויף משיח־צײַטן. און דערווײַל טוען זיי דאָס, וואָס זיי טוען. אָט האָט איר אַ בײַשפּיל: די מלחמה האָט קיין לאָנדאָן פאַרטריבן סײַ בעלגיער און סײַ בעלגישע יידן. די יידן זײַנען געקומען, אַרומגעקוקט זיך, באַקאַנט זיך מיט דער נײַער היים און – צו איר צוגעפּאַסט זיך. אָבער די בעלגיער האָבן זיך נאָך עד־היום ניט צו־

געפּאַסט. זייער לאַנד איז צעטראָטן, זייער היים איז צעשטערט, און אין דער נײַער היים זײַנען זיי פרעמד. זייער געפיל איז געגליכן צו דעם יידישן פאַרצײַטיקן געפיל, ווען זיי האָבן זיך נאָך ניט אויסגעלערנט די קונץ פון צופּאַסונג, ווען זיי האָבן נאָך בײַ די טײַכן פון בבל אויף די ערבות זייערע האַרפעס אויפגעהאַנגען, ווײַל זיי האָבן אויף פרעמדן לאַנד ניט געקאָנט שפּילן די לידער פון ציון... קוקן די בעלגיער ניט גלײַך, נאָר אַריבער. זיי קוקן ניט פאָרויס, נאָר אַריבער דעם פאָרויס, אַריבער דעם מהלך, אַריבער דער נאָענטער צוקונפט. און פון אָט דעם בליק קוקט תמיד אַרויס דער משיח־אידעאַל. די יידן זײַנען שוין געוווינט צו לײַדן. דעריבער אַנטפּלעקט זיך דער משיח־געדאַנק בײַ זיי אין בין־השמשותן און שבתים בלויז. בײַ די בעלגיער איז ער אַצינד טאָג־טעגלעך. דעריבער געפינט מען אַצינד דעם אויסדרוק פון דעם, וואָס מיר שטעלן זיך פאָר אַלס אייביקער, וואַנדערנדיקער ייד, אין דעם בעלגיער מער איידער אין דעם יידן. און שיין איז דערדאָזיקער בליק!..

— שיין איז דער מענטש ניט אין זײַן צופּאַסונג, נאָר אין זײַן פליען צו דעם מיסטעריעזן אַריבער און אַריבער. דאָס פאַנטאַסטישע, דאָס אידעאַליזירטע, דאָס אומדערגרייכבאַרע איז דאָס, וואָס באַצויבערט אונדז. וואָס מער אילוזיע, אַלץ טיפער איז די עסטעטישע הנאה. געפילן זײַנען ניט אַזוי אינטענסיוו אָנגעשטרענגט אין דעם דערגרייכטן ווי אין דער שטרעבונג צו דערגרייכן. דאָס איז די לעגענדע פונם לעבן, וואָס מאַכט דאָס לעבן זיס.

— די זון פאַרגייט. זי פאַרשווינדט. און אין פורכט קעמפט זי דעם לעצטן קאַמף פאַרן לעבן. און מיט גיגאַנטישן כּוח צעפלאַקערט זי מיט פײַערפלאַם דעם הימל. וואָס זאָגט עס צום געפיל? — סע וועט אַוועק, סע וועט אונטערגיין, סע וועט ווערן בלייכער און בלייכער, סע וועט שטאַרבן, און די וועלט וועט זיך אײַנטונקען אין פינצטערניש...

— אַנדערש רעדט אָבער דער באַגינען: דער גרויער נעפּל ווערט ביסלעכווײַז בלוי און הייבט זיך באַלד אָן טונקען אין רויזן. עס איז פאַרנעפּלט. וואָס באַהאַלט זיך דאָרט אינעם נעפּל?.. וואָס?.. עס ציטערט דאָס האַרץ: וואָס באַהאַלט זיך דאָרט?.. סע הייבט אָן שימערירן ליכט. ליכטיקער און ליכטיקער... וואָס וועט קומען?.. וואָס?.. עס קלאַפּט מיט דעם אומרו פון דערוואַרטונג דאָס האַרץ פון דער וועלט, און נאָכאַמאָל דיזעלביקע פראַגע: וואָס וועט קומען?

— אוי, אין דעם געבורט, אין דעם ווערן, אין דעם אַנטשטיין איז די סאַמע גרויסקײַט באַהאַלטן... אין דער מיסטיק פון געבוירן...

שאַליט איז אַנטשוויגן געוואָרן. אַנטקעגן אים איז געזעסן טאַמאַרע און געקוקט אויף אים מיט אירע גרויסע ברוינע אויגן. און שאַליט האָט געפילט:

— אָ, אין דעם געבוירן, אין דעם ווערן...

און ער האָט געקוקט אויף טאַמאַרען און איר אין די אויגן אַרײַן, אויף איר האַלדז, אויף איר ברוסט. און ער האָט איר אָטעם באַמערקט און ער האָט זיך זעלבסט, שטיל בײַ זיך אין האַרצן, געפרעגט:

– וואָס וועט ווערן?..

זיי האָבן ביידע לאַנג געשוויגן.

– ווי שיין אײַערע געפילן זײַנען, מר. שאַליט! – האָט זי געזאָגט.

אירע ווערטער האָבן צוגעבראַכט אַ שטראָם בלוט צו זײַן האַרץ...

זיי האָבן ביידע געקוקט אויף דער פּאַנאָראַמע, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט פון דער ווערענדע דאָרט אונטערן באַרג און אַריבער דער שטאָט און אַריבער דעם האָריזאָנט און אין דער בלויער ווײַטקייט אַרײַן.

– סאַר אַ וואונדערשיינער פרימאָרגן!.. – האָט זי געזאָגט...

עלפטער קאַפּיטל.

1.

פון אונטן, פון די אָפּגרונטן און פון די זײַטן, פון די הײלן און פון די שפּאַלטן פון די װענט זײַנען אַרױסגעקראָכן שאָטנס; צוערשט האָבן זײ אײַנגעהילט דעם טאָל און דערנאָכדעם געהױבן זיך העכער און העכער און פּאַרװאַנדלט אױך די בערג אין מאַסיװע פינצטערע מאַסן. דער הימל האָט נאָך אָפּגעגלאַנצט מיט רױזן-בלײכקײַט און די ליניעס פון די בערג-שפּיצן האָבן זיך געצײכנט שאַרף און בולט. באַלד האָט אױך דער הימל אָנגעהױבן טונקעלער צו װערן און די לבנה איז אַרײַן אין איר פולער ממשלה-צעשאָטן זילבער מיט אַ גנאָדיקער האַנט. שאַרפע קאָנטורן און סילועטן זײַנען פאַר-גלעט געװאָרן – װאָרהײַט האָט אָפּגעטראָטן איר פּלאַץ צום טרױם, און דער טרױם האָט געשװעבט אין זילבער-בלױקײַט. פון ערגעץ זײַנען װאָלקנס אָנ-געקומען, צעלײגט זיך בײַ די זײַטן פון די בערג, אױסגעשפּרײט זיך װי אַ זילבערנער לײַלעך, אױסגעצױגן זיך װי אַן אומגעהױער גרױסער זילבער-טעפּיך און צעשײַנט זיך אין אַ װוּנדערלעכער בלױער װײַסקײַט.

שטײענדיק אױבן, אױפן שפּיץ באַרג, האָט שאַליט דאָס לעצטע זונ-ליכט אױפן הימל באַגלײט, דערנאָכדעם די קריכנדיקע פונם טאָל באַרג-אַרױפצו שאָטנס באַגעגנט, און איצט האָט ער די אונטער זײַנע פיס צעשפּרײטע װאָלקנס באַװוּנדערט.

– סאַר אַ פּראַכט! סאַר אַ הערלעכקײַט! – האָט ער צו זיך אַלײן געמורמלט.

די באַכישופנדיקע אָװנט-שטילקײַט פון די בערג!

װאָס איז דער מורמל, װאָס דערטראָגט זיך פון דער װײַט און הערט זיך קױם, קױם? – װאַסער גליטשט זיך באַרג אַראָפּ, שפּרינגט איבער שטײנדלעך, שפּרינגט איבער בײמער-װאָרצלען, שטראָמט און שטראָמט און זינגט זיך דאָס װאַסער-ליד.

װאָס שאָרכעט זיך דאָרט אָן דער זײַט, שאָרכעט און הערט אױף און שאָרכעט זיך װידער? – אַ שטײן האָט זיך ערגעץ אָפּגעריסן און אַװעקגע-

גליטשט זיך אין אָפּגרונט אַרײַן, פֿאַרטשעפּעט אויך אַנדערע שטיינער אויפֿן וועג און זיי גליטשן זיך שוין צוזאַמען.

דאָס מורמלען און שאַרכן זײַנען איין זאַך, און די שטילקײַט איז אַ באַזונדער זאַך. אין די גרענעצן פֿון דער לעצטער רײַסן זיך די ערשטע ניט אַרײַן.

און די שטילקײַט איז פֿאַר זיך גופֿא אַ קלאַנג — דער קלאַנג פֿון אַבסאָלוט אומקלאַנגלעכקײַט, די מוזיק פֿון אומטענער. דאָס איז די מעלאָדישע ליריק פֿון די בערג, די פּאַטעטישע סימפֿאָניע פֿון זילבערנע שטראַלן. קלאַנגען, וואָס ווערן באַנומען ניט מיטן אויער, נאָר מיט די חושים; מוזיק, וואָס ווערט געשפּילט צו דעם מיסטישן איך, צו דעם איך, וועלכער פּאַסט זיך זעלבסט אַרײַן אַלס אַ טייל פֿון יענער סודותדיקער גרויסקײַט, וועלכער דיריגירט די קאַפּעליע, אַווו הימל און ערד, באַרג און טאָל,ביימער און גראָז זײַנען די קלעזמער.

שאַליט האָט די מוזיק באַנומען און זיך אין שײַכות מיט איר באַגריפֿן, אָט די מוזיק און זײַן נשמה — האָט ער געפֿילט —ביידע קומען זיי פֿון איין מקור, ביידע ציִען זיי זיך צו איין תּכלית: צום גרויסן תּכלית פֿון די אַלהעכסטע אוצרות פֿון שיינקײַט, פֿון וועמען אָט דאָס אַלץ, וואָס ער באַנעמט, איז ניט מער ווי אַ קליינער חלק פֿון אַ גרויסן אידעאַל, אַרויסגענומען פֿון דעם אומצײַליקן סכום פֿון אידעאַלן.

אַ וווּנדער־וועלט! אַ צויבער־וועלט! מע שטוינט פֿאַרן וווּנדער, מע שטוינט פֿאַר דער גרויסקײַט. און באַוווּנדערנדיק און שטוינענדיק, ווערט אַלץ קלאָרער פֿאַרן געפֿיל, אַז דאָס איצט־געזעענע, איז אַ מינדסטער חלק פֿון דעם, וואָס איז דאָ... און אָטאָדער דאָ, איז וואָס מער מיר באַנעמען אים, אַלץ מער ווערן מיר באַוווּסטזיניק אויף זײַן קיום און אַלץ מער וויסן מיר, אַז מיר ווייסן אים ניט, אַז מיר זײַנען צו אומוויסנדיק צו וויסן אים. אונדזער העכסטער וויסן דריקט זיך אויס אין דער באַנעמונג, אַז מיר ווייסן ניט. אָבער דערדאָזיקער באַנעם אַליין איז וויסן, ווײַל אונדזער באַוווּסטזיניקײַט פֿון אומוויסן איז אַ גרויסע דערגרייכונג אויפֿן פֿעלד פֿון וויסן.

אינסטינקטיוו האָט ער זיך גענומען פֿאַר זײַן נאָטיץ־ביכל צו פֿאַרצייכענען אָט דעם געדאַנק, אָבער האַסטיק האָט ער עס באַלד צוריק אין קעשענע אַרײַנגערוקט. דאָס, וואָס ער פֿילט איצט, איז ניט פֿאַר אויסדרוק געגעבן געוואָרן, און אָט דער געדאַנק, וואָס ער האָט געוואָלט פֿאַרצייכענען, ווי אומגעלומפּערט ער איז אַנטקעגן דער חכמה, וואָס האָט אים אינספּירירט צו אים און וואָס האָט אים אַרויסגערופֿן. אַ משל, צו וואָס איז די זאַך געגליכן: צו אַ קינד, וואָס שטרעקט אויס דאָס הענטל צו דער לבֿנה, ווײַל זי דערלאַנגען און זאָגט: — אַ פֿייגעלע פֿליט...

ער האָט זיך אַנידערגעזעצט, אויסגעצויגן די פיס, אָנגעשפּאַרט זיך אָן אַ שטיין, איין האַנט פאַרלייגט אויף דער ברוסט, אָנגעשפּאַרט אויף איר דעם עלנבויגן פון דער צווייטער האַנט, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אָנם פויסט. געקוקט-געגליטשט האָט זיך זײַן בליק איבער דער זילבערנער פלאַכקײַט פון די וואָלקנס, געגליטשט זיך פון דאָרט אין מהלך אַרײַן.

און ווען מע באַנעמט פראַכט און צויבער, ווי זיי זײַנען פאַרטאָן אין אומבאַוועגלעכקײַט און נירוואַנע-שטילקײַט פון זיך זעלבסט, ווען מע שטעלט זיך פנים לפנים מיט אָט אַזעלכעס, וואָס גיט פליגלען צו פאַנטאַזיע און אַריבער-הימלען-טיפקײַט צום פאַרנעם, — באַגרײַפט מען אַ שײַכות צווישן עגאָ און אין-סוף און מע טיפט זיך אין דעם אינזיך און מע באַהעפט אים מיט דעם סוד.

שאַליט האָט אָנגעהויבן באַנעמען אַ מיסטעריעזן פלאַטער פון אַ פאַרפלאָנטערטן חשבון-הנפש, אַן אַרײַנדרינגען אין אַן עפּעס, וואָס האָט ניט קײַן גרענעצן, ניט קײַן פאָרמען און איז ניט אינם גדר פון אויסדרוק אָדער אַפילו פון פאַרנעם...

— ווי מוראדיק און מאויםדיק איז סײַ דער מקור און סײַ דער תוכן, וווהין אונדזער גײַסט קאָן דערלאַנגען! — האָט ער פאַר זיך געטראַכט.

— אָטאָדאָס איז דאָך, וואָס עס באַאײַנפלוסט די טווּנגען פון מענטשן. אָטאָדער אורקוואַל און נאָכקוואַל און אייביקקוואַל הערט קיינמאָל ניט אויף צו זײַן זײַן פירער. אַפילו דער כוח צו באַוווּנדערן אָט דעם קוואַל, וואָס איז כולל אין זיך דעם אַלץ פון דער וועלט און וואָס ווערט איבערגעגעבן בירושה פון דור צו דור, — ווערט אויך טאָג-טעגלעך באַרײַכערט פון דער דירעקטער השפּעה פון דעם זעלביקן קוואַל...

— פולקײַט איז דער תוכן פונם קוואַל, און דאָס שטרעבן צו פולקײַט איז דער ערשטער, לעצטער, איינציקער און אַלץ כוללדיקער אײַנפלוס, וואָס פירט דעם מענטשן דורך דעם לאַבירינט פונם לעבן. צו באַזיצן, צו באַנעמען, צו דערגרייכן פולקײַט אין יעדן אויסדרוק און השגה, צו שאַפן אין זיך אָרט פאַרן אַבסאָלוטן אַלץ און צו דערגרייכן אָט דעם אַלץ, — איז דער יסוד פון מענטשן.

— אמת, אַמאָל פאַרבלאָנדזשען מענטשן. אַמאָל נעמען מענטשן אָן אויסגעשײַערטע בילקײַטן פאַר ריין גאָלד, און זייער געקינצלטן גלאַנץ — פאַר אמתדיקן ליכט. אָט אַזוי האָבן די אַלעקסאַנדער מוקדונס און די נאַפּאָלעאָנס געבלאָנדזשעט — אָנגענומען קורצלעבנדיקן וועלטלעכן רום פאַר מאַכט. אַמאָל בלאָנדזשען גאַנצע פעלקער אַפילו. האָט דאָך רוים אַמאָל אַזוי געבלאָנדזשעט.

— קומען אָבער אָט אַזעלכע בערג, אָט אַזעלכע נעצן פון זילבער אויף וואָלקן-פּאַנאָראַמעס און זיי שרײַען אויס: — „קערט זיך צוריק! איר בלאָנדזשעט!

דער וועג פון אמת שפרייט זיך גאָר איבער די לאַבירינטן פון דער אייגענער נשמה, ווען זי איז פאַרשפרייט און פאַרטיפט. און צו גיין איבער יענע וועגן קאָן מען ניט מיט טרומייטן און מיט אויסגעשרייען פון זיגער און באַזיגטע, – נאָר דורך דער האַרמאָניע פון שטילקייט, דורך דער מוזיק פון אומטענער, דורך דער סימפאָניע פון די כּלי־זמר, וואָס שטייען אין דרויסן פון צייט און רוים"...

און פון זיין זכרון האָט אָנגעהויבן אַרויסשווימען דאָס שוין כּמעט פאַר־געסענע בילד פון זיין עלטער־פעטער רב נתנען. דאָס איז דאָס בילד, אין וועלכן ער האָט אין יענער צייט נבואה און מיסטישע כּוונה אַריינגעפּלפּולט און, וואָס ער האָט שפּעטער מבטל געווען, אַז דאָס האָט דער סוד פון טויט, די השפּעה פון דעם דאָזיקן סוד אויף זיין, שאַליטס, דאַמאָלסטיקער איבער־גלויבערישער נשמה, – געשאַפן אין אים דעם גלויבן איניינעם מיט דער זעונג פון דער דאָזיקער כּוונה. און אפשר איז ביי רב נתנען טאַקע אויך די כּוונה געווען און שאַליט האָט אים יאָ גוט פאַרשטאַנען? אפשר האָט רב נתן דער־פילט דאָס אָנקומען פונם טויט און, גלויבנדיק אין זיין אייגענער מיסיע, האָט ער פאַר איר אַ יורש געזוכט? און פאַרוואָס זאָל ער ניט האָבן געהאַט די כּוונה אים, שאַליטן, וועלכער האָט דאַן געשמט פאַר דודקען דעם עלוי, פאַר זיין גייסטיקן יורש צו מאַכן? – אָבער וואָס די סיבות זאָלן ניט האָבן געווען, איז ער, דוד שאַליט, איצט, און דווקא איצט, גרייט צו גלויבן ניט נאָר אין רב נתנס כּוונה, נאָר אויך אין דעם אמת פון דעם קיום פון אַ מיסיע...

איינמאָל האָט רב נתן געשיקט אַ שליח קיין קאַמאַרינקע, אַז ער, דודקע, זאָל שנעל קומען צו אים צופאָרן. ער איז דאַן פופצן יאָר אַלט געווען. ער געדענקט דעם איינציקן אָוונט, וואָס ער האָט מיט זיין עלטער־פעטער דאַן פאַרבראַכט. אויך זיין געשטאַלט האָט זיך איינגעקריצט אין זיין זכרון. אָט זעט ער אים מיט זיין לאַנגער זילבערנער באָרד, מיט די געדיכטע וואָנצעס, וואָס זיינען געווען באַגולט פון דעם רויך פון דער ליולקע. אַ גרויסער שטערן, פול מיט טיפע קנייטשן; גרויסע, ווייסע ברעמען, זיינען זיי געהאַנגען אַריבער די אויגן און די אויגן טיף געמאַכט. און די אויגן, גוטע, מילדע אויגן, האָבן פון אַ טיפעניש אַרויסגעקוקט און געשיינט האָט פון זיי אַ מיסטיש ליכט, און זיי האָבן געצויגן צו זיך, אָפּגעשאַפט דודקעס ווילן, מאַגנעטיזירט... און וואָס מער דודקע האָט אין זיי אַריינגעקוקט, אַלץ מער איז ער אַריין אין אַ התפּעלות און אין אַ התלהבות.

רב נתן איז געזעסן אָנגעשפּאַרט אין פאָטערשטול ביים טיש, אויף וועלכן עס איז געלעגן אָפן אַ גרויסע גמרא. דערביי איז געשטאַנען אַ דריי־רערנדיקער לייכטער, אין וועלכן עס האָבן געברענט ליכט, ועמענס באַוועג־לעכע פלעמלעך האָבן באַוועגט די שאָטנס איבער דער וואַנט.

רב נתן האָט לאַנג גערעדט. גערעדט שטיל און רויק. ס'האָט זיך גע=דוכט, אַז ניט פון אים שטאַמט דער קול, נאָר אַז ס'זײַנען דאָ וועלטן מיט קדושות און דורך אים דריקן זיי זיך אויס. דאָס האָט דער קול פון נבואה דורך אים גערעדט. ס'איז שוין דער לעצטער קלאַנג פון דרויסן אָפּגע=שטאָרבן און איז אויפן בית=עלמין פון עכאָ רוען אַוועק. די פענצטער זײַנען געווען די גרענעץ צווישן דער אומדורכדרינגלעכער פינצטערניש פון דרויסן און דעם שימערירנדיקן ליכט פונם צימער. ס'האָט זיך געדוכט, אַז דער צימער האָט זיך אָפּגעטיילט פון דער ערד און ער שווימט ערגעץ אין אַ וועלט פון סאַמע פינצטערניש, און ער ווערט דאָרט דורך רב נתנס קול פון נבואה גערודערט און געפירט צו יענעם לאַנד, וואָס איז אין זיך כולל אַלע לענדער, אַלע ליכטן און אַלע אמתן...

— און אַ מענטשלעכער אויפטו, אַפילו אַ פלאַי=פלאַים=אַיפטו, קאָן ער זיך דען מיט מעשה=בראשית פאַרגלײַכן?..—האָט זיך רב נתנס קול געהערט— און אַז משה האָט דעם ים=סוף געשפּאָלטן, איז עס דען גלײַך צו דער בריאה פון דעם ים=סוף, וואָס איז אַליין אַ טייל פון דעם ים=אוקינוס?.. מעשים, ווען זיי דערגרייכן דעם רבונו=של=עולם, זײַנען זיי אַלע גלײַך אין זייער נישטיקייט. א גרעסער פינטל, אַ קלענער פינטל – אַלץ איינס ניט מער פון אַ פינטע=לע... אַנדערש אָבער איז די מחשבה. די מחשבה איז גאָר אַ גרויסע זאַך! די מחשבה קאָן גאַנצע וועלטן און איבערוועלטן באַנעמען... די מחשבה קאָן שטײַגן און איבערשטײַגן... וואָרים די מחשבה און בלויז זי ברענגט אונדז אין קרובהשאַפט מיטן סאַמע מקור, כביכול... דאַרף די מחשבה גע=רייניקט זײַן... היטן זיך פון טומאה, רחמנא ליצלן... און דערגרייכן קאָן מען עס דורך פאַרטיפונג און ניט דורך וועלטלעכער פאַרשפּרייטונג... און אַזוי ווי אַן אָפּגרונט האָט ניט קיין דעק, און אַזוי ווי קדושה האָט ניט קיין שיעור, אַזוי איז אויך ניטאָ קיין גרונט צו דער פאַרטיפונג פון דער נשמה... און דער עיקר איז אמונה! מיט אמונה קאָן מען דערגרייכן ביזקל סוף פון אַלע סופן, צו וועלכע קײַן סוף איז קיינמאָל ניטאָ... און דאָס איז דער עונג פון זיוו=השכינה... מע שטײַגט און מע הערט קיינ=מאָל ניט אויף צו שטײַגן... ווײַל צען זײַנען די ספירות, אָבער יעדע איינע פון די ספירות האָבן ניט קײַן אָנהייב און ניט קײַן סוף... מחמת עס איז ניטאָ קײַן שיעור צו שכינה און – קײַן גרענעצן צו קדושה... און די נשמות אונדזערע קומען דאָך פון שכינה און צו זייער מקור ווילן זיי זיך צוריקקערן...

רב נתן האָט פאַרמאַכט די אויגן און קאָנטיק, אַז פאַר אים האָט זיך פאָרגעשטעלט דער וועג פון דער נשמה, און, אַז וואָס מער זי פאַרטיפט זיך, אַלץ מער דערנעענט זי זיך צו איר גרויסן מקור און אַלץ מער ווערט

זי באַשײַנט פון דעם ליכט פון שכינה. נאָר דאָס פולע ליכט וועט זי קיינמאָל ניט דערגרייכן, וואָרים צו פולקײַט איז קײַן שיעור ניטאָ... אָבער מיט יעדן טריט פּראָוויס פילט זי אַ שטאַרקע הנאה, וואָרים אומדערשעפּלעך איז די אמונה...

דודקע האָט אויף אים געקוקט און ערשט דאַן האָט ער אָנגעהויבן פאַרשטיין, פון וואַנעט עס שעפּט זיך די כּוחות פון דער יידישער אומה. וועלכע שײַנט אַזוי העל אין איר לײַטערונג פון יסורים. ער האָט אַליין אויך אָנגעהויבן באַנעמען און פילן...

— אָט ליגט אַ הייליקער ספר, — האָט רב נתן שפּעטער געזאָגט, אָנ־צײַגנדיק אויף דער גמרא. — דאָ זײַנען פאַרשריבן די געזעצן פון גערעכטי־קײַט. דאָס איז אַ הייליקער ספר. דער אָבער, וועלכער איז אַליין מסוגל צו פאַרטיפן זיך, דערגרייכט שוין די תּקומה, ווען ער שטײַגט שוין לפנים־משורת־הדין... ער דאַרף שוין קײַן וועגווײַזער ניט, ער זעט שוין אַליין דעם וועג!..

ער האָט אַרײַנגעדרונגען דודקען אין די אויגן.

— זעסטו? — האָט ער בײַ אים געפרעגט.

— איך זע!.. — האָט דודקע געענטפערט.

יאָ, ער האָט ווירקלעך דערזען... ער האָט דעמאָלסט דערזען דאָס, וואָס ער האָט ניט פריער און ניט שפּעטער זוכה געווען צו זען...

— יאָ, דו זעסט!.. — האָט רב נתן מיט פרייד געזאָגט — איך זע, אַז דו זעסט!.. — און רב נתן האָט אַזש געציטערט פאַר שמחה. — דײַן טאַטע וואָלט עס אפשר ניט געקאָנט זען... אַ סוחר זעט ניט... מײַנע קינדער זײַנען אויך ניט זוכה געווען צו זען... וועסטו מײַן יורש זײַן!.. און ווען דײַן טאָג וועט קומען, וועסטו שוין וויסן, צו וועמען די ירושה איבערצוגעבן... ס'דאַרף לאַו דווקא אין דער משפּחה פאַרבלײַבן... ביז משיח וועט קומען... און דאַן וועט ער זײַן דער יורש, וועלכער וועט כּולל זײַן אַלע ירושות... איצט קום אַהער!

און רב נתן האָט פאַרשפּרייט זײַנע הענט איבער דודקעס קאָפּ און ער האָט עטוואָס שטיל געשעפּטשעט. דערנאָך האָט ער די הענט אַראָפּגענומען און זײַן געשטאַלט איז געווען אינגאַנצן געענדערט: זייער בלייך איז ער געוואָרן, און די אויגן האָבן אַזוי מאָדנע געלויכטן און אין דער בלייכקײַט פון זײַן פּנים האָט ער מאָדנע געשײַנט...

— איצט גיי! — האָט ער געזאָגט.

דאָס זײַנען רב נתנס לעצטע ווערטער געווען. לענגער צו פאַרבלײַבן בײַ זיך האָט ער אים ניט געלאָזט. דודקע איז גלײַך צוריק אַהיים אַוועקגעפאָרן.

אין דער זעלביקער נאַכט איז רב נתן געשטאָרבן. מע האָט אים אויף מאָרגן געפונען טויט, זיצנדיק אין זײַן פּאָטערשטול, אָנגעטאָן אין אַ קיטל און אַ טלית. זײַן קאָפּ איז געווען אַראָפּגעבויגן אויף זײַן ברוסט און סע האָט זיך געדוכט, אַז ער לעבט און ער איז פאַרטיפט אין אַ מחשבה. ער איז געשטאָרבן אין פרידן. אַפילו זײַנע הענט זײַנען געבליבן ליגן אויף די זײַטלעך פונם שטול...

אַ שטערן האָט זיך אַ גליטש געטאָן און דורכגעשניטן דעם הימל מיט פײַער. שאַליט האָט אויפגעהויבן זײַן קאָפּ און געקוקט אויף די זילבערנע וואָלקנס און אין דעם טיפן הימל אַרײַן...

2.

די וואָלקנס פון אונטן האָבן אָנגעהויבן אָננעמען משונהדיקע געשטאַלטן. איין וואָלקן איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מאַמאָנט, געשווומען איבער דער לופט אויפן בויך, עלעגאַנט אויסגעבויגן אַ זשיראַפן־האַלדז מיט אַ קאָפּ פון אַ פויגל. אַ צווייטער וואָלקן האָט אָנגעהויבן אויסזען ווי אַ קעמל מיט דרײַ הויקערס און מיט צוויי קעפּ, און די קעפּ האָבן זיך באַלד צעשאָטן און זיי זײַנען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין כרובים, מיט הענט און קעפּ אויפגעהויבן צום הימל, ווי זיי וואָלטן שירה געזאָגט. און באַלד איז געוואָרן אויס פון די כרובים, אויס פון דעם מאַמאָנט, אויס פון דעם קעמל, און די וואָלקנס האָבן זיך צוריק אויסגעשפרייט איבער דער ברייט און לענג פונם טאָל און גענומען שפּילן זיך מיט זילבער־שטראַלן... און דאָס אַלץ האָט זיך אָפּגעטאָן אין אַ מוראדיקער שטילקײַט, אין דער אומגעהויערער שטילקײַט פון אַ בערג־נאַכט, אונטער זילבערנער גלאָקן־מוזיק פון דער לבנה.

שאַליט האָט זיך אויפגעהויבן פון זײַן אָרט, אַריבערגעזעצט זיך אויף אַ שטיין און פאַרלייגט די הענט אויף דער ברוסט. ער האָט געטראַכט:

— אָט איז שטיל. פריער האָב איך אין דער שטילקײַט מוזיק באַנומען, און איצט באַנעם איך שטורעם אין איר... יאָ, א שטורעם פון שטילקײַט. ס'איז דאָ מוראדיק רויִק. ס'איז אָבער אַ שטורעם פון רויִקײַט. און אַלץ, וואָס איז שטורעמדיק, פאַרכאַפּט מענטשלעכע חושים. דער מענטש מוז האָבן

עקסטרעמע סענסאַציעס. ערשט דאַמאָלסט איז ער צופרידן. צופרידן?... קאָן עס געמאָלט זײַן?... זײַן גרעסטע צופרידנקייט באַרויבט אים ניט פון באַגער. ער פאַרלאַנגט נאָך מער... ניטאָ דאָס ליכט, וואָס זאָל זײַן ליכטיק גענוג; ניטאָ די פינצטערניש, וואָס זאָל זײַן פינצטער גענוג; ניטאָ די רויִקייט אָדער שטורעם, וואָס זאָל זײַן רויִק אָדער שטורעמדיק גענוג... אוי, עס פילט דער מענטש, אַז דאָס טאַטלעך=באַנומענע איז אַ ברעקל אין פאַרגלײַך מיט דעם מעגלעך=עקזיסטירנדיקן... אַלע עקסטרעמען קומען זיך צונויף, אַזוי ווי די ווענט פון פּיראַמידן, אין איין פּונקט. ליכט און חושך, ליבע און האַס, נחת און ווייטיק — אין זייער אַבסאָלוטן אויסדרוק און פאַרנעם זײַנען זיי איינס, קומען זיך צונויף אין איין פּונקט. און אָט דער פּונקט איז דער אידעאַל פונם מענטשן. ער דערגרייכט אים אָבער קיינמאָל ניט, וואָרים דער אַבסאָלוטער זײַן איז דער אַבסאָלוטער אומזײַן, און דער אַבסאָלוטער אומזײַן איז נאָך טיפער פונם טויט...

פון דער ווײַט האָט זיך דערטראָגן אַ גערויש פון טריט, און צו אים האָבן זיי אָפּגעקלונגען ווי אַן עכאָ פון זײַנע געדאַנקען. פון זײַנע געדאַנקען?... — ניין, פון דעם, וואָס ער האָט געוואָלט אויסמײַדן פון זײַנע געדאַנקען... ער האָט זיך צוגעהערט. דאָס זײַנען אירע טריט... טאַמאַרעס... אירע? אפשר עמיצנס אַנדערש?... ער איז אָבער זיכער, אַז זיי זײַנען אירע טריט... און ער האָט דערפילט אַ מין אָבערגלויבערישן ציטער... אַ סוד פון דעם מענטשלעכן איבערבאַוווסטזײַן, וואָס גרייכט אַריבער די עלעמענטאַרע חושים: איידער ער זעט זי, פילט ער, אַז זי איז דאָ... און ער האָט זיך אָנגעהויבן מודה צו זײַן, אַז איידער ער האָט געדענקט מכּוח איר און זינט ער האָט אַלע כּוחות אָנגעשטרענגט ניט צו דענקען וועגן איר האָט ער דאָך בלויז מכּוח איר און דורכויס מכּוח איר געדענקט... און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז עפּעס איז דאָ אין זײַנע אייגענע עמאָציעס, וואָס שטעלט אים פאָר די אַרומיקע שטורעמדיקע שטילקייט אין דעם געשטאַלט, וואָס ער האָט באַנומען... עס טוט דער פאַרשטיקטער שטורעם פון זײַן האַרץ עפּענען זײַנע אויגן צו איבערגעטריבענע זעונגען, מאַכן זײַן מוח צו דענקען מגוזמדיקע געדאַנקען, וואַרפן אויף אים בכלל אַן אויסטערלישע שטימונג...

די טריט האָבן זיך דערנעענט. פאָרזיכטיקע טריט בײַם ברעג פונם אָפּגרונט. ער איז צוועק באַגעגענען זי.

— זײַנט איר עס, שאַליט? — האָט זי געפרעגט.

— איך האָב אײַך אַרומגעזוכט. ס'איז מיר אומעטיק געוואָרן אָן אײַך. שטער איך אײַך? — האָט זי שפּעטער פאָרטגעזעצט.

— געוויס ניט. ס'האָט מיר אויך אָנגעהויבן אומעטיק צו ווערן. איך האָב געוואַרט אויף אײַך.

ער האָט זיך ניט געוואונדערט, וואָס איר איז אָן אים אומעטיק געוואָרן; זי האָט זיך ניט געוואונדערט, וואָס ער האָט געוואַרט אויף איר. ביידע זײַנען זיי געקומען צו אַ ניט־אויסגעשפּראָכענער פאַרשטענדעניש פון אַ פרײַנטשאַפט פון אַן אינטימען כאַראַקטער.

זיי זײַנען אַוועק שפּאַצירן. ער האָט געדריקט איר אָרעם. זי האָט זיך צו אים געטוליעט. זיי זײַנען אַרײַן צווישן געדיכט־באַוואַקסענע קוסטעס, צווישן וועלכע עס האָבן דאָ און דאָרט אַרויסגעשטעקט זייערע קעפּ הויכע, מאַסיווע סאָסנעס, וואָס האָבן אויסגעזען ווי אָפּגעזונדערט פון דעם איבעריקן ביימער־המון, וועמען זיי זײַנען אַ סך אַריבערגעוואַקסן; זײַנען זיי געשטאַנען אין שטאָלצע פּאָזעס און, מיט דעם באַוווסטזײַן פון אַ זעלבסט־ווערט, האָבן זיי שטאָלץ, מאַיעסטעטיש און שאַרף אויסגעצייכנט אַנטקעגן הימל די דעקאָ־ראַטיווע ליניעס פון זייערע צווײַגן. דעם הימל האָט קײַן איינציקער וואָלקן ניט פאַרשטעלט און די לבנה איז געהאַנגען אומבאַוועגלעך. בײַם עק וועלדל האָט זיך דער וועג שאַרף פאַרקירעוועט אויף רעכטס און פון דאָרט אָן האָט ער זיך צוגעטוליעט צו דער וואַנט פון אַ משופּעדיקן פעלז, געדרייט זיך אויף רעכטס און אויף לינקס, געגאַנגען באַרג־אַרויף און באַרג־אַראָפּ, און אונטער די פיס איז געהאַנגען דער אָפּגרונט, פאַרהילט אין טונקלקייט, און ער האָט דאָ און דאָרט באַרירט די אַרומשוועבנדיקע וואָלקנס. פון אַלע זײַטן האָבן זיך געצייכנט אַנטקעגן הימל די מאַסיווע פאָרמעס פון די בערג.

– אוי, ס'שווינדלט מיר דער קאָפּ, – האָט טאַמאַרע געזאָגט. און זי האָט זיך אָנגעהאַלטן אָן אַ צווײַג פון אַ קוסט. שאַליט האָט זי אונטערגעהאַלטן. ער האָט געקוקט אין מהלך און טײַטלענדיק מיטן פינגער האָט ער געזאָגט:

– זעט איר דאָרט אַ ליכט?

זי האָט געקוקט אין דער אָנגעצײַגטער ריכטונג און דאָס ליכט אויך דערזען.

– עמיצער שפּאַצירט איבער די בערג מיט אַ לאַמטערנע. ס'איז ווײַט פון דאַנעט, אָבער צווישן בערג ווערט מהלך פאַרקירצט. די לופט איז דאָ ריין און דורכזיכטיק. אפשר איז דאָרט אַ גאַנצע מחנה און זיי ריידן, לאַכן, שרײַען. זייערע קולות דערגרייכן צו אונדז ניט; ס'איז צו ווײַט.

און נאָך אַ קורצער פּויזע האָט ער פון דעם אַרויסגעזאָגטן אויין דעם מוסר־השכל געדרונגען:

– ליכט דרינגט ווײַטער און טיפער פון קלאַנגען. דערפאַר האָט ליכט מער זין פון קלאַנג. דערפאַר האָט מען אויף טויבע ווייניקער רחמנות איידער אויף בלינדע... אַ קול איז ניט מער ווי אַ דירעקטער אָדער אומדירעקטער אָפּקלאַנג פון ליכט.

– פון ליכט? – האָט זי זיך פאַרוואונדערט.

יאָ, פון ליכט... איך מיין דערבײַ ניט די פיזישע געזעצן פון דער נאַטור...

מיט זײַן האַנט אַרום איר טאַליע זײַנען זיי אַוועק צוריק מיטן וועג, אויף וועלכן זיי זײַנען געקומען.

— איר ליבט ניט צו קוקן פון אַ שפּיץ באַרג אין מהלך אַרײַן? — האָט ער געפרעגט.

זי האָט אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ.

— איך ליב יאָ, אָבער אַמאָל, אַז איך באַגעגן מיט איינמאָל אַ מורא־דיקן מהלך, דערפיל איך אַ מאָדנע בענקשאַפט. איך ווייס ניט, ווי אָנצורופן עס.. אַ בענקשאַפט צו פאַרשפּרייטן זיך... צו פאַרשפּרייטן זיך ווי דער מהלך גופא, צו זײַן דאָ און דאָרט און אומעטום... און ווען איך שטיי בײַם ברעג פונם אָפּגרונט און איך באַקום אַזאַ געפיל, דוכט זיך מיר, אַז אָט טו איך אַ פלי אין מהלך אַרײַן און איך הייב אָן פאַלן, פאַלן, פאַלן... און דער פאַרלאַנג דאָס צו טאָן איז אַזוי גרויס, אַז איך מוז זיך אָן עפּעס אָנהאַלטן... פאַרשווינדלט מיר דער קאָפּ... און אַן אַנדערש מאָל, אַז איך קוק אין אַזאַ מהלך אַרײַן, דוכט זיך מיר, אַז דער רוים איז אַזוי גרויס און איך בין אַזוי קליין, און איך ווער אויסגעוועבט אין אים... ס'פאַרדריסט מיר דענסטמאָל...

— נו, און אין וואַלד? — האָט ער געפרעגט.

— אין וואַלד איז אַנדערש. אין וואַלד בין איך זיכער. דאָרט איז ניטאָ קײַן רוים, קײַן מהלך. דאָרט איז שלום, רו. דאָרט הערשט אָנשטאָט פאַר־שפּרייטונג אין זיך פאַרטיפונג. יעטווידער בוים באַזונדער און אַלע ביימער אינײַנעם זײַנען ווענס פאַר זיך. אָט קוקט זיך אײַן און זעט, ווי יעטווידער בוים, יעטווידעס צווײַגל פון אַ בוים קריצט זיך אויס מיט אייגנאַרטיקע ליניעס, מיט אייגנאַרטיקן חן אויפן פאָן פון הימל. פילט איר ניט אַזוי?

— ניין, איך פיל אַנדערש. ווען איך שטיי בײַ אַן אָפּגרונט און זע אַ מהלך, דוכט זיך מיר, אַז ניט דער מהלך ווערט פון מיר באַנומען, נאָר עטוואָס מער נאָך, עטוואָס אַזוינס, וואָס איז גרעסער פון מהלך... און אָט דאָס גרעסערס איז אַזוי גרויס, אַז סע פאַרכאַפּט אַלע מײַנע חושים און סע פאַרטראָגט מיך העט־העט ווײַט און ביז די סאַמע השערות פון אומענדלעכקײַט...

מיט זײַן האַנט אַרום איר טאַליע האָט ער זי פאָרזיכטיק געפירט איבער דער צעבראָכענער און פול מיט שטרויכלונגען וואַלד־סטעזשקע. צווישן די שאָטנס פונם וואַלד האָט זיך דער אָפּשײַן פון איר פנים קוים געבלייכט. ער האָט געפילט, ווי זי טוליעט זיך צו אים, און ער האָט געפילט די וואַרעמקײַט פון איר קערפּער, איר אָטעם אויף זײַן האַלדז. זײַן אָרעם האָט

זי פעסטער אַרומגענומען. ער האָט פּלוצלונג דערפילט אַ שטאַרקן חשק אָפּצושטעלן זיך, צוציען זי צו זיך, אַרומנעמען זי, האַלדזן זי, קושן... אַזש אַ ציטער איז אַדורך איבער זײַן קערפּער. ער האָט אויך איר ציטער געפילט. אָבער דאָ האָט זיך דער וואַלד געענדיקט און זיי זײַנען ווידער אַרויס אויף אַן אָפענעם פּלאַץ און פאַר זיי האָט זיך פאַרשפּרייט דער מוראדיקער טאָל מיט זײַן פולער גלאָריע פון מיט זילבער באַגאָסענע וואָלקנס. האָט ער זיך צוריקגעהאַלטן. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט. זי האָט געמאַכט אַ לײַכטע באַוועגונג און באַפרײַט איר טאַליע פון זײַן אָרעם.

— אוי, סאַראַ פּראַכט! — האָט זי געזאָגט.

און שפּעטער, ווען זיי האָבן אַוועקגעשפּאַצירט ווײַטער, האָט זי אָנגע־הויבן דערציילן:

— איך האָב אַלעמאָל געליבט די בערג, אָבער איך האָב מורא געהאַט פאַר די אָפּגרונטן. פון דעם שטעטל, וווּ איך האָב מײַנע קינדער־יאָרן פאַר־בראַכט, האָט מען געקאָנט זען די קאַרפּאַטן. מאַכטיק, גרויס, גיגאַנטיש, האָבן זיי פאַרשטעלט דעם האָריזאָנט. מיר האָט זיך תּמיד געגלוסט צו קלעטערן אויף זיי און פון זייערע שפּיצן אַראָפּצוקוקן ניט נאָר אין דעם נאָענטן טאָל, נאָר פון זייער הויך צו באַטראַכטן די ברייטקײַט פון דער גאַנצער וועלט. איך האָב זיך מכוח בערג אַזויפיל אָנגעלייענט, איך האָב זיך מכוח זיי אַזויפיל מעשיות און לעגענדעס אָנגעהערט, אַז זיי האָבן זיך אין מײַן פאָרשטעלונג געמאָלן ווי אַ באַזונדערע, צויבערנדיקע, פאַנטאַסטישע מלוכה. צו זײַן אויף די בערג, צו קלעטערן אויף זיי איז געוואָרן דער טרוים פון מײַן לעבן. איינמאָל איז מײַן ווונטש דערפילט געוואָרן און צו מײַן התפּעלות איז קיין סוף ניט געווען. דאָס איז אפשר געווען דער גליקלעכסטער טאָג פון מײַן לעבן. איך האָב די בערג, די טאָלן, די פּאַנאָראַמעס ממש געשלונגען מיט מײַנע אויגן. איך האָב זיך אַרומגעקוקט אין אַלע ריכטונגען און דערוואַרט דעם ווונדער צו באַגעגענען זיך מיט בערג־פעעס, מיט רוסאַלקעס, מיטן פּאַן... איך האָב אַרײַנגעקוקט אין היילן, ווי איך וואָלט געוואָלט אויפדעקן דאָרט דעם באַרג־קיניג מיט זײַנע ווונדערלעכע קריסטאָלענע שלעסער, מיט די פאָנטאַנען און מאַרמאָרנע בריקלעך, שלל־פאַרביקע און דופטיקע בלומען, אַרום וועלכע עס טאַנצן תּמיד די גליקלעכע וואַלד־פּרינצעסינס... נאָכדעם האָט די זון שוין גענומען זעצן זיך און זיך באַהאַלטן הינטער די שפּיצן בערג. איך האָב געמוזט צוריקקערן זיך. פונם שפּיץ באַרג האָט מען מיר אָנגעצײַגט אויף מײַן שטעטל. און עס האָט אויסגעזען אַזוי קליין, אַזוי נישטיק... און איך האָב זיך דערמאָנט אויף מײַן אָרעם שטיבל און פאַר־גליכן עס מיט דעם שלל־עשירות פון דעם אַרום. ס׳האָט מיר פאַרקלעמט מײַן

האַרץ. איך אַליין, וועלכע ווינט דאָרט, בין קליין געוואָרן אין מײַנע אויגן... ס׳האָט מיך דערנומען ביז טרערן...

נאָך אַ קורצן שווײַגן האָט זי פאָרטגעזעצט:

— איך טראַכט זיך אַמאָל: „דאַרף מען דען האָבן אַ מוראדיקן דרויסן, כדי צו ווערן באַוווסטזיניק אויף אייגענע כּוחות און שוואַכקײַטן? זײַנען דען די אייגענע געפילן און פאַרלאַנגען, וואָס שטאַמען ניט פון דרויסנדיקע השפּעות, ניט גרויס גענוג, אַז זיי זאָלן פאַר אונדז זײַן זעלבסט־גענוגנד?" איך ווייס ניט, ווי אויסצודריקן זיך. איך מיין: „פאַרוואָס געפינען מיר זיך תּמיד אין אַ רעלאַטיווער פאַרהעלטעניש צו די השפּעות און אײַנדרוקן פון דרויסן? פאַרוואָס זאָלן אונדזערע אייגענע עשירות ניט זײַן גרויס גענוג, אַז דער דרויסן זאָל זיך דאַרפן באַציען צו אונדז אין דער זעלביקער מאָס, ווי מיר באַציען זיך צו אים?.." איך ווייס, שאַליט, ס׳איז ניט מײַנער, נאָר אײַערער אַ געדאַנק. איך האָב אים אַרויסגענומען פון אײַער בוך און אים אַנטוויקלט אויף מײַן אייגענעם שטייגער... איך פיל עס שטאַרק. אפשר ניט אַזוי שטאַרק ווי איר... אַמאָל קומען געפילן אין אַזאַ שלל, אַז ס׳דוכט זיך, וויפיל מע זאָל זיי ניט אָנווענדן אויף דער סביבה, וואָס האָט זיי אַרויסגערופן, וועלן זיי פאַרבלײַבן אומדערשעפּט אין זיך גופא... זיי זײַנען טיפער פון דער סביבה, וואָס האָט זיי אַרויסגעבראַכט; זיי זײַנען אַפילו טיפער פון זייער פעיִקייט אַרויסגעבראַכט און צוגעפּאַסט צו ווערן. איך מיין דערמיט, אַז זייער זין איז פיל טיפער פון זייער פאָרם פון אויסדרוק... סע טוט אַמאָל ווײ...

זי האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ ווײַלע און אַ גלעט געטאָן מיט איר האַנט איר שטערן. אַ געוויינטלעכע פאַר איר באַוועגונג, ווען זי דאַרף קאָנצענטרירן אירע געדאַנקען און אין וועלכער שאַליט האָט געפונען אַ סך חן.

— איך רעד אומלאָגיש, — האָט זי ווײַטער געזאָגט. — ס׳איז דערפאַר, וואָס איך האָב ניט דעם פּאַסיקן אויסדרוק פאַר מײַנע געדאַנקען און געפילן. אָבער דאָס איז פאַר מיר אַן איבעריקער באַווײַז, אַז געפילן קאָנען זײַן אומדערשעפּלעך... אָבער איך וועל פאָרטזעצן. איר פאַרשטייט דאָך מיך, שאַליט! אָט, למשל, ווען איך קוק פון אונטן אויף די בערג אַרויפצו, דוכט זיך מיר, אַז אויך זיי זײַנען אָנגעפילט מיט געפילן און, מחמת עס רײַסט זיך זייער האַרץ מיט דעם פאַרלאַנג אויסצודריקן זיך, קלעטערן זיי העכער און העכער!.. אַרויפצו!.. צום הימל!.. ווען איך קוק אָבער פון אויבן אַראָפּ, דוכט זיך מיר, אַז איך בין שוין העכער פון העכער... וווהין זאָל איך קלעטערן אַצינד?.. ניטאָ וווהין... קומט אויס צו אָנהייבן נידערן... טוט עס ווײ... אָט ווי עס קוקן אַלטע אַלעמאָל: זיי קוקן אַראָפּצו, צו זייער

פאַרשווינדעטער יוגנט... איז איַך באַקאַנט דאָס רוסישע פאָלקסליד, ווי איינער יאָגט אָן זײַנע יונגע יאָרן. ער בעט זיך בײַ זיי:

„יאָרן, יאָרן, קערט זיך אום,
איך וויל אײַך עפּעס זאָגן...״

ענטפערן די יאָרן:

„ניין, מיר ווען זיך ניט אומקערן!
ניט געזאָלט האָסטו אונדז פריער אַזוי פאַרשעמען...״

אין דעם פּלאָנטער פון אירע רייד, אין איר אומבאַהאָלפנקײַט פון אויס־דרוק, האָט שאַליט דאָך באַנומען אַ שלל פון עשירות אין איר נשמה. ער איז געגאַנגען לעבן איר, זיך צוגעהערט צו אירע רייד און געפילט גרויס דרך־ארץ צו איר. און אין דערזעלביקער צײַט האָט ער הנאה געהאַט, וואָס אַט די רײַכע מיט געפילן פרוי איז דאָ לעבן אים און ער גייט מיט איר געאָרעמט און דאָס רעדט זי צו אים, און ער פילט איר אָטעם און ער פּאַסט צו זײַן גאַנג, אַז ער זאָל זײַן אין ריטם מיט אירע באַוועגונגען...

זיי האָבן לאַנג געשוויגן, ביז זיי זײַנען צוגעקומען צו אַן אָרט, באַגאָסן מיט לבנה־ליכט, ווו משונהדיקע פעלזן האָבן געבילדעט אַ נאַטירלעכע נישע, וואָס האָט געשאַפן אַן איזאָלירטן אָרט. זיי האָבן זיך דאָרט אָוועקגעזעצט.

— די קאַרפּאַטן, אײַערע קאַרפּאַטן־בערג, — האָט שאַליט געזאָגט, — זיי זײַנען געווען די ערשטע בערג, אויף וועלכע איך האָב שפּאַצירט. אין ווײַס־רוסלאַנד, ווו איך בין דערצויגן געוואָרן, זײַנען קיין בערג ניטאָ. אַ פלאַכ־לאַנד. און דאָ האָבן זיך פּלוצים פאַרשפרייט בערג אין זייער מאַכטיקער גראַציע, צעשטעלט זיך איינער לעבן דעם צווייטן און איינער אויפן צווייטן אין אַזעלכע פאַנטאַסטישע געשטאַלטן און מיט דעם אויסדרוק פון אַזויפיל גבורה, וואָס איבערשטײַגט אַלע פאָרשטעלונגען פון איינעם, וואָס האָט פריער קיין בערג ניט אָנגעזען. איך האָב דאָרט פאַרבראַכט וואָכן און וואָכן און, הגם מײַן אָפּפאָרן פון דאָרט איז געווען זייער דרינגענדיק, דאָך האָב איך עס אָפּגעלייגט פון טאָג צו טאָג.

זי האָט דערפילט אַן אומרויִקייט. דאָס, וואָס שאַליט איז געווען אין די קאַרפּאַטן און אפשר אין שכנהשאַפט מיט איר שטעטל, האָט זי באַאומרויִקט. אין שכנהשאַפט מיט איר שטעטל בלויז?... און אפשר... אפשר אויך אין שטעטל?... ער איז געווען אַ פּאָליטישער עמיגראַנט... אַ סך אַזעלכע עמיגראַנטן זײַנען פאַרבײַ איר שטעטל דורכגעפאָרן און דאָרט אָפּגעשטעלט זיך אויף אַ לענגערער צײַט, דאָרט באַהאַלטן זיך פון דער רוסישער פּאָליציי... און אין איר קליינעם שטעטל איז דאָך די געשיכטע פון יעדן איינציקן אַלעמען באַקאַנט... דאָך איז זי אַ פאַרהייראַטע פרוי... אין די אויגן פון דער

װעלט, איבערהױפּט, איז זי פֿאַרהײראַט... און װי װעט זיך שאַליט אָפּרופֿן אױף אַזאַ זאַך?...

יאָ, שאַליט! װי װעט ער זיך אָפּרופֿן אױף אַזאַ זאַך?... איצט, און דאָס איז שױן ניט דאָס ערשטע מאָל, איז זי זיך מודה, אַז זײַן מײנונג, זײַן שטעלונג איז פֿאַר איר אינטערעסאַנט. זײַן מײנונג בכלל. אָבער איצט האָט זיך פֿאַר איר אין פֿולער שאַרפֿקײַט אַװעקגעשטעלט די פֿראַגע, װאָס װאָלט געװען זײַן שטעלונג צו אַזעלכע פֿאַרהעלטענישן װי צװישן איר און אַדאָלפֿן... ביז אַצינד האָט זי מכּוח דעם גאָרניט, אָדער כּמעט װי גאָרניט, געטראַכט. דער שטױס דערצו איז איצט פּלוצים געקומען און זי האָט אָנגעהױבן טראַכטן. און זי איז אומרויִק געװאָרן... אָבער צו פֿאַרפֿירן מיט אים אַ שמועס מכּוח אַזאַ ענין האָט זי מורא געהאַט. אַפֿילו אַ געשפּרעך, װאָס זאָל האָבן אַ נאָענטע שײַכות צו אַזאַ ענין, האָט זי מורא געהאַט צו פֿאַרפֿירן. דאָך האָט זי געװאָלט װיסן, װוּ און װי אַזױ שאַליט איז געװען אױף די קאַרפּאַטן. בכלל האָט זי געװאָלט װיסן מכּוח זײַנע דערפֿאַרונגען אין לעבן. און שאַליט איז גערן געװען צו דערצײלן. ער האָט איר דערצײלט, װי אַזױ ער האָט געפֿונען זיך אין לעבן, װי אַזױ ער האָט צוגעפּאַסט זיך, דעם קאַמאַרינקער דאָרפֿסיונג און דעם פֿאַר־טרױמטן ישיבה־בחור, צו אַ װעלט פֿון גאַנץ נײַע השגות און מעשׂים. ער האָט זיך צום סוף אָנגעשלאָסן אָן דער רוסישער רעװאָלוציאָנערער באַװעגונג. ער איז דאַן נאָך זײער יונג געװען. די ערשטע רוסישע רעװאָלוציע פֿון דעם יאָר 1905 איז צעבראָכן געװאָרן און זי האָט זיך געטרונקען אין ימים בלוט. די רוסישע פּראָגרעסיװע יוגנט איז געװאָרן פֿאַרצװײפֿלט. האָט זיך דערפֿילט אַ גרױזאַמער פּעסימיזם און הפֿקריזם... סאַניניזם... אַלץ האָט אױסגעזען האָפֿנונגסלאָז... די אמונה אין מענטשן און אין אידעאַלן איז פֿאַרשװוּנדן געװאָרן... אַ שרעקלעכע גאָטלאָזיקײַט... נײן, נאָך מער, אַ צו־להכעיס צו געטלעכקײַט... האָט זיך צװײפֿל אױך אין אים, אין שאַליטן, אַרײַנגעריסן. אַ צװײפֿל אין די מאַרקסיסטישע תּורות, װעלכע האָבן ניט געקאָנט באַװײַזן אַ װידערשטאַנד צו אַ צײַטװײַליקן זיג פֿון דער רעאַקציע. האָט דאָך די דאָזיקע תּורה קײַן װידערשטאַנדסקראַפֿט ניט. קאָן זי דאָך קײַן װעלט־פּראָבלעמען ניט לײזן... און געפֿילט האָט ער אױך, אַז דאָס, צו װאָס די רוסישע יוגנט איז דאַן פֿון דער רעאַקציע פֿאַרטריבן געװאָרן, איז אַ קראַנקע זאַך... דאָס לעבן האָט מער עשירות, מער שײנקײַט, מער אינהאַלט, מער זין, אײדער דאָס, װאָס די השׂגות פֿון דער דאַמאָלסדיקער רוסישער אינטעליגענץ האָט אין דעם באַגריפֿן. און די אמתדיקע שײנקײַטן פֿון לעבן האָט ער דעריבער דאַן אָנגע־פֿאַנגען צו זוכן. און דאַן האָט ער פֿאַרשטאַנען, אַז אײדער מע זאָל דאָס לעבן לײַטערן, דאַרף מען צוערשט אַלײן געלײַטערט זײַן... מע דאַרף זײַן צוגע־גרײט צו קאָנען אױפֿנעמען שײנקײַטן... און — אַז עמיצן איז אומבאַקװעם, איז ניט דאָס לעבן שולדיק, נאָר ער אַלײן...

– איך פאַרשטיי אײַך!... – האָט טאַמאַרע געזאָגט.
ער האָט פאָרטגעזעצט:

– איך האָב קיין נײַעסן ניט אַנטפּלעקט. פון דעם פּרימיטיוון מענטשן אָן, און ביז בודאַן און משהן, און ביז טאָלסטאָיען האָבן מענטשן געזוכט, און אַמאָל אויך געפונען, אמתדיקן זין אין לעבן. זייערע בײַשפּילן האָב איך נאָכגעפאָלגט. פון זייערע תורות און פאָרשונגען האָב איך אָפּגעלערנט. איך האָב קודם פאַרשטאַנען, אַז דער מענטש איז ניט איזאָלירט, אַז ס׳איז דאָ אַ שײַכות צווישן דעם מענטשן און דער אוניווערסאַלקײַט פון דער וועלט. דאַרף ער די אייגענע צופרידנשטעלנדיקײַט זוכן ניט נאָר אין זיך און אין דער נאָענטער סביבה, נאָר אין דעם גרויסן תכלית פון דעם קיום פון דער וועלט. דאָס, וואָס דער קיום פון דער וועלט פאַרמאָגט אַן אַלערהעכסטן תכלית, איז שוין פאַר מיר קיין ספק ניט געווען. אָבער אין וואָס באַשטייט דערדאָזי־קער תכלית און אין וואָס פאַר אַ שײַכות עס שטייט דער מענטש צו אים, דאָס האָב איך ניט פאַרשטאַנען. האָב איך אומעטום געזוכט, בײַ אַלעמען נאָכ־געפרעגט זיך. מיט גלחים און רבנים, מיט פּשוטע יידן און פּשוטע פּויערים בין איך אין געשפּרעכן אַרײַן. בײַ די מערסטע האָב איך געפונען פּשטות און נאַיִוויטעט. בײַ אַנדערע – פּלפּול, אָבער ווייניק זין. בײַ נאָך אַנדערע– פראַזע־אָלאָגיע און ווייניק ערנסט. בײַ אַנדערע ווידער מער השערות איידער אמתן. איך האָב געזיפצט און געזיפצט די בערג מיט זאַמד, אָבער די דיאַמאַנטן האָב איך ניט געפונען... עד היום... דאָך האָב איך עפּעס יאָ געפונען: ס׳האָט טאַקע ניט קיין דירעקטן שײַכות צום עניך, אָבער אַן עשירות איז עס: איך האָב געפונען די אמונה אין מענטשן. דער מענטש האָט די פעיִקײַט פאַר גאָר גרויסע זאַכן. איך געפין זיי אומעטום. איך זע די גרויסקײַטן און איך שעפּ הנאה פון יעדן געניאַלן שטריך פון אַ מאַלער, אין די טענער פון מוזיק, אין דעם ריטם פון אַ פּערז, אין דעם געדאַנק פון אַ דענקער, אין די דערגרייכונגען פון מענער פון וויסן. איך זע געטלעכע פונקען אין זיי, איך זע הימלישע השפּעות אויסגעדריקט אין זיי... איך זע דעם ענגן בונד צווישן מענטש און די אַלערהעכסטע נאַטור־געזעצן און די רעפלעקסיע פון אַלערהעכסטער שאַפונג אין דעם מענטשלעכן גײַסט. דאָס הייסט, איך זע געטלעכקײַט אין מענטשן גופא...

אמת, אָפטמאָל קומט מיר אויס צו אַנטוישן זיך. מענטשן דענקען זייער זעלטן מכּוח אַן אמתדיקן תכלית. מענטשן קאָנען זיך אָבער ניט פאָר־שטעלן, אַז וואָס־ניט־איז אין דער וועלט זאָל קיין תכלית ניט פאַרמאָגן. איך פּרעטענדיר ניט צו שאַפן אַ נײַע לעבנס־פילאָזאָפיע. איך גלויב אָבער, אַז מאַטעריע און גײַסט לעבן בשותפות אויף דער וועלט. איך גלויב אין אַ וועלט־אידעאַל, אין אַ גאָט, וואָס אין און איבער דעם מענטשן, אין און

איבער דער נאַטור. איך גלויב אין אַ וועלט־שכל און אין אַ וועלט־געפיל, איך גלויב אין אַ וועלט־תכלית.

— איר האָט אָנגעגעבן אַלגעמיינע אורזאַכן, וועלכע האָבן אײַך גע־געבן דעם שטויס צו אײַער געדאַנקענגאַנג. ס׳זײַנען אָבער בלויז אַלגעמיינע אַבסטראַקטע אורזאַכן. זײַנען זיי גענוג געווען? מיר שטעלט זיך אָבער פאָר, אַז זיי זײַנען ניט גענוג געווען. ס׳זײַנען, מן הסתם, אויך געווען אינטימע פערזענלעכע אורזאַכן... — האָט טאַמאַרע נאָכגעפרעגט.

— אויף דעם קאָן איך באַשטימט ניט ענטפערן, — האָט שאַליט גע־ענטפערט. — איך האָב מער אין זינען געהאַט אויסצוגעפינען מײַן שײַכות צו דער וועלט, איידער די שײַכות צווישן מײַן אינטימען עגאָ צו דעם שטויס נאָך פאָרשונגען. ס׳איז אָבער אַן אינטערעסאַנטע פראַגע... אינטערע־סאַנט פאַר די פאָרשונגען גופא... איך מוז עס באַטראַכטן... איז די לוסט צו פאָרשונגען אַ נאָרמאַלע דערשײַנונג, אָדער עס פאָדערט זיך אַ שטויס דערצו?.. און איצט, ווײַבאַלד איר האָט מיך אויף דער פראַגע אויפמערקזאַם געמאַכט, קאָן איך אפשר עטוואָס יאָ זען... איך בין איינמאָל געשטאַנען פנים לפנים מיטן טויט... זאָל דאָס האָבן געווירקט?.. איך האָב זיך אויך באַגעגנט מיטן טויט פון נאָענטע און פרײַנט... ווער האָט אָבער אַזעלכעס אויסגעמיטן?.. אָט האָבן מיר אַ מלחמה איצט, אַנטוויקלט זי אָבער פונקט דעם היפוך: דאָס בעסטיאַלע, חיהשע...

— איר האָט געזאָגט, אַז איר זײַט אַמאָל געשטאַנען פנים לפנים מיטן טויט. ס׳איז אינטערעסאַנט. דערציילט מיר וועגן דעם! — האָט זי אים געבעטן.

— מע האָט מ׳יך באַשולדיקט, אַז איך האָב זיך באַטייליקט אין אַ רע־וואָלוציאָנער־טעראָריסטישער אַקציע אַנטקעגן אַ רוסישן ביוראָקראַט. מע האָט מיך פאַרורטיילט צום הענגען. אַזוי ווי אַנטקעגן מיר זײַנען אָבער פאַקטיש קײַנשום באַווײַזן ניט געווען, האָט אַפילו די ווילקירע רוסישע ביוראָ־קראַטיע דעם אורטייל אויף מיר ניט געהאַט דעם מוט אויסצופירן. אָנשטאָט דעם האָט מען מיך פאַרשיקט קײַן צפון סיביר.

— ווי אַזוי האָט איר זיך פון דאָרט באַפרײַט? — איז פאַר איר געווען אינטערעסאַנט צו וויסן.

— מע האָט מיך געהאָלפן צו באַפרײַען זיך. מיט דער אַרבעט צו העלפן פאָליטישע פאַרשיקטע זיך צו באַפרײַען האָט זיך דאַן אָפּגעגעבן אַ געוויסע רעוואָלוציאָנערע גרופּע. מכוח יענער גרופּע איז אינטערעסאַנט צו דערציילן. ניט אַזוי אינטערעסאַנט איז געווען די גאַנצע אָרגאַניזאַציע, ווי איר פירער. אַליין איז ער געווען אַן אַנטלאָפענער פאָליטישער פאַרשיק־טער, וועלכער האָט זיך קונציק אויסבאַהאַלטן פון דער פּאָליציי אין משך

פון אַ לאַנגער צײַט. מיט זײַנע מעשים און געוואַגטקײַט האָט ער די פּאָליציי אַרײַנגעפירט אין פאַרצווייפלונג. הונדערטער רעוואָלוציאָנערן זײַנען מיט זײַן הילף אַנטלאָפן געוואָרן. מיט אים איניינעם איז מיר אויסגעקומען צו פאַרברענגען עטלעכע וואָכן. מיר האָבן איניינעם געוואַנדערט איבער די סיבירער טײַגעס. ער האָט געהאַט אַ מערקווירדיקע לעבנס־פילאָזאָפיע. איך האָב פון אים אַ סך געלערנט. ער האָט פאַרמאָגט אַ גוואַלדיקע ענערגיע. ווען ער איז געווען געצוווּנגען גאָרנישט צו טאָן, האָט אים זײַן ענערגיע גופא געשטיקט. געפאַר, געוואַגטקײַט, אַוואַנטורעס זײַנען געווען לעבן פאַר אים. האָט זיך געמאַכט די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג, איז ער צו איר צוגע־שטאַנען. אין אַנדערע צײַטן, אונטער אַנדערע אומשטענדן, וואָלט אַזעלכער ווי ער געוואָרן אַ פירער פון אַ רויבער־באַנדע, פון פיראַטן, פון געפערלעכע עקספּעדיציעס. ער האָט אויפגעלעבט פון אַזעלכע טעטיקײַטן, ווו מע האָט געדאַרפט אָנשטרענגען מוראדיקע כּוחות. דאָס פּרימיטיווע, געפערלעכע, ווילדע האָט צו אים אַפּעלירט. אין דערזעלביקער צײַט איז ער געווען אַ דענקענדי־קער, ראַפינירטער מענטש מיט אַ סך געפילן פאַר יושר און אַ אינטעליגענט. פון אים האָב איך אַ סך געלערנט. איך האָב געזען בײַ אים אַ שלל מיט ענערגיע. קוקנדיק אויף אים האָב איך זיך געטראַכט, אַז ווען ענערגיע זאָל פאַרשווענדט ווערן ניט אומבאַוווּסטזיניק און אימפּולסיוו, אַזוי ווי בײַ אים, בײַ צדאָלפן, נאָר פאַרנינפטיק, שכלדיק, — וואָלט עס אונדז ניט נאָר געבראַכט צום פאַרשטאַנד פון תּכליתקײַט פון לעבן, נאָר עס וואָלט דעם תּכלית גופא אפשר פאַר אונדז קלאָר געמאַכט...

ווען אַ שטראָם קאַלט וואַסער וואָלט זי אומגעריכט אָפּגעגאָסן, וואָלט טאַמאַרע ניט דערפילט אַזאַ שטאַרקע סענסאַציע, ווי ווען שאַליט האָט אויס־גערעדט דעם נאָמען אַ ד אָ ל ף. אַדאָלף?.. אַדאָלף?.. אַז דאָס איז ע ר און ניט קײַן אַנדערער, איז פאַר איר קײַן ספק ניט געווען. זי האָט אינגאַנצן געציטערט. זי האָט געקאָנט הערן דאָס קלאַפּן פון איר אייגן האַרץ. עס האָט זי אַרומגענומען אַ שרעק, אַ פּחד. זי איז פּלוצים אַבערגלויבעריש געוואָרן. זי האָט דערפילט, ווי אַן איבערנאַטירלעכע מאַכט האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַנטקעגן איר און זי באַרויבט פון אַ האָפענונג, צו אידעאַל, וועלכן זי האָט שוין געדערכנט פאַר כמעט פאַרווירקלעכט, וועלכן, זי האָט געפילט, אַז אויב זי וועט אים פאַרלירן, וועט זי אַלץ פאַרלירן...

שאַליט איז אַנטשוויגן געוואָרן. זי האָט מורא געהאַט, אַז ער וועט באַמערקן איר דערשיטערטן מצב. זי האָט אָנגעשטרענגט אַלע כּחות צו באַהערשן זיך. צום גליק האָט ער ניט געקוקט אין איר ריכטונג. ער האָט געקוקט אין דער ריכטונג צום טאָל און דאָרט אויף די וואָלקנס.

אַביסל שפּעטער האָט זי בײַ אים געפרעגט:

– און ווי קומט איר צו די קאַרפּאַטן־בערג?

– די קאַרפּאַטן? איך האָב, נאַטירלעך, אין רוסלאַנד לענגער ניט געטאָרט פאַרבלייבן, האָב איך זיך אַריבערגעגנבעט די רוסיש־עסטרייכישע גרענעץ.

– נו, און יענער מאַן? ווי האָט ער געהייסן? איז ער פאַרבליבן אין רוסלאַנד?

– איך ווייס ניט גענוי. איך האָב אים איבערגעלאָזט אין סיביר. אין דער שווייץ האָב איך שפּעטער געהערט, אַז ער איז אויך אַנטלאָפן פון רוסלאַנד. אָבער גענוי, ווו ער געפינט זיך, האָב איך ניט געקאָנט אויסגעפינען, ווייל איך האָב זיין אמתדיקן נאָמען ניט געוווסט, וואָרים אייך איז דאָך באַקאַנט, אַז אין דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג האָט מען פון פאָרזיכטיקייט וועגן באַהאַלטן זיך אונטער פּסעוודאָנימען. איך האָב אים געקאָנט אונטערן נאָמען אַדאָלף. אויף זיין פּאַספּאָרט איז געווויס געווען אַן אַנדער נאָמען. איך האָב אים געוואָלט געפינען אין אויסלאַנד. אָבער ס'האָט זיך מיר ניט איינגעגעבן. שפּעטער בין איך אַוועקגעפאָרן מיט אַן אַרכעאָלאָגישער עקספּעדיציע קיין מצרים, און ווען איך בין צוריקגעקומען, האָט שוין די מלחמה געפלאַקערט און עס איז שוין ניט שייך געווען צו קאָנען עמיצן געפינען.

אַ וואָלקן האָט אַרויפגעקלעטערט פון צווישן די בערג און האָט זיי איינגעהילט אין אַ געדיכטן נעפּל. עס איז פּלוצלונג געוואָרן פינצטער און קאַלט. שאַליט האָט באַמערקט, אַז טאַמאַרע ציטערט.

– איר ציטערט. איז אייך קאַלט?

– יאָ, ס'איז קאַלט געוואָרן. דער נעפּל האָט קעלט געבראַכט...

– זאָלן מיר גיין אין הויז אַריין? – האָט ער געפרעגט.

– יאָ, לאָמיר גיין. – האָט זי מסכים געווען.

צוועלפטער קאַפּיטל.

צווישן דעם הימל פון אויבן און דעם הימל, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין דער אָזערע, צווישן זייערע צוויי זונען, צווישן די שווימענדיקע ווײַסע וואָלקנדלעך, זײַנען געהאַנגען משופּעדיקע פעלזן, און אַזוי, הענגענדיק אין דער לופט, זײַנען זיי פאַרגליווערט געוואָרן. מאַסיוו, גרויס, מאַכטיק, זײַנען זיי געווען פאַרטיפט אין זייערע אייביקע פאַרהוילענע פעלזיקע מחשבות, וואָס פילע האָבן געוואָלט טרעפן און אויסטײַטשן, אָבער ווער ווייסט, צי עס האָט זיך עמיצן אײַנגעגעבן...

בײַם עק פונם טאָל, אין מרחק, בײַם האָריזאָנט האָבן זיך נאָך בערג אויפגעהויבן, אויפגעהויבן זיך הויך, פאַרמאָסטן זיך ברייט און לאַנג, געבאָדן זיך אין דער בלוילעכער לופט, אויסגעשטעלט זייערע פלייצעס צו דער זון, געזאַפּט בונטנווײַז ליכט, געשפּילט זיך מיט דינינקע ווײַסע וואָלקנס, אָנגעטאָן זיי אויף זיך, זיך אין זיי געהילט, און באַלד צוריק געוואָרפן זיי צו דער הויך, צום הימל און אַריבער די אייגענע קעפּ.

אינם טאָל גופא, בײַ דער צווייטער זײַט אָזערע און אויף די פלאַכן פון די פעלזן האָבן זיך איינציקווײַז, אין גרופּעס און אין מאַסן אויסגעשטעלט ביימער און קוסטעס, וואָס האָבן זיך אַרומגערינגלט מיט לאָנקעס, מיט בלומען־פעלדער, מיט בלומען־אינדזלען, און אַלץ מיט אַלעמען האָט זיך גערויטלט, געגרינט, געבלויט, געגעלבט, געווײַסט... פאַרבן! אַ שלל מיט פאַרבן!... די גאַנצע קאַפּעליע פון דער נאַטור האָט געשפּילט אַ מעלאָדיע פון פאַרבן, אַ רוישיקע מעלאָדיע... יעדער אייבציקער כלי־זמר אויף זײַן שטייגער, יעדער אייבציקער כלי־זמר זײַן אייגענעם ניגון, און אַלע ניגונים האָבן זיך באַהעפט אינאיינעם און עס איז אַרויסגעקומען די רוישיקע, פאַטעטישע סימפאָניע, וואָס שפּילט צום הימל און אינאיינעם מיטן הימל דעם שיר־השירים פון דער וועלט...

דאָס פּנים אויף די דאַלאָניעס פון די הענט אָנגעשפּאַרט, איז טאַמאַרע געלעגן אויסגעצויגן אויף דער ערד און אַראָפּגעקוקט אויפן טאָל פון אונטן, אויף דער אָזערע און אויף די אומענדלעכע מאַסן בערג בײַם האָריזאָנט.

איצט, אין דעם דאָזיקן מאָמענט, האָט זי אַלע ספקות פאַרגעסן און זי האָט זיך געפונען אין אַן עקסטאַז פון הנאה פון דעם, וואָס זי זעט איצט, און פון דעם, וואָס זי האָט אַדורכגעפילט אין משך פון די לעצטע עטלעכע טעג.

פון די בערג האָט זי נעכטן באַגלייט די זון אין איר אונטערגאַנג. צע=
גליט האָבן זיך וואָלקנס און בערג אין אַ מוראדיקער לײַדנשאַפט פון פאַרבן.
די גאַנצע נאַטור האָט זיך פאַרייניקט אין אַן עקסטאַטישן „זײַ געזונט״=ווונטש
צו דער פאַרגייענדיקער זון, ווען זי איז אַרויסגעקומען באַגלייטן. און לעבן
איר, לעבן טאַמאַרען, איז געשטאַנען שאַליט, און אויך זײַן פנים האָט אָפּגע=
לויכטן מיטן פורפור פונם הימל און זײַנע אויגן האָבן געגלאַנצט מיט התפעלות,
און זײַן אויסזען איז געווען באַגײַסטערט נביאיש, און — זי האָט זיך געטוליעט
צו אים... און זי האָט געפילט, אַז אויך זי גייט אַרײַן אין אַ דערהויבענער,
באַגײַסטערטער שטימונג, אַז איר האַרץ האָט זיך אַרײַנגעגאָסן אין דעם ווירבל=
ווינט פון פאַרבן פון דער אַרומיקער נאַטור און אין דער אייגענער שטימונג,
וואָס האָט זי געצויגן צו אָט דעם מאַן, צו ווען זי האָט זיך געטוליעט
און אין ווען זי האָט געזען דעם נביא, דורך ווען, איר האָט זיך געדוכט,
אַז אָט די אַלע וווּנדערלעכקייטן אַנטפּלעקן זיך פאַר איר, אין ווען זי האָט
געזען דעם גײַסט, וואָס האָט אַרײַנגעגעבן לעבן און אינהאַלט אין די אַלע
דערשײַנונגען. שאַליט!... דורך אים האָט זי דערפילט דעם אָטעם פון לעבן
אין אַ סך זאַכן, וואָס זײַנען ביז איצט געווען טויט פאַר איר; דורך אים האָט
זי באַנומען ווונדערלעכע מעלאָדיעס און קלאַנגען, ווו זי האָט ביז איצט פאַרבן
בלויז געקאָנט זען. ער האָט פאַר איר דעם סוד פון מוזיק פון פאַרבן אַנט=
פּלעקט. דאָס לעבן האָט זיך פאַר איר אין אַן אַנדער ליכט אַנטפּלעקט, אין
אַ מער ווונדערלעכן ליכט, און זי האָט אָט די נײַע אַנטפּלעקונג באַוווּנדערט
און איר האַרץ האָט זיך געפרייט און געציטערט...

ער האָט אין איר לעבן אַרײַנגעטאָן אַ נײַעם זין, ער האָט אין איר
באַגײַסטערונג דערוועקט, ער האָט זי אויפגעוועקט צו נײַע זעונגען, ער האָט
איר געבראַכט נײַע טרוימען. און דער זין פון אַלע זינען, די באַגײַסטערונג
פון אַלע באַגײַסטערונגען, די זעונג פון אַלע זעונגען, דער טרוים פון אַלע
טרוימען — איז ער אַליין געווען. מיט אַלע ברעקלעך פון איר לײַב און לעבן
האָט זי אים געגלוסט, אים געוואָלט דערגרייכן, דערלאַנגען. און — וואָס שטאַר=
קער זי איז געקומען צו דער דערקענונג, ווי גרויס זײַן באַדײַט איז פאַר איר,
אַלץ מער איז זי באַהערשט געוואָרן פון אַ געפיל פון פחד... איר אָנגע=
שטרענגטע פאַנטאַזיע, אירע פאַרשאַרפטע געפילן, איר עקזאַלטירטע גלוסטונג
האָבן פאַרשאַרפט איר אינטויציע צו דער מדרגה פון ווײַטזעונג און ס'האָט זיך
פאַר איר געמאָלן די צוקונפט אין טרויעריקע פאַרבן און פול מיט שטרויכ=
לונגען. הגם פון אונטער דעם מאַנטל פון אַן אַנאַליטיקער אַנטפּלעקט זיך
שאַליטס נאַטור פון אַ טרוימער, הגם פון אונטער זײַן צודעק פון אומקאָמ=
פּראָמיסלעכער איבערלייגונג דערשײַנט בולט דער ענטוזיאַסט און ראָמאַנטי=
קער, — דאָך וויל ער עס ניט צוגעבן. און ניט אָנערקענענדיק עס פאַר

מעלהדיק, און ליב־האָבנדיק זעלבסט־פייַניקונג, — וועט ער אָנווענדן אַלע זייַנע כוחות צו האַנדלען פרינציפּיעל. אוי, ער ליבט זעלבסט־פייַניקונג!... און — ער וויל זייַן פּרינציפּיעל... ער קאָן זיך אַפילו צווינגען פּרינציפּיעל ליב צו האָבן... און זייַן ליבע דאַן וואָלט אפשר אַזוי שיין און פאַרביק, אַזוי אמתדיק און אויפריכטיק געקאָנט זייַן, ווי געפילפולע ליבע... אין אירע ספקות און אין דער דערקענונג פון אירע געפילן דוכט זיך איר, אַז אַזוי איז שאַליט. ער קאָן ריין שכלדיק ליב האָבן. ער קאָן ריין שכלדיק פייַנט האָבן. און געווינען זייַן ליבע קאָן מען בלויז דורך דערלאַנגען זייַן שכל, אָדער, יעדנפאַל, צו מאַכן אים דענקען, אַז זייַן שכל איז דערגרייכט. ס׳פאַרדריסט איר — זי האָט אָבער שטודירן אים גענוי דערווייַל נאָך ניט געקאָנט. ווען זי איז מיט אים אָדער לעבן אים, פאַלט זי אין אַזאַ שטימונג אַרייַן, אַז זי פאַרלירט זיך אינגאַנצן און זי איז שוין ניט פעיִק צו שטודירן און צו באַאָבאַכטן... איז ער סענסואַל? — זי ווייסט ניט. דערווייַל האָט זי אין אים בלויז אַ מין ספּיריטועלע סענסואַליטעט באַמערקט. בלויז זי פאַרדעקט ער ניט. אַטאָדי לייַדנשאַפט זייַנע קאָן פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ געפערלעכן כלי־זין אַנטקעגן אַלע אירע אָנשטרענגונגען צו געווינען אים, אויב ער וועט באַמערקן חסרונות אין איר. און זייַן בליק אויף זאַכן איז אַ ספּיריטועל־לייַדנשאַפטלעכער און אַ אידעאַליסטישער. ער קאָן קלייניקייטן זען זייער הויך און ער האָט די פעיִקייטן אייַנצושמועסן אַלעמען צו מסכים־זייַן מיט אים. ער קאָן אָבער אויך אַ מאַך טאָן גלייַכגילטיק מיט דער האַנט אויף זאַכן, וואָס פאַרמאָגן אמתדיקן חן. זייַן אומחן איז אַזוי לייַכט אַרויסצורופן ווי זייַן חן. איין שטריך איז גענוג. קיין קאָמפּראָמיסן וועט ער ניט מאַכן. אַנטקעגן קאָמפּראָמיסן איז ער גרייט צו קעמפן מיט זייַן גאַנצער ענערגיע. און דערפאַר טאַקע האָט זי מורא. און איר מורא האָט זיך פאַרשטאַרקט פון יענעם אָוונט אָן, ווען זי האָט זיך דערוווּסט, אַז אַדאָלף איז ניט נאָר זייַן פרייַנט, נאָר אויך זייַן דערלייזער פון סיבירער געפאַנגענשאַפט, זייַן באַפרייַער. דאָך קאָן זי שוין ניט צוריקטרעטן... זי מוז אים געווינען!... זאָל זיך שפּעטער זייַן, וואָס עס וועט זייַן... דערווייַל וויל זי לעבן!... בלינדערהייט אַרייַנוואַרפן זיך אין זייַנע אָרעמס און פאַרבלייַבן דאָרט אַזוי לאַנג, ווי ער וועט זי האַלטן... און דערנאָך?...

זי האָט אויפגעציטערט.

און ווידער די זעלביקע פראַגע: „זאָל זי זיך אפשר פאַר אים מודה זייַן?״ און ווידער אַזוי ווי פריער די זעלביקע פראַגע פאַרוואָרפן. זי קאָן ניט ריזיקירן...

זי האָט זיך אויפגעהויבן פון איר אָרט, צעדערגעזעצט זיך, אַרומגעקוקט זיך; זי האָט זיך אָנגעשטרענגט צו צעשטרייען אירע מעלאַנכאָלישע געדאַנקען.

— יאָ, אַזוי איז שאַליט, — האָט זי געטראַכט. ער איז אַן אומרו. ער איז אַן אומאויפהערלעכער פאַרלאַנג און אויסדערגרייכונג נאָך נײַע ספּיריטועלע סענסאַציעס. ערשט נעכטן האָט ער צו איר געזאָגט:

— שיינקײַט איז ניט אַ מאָטיוו, וואָס איז אין זיך פאַרטאָן, נאָר ס׳איז אַ דערשײַנונג, וואָס ברענגט צום עמפּינדלעכן באַאָבאַכטער טיפקײַטן פון אידעאַלן, דערגרייכונגען פון נביאישע זעונגען. עסטעטישע הנאות ברענגען שבתדיקײַט צו דער נשמה, ברענגען העכערע אַנטפּלעקונגען, ברענגען פּאָעטישן שווונג. און אָט די מתנות קריצן זיך אײַן אויף אייביק אין זכרון און זיי זײַנען די שפּײַז, וואָס דערנערן דאָס לעבן. אָן זיי וואָלט אַלץ אויסגעשטאָרבן פון גײַסטיקן הונגער...

זי האָט צו זיך זעלבסט אַ שמייכל געטאָן: זי ווייסט, ווי צו דערגרייכן אים. זי טאָר אים ניט געבן צופיל מיטאַמאָל. זאָל ער יעדן טאָג אַנטפּלעקן אין איר נײַע שיינקײַטן, זאָל ער יעדן טאָג זען אין איר אַ נײַע אויפגייענדיקע זון...

און באַלד האָט זי זיך געכאַפּט, ווי נאַיִוו איר געדאַנק איז: נשמה־פאַרמעגנס זײַנען ניט אויסגעלייגט אין צאָל און מאָס אויף פּאָליצעס, אַז מע זאָל זיי אײַנציקווײַז און לויט אַ באַשטעלונג קאָנען אַראָפּנעמען און דערלאַנגען. נשמה־אוצרות קאָנען בכלל צום צווייטן ניט צוגעטראָגן ווערן, נאָר דערפאַר, ווען זיי עפענען זיך, קומט ער און נעמט, וויפיל און וואָס ער וויל, און מע קאָן אים ניט פאַרווערן אָדער שטערן...

זי האָט דערהערט אַ גערויש און זי האָט זיך אַרומגעקוקט. צו איר האָט זיך דערנענטערט קלאַרע און געטראָגן אירע מאָלערײַ־מכשירים. קלאַרע איז געווען אין אַן אומרויִקער און אומצופרידענער שטימונג. זי האָט זיך אָנגעהויבן צו באַקלאָגן:

— איך האָב געוואָלט מאָלן די לאַנדשאַפט. עטלעכע מאָל אָנגעהויבן און ניט פאַרענדיקט. געמוזט אויפגעבן. סע גייט מיר הײַנט ניט. און דווקא הײַנט וואָלט איך געוואָלט מאָלן. איך זע הײַנט אַ מערקווירדיקע פאַרבן־טוישונג איבער אָט דער פּאַנאָראַמע. פאַרבן און שטח... די פאַרבן וויברירן און דער שטח ענדערט זיך. איך וואָלט אַזוי געוואָלט אויפכאַפּן די שטימונג פון אָט דער וויבראַציע פון ליכט און שאָטן און די טוישונגען פון קאָלירן. ס׳האָט זיך מיר אָבער ניט אײַנגעגעבן...

שפּעטער אַבי־סל, ווען זי האָט שוין אײַנגעשטעלט אירע מאָל־מכשירים, האָט זי געוואָרפן אַ דויערנדיקן און פאָרשנדיקן בליק איבער דער פּאַנאָראַמע און זי האָט צוגעגעבן:

— ס׳איז זיכער דערפאַר, וואָס איך קוק הײַנט אויף דער פּאַנאָראַמע מיט אַ ריין טעכנישן בליק און איך קאָן ניט קריגן קײַן באַגײַסטערונג זי אויפצוכאַפּן.

און דערנאָך האָט זי געזאָגט:

— די נאַטור לעבט, ווען זי אָטעמט מיט פאַרבן. טיפערער פאַרבן־אָטעם־מער לעבן. דאַן הייבט זיך איר ברוסט, אויפגערעגט פון שטימונגען. אָט כמורעט זי זיך און אָט ווערט זי פריילעך. אַמאָל ליידנשאַפטלעך און אַמאָל אַפּאַטיש געשטימט. ווי אַ יונג מיידל איז זי עמפּינדלעך, און ווי אַ יונג מיידל בלייכט זי זיך און רויטלט זיך. אָבער איר רויטלען און בלייכן זיך דריקט זיך אויס אין צענדליקע פאַרבן־וואַריאַציעס און אין הונדערטער פאַרבן־קאָמבינאַציעס. איך הער דעם רויש פון אַ וואַסערפאַל. דאָס קלאַפּט דאָס האַרץ פון קאָלירן. איך פיל די אַלע פאַרבן פונם וואַסערפאַל און זילבערדיק און פורפּורדיק וועל איך פאַר אים אָטאָדאָ פלאַץ מאַכן.

זי האָט אָנגעצייגט אויף אַ פלאַץ אויפן לייוונט.

זי האָט געמאָלן אַ לאַנגע צייט און דערנאָך האַסטיק אַ וואָרף געטאָן די אַרבעט.

— ניין, איך קאָן ניט! — האָט זי געזאָגט.

זי האָט אַרייַנגעלייגט די פאַרבן און דאָס לייוונט אין קעסטל, צונויפּ־געלייגט דעם שטול און געזעצט זיך לעבן טאַמאַרען.

— דער פרימאָרגן זאָגט אַלעמאָל אָן, וואָס דער טאָג וועט זיין, — האָט זי געזאָגט. — איך בין היינט אינדערפרי אויפגעשטאַנען אין אַן אַפּאַטישער שטימונג. איך האָב זיך אָנגעשטרענגט צו פאַרטרייבן זי און ס׳האָט זיך מיר ניט איינגעגעבן. אין אַזאַ טאָג בין איך שטענדיק גערעגט. יעדע קלייניקייט רעגט מיך. מיר גיט זיך גאָרניט איין...

— וואָס האָט פאַרורזאַכט אייער שטימונג? זיכער ניט דער שלאָף?..— האָט טאַמאַרע געפרעגט.

קלאַרע האָט ניט געענטפערט. זי האָט אויפגעהויבן טאַמאַרעס בוך, וואָס האָט זיך געוואַלגערט אויף דער ערד.

— איר לייענט קאַרטערס לידער? — האָט זי געפרעגט.

— איך האָב מיטגענומען דאָס בוך, — האָט טאַמאַרע געענטפערט — אָבער געלייענט האָב איך עס ניט. איך האָב ליב אַמאָל צו בלעטערן דאָס בוך און דורכלייענען דאָ און דאָרט אַ ליד. האָט איר אַמאָל געלייענט קאַר־טערס לידער?

קלאַרע האָט אָבער זיינע לידער קיינמאָל ניט געלייענט. זי האָט וועגן אים קיין סך שבחים ניט געהערט. האָט זי דערפאַר זיך ניט אינטערעסירט צו לייענען אים.

ביידע האָבן געשוויגן און געקוקט אין מהלך אַריין. דער נעפל אויף די בערג האָט זיך אָנגעהויבן צעשפּרייטן און דאָ און דאָרט האָבן זיך אָפּגע־

דעקט די טונקל-גרינע, מיט וואַלד פּצרוואַקסענע בערג-קעפּ, און דאָ און דאָרט האָט אויך אַ שײַן געטאָן מיט גאָלד און פּערלמוטער.

קלאַרע האָט פּלוצים אַ פרעג געטאָן:

— וואָס הערט זיך מכּוח אײַער פאָרן קײַן לאָנדאָן? ווערט איר טאַקע פאָרן?

— איך ווייס נאָך אַליין ניט, — האָט טאַמאַרע געענטפערט. — איך ווייס ניט, צי איך וועל זיך קאָנען צופּאַסן צום גערויש און געפּילדער פון דער דאָזיקער גרויסער שטאָט. יעדנפאַלס וועל איך זיך דורכפאָרן אַהין און אָנקוקן די שטאָט.

— איר וועט קײַן חרטה ניט האָבן. לאָנדאָן איז די נשמה-יתרה פון ענגלאַנד און אין איר געפינט זיך דער שטיץ-פונקט פון אַלע ענגלישע גײַסטיקע פאַרמעגנס.

— מר. גוסטאָן האָט מיר אַ סך דערציילט וועגן לאָנדאָן, — האָט טאַמאַרע געזאָגט. — ער זאָגט, אַז דער לאָנדאָנער נעפּל באַזיצט דעם כּוח אײַנצוזאַפּן אין זיך און צו אַסימילירן אַלע גײַסטיקע אוצרות פון דער וועלט, און דאָרט ווערן זיי קריסטאַליזירט אויף דעם אייגנאַרטיקן ספּעציפיש ענגלישן שטייגער פון פאַרגליווערטע עמאָציעס און שכלדיקע אידעאַליסטישע טרוימען.

— פאַרגליווערטע עמאָציעס? שכלדיקע טרוימען? ווי קאָן עס זײַן? — האָט זיך קלאַרע פאַרווונדערט.

— גוסטאָן זאָגט, אַז ס'איז מעגלעך. די ענגלענדער, זאָגט ער, זײַנען עמאָציאָנעל, הגם אויסערלעך זײַנען זיי פאַרגליווערט. בטבע זײַנען זיי אויך ראָמאַנטיקער און בעלי-חלומות, הגם זיי ווילן עס ניט צוגעבן און זיי פּאָזירן מיט זייער פּראַקטישקײַט און שכלדיקײַט.

— יאָ, אונטער איר ברודיקן נעפּל האָט לאָנדאָן אַ סך אוצרות אָנגעזאַמלט. לאָנדאָן איז אַנדערש פון עדינבורג. עדינבורג איז דער צענטער פון דאָגמאַטיש-קאָנווענציאָנעלן אַריסטאָקראַטיזם. לאָנדאָן איז די שטאָט פון אינטענסיווער טעטיקײַט. אין עדינבורג איז גוט צו חלומען און אין לאָנדאָן — צו שאַפן.

טאַמאַרע האָט אויסגעדריקט איר מיינונג, אַז אונטער אַ דראַנג קאָן מען ניט שאַפן. מע דאַרף האָבן צײַט צו אָפּרוען זיך און צו איבערלייגן זיך מכּוח אײַנדרוקן, כּדי צו קאָנען זיי קינסטלעריש איבערגעבן. דאָ, אין סקאָטלאַנד, וועט קלאַרע קאָנען אויפן קינסטלערישסטן אופן אויסדריקן אירע לאָנדאָנער שטימונגען.

— אָ, שאַפן... מע קאָן פון שטימונגען ניט זאַמלען קײַן מאַטעריאַל פאַר שאַפונגען. קיינער שאַפט ניט פון דאָס געזעענע און געהערטע. פון שטימונגען אַוודאי ניט, איבערהויפּט, ווען מע דאַרף זיי סימבאָליזירן דורך רויע פאַרבן... די נאַטור-שטימונגען זײַנען אַזוי קינסטלעריש געמאָלן, אַז מיר

זײַנען אַפילו ניט בכּוח צו קאָפּירן זיי, און די מענטשלעכע נשמה, אויך אַ קונסט־אויסדרוק פון דער נאַטור, איז אַזוי טיף און פאַרצווײַגט, אַזוי פול מיט איבערראַשונגען, אַז מע דאַרף זײַן אַן אויסערגעוויינטלעכער קינסטלער צו זײַן פעיִק צו מאָלן אַפילו איין ניואַנס פון איר פילפאַרביקייט. ווי קינדער מיט זייערע קאָרטן־שלעסער, שפּילן מיר זיך מיט פאַרבן און מיט לײַוונט...

טאַמאַרע האָט געקוקט אויף קלאַרען און פאַרשטאַנען, אַז שולדיק איז איר הײַנטיקע אַלגעמיינע אומגעמיטלעכקייט, וואָס זי רעדט אַזוי פאַרביטערט. אונטער אַזאַ אומשטאַנד האָט זי ניט געוואָלט אָנהאַלטן קיין געשפּרעך, דאָך האָט זי פון יוצא וועגן געענטפערט:

– איך האָב קיינמאָל ניט פּרעטענדירט צו זײַן קיין קינסטלערין, דאָך פאַרשטיי איך, ווי שווער עס איז אַרײַנצוטיפן זיך אין מענטשלעכע סודות. עס איז זייער שווער זיך אַליין צו קענען, אַפּשיטא שוין אַ צווייטן. דערציילט מיר, קלאַרע, מכּוח גוסטאַנען. ער האָט אויף מיר געמאַכט אַ גוטן אײַנדרוק.

צוערשט האָט קלאַרע ניט גערן גערעדט. זי האָט גערעדט איינציקע ווערטער און איינציקע זאַצן. וועגן גוסטאַנען האָט זי אָבער אַ גוטע מיינונג. ער לײַדט דורך זײַן טיפזיניקייט. ער ווערט ניט פאַרשטאַנען. זײַנע סקולפּ־טורן גייען אַרויס פון דעם קאָנווענציאָנעלן שטייגער, דעריבער זײַנען זיי ניט פאַרשטאַנען געוואָרן. צו דער לעצטער אויסשטעלונג אין לאָנדאָן איז ער ניט צוגעלאָזט געוואָרן אויס קנאה... זײַנע טעמעס זײַנען פון זייער אַ ברייטן פאַרנעם. אָט, למשל, אַרבעט ער איצט אויף אַ סטאַטוע פון דעם וואַנדערנדיקן קריסטוסן. זי האָט געזען זײַנע סקיצן און זיי זײַנען גאוניש. ער שטעלט פאַר קריסטוסן, ווי ער קוקט אויף זײַנער אַ סטאַטוע, וואָס הענגט איבערן אַלטאַר אין אַ קלויסטער, און ער וווּנדערט זיך, וואָס מענטשן האָבן פון אים געמאַכט. צו שאַפן אַזאַ בילד פאָדערט זיך גאוניות, ווײַל מע דאַרף פאָרשטעלן צוויי קריסטוסן: דעם קאָנווענציאָנעל־קירכלעכן און דעם אמתדיקן, אָדער, בעסער געזאָגט, דעם גוסטאַנישן. אין דעם ערשטן דאַרפן זײַן פאַרקערפּערט אַלע באַגריפן מכּוח קריסטוסן, וועלכע זײַנען אויסגעדריקט געוואָרן דורך אַזויפיל וועלט־זשעניען, און אין דעם לעצטן דאַרף אַרײַנגעטאָן ווערן סײַ די הכחשה פון דעם ערשטן און סײַ די אוניווערסאַלקייט פון אַ קריסטוס־אידעע, וואָס זאָל זײַן ניט קירכלעך, נאָר הייליק־עוואַנגעליסטיש... גוסטאָן וועט עס אָבער אויפטאָן! ער מיט זײַן ברייטן פאַרנעם, מיט זײַן טיפן וויסן און פאַרשטאַנד פון מענטשן, מיט זײַן אמתדיק־קינסטלערישן חוש פאַר ליניעס און פאָרמען, – וועט מיט זײַן בילד רעוואָלוציאָניזירן ניט נאָר קונסט, נאָר גלויבנס...

טאַמאַרע האָט געקוקט אויף קלאַרען און זיך געוווּנדערט, צוליב וואָס און פאַרוואָס זי איז הײַנט אַזוי איבערטריבן עקזאַלטירט. אויך דער טאָן קלאַרעס איז געווען אַ טריִומפירנדיק־צולהכעיסדיקער.

„איז זי אייפערזיכטיק אויף מיר און שאליטן?...״ — איז טאמארען איינגעפאלן א געדאנק. זי האט אבער געמאכט אן אנשטעל, אז זי נעמט אן קלארעס רייד פאר אויפריכטיק און ערנסט.

— פארוואס איז ער אזוי שנעל אוועק? — האט זי געפרעגט, מיינענדיק גוסטאנען. — נעכטן אינדערפרי געקומען און אין אוונט צוריק אוועק.

— ער ארבעט איצט און דערפאר איז ער אומרויִק און צעשרויפט. ער מוז זיך די גאנצע צייט געפינען ביי זיך אין סטודיע, כדי צו האבן לעבן זיך זיינע ארבעט־מאטעריאלן, צו קאנען פארצייכענען אן אידעע אין דעם מאמענט, ווען זי ווערט געבוירן. איך בין אבער זיכער, אז היינט־מארגן וועט ער דא ווידער זיין.

— איך האב אויך געטראכט וועגן שאליטן, — האט טאמארע שפעטער און נאך א סך איבערלייגונג געזאגט. — מיר דוכט, אז ס׳איז דא א סך ענלעכקייט צווישן אים און גוסטאנען.

קלארע האט איר געענטפערט, אז פארגלייכן זיי ביידן קאן מען ניט. קודם איז דא א חילוק אין זייערע יארן. שאליט איז נאך צו יונג פאר באזונדערקייט; זיין כאראקטער איז נאך ניט אויסגעשפראכן, זיינע פעיִקייטן נאך ניט קריסטאליזירט. ער איז נאך א טרוימער, אן ענטוזיאסט. אבער גוסטאן איז שוין באזעסן. שאליט זאמלט ערשט און ווער ווייסט, וואס ער וועט אנזאמלען; און גוסטאן פארוואנדלט דאס שוין־געזאמלטע אין שאפונגען.

— קאנט איר גוט שאליטן? — האט טאמארע געפרעגט.

— איך גלויב אזוי.

— מיר ווייזט זיך אויס, אז אייער מיינונג וועגן אים איז ניט דערטריבן. מיר ווייזט ער זיך אויס צו זיין אזוי איבערצייגט אין זיינע אידעעס, אזוי פעסטגעשטעלט און אויסגעהאלטן אין זיינע טעטיקייטן.

— זייט איר זיך טועה, — האט קלארע געענטפערט. — ער איז זייער ערלעך און איז שטרענג ווי צו זיך, אזוי צו אנדערע, און דאס איז, וואס האט אויף אייך געמאכט דעם איינדרוק פון פעסטגעשטעלטקייט. ער איז אבער דער אומרו זעלבסט. ער איז אויך אזויפיל אומרויִק, אז ער שטעקט מיט אומרו אויך אנדערע אן.

— און איך האב געמיינט, אז דאס איז ניט אומרויִקייט, נאר זיין, אזוי צו זאגן, עמאציאנעלע נאטור, וואס ווירקט היפנאטיש אויף אנדערע.

— איך גיב צו, אז ער איז עמאציאנעל, — האט קלארע געזאגט. — אנדערש וואלט ער ניט געקאנט זיין עמפינדלעך. ער איז אבער אויך זייער עגאִיסטיש און דערפאר דארף מען מיט אים זייער פארזיכטיק זיין. אמאל קאן מען אים געווינען אין א גינסטיקן מאמענט, אבער מיט אט דעם געווינס

זעלבסט קאָן מען אים פאַרשטויסן. מע טאָר ניט איבערטרײַבן... אים איז שווער צו טרעפן. זײַנע געפילן זײַנען צו אומרויִק און זײַן גלוסטונג צו נעמען, צו באַזעצן איז אַזוי גרויס, אַז ער שוועבט תּמיד אַרום אין דער לופט אין אײן זוכעניש... געפונען, אַוועקגעוואָרפן און ווידער געזוכט...

– איז זי אײפערזיכטיק ?.. – האָט טאַמאַר׳ע ווידער אַ טראַכט געטאָן. זי האָט אָבער ניט געהאַט די געלעגנהײַט צו ענטפערן, ווײַל דערווײַל איז אָנגעקומען גוסטאָן. קלאַרע האָט זיך מיט אים קאָנטיק זייער דערפרייט.

– ענדלעך ביסטו שוין דאָ. איך האָב שוין מורא געהאַט, אַז דו וועסט ניט קומען

שווײַגנדיק האָט גוסטאָן זיי בײדן באַגריסט און אַוועקגעזעצט זיך אויפן גראָז לעבן קלאַרען. ער האָט אויסגעזען מיד, אויפגערעגט און פאַרזאָרגט. ענטפערנדיק קלאַרען האָט ער דערציילט, אַז ער האָט געאַרבעט דורך דער נאַכט, פאַרטיק געמאַכט עטלעכע סקיצעס פון קריסטוסן, אָבער אינדערפרי האָט ער זיי אַלע חרוב געמאַכט. אַלע, מיט דער אויסנאַם פון אײנער. און מיט דערדאָזיקער איז ער אויך אומצופרידן געווען. ער איז פאַרזאָרגט געוואָרן און זי שוין אויך געוואָלט חרוב מאַכן, אָבער דאָ איז געשען אַן אויסערגעוויינטלעכער גליקלעכער צופאַל: אַרויפלייגנדיק זײַן האַנט, צוזאַמענצוקוועטשן דעם גיפּס, האָט ער דערווײַל אַביסל אַ דריק געטאָן די סקיצע און דורכדעם האָט זי זיך אינגאַנצן געענדערט, און אָט די געענדערטע זאַך איז אַ ווונדערבאַרע סוגעסטיע פון דעם, וואָס ער האָט געהאַט אין זינען צו שאַפן... נאָך אַ פּאָר שטונדן אַרבעט און די סקיצע איז פאַרטיק געוואָרן. די איבערראַשונג זײַנע איז געווען אַזוי גרויס און די באַגײַסטערונג אין אַזאַ פולער מאָס, אַז ער האָט זיך גלײַך געשטעלט אַרבעטן אויף דער סקיצע פון דעם אַקאַדעמישן קריסטוסן. דאָס וועט זיך אים לײַכטער אײַנגעבן, ווײַל דאָ קאָן ער אַרבעטן לויט אַן אָנגענומענעם שאַבלאָן... דאַן האָט ער זיך גענומען צו מאַכן אַ סקיצע פון דער מאַדאָנע, וועמען ער וויל אַוועקשטעלן בײַ דער זײַט פון דעם וואַנדערנדיקן קריסטוסן. צוערשט האָט זיך אים געדוכט, אַז ס׳וועט זײַן לײַכט, אָבער וואָס ווײַטער, אַלץ קלאָרער איז פאַר אים געוואָרן, ווי שווער עס איז.

– פאַרוואָס ? – איז טאַמאַרע נײַגעריק געווען צו וויסן.

– מחמת איך וויל שאַפן אַ מאַדאָנע אינגאַנצן פרײַ פון וועלכע־עס־איז אַקאַדעמישע שאַבלאָנען. נאָכמער, איך וויל, אַז מײַן מאַדאָנע זאָל זײַן אַן אויסגעשפּראָכענער ווידערשפּרוך און פּראָטעסט קעגן די סענטימענטן, דורך וועלכע זי ווערט פאָרגעשטעלט. די אַקאַדעמישע שולן אידעאַליזירן אין דער פרוי קודם־כּל איר ווירגינישקײַט... ווירגינישקײַט איבער אַלץ... זיי זײַנען אין דעם פּרט זייער ווײַט אַוועק פון זייערע ערשטע לערער און קלאַסיקער,

די גריכן און רוימער. זיי קאָנען ניט מער ווי צווייִ טיפן פרויען: די ווירגינישע און די קורטיזאַנקע. און זייער אידעע איז אין קונסט געוואָרן אַזוי פּרעדאָמינירנדיק, אַז רות און דבורה הנביאה, מאַדאָנע און זשאַן-דע-אַרק האָבן געקראָגן דעמזעלביקן פּרצוף. זעצט אַריין אַ שווערד אין דער האַנט פון אַ מאַדאָנע, קאָן מען זי אָננעמען פאַר אַ זשאַן-דע-אַרק און, פאַרקערט, שטעלט אַוועק אַ קינד לעבן זשאַן-דע-אַרק, וועט זי ווערן אַ מאַדאָנע. פון אָט דעם באַגריף וועגן אַ פרוי וויל איך, אַז מיין מאַדאָנע זאָל רעוואָלטירן. זאָל דאָס טיף-מענטשלעכע אין איר באַהערשן דאָס הימליש-ווירגינישע...

בעת גוסטאַנס ריידן איז צו זיי שטיל און אומבאַמערקט צוגעקומען שאַליט און האָט זיך צוגעהערט צום געשפּרעך. די ערשטע האָט אים באַמערקט טאַמאַרע און די אומגעריכטקייט פון דער זאַך האָט ביי איר אַרויסגערופן אַ לייכטן אויסגעשריי.

— ווי שטיל איר זיינט צוגעקומען אַהער, — האָט זי געזאָגט. און שפּעטער האָט זי צוגעגעבן:

— מר. גוסטאַן האָט אונדז אַריינגעפירט אין אַ יענער-וועלט פון מאַדאָנעס און דבורהס און איער פלוצימדיקע און אומגעריכטע דערשיינונג האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי איר וואָלט זיך אויך מאַטעריאַליזירט פון אַ יענער-וועלט.

דאָס געשפּרעך איז פאָרטגעזעצט געוואָרן אויף דערזעלביקער טעמע. שאַליט האָט גערעדט מער פון אַלעמען. היינט איז ער געווען אויפגעלייגט. נאָך זיין מיינונג איז דער אַקאַדעמישער באַגריף וועגן פרויענטלעכקייט דערגאַנגען ביז צו אַזאַ שאַבלאָן, אַז די פרוי ווערט עד-היום קולטיווירט אויף אים. און אַפילו דער גרויסער קינסטלער און עסטעט, אָסקאַר אואיילד האָט זיך פון אָט דעם באַגריף ניט געקאָנט באַפרייען און ער האָט אַפילו זיין סאַלאָמע אַריינגעזעצט אין דערזעלביקער שאַבלאָנער ראַם.

— ווי וואָלט ער עס אַנדערש געקאָנט טאָן? — האָט געפרעגט טאַמאַרע.

— ווי אַנדערש? אָסקאַר אואיילד וואָלט באַדאַרפט פילן, אַז אַ סאַלאָמע קאָן ניט זיין קיין אידעאַלע שיינקייט. אירע האַנדלונגען גיבן דאָך אַרויס די כאַראַקטער-שטריכן פון אַ צעררייצטער, פאַרביטערטער, אייפערזיכטיקער, זעלבסטזיכטיקער פרוי, און ניט די כאַראַקטער-שטריכן פון אַן אידעאַלער שיינהייט, פאַר וועמען אַלץ און אַלע בוקן זיך. די פאַרדאָרבנקייט פון איר נשמה, איר ברוטאַליטעט איר בלוטדורשטיקייט, איר ליבע צו הערשן און צו באַהערשן, די אַלע נעגאַטיווע שטריכן פון איר כאַראַקטער מוזן איבערלאָזן זייערע סימנים אויף איר פנים און אויסזען: פאַרשאַרפן די ליניעס פון איר קערפּער, אומגעדולדיק מאַכן אירע באַוועגונגען און ברענגען שאָדן צו איר שיינקייט. וואָלט אואיילד געדאַרפט מאָלן זי, ווי זי איז טאַקע געווען, אָבער ניט

שיין. אַנשטאָט איר שיינקייט וואָלטן מיר באַדאַרפט פילן, אַז זי איז געווען אין אַ פּריווילעגירטן מצב אַלס אַ פּרינצעסין און אַלס די געליבטע פון טיראַ־נישן קיניג בלויז, אָבער בכלל זייער אומבאַליבט. איבערהויפּט אומבאַליבט אַלס פרוי. האָט אָט די אומבאַליבטקייט אַנטוויקלט אין איר דעם אינסטינקט פון גרויזאַמקייט און ברוטאַליטעט. און וויבאַלד זי איז ניט שיין געווען, איז שוין די גדולה פון יוחנן דעם אַסקעט, וועמענס אָפּגעשניטענעם קאָפּ זי האָט געקושט, ניט אַזוי גרויס געווען. פאַרוואָס זאָל מען אָבער דווקא צום אַסקע־טיזם שבחים זינגען? פאַרוואָס ניט צום עסטעטיזם? איז עסטעטיזם ניט יידישלעך? — אַ פאַלשע מיינונג! עסטעטיקער מיט התלהבות, עסטעטיקער אידעאַליסטן קאָנען בלויז דידאָזיקע זיין, וועלכע פאַרשטייען, ווי אַזוי צו אונטערשיידן צווישן קדושה און טומאה. און אַזעלכע קאָנען ניט קיין רוימער, נאָר דווקא יידן זיין. און יוחנן וואָלט באַדאַרפט זיין ניט קיין אַסקעט, נאָר אַן אידעאַליסט־עסטעט, וועלכער האָט דערהויבן שיינקייט ביז דעם מצב פון קדושה, און וועלכער האָט אין שיינקייט גייסטלעכקייט און אַפילו געטלעכקייט אַריינגעבראַכט. און אַזעלכער וועט, פונקט אַזוי ווי אַן אַסקעט, און נאָך באַוווסטזיניקער פון אים, אַרויסציִיען אַן אומקאָמפּראָמיסלעכן ווידערשטאַנד צום עראָטיזם פון אַ סאַלאָמע...

פון דער וויַיט האָט זיך דערהערט דאָס קלינגען פון אַ גלאָק.

— מע רופט אונדז שוין צום עסן, — האָט טאַמאַרע געזאָגט — איך האָב זיך ניט גערעכנט, אַז ס'זאָל שוין זיין זיבן אַזייגער...

— לאָמיר טאַקע גיין עסן, — האָט קלאַרע פאַרגעשלאָגן — און איַיך, שאַליט, וועל איך פאַרמסרן פאַר ווי־לענסקין. ער וועט זיך שוין מיט איַיך אָפּרעכענען פאַר איַיער אַפּיקורסות...

דרייצנטער קאַפּיטל.

קלאַרע האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר פון שאַליטס צימער.

— קלײַבט איר זיך צו גיין שלאָפן? וועל איך אײַך שטערן?

— קומט אַרײַן, קומט אַרײַן, קלאַרע!

זי האָט געטראָגן אַ ווײַסע קלייד, טיף דעקאָלטירט און אָן אַרבל. אירע לאַנגע האָר, ניט פאַרפלאָכטן, זײַנען געווען בײַם נאַקן איבערגעבונדן מיט אַ באַנדל און, זײַענדיק געקרײַזלט, האָבן זיי זיך צעשאָטן איבער איר פּלייצע און דערגרייכט ביז איר טאַליע.

שאַליט האָט פאַר איר צוגעטראָגן אַ שטול און אַליין האָט ער זיך אַוועקגעזעצט בײַם שרײַב־טיש. קלאַרע האָט באַמערקט די אָנגעוואָרפענע, פאַרשריבענע בויגנס פּאַפּיר אויפן טיש און זי האָט געזאָגט:

— איך זע, אַז איר האַלט אַצינד אין שרײַבן; איך וויל אײַך ניט שטערן. שרײַבט זיך ווײַטער און איך וועל זיך דערווײַל צולייגן אויף אײַער זאָפע און לייענען.

ער האָט געטראַכט:

— מיט עטלעכע וואָכן צוריק האָט דיזעלביקע קלאַרע פאַרבראַכט אַ נאַכט אין מײַן צימער. אָנגעטאָן איז זי געווען אין ענלעכע קליידער, געזעסן אין דערזעלביקער פּאָזע, אין דערזעלביקער צײַט פון נאַכט, אין אַן ענלעכער באַלײַכטונג. דאַמאָלסט האָט זי מיך גערייצט און זי איז מיר געווען אָנגענעם. דאַמאָלסט וואָלט איך זיך אַפילו געקאָנט אײַנשמועסן, אַז איך ליב זי. און איצט... דרויסנדיק האָט זיך גאָרנישט געענדערט, אָבער אינעווייניק האָט זיך אַלץ געענדערט. איך בין פון איר אַוועק אויף אַ גרויסן מהלך. איך בין אַוועק און זי האָט מיך ניט נאָכגעיאָגט. איז זי פאַרבליבן דיזעלביקע און איך...

ער האָט געזאָגט:

— איך האָב שוין געענדיקט דאָס שרײַבן. נאָך איידער איר האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר, האָב איך שוין געהאַט אַנידערגעלייגט די פּען. איך האָב דאָס אָנגעשריבענע ניט אַדורכגעלייענט און איך וועל עס איצט אויך ניט טאָן. אין מאָנאַטן אַרום, ווען איך וועל שוין זײַן פרײַ פון דער שטימונג, וואָס האָט

געפּירט מײַן פּען, ווען איך דאָס אָנגעשריבענע קאָנען אורטײלן מיט אַ קריטישן בליק און וויסן זײַן ווערט. דערווײַל לייג איך עס אַוועק אָן אַ זײַט.

– וואָס האָט איר געשריבן, שאַליט?

– וואָס האָב איך געשריבן? איך ווייס אַליין ניט, ווי אָנצורופן עס. ס׳איז אַ מעשה, אַן אַלעגאָריע. מײַן ערשטער פּאַרזוך צו שרײַבן בעלעטריסטיק. און אויב, קלאַרע, אינספּיראַציע איז די מאָס, דורך וועלכער מע קאָן מעסטן דעם ווערט פון אַ ווערק, איז אויף אָטאָדי בייגעלעך פּאַפּיר פאַרשריבן אַ גרויסע זאַך. מיר האָט זיך נאָך קיינמאָל אַזוי לײַכט ניט געשריבן. ס׳איז געווען אַן אַנטפּלעקונג פון געדאַנקען און זעונגען, וואָס האָט מיך געהאַלטן געשמידט צום טיש און צו דער פּען. די געדאַנקען און בילדער זײַנען געקומען אין אַ שטורעמדיקער אײַלעניש, איינע די אַנדערע אַריבערגעיאָגט. איך האָב געמוזט שרײַבן זייער שנעל...

קלאַרע האָט זיך געלייגט אויף דער זאָפע, צוגערוקט זיך צום ווענטל, געמאַכט פּלאַץ פאַר שאַליטן און געזאָגט:

– קומט אַהער, שאַליט, און זעצט זיך לעבן מיר.

ער האָט איר נאָכגעגעבן.

זי האָט געזאָגט:

– הייסט עס, האָט איר זיך גענומען פאַר בעלעטריסטיק... איך באַמערק אויך אַן ענדערונג אויף אײַער פּנים, און אײַערע באַוועגונגען זײַנען שוין אויך ניט אַזוי רויִק ווי אַמאָל... וואָס איז געשען?

האָט ער זיך געענדערט? אפשר... ער אַליין האָט עס ניט באַמערקט.

– איר זײַנט פאַרליבט, שאַליט! בין איך גערעכט?...

פאַרליבט?... ער ווייסט ניט... זאָל עס זײַן פאַרליבטקײַט?... ניין, ער גלויבט קוים... אמת, ער האָט נײַע אײַנדרוקן, אָבער, פאַרליבט... ניין, ס׳איז בלויז די געענדערטע סביבה... די נאַטור, די בערג, די שיינקײַט פון אַרום האָט אים באַגײַסטערט, אינספּירירט... ער האָט זיך אין לאָנדאָן צופיל אָנגעשטרענגט און דאָס האָט אין אים געשאַפן פלעגמאַטיזם. דאָ האָט ער זיך אָפּגערוט, האָט ער צוריקגעקראָגן זײַנע כּוחות...

קלאַרע האָט לאַנג געשוויגן. זי האָט זיך האַלב אַנידערגעזעצט אויף דער זאָפע, אָנגעשפּאַרט זיך אָן ווענטל, פאַרטראַכט. דערנאָך האָט זי געזאָגט:

– איר זײַנט אַ מערקווירדיקער מענטש, שאַליט. מערקווירדיק פאַר דעם פאַנאַטישן קאַמף, וואָס איר פירט קעגן אײַערע אייגענע געפילן אויפן סמך פון אײַערער אַ דאָגמע וועגן קלאָרן פאַרשטאַנד... איר וועט ניט זאָגן, אַז ס׳איז טאָג, סײַדן דער זייגער וועט אײַך אין דעם איבערצײַגן... צוליב וואָס טאָן אַזעלכעס? טאָר מען זיך דען ניט פאַרלאָזן אויף די אייגענע חושים?... לעבט בעסער, שאַליט, לעבט!...

שאַליט איז אויפגעשטאַנען און האָט אָנגעהויבן שפּאַצירן איבערן צימער. ס׳האָט אויסגעזען, אַז ער האָט זיך געלאַנגווײַליקט און אים איז ניט אינטע־רעסאַנט געווען אַרײַנצולאָזן זיך מיט איר אין אַ װיכּוח. יעדנפאַלס האָט זיך עס איר אַזוי געדוכט. איר האָט עס וויי געטאָן. זי האָט זיך דערמאָנט אויף יענעם אָוונט, וָוען ער איז געווען אינגאַנצן אירער און פאַרגליכן אים מיט הײַנט, ווען זי איז אים אינגאַנצן פרעמד, און אַ נאָגנדיקער ווייטיק האָט זי דורכגענומען... אינסטינקטיוו האָט זי זיך אויפגעהויבן פון דער זאָפע, האָט זיך אַוועקגעשטעלט און געכאַפּט אַ בליק אין שפּיגל. זי האָט זיך פאַרשעמט, וואָס אירע האָר זײַנען צעוואָרפן און וואָס זי איז אָנגעטאָן אין אַ קלייד, וואָס קאָן אויסווײַזן פאַרשײַט... זי האָט געזוכט צפּצושאַפן דעם מעגלעכן אײַנדרוק פון דעם צוועק פון איר באַזוך. דערפאַר האָט זי געזאָגט:

– איר זײַנט הײַנט שלעכט געשטימט, שאַליט, און דערפאַר מײַדט איר אויס אַ געשפּרעך. איך האָב געוואָלט אַרויסרופן אײַער אינטימיטעט, כּדי צו פאַרטרויען פאַר אײַך מײַנע אינטימע אָנגעלעגנהײַטן. איר האָט דעם וועג פון מײַן צוטרוי צו אײַך ניט געעפנט, דאָך וועל איך אײַך דערציילן... איך האָב כמעט ווי אָנגענומען גוסטאָנס פאָרשלאַג חתונה צו האָבן מיט אים...

– חתונה צו האָבן מיט גוסטאָנען?.. – האָט זיך שאַליט פאַרוווּנדערט.

– איר וווּנדערט זיך?

– ניין, איך וווּנדער זיך ניט... איך האָב זיך פאָרגעשטעלט, אַז איר זײַנט פרײַנטלעך מיט גוסטאָנען, אָבער... חתונה האָבן?.. – אַזוי האָט שאַליט געענטפערט און דערבײַ האָט ער געטראַכט: – צו וואָס דערציילט זי עס מיר?..

– פאַרוואָס? – האָט קלאַרע געפרעגט.

שאַליט האָט ניט געענטפערט.

קלאַרע האָט צוריק פאַרנומען איר פּלאַץ אויף דער זאָפע.

– שאַליט, – האָט זי געזאָגט — הערט אויף צו שפּאַצירן! זעצט זיך אַוועק און לאָמיר שמועסן. וואָס איז אײַער אויפריכטיקע מיינונג וועגן גוסטאָנען?

– צו וואָס פרעגט איר עס מיך?

– גלאַט אַזוי... איך האַלט אײַך פאַר מײַנעם אַ פרײַנט.

קלאַרע האָט געפילט, אַז אירע רייד זײַנען ניט אַמפּלאַץ... זי האָט געפילט, אַז זי אַליין וואָלט דאָ איצט ניט באַדאַרפט זײַן... זי איז אַרײַן אין אַ פאַרלעגנהייט... שאַליט האָט עס באַמערקט און ער האָט זיך פאָרגע־וואָרפן פאַר זײַן האַלטונג. ער האָט עס געוואָלט פאַרריכטן, דערפאַר האָט ער זיך לעבן איר אַוועקגעזעצט און גענומען איר האַנט אין זײַנער.

ער האָט געזאָגט:

– קלאַרע, זײַנגט זיך מודה: איר האָט דאָך גוסטאַװן ניט ליב...
זי האָט שטילערהייט באַפרײַט איר האַנט פון זײַנער און נאָך אַ פּויזע האָט זי געענטפערט:
– איך האָב אים אַמאָל געליבט...
– אַמאָל?
– יאָ, אַמאָל... איך קאָן גוסטאַװן שוין זײַער לאַנג. מיר האָבן אינײנעם אין אַקאַדעמיע שטודירט. אין פּאַריז. שוין יאָרן... ווייסט איר, שאַליט, וואָס עס מיינט צו קאָנען סוף־כּל־סוף דערגרייכן אַן אײַנגעהאַלטענעם טרוים פון יאָרן און יאָרן?..
– אַן אײַנגעהאַלטענעם טרוים?..
– יאָ... דאַן איז אַנדערש געווען... ער פלעגט אַוועק פון מיר... איך בין זיך מודה... איך בין אים נאָכגעגאַנגען. ער האָט עס געוווּסט... און ער פלעגט אַוועק... ס'איז שוין נײַן, צען יאָר... ער האָט נעהאַט אַ מוראַדיקן גלויבן אין זיך... נו, און איר זעט דאָך דעם סוף... ער איז שוין איצט אַראָפּגעפאַלן ביי זיך. מע האָט אים ניט צוגעלאָזט צו דער אויס־שטעלונג... ער אַרבעט איצט פאַרצווייפלט... זײַן קריסטוס איז אָבער קײַן קריסטוס ניט... ער ווייסט עס... נו, און איך?... ווייסט איר דאָך... איך ווער אײַנגעלאַדן צו אַלע אויסשטעלונגען... מיט מײַן מיינונג רעכנט מען זיך... מיר האָבן זיך געביטן מיט די ראָלן... איצט גייט ער שוין מיך נאָך...
– קלאַרע! נו, און נאָך דעם אַלעמען ווילט איר נאָך גיין צו אים?... פילט איר זיך ניט באַליידיקט?...

באַליידיקט?... אין אַ געוויסן זין — יאָ... אָבער... אַזוי איז עס, שאַליט... צען יאָר, שאַליט!... און... אַחוץ דעם... פאַרשטייט... אַמאָל וואָלט איך דאָך אַרויפגעקוקט און איצט וועט ער אַרויפקוקן... איז עס דער אינסטינקט פון אַ באַרמהאַרציקער שוועסטער – אַ ריינער פרויענטלעכער אינסטינקט?... אָדער אפשר נקמה?... איך קאָן זיך אַליין ניט אָריענטירן. ס'איז אָבער דאָ נאָך אַן אינסטינקט: אונטער מײַן אויפזיכט, דורך מײַנע סוגעסטיעס, דורך מײַן פראָטעקציע וועט ער אפשר אָנהייבן שאַפן... אָדער אפשר איז עס דערזעלביקער אינסטינקט פון נקמה?... מיט מיר אונטער איין דאַך—ער, דער פון מיר אַנטלויפנדיקער, דער אַמאָליקער גרויסהאַלטער און תּקיף, ווערט איצט מײַן תּלמיד, אונטער מײַן פּראָטעקציע... ער וועט מיך זוכן... און איך, די באַפרײַטע, די אָנערקענטע, די, וואָס איז שטענדיק מיט אים צוזאַמען און קיינמאָל ניט זײַנע, די שטענדיק רייצנדיקע און באַגערטע און ניט מער און קיינמאָל ניט געגרייצטע און גאַרנדיקע...
שאַליטס אויגן האָבן זיך ברייט צעעפנט... ווי אַ געפיל פון פּחד וואָלט אים דערנומען...

– קלאַרע... זײַנט איר עס?..

– יאָ, איך, שאַליט! צען יאָר!.. און איך בין געווען באַליידיקט!.. ווען ער האָט געוואָלט, איז ער צו מיר געקומען, און ווען ער האָט געוואָלט, איז ער פון מיר אַוועק... זײַן ווילן האָט געהערשט...

– און איר האָט עס צוגעלאָזט?..

– איך האָב געליבט...

ער האָט געדריקט איר האַנט.

– איר זײַנט אַ וווּנדערלעכע פרוי, קלאַרע...

– אַ וווּנדערלעכע?..

אַ זייגער האָט ערגעץ געקלונגען דרײַ. זי איז אויפגעשטאַנען.

– שוין דרײַ אַזייגער, – האָט זי געזאָגט. – איך וועל גיין שלאָפן.

ער האָט אויף איר געקוקט נאָך אַלץ פאַרוווּנדערט. זי איז צו אים צוגעגאַנגען, אָנגענומען אים פאַר זײַנע האָר, אַ טרייסל געטאָן זײַן קאָפּ און האָט געזאָגט:

– איר זײַנט נאָך ניט מער ווי אַ נאַיִווער בחור... אַ גוטע נאַכט! און זי איז אַוועק.

* * *

ער איז אַרויס אויף דער וועראַנדע. פון מזרח האָט אָנגעהויבן אָנקומען אַ נײַער טאָג. די ביימער האָבן אים די ערשטע באַנומען און האָבן זיך בולט אויסגעצייכנט אַנטקעגן דעם הינטערגרונט פונם הימל. שטיל. אַלץ און אַלע האָבן אײַנגעהאַלטן זייער אָטעם. קײַן איין קול, קײַן איין קלאַנג האָט ניט איבערגעריסן די שטילקײַט. ווי די גאַנצע נאַטור וואָלט זיך געריכט אויף אַ גרויסער געשעעניש און, מורא האָבנדיק צו פאַרזען איר מינדסטע אייַנצלהײַט, שטייט זי אָנגעשטרענגט, טוט זיך ניט קײַן ריר... סע קלאַפּט דאָס האַרץ פון דער וועלט מיטן אָנזאָג: דער נײַער טאָג הייבט שוין אָן געבוירן צו ווערן!..

און דער טאָג איז זיך אָנגעקומען לאַנגזאַם. גערוקט זיך כמעט אומבאַמערקט. האָט זיך אַפּריער איין שטערן אויסגעלאָשן, דערנאָך – אַ צווייטער, אַ דריטער... האָט זיך אַפּריער פון די נאָענטסטע ביימער די גרינקײַט אַנטפּלעקט, דערנאָך – פון די ווײַטערדיקע... און פּלוצים – אַ האָן האָט זיך צעקרייט, דורכגעריסן די שטילקײַט. ניט לאַנג געוואַרט, און אַ צווייטער האָן האָט אים געענטפערט. ערגעץ ווײַט האָט זיך אַ פערד צעהירזשעט. געענטפערט

האָט אים אַ יונג קעלבל מיט איר ברומען. און דאָרט, צווישן די צווײַגן, האָט זיך אַ פויגל אויפגעכאַפּט פון שלאָף און אײַנגעביסן די שטילקײַט מיט איר געזאַנג און באַלד איז שוין די לופט פול געוואָרן מיט פויגל־געזאַנג און מיט קולות אַלערליי.

האָבן די בערג אויפן האָריזאָנט זיך אָנגעהויבן אַנטפּלעקן. און אַנטפּלעקט וואָלט זיך אויך דער טאָל פון אונטן, האָט אים אָבער פאַרשטעלט אַ בלוי־גרויער און ראָזאָווער נעפּל.

שאַליט האָט מיט הנאה געשלונגען די פּאַרטאַגיקע לופט און זיך אַביסל דערפרישט. ער האָט זיך געפילט אויסגעמאַטערט און מיד. די פּאָריקע נאַכט האָט ער אומרויִק געשלאָפן און אויך הײַנט איז שוין אַזוי שפּעט און ער האָט זיך נאָך ניט געלייגט שלאָפן. ער האָט געליטן. טאַמאַרע!... דאָס, וואָס ער האָט קלאָרען ניט געוואָלט אויסזאָגן, האָט ער אַליין אָבער שמערצלעך געפילט. יאָ, ער ליבט זי!... און פאַר אים איז עס שוין קײַן ספק ניט... און די ליבע האָט צו אים לײַדן געבראַכט... אַמאָל, דוכט זיך אים, אַז זי איז זײַנע, אָבער באַלד זעט ער, אַז ער איז צו איר פרעמד... דאַן מערקט ער אין איר אַן אײַנגעהאַלטענעם ציטער, און ווען דערדאָזיקער ציטער קומט, טוט זי זיך אין זיך אַרײַן און אַ מחיצה שטעלט זיך צווישן זיי אַוועק. אַמאָל זעט עס אויס, ווי זי וואָלט דורכגעמאַכט אַ קאַמף, ווי זי וואָלט שטערונגען באַגעגנט און זיי האַלטן זי צוריק פון אירע לעכצעניש אָפּצוגעבן זיך צו אים. און אַמאָל פילט ער, ווי זי וואָלט ניט ליבע, נאָר שוץ געזוכט בײַ אים. ווי עטוואָס וואָלט זי געשטויסן פון אים און זי שטרעקט אויס צו אים אירע הענט און בעט זיך, אַז ער זאָל זי שיצן... און דווקא דאַן, ווען זי דערוועקט זײַנע ספקות און פאַרשאַפט אים לײַדן, איז איר חן נאָך גרעסער און זײַן ווילן צו איר איז נאָך שטאַרקער...

און בײַם אָנגעזיכט פון אירע לײַדן האָט ער זיך זייער אומזיכער גע־פילט. ער האָט געזוכט און ניט געפונען די פּאַסיקע ווערטער פאַר איר. ער האָט געפילט, אַז עפּעס אַזעלכעס איז דאָ, וואָס ער וואָלט געדאַרפט פונאַנדער־שלייערן, און אײַנגעגעבן האָט זיך עס אים ניט. האָט ער גערעדט מכּוח זײַטיקע ענינים און געוווּסט, אַז זיי אינטערעסירן ניט אים און ניט זי.

ער האָט זיך געפילט געקרענקט און אויפגערעגט, געוווּסט, אַז זײַן מצב איז ניט קײַן נאָרמאַלער, און אָט דאָס באַוווּסטזײַן האָט אים נאָך מער גערעגט. פאָריקע נאַכט האָט ער ניט געשלאָפן ווייטיקנדיק און לעכצנדיק נאָך איר. אינדערפרי האָט ער זי באַגעגנט. אין איר ווײַסן קלייד און מיט אירע פון זון באַגילדעטע האָר איז זי זייער באַחנט געווען. באַחנטער איידער ער האָט זי ווען־עס־איז געזען, ווי זי וואָלט יעדן פרימאָרגן אויפדאָסנײַ געבוירן געוואָרן און אַרויסגעקומען מער באַחנט... זי האָט אָבער אויסגעזען פאַר־

זאָרגט, און אין דעם שמייכל, מיט וועלכן זי האָט אים באַגעגנט, איז שמערץ געווען באַהאַלטן. ער האָט זיך אויסגערעדט:

– איך האָב זיך ניט געריכט צו טרעפן אײַך דאָ...

און באַלד האָט אים פאַרדראָסן, פאַרוואָס ער האָט דעם ליגן געזאָגט. ניט נאָר האָט ער זיך געריכט צו טרעפן זי דאָ, נאָר ער איז געקומען אַהער צו זוכן זי. ער האָט אויף איר געקוקט און געזען, אַז זי לײַדט. פאַרוואָס לײַדט זי?... זײַנען אפשר אירע לײַדן דיזעלביקע וואָס זײַנע?... ווי ער וואָלט עס געוואָלט אויסגעפינען!... פשוט דערציילן איר?... ווי באַנאַל אָבער ליבע־דערקלערונגען זײַנען... ליבע־אײַנפאַרשטענדנישן טאָרן דורך דערקלערונגען ניט דערגרייכט ווערן!... ווערטער מאַכן עס ביליק, הענדלע־ריש... ער האָט אויף איר געקוקט און געוואַרט אויף איר אימפּולס אַרויסצו־קומען אים באַגעגענען, בעטן אים צו פאַרבלײַבן דאָ מיט איר.

זי האָט זיך ניט גערירט פונם אָרט. האָט ער געזאָגט:

– איך וועל אײַך ניט שטערן...

און ער האָט זיך שאַרף פאַרקערט און איז אַוועק...

שאַליט האָט אַ טרייסל געטאָן דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט געוואָלט דורכ־דעם פאַרטרײַבן פון זיך די ספקות און די פּײַנלעכע געדאַנקען. ער איז אַראָפּ פון דער ווערענדע און איז אַוועק מיטן וועג צום וואַלד צו. דער הימל האָט זיך אײַנגעטונקט אין פּורפּור. דיביימער האָבן קוים־קוים געשאָקלט זייערע צווײַגן און געשפּריצט מיט גאָלדענעם טוי. ער איז אַראָפּ צו דער אָזערע און דאָרט דערזען אַ שיפל. דאָס שיפל איז געווען צוגעשלאָסן צום שטאַם פון אַ געדיכטער ווערבע, וועמענס צווײַגן ס'האָבן זיך אַראָפּגעבויגן ביז די סאַמע וואַסערן און זײַנען געהאַנגען ווי אַ געדיכטע חופּה פון גרינקײַט איבער דעם שיפל. אויפן דעק פון שיפל זײַנען געווען אָנגעלייגט אַ סך אויסגעגייטע קישעלעך. שאַליט האָט די קישעלעך אויסגעבעט און זיך אויף זיי אַנידערגעלייגט. דאָס שיפל האָט זיך געוויגט און זײַן קאָפּ האָט עטוואָס אָנגעהויבן צו שווינדלען. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן.

– אַ מאָדנע, מאָדנע וועלט, – האָט ער געטראַכט – איר גאַנצער וועזן איז אָנגעפילט מיט אָנשטרענגענדיקע שטימונגען. מאָדנע איז דאָס לעבן אויף דער וועלט. מאָדנע זײַנען די מענטשן... יעדער מענטש־אַ באַזונדער וועלט פאַר זיך. יעדער מענטש–אַן אָפּגעשלאָסן פּינטעלע אין אַ גרעניצלאָזער וועלט... גרויסע קאָמפּליצירטע וועלטן, איינע אין דער אַנדערער אַרײַנגעטאָן. די מענטשן זײַנען אין די וועלטן אַרײַנגעטאָן און די וועלטן אין די מענטשן... און איין וועלט זוכט די צווייטע. זוכט זי אין באַהעפטונג און, ווער ווייסט, צי זי געפינט... און צו וואָס איז עס?... און די אָנשטרענגונג צו געפינען, צו דערגרייכן, אײַנצוטיפן זיך, אויסצומישן זיך אין און מיט דער צווייטער

וועלט איז גרויס, און די געפילן ווערן אָנגעצויגן און זיי ווערן אַזוי עמפינד־לעך ווי די סטרונעס פון אַ פידל... און אַמאָל ציט מען אַ סטרונע צופיל אָן, פּלאַצט זי...

דאָס שיפל האָט זיך געוויגט און זײַנע געדאַנקען האָבן זיך געפּלאָנטערט, ביז וואַנעט זיי זײַנען אין אַ וועלט פון חלומות און זעונגען אַריבער...

פערצנטער קאַפּיטל.

די עטלעכע פּריילעך פאַרבראַכטע וואָכן זײַנען אַריבער און מיט זיי איז אויך די פריילעכקײַט אַוועק. און אין דעם לעצטן אָוונט, דעם אָוונט פון געזעגענען זיך, און צוריק אין קלאַרעס סטודיע, איז די שטימונג געווען אַ געדריקטע; יעדער איינער אין זיך פאַרטיפט, יעדער איינער אין דעם נײַ-דעראָבערטן וועלטל און אין אירע נײַ-געבראַכטע דאגות פאַרטאָן. גוסטאַן איז אין אַ ווינקל געזעסן און האָט געקנאָטן אַ שטיקל וואַקס, עפּעס אויסגע-קנאָטן און אויפדאָסנײַ איבערגעקנאָטן· אין אַ צווייטן ווינקל איז קלאַרע געזעסן, געמאָלן און איבערגעמאָלן בלומען. לעבן איר, אָנגעשפּאַרט אויפן ווענטל פון שטול, איז געשטאַנען טאַמאַרע, כלומרשט אַכטונג געגעבן אויף קלאַרעס אַרבעט, און האָט די אַרבעט ניט געזען... שאַליט איז בײַם פענצטער געזעסן און דורכן פענצטער אַרויסגעקוקט. ער האָט מיט הנאה אײַנגעאָטעמט די פרישע לופט מיט די ריחות פון די בלומען פון דעם נאָענטן גאָרטן. דער-ווײַל האָט ער אַכטונג געגעבן, ווי די צווײַגן פון דעם דערבײַיקן קאַשטאַנען-בוים האָבן זיך געוויגט, ענטפערנדיק דעם אָטעם פון ווינט, און ווי זײַנע בלעטער, ענטפערנדיק דעם גײַסט פון דעם אָנקומענדיקן אָוונט, האָבן זיך באַפאַרבט אין בלוילעך-גרינקײַט. דאָ און דאָרט זײַנען נאָך איבערן הימל צעוואָרפן די שפּורן פון דער פאַרגאַנגענער זון און דאָ און דאָרט האָבן נאָך שפּיצן פון וואָלקנדלעך דעם פּורפּור, פיאָלעט און רויזן פון זיך ניט אויסגעטאָן.

די שטימונג איז געווען אַ געדריקטע און דאָס געשפּרעך אָנגעצויגן-ענטפערנדיק אויף קלאַרעס אַ באַמערקונג, האָט שאַליט געזאָגט:

– אַ מענטש טאָר ניט מיד זײַן אַפילו ווען ער איז מיד... דאָס געזאַנג פון רו איז אַ לעסטערונג פאַר דעם ווערט פון מאַן און אַ פאַר-שוועכונג פון דעם געפיל פון ליבע, ווען דאָס געזאַנג איז געווידמעט ליבע, אַלס דער סימבאָל פון באַנײַטער שאַפונגסענערגיע, דאַרף, פאַרקערט, אַרויסרופן אינם מאַן דעם איבערפלוס פון אַרבעטזאַמקײַט און ניט דעם פאַרלאַנג נאָך רו...

— איך האָב מורא, — האָט קלאַרע געענטפערט — אַז עס וועלן זיך געפינען וויניק פרויען, וועלכע וועלן מסכים זײַן צו אַזאַ שטרענגן רעזשים... וואָס איז אײַער מיינונג, טאַמאַרע?

— מײַן מיינונג? — האָט טאַמאַרע אָן חשק געענטפערט — איך האָב גאָר קיין מײַנונג ניט. מיר דוכט, אַז אין לעבן האָט מען בכלל קיין צײַט ניט אויסצודריקן מיינונגען. דאָס לעבן ברענגט אונדז פנים לפנים מיט פאַקטן, און בלויז יענע, וועלכע באַזיצן אַ געפיל, אַז מיר דאַרפן קודם כל יוצא זײַן פאַר עפּעס אַן אַבסטראַקטער אידעע, באַמיען זיך צו בויען געזעצן און מאָראַלישע התחײַבותן אויפן סמך פון דידאָזיקע פאַקטן... איך באַזיץ אַזאַ געפיל ניט... און גלאַט אַזוי מיינונגען — ווער קאָן איבער זיי רעאַגירן?.. טאָ וואָס איז די פעולה?..

פון טאַמאַרעס ענטפער האָט זיך שאַליט געפילט געטראָפן. און נאָך מער געטראָפן האָט ער זיך געפילט, וואָס זי, ניט ווויסנדיק די מאָטיוון און באַהאַלטענעם זין פון קלאַרעס רייד, האָט זיך געשטעלט אויף קלאַרעס צד. ער האָט זיך אָבער צוריקגעהאַלטן פון מאַכן באַמערקונגען און איז טיפער אַרײַנגעדרונגען אין דער אָפּנקײַט פונם פענצטער. קלאַרע האָט אירס פאָרטגעזעצט:

— אָבער, טאַמאַרע, — האָט זי געזאָגט — ווײַבאַלד אַז דער פרויס אויפגאָב איז, נאָך שאַליטס מיינונג, צו זײַן אַזוי פּאַסיוו, האָט די פרוי דען ניט וואָס אויסצוזעצן אַנטקעגן דעם?

— פרוי, מאַן — וואָס איז דער חילוק? — האָט טאַמאַרע געענטפערט — מע פירט די צעטיילונג ביז צום אַבסורד. אין לעבן טיילט מען ניט באַוווסטזיניק — עס טיילט זיך אַליין... און ווויסנשאַפטלעכע טערמינען אינטערעסירן מיך ניט. דער אמת איז, אַז דאָס וואָרט און די מיינונג ווערט פוןביידן אָפּגערויבט, נאָך איידער זיי ווערן באַוווסטזיניק, אַז זיי וואָלטן באַדאַרפט נעמען דאָס וואָרט, געדאַרפט אויסשפּרעכן אַ מיינונג. און ווען דאָס באַוווסטזײַן דערגרייכט זיי שוין יאָ, איז שוין דער פאַקט גאָר אַן אַנדערער און די מיינונגען גאַנץ אַנדערע...

קלאַרע האָט מער גאָרנישט אויסגעזעצט. דאָס געשפּרעך האָט זיך געענדיקט. צו פאַרפירן אַ נײַעם געשפּרעך האָט קיינער ניט פּרובירט. טאַמאַרע האָט זיך אַוועקגעזעצט בײַם פענצטער לעבן שאַליטן. זי האָט געקוקט אויף שאַליטן און איר בליק, ווי ער וואָלט גערעדט: „הײַנט, הײַנט געזעגענען מיר זיך... פאַרוואָס?" און שאַליט האָט זיך איבערגעלייגט מכּוח דעם, וואָס טאַמאַרע האָט פריער קלאַרען געענטפערט, און ער האָט דאָרט געפונען אַ באַהאַלטענע כּוונה פון אַ פאָרוווּרף צו אים. סע האָט אים ווי געטאָן. ער האָט צוגערוקט זײַן שטול נעענטער צו איר און, אַכטונג געבנדיק, אַז קלאַרע און גוסטאָן קוקן אין אַ פאַרקערטער ריכטונג, האָט ער פּלוצים און אומגעריכט

פאַר זיך אַליין אירע ביידע הענט אין זײַנע אַרײַנגענומען, צוגעטוליעט זײַן פנים צו זיי, זיי געקושט... און אַזוי טוענדיק, האָט ער פּלוצים זײַנע געפילן, זײַן ליבע, זײַנע ספקות איר שטום איבערגעגעבן. טאַמאַרעס פנים האָט אויפגעלויכטן. אַזש טרערן האָבן זיך בײַ איר אין די אויגן געשטעלט. זי האָט שאַליטס הענט צו זיך צוגעצויגן, געדריקט זיי צו איר ברוסט... און ביידע האָבן זיי זיך איבערגעקוקט און שטומערהייט זיך איבערגערעדט, און אַלץ, וואָס זיי האָבן געהאַט צו זאָגן, האָבן זיי אַזוי זיך געזאָגט.

פּלוצים האָט זיך האַסטיק אָן עפן געטאָן די טיר און ווילענסקי האָט ניט אַרײַנגעשפּאַצירט, נאָר זיך אַרײַנגעוואָרפן אין צימער. און אויסגעזען האָט ער ווי אַ מענטש, וואָס איז באַשעפטיקט מיט זייער אַ וויכטיקן ענין און ער איז אין גרויס אײַלעניש דעם ענין צו דערליידיקן. ער האָט זיך מיט קיינעם ניט באַגריסט, אַוועקגעזעצט זיך אויף דער זאָפע און גענומען אָפּווישן זיך דעם שווייס פונם שטערן.

— מיר האָבן אײַך שוין לאַנג ניט געזען, ווילענסקי, — האָט קלאַרע געזאָגט. — פאַרוואָס זײַנט איר ניט געקומען געוויר ווערן אונדז צווישן די בערג?

— אָ, די בערג, די בערג... — האָט ווילענסקי געענטפערט — ווער האָט צײַט דערפאַר? איר וווינט אין עדינבורג און איר ווייסט גאָר ניט, וואָס פאַר אַן אוצרות דאָ זײַנען באַהאַלטן. שטעלט זיך פאָר, אַז איך האָב אין דער היגער ביבליאָטעק געפונען יידישע מאַנוסקריפּטן פון דעם צוועלפטן יאָרהונדערט! מוראדיקע אוצרות! אַפילו אײַך וואָלטן זיי פאַראינטערעסירט. זיי זײַנען זייער רײַך באַצייכנט, אָטאָדי מאַנוסקריפּטן. איך וועל זייערע צייכנונגען פאָטאָגראַפירן און אָפּדרוקן אין מײַן זשורנאַל. זיי וועלן סוף-כל-סוף אונדז באַפרײַען פון דעם בילבול, אַז מיר האָבן ניט געהאַט קיין חוש פאַר פּלאַסטיק. אוי, וואָס פאַר אַ רײַכקייט פון פאַרבן דאָרט טוט זיך! וואָס פאַר אַ ברייטקייט פון פאַרנעם! וואָס פאַר אַ פאַנטאַסטישקייט פון דעקאָראַציע!

קלאַרע האָט אויסגעזען צו זײַן זייער פאַראינטערעסירט מיט ווילענסקיס אַנטדעקונג און זי האָט אים געבעטן צו דערציילן איר אויספירלעך מכּוח יעדן בילד באַזונדער. צום סוף האָט זי אים געבעטן, אַז ער זאָל זי בײַ דער ערשטער געלעגנהייט באַגלייטן אין ביבליאָטעק און באַקאָנען זי מיט די צייכנונגען. ער האָט איר פאַרשפּראָכן דאָס צו טאָן און זיי האָבן באַשטימט טאַקע ניט אָפּצולייגן עס און גיין אַהין מאָרגן.

גוסטאָן איז דערווײַל צוגעגאַנגען צום גראַמאָפאָן און אים אָנגעשטעלט צו שפּילן בעטהאָווענס פינפטע סימפאָניע. ווילענסקי האָט זיך פאַרקרימט און געזאָגט:

– בעטהאָווענס פינפטע סימפאָניע... קלויסטער־מוזיק... אָטאָ ליגט אַ פּלאַטע פון „כל נדרי". איר האָט זי פאַרוואָרפן און אָנשטאָט דעם אָנגעשטעלט אַ גוישע זאַך. און „כל נדרי" איז דער טאַטע פון אַלע רעליגיעזע ניגונים. די קלויסטערס האָבן פון אונדז גענאַשט...

גוסטאַן, וועלכער האָט זיך געפילט געריגט און פאַרזאָרגט דעם גאַנצן אָוונט, האָט דערפילט אַ מאָדנע אומטאָלעראַנץ צו ווילענסקין. ער האָט דעריבער געענטפערט:

– מיר דוכט, אַז אומטאָלעראַנץ און קנאות זײַנען ניט מעלה, נאָר מוריד די פאַרטיידיקטע זאַך... אויף מיר, יעדנפאַלס, מאַכט עס אַן ערגערן אײַנדרוק פון די געשמדטע יידן, וועלכע האָבן זיך פאַרקויפט צו די מיסיאָנערן און זיי שטייען אויף די ווינקלען פון די גאַסן און האַלטן זייערע דרשות, אין וועלכע זיי גלויבן אַליין ניט...

ווילענסקי האָט אים ניט געלאָזט ענדיקן. ער האָט זיך אַ הייב געטאָן פון זײַן אָרט מיט אַזאַ רוגזה, ווי ער וואָלט געהאַט בדעה אַרויפצווואַרפן זיך שלאָגן גוסטאַנען. אָבער איידער וואָס־ווען האָט זיך געעפנט די טיר און ביידע מיט איין מאָל האָבן זיך אין צימער אַרײַנגעריסן מאַרגאָלין און עליזאַבעט. ביידע האָבן זיי זיך ניט גאָר פעסט געהאַלטן אויף זייערע פיס. מאַרגאָלין האָט געטראָגן צוויי פלאַשן ווײַן.

– איר זעט, – האָט ער געשריען, – מיר זײַנען מיט ליידיקן ניט געקומען! זעט סאַראַ ווײַן!.. הונדערט יאָר אַלט!.. צוויי פלאַשן האָבן מיר אויסגעטרונקען צו אָוונט־ברויט און אָטאָדאָס האָבן מיר אַהער געבראַכט. וואַרט, ס'איז ניט אַלץ!.. – און ער האָט גענומען אַרויסשלעפּן פלעשלעך ווײַן פון די קעשענעס און מיט אַ גערויש געשטעלט זיי אויפן טיש. ווילענסקי, דערזעענדיק דעם ווײַן, האָט געמאַכט אַ צופרידענע מינע און צוריק אַוועקגעזעצט זיך אויף דער זאָפע, פון יוצא וועגן אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט אין גוסטאַנס ריכטונג, ווי ער וואָלט געזאָגט: „ניטאָ מיט וועמען אָנצוהייבן זיך"...

עליזאַבעט איז צוגעגאַנגען צו טאַמאַרען און זי אָנגעהויבן האַלדזן.

– אוי, בין איך מיד, – האָט זי געזאָגט. – און סע שווינדלט מיר דער קאָפּ... ס'איז אַזאַ טײַערער ווײַן... איך האָב ניט געוואָלט טרינקען, אָבער מאַרגאָלין האָט מיך אײַנגערעדט... ער איז אַזאַ פריילעכער, מאַרגאָלין, און ער דערציילט מעשיות אַזוי שיין... איך האָב אַזוי געלאַכט... מיר זײַנען געפאָרן אויף אַ שיפל און דערנאָך זײַנען מיר אַוועק אין רעסטאָראַן... איר ווייסט, איך וועל שוין באַלד פאַרלאָזן די קאַנטאָר און איך קום אָן אַרבעטן אין מאַרגאָלינס טעאַטער... איך וועל דאָרט טאַנצן... מאַרגאָלין זאָגט, אַז איך זאָל נעמען געזאַנג־לעקציעס. ער זאָגט, אַז איך האָב אַ שיינע

שטימע... ווילט איר אַ גלאָז ווײַן? אָט וועל איך אָנגיסן. סאַראַ גוטער ווײַן!

— פון וואַנעט האָט איר עס געקראָגן מבינות אויף ווײַן? — האָט טאַמאַרע מיט עגמת נפש בײַ איר געפרעגט. — איך וואָלט אײַך ניט געראָטן צו טרינקען.

עליזאַבעט האָט אָבער ניט געהערט טאַמאַרעס רייד און זיך געווענדעט צו מאַרגאָלינען:

— ווו זײַנען די גלעזער? לאָזט מיך, איך וועל אָנגיסן!

זי האָט צוגעטראָגן צו טאַמאַרען אַ גלאָז ווײַן. דערווײַל האָט זי זיך דערמאָנט:

— ס׳איז מיר שיר פון זינען ניט אַרויס... איך האָב דאָך דאָ אַ בריוו פאַר אײַך! ס׳איז אָנגעקומען קײַן לינקאָנשייר און אײַער באַלעבאָסטע האָט עס איבערגעשיקט אויף דעם אַדרעס, ווו מיר זײַנען פריער אײַנגעשטאַנען.

זי האָט איר דערלאַנגט דעם בריוו. טאַמאַרע האָט גענומען דעם בריוו און ווי נאָר זי האָט אַ קוק געטאָן אויפן אַדרעס, איז זי בלייך געוואָרן. שאַליט האָט עס באַמערקט. ער האָט אויך אַ קוק געטאָן אויפן קאָנווערט און באַמערקט, אַז ס׳איז אַ מענערשע האַנטשריפט.

שאַליט האָט דערפילט, ווי זײַן האַרץ וואָלט מיט בלוט באַגאָסן געוואָרן. ער האָט געזען טאַמאַרעס בלייכקײַט, ער האָט געזען איר פאַרלעגנהײַט, ער האָט געמערקט, אַז איר האַנט ציטערט, און עס האָט אַרויסגערופן אין אים אַ טיפן ווייטיק. פּלוצים איז אים אַ חשד אַרײַנגעפאַלן, אַז ס׳איז דאָ אַ שײַכות צווישן טאַמאַרעס מאָדנע שטימונגען, וועלכע ער האָט געפילט און ניט פאַרשטאַנען זייער זין, און צווישן דעם מאַן, וועלכער האָט דעם בריוו געשריבן.

טאַמאַרע האָט זיך אַנטשולדיקט און איז אַוועק אָן אַ זייט לייענען דעם בריוו. בעת זי האָט געלייענט, האָבן זיך די קאָלירן געביטן אויף איר פּנים און אירע הענט האָבן געציטערט. עליזאַבעט איז נאָך אַלץ געשטאַנען אויפן זעלביקן אָרט מיט אַ גלאָז ווײַן אין האַנט. האָט שאַליט עס פון איר האַנט אַרויסגענומען און אַוועקגעשטעלט אויפן פענצטער.

* * *

„שוין אַכט וואָכן, אַז איך בין צוריק אין ענגלאַנד,״ האָט טאַמאַרע געלייענט אין בריוו, „און די גאַנצע צײַט האָב איך דיך אַרומגעזוכט. ביסט ווי אין וואַסער אַרײַנגעפאַלן. האָסט קיינעם קײַן אַדרעס ניט איבערגעלאָזט און קיינער האָט ניט געוווסט, ווו דו ביסט. איך קאָן עס ניט פאַרשטיין..

„דערקונדיקט זיך, ווו דו ביסט, האָב איך דורך דער פּאָליציי. אין דער אָפּטיילונג פאַר רעגיסטראַציע פון אויסלענדער האָט מען מיר געזאָגט, ווו דו ביסט, און איך האָב צו דיר געשריבן, אָבער דער בריוו איז צו מיר צוריקגעקערט געוואָרן מיט דעם פּאָסט־שטעמפּל, אַז דײַן נאָמען איז אויף דעם אָנגעגעבענעם אַדרעס ניט באַקאַנט. נאָך אַ דאַנק דער פאַרמיטלונג פון אַ פּאָליציימאַן, וועלכער האָט פון מיר געקראָגן אַ מטבע, האָט זיך מיר אײַנגעגעבן אויסצוגעפינען, אַז דו געפינסט זיך טאַקע אויף דעם אָנגעגעבענעם אַדרעס, נאָר דו באַהאַלסט זיך אונטער דעם נאָמען ט אַ מ אַ ר ע ש נ יי ד ע ר... וואָס איז געשען...

„איך וואָלט גלײַך געקומען צופאָרן קײַן לינקאָנשייר, אָבער לײדער בין איך פאַרהאַלטן אין מיליטערישן שפּיטאָל און מע לאָזט מיך ניט אָפּ.

„אין דער מאַנטשעסטער פּאָסט־אָפּטיילונג האָט מען מיר צוריקגעקערט אַ פּאָר צענדליק בריוו, וואָס איך האָב צו דיר געשריבן פון די שלאַכט־פעלדער און דערנאָך פון מײַן געפאַנגענשאַפט אין דײַטשלאַנד, וואָרים מע האָט דיך ניט געפונען אויף דײַן אַלטן אַדרעס און דײַן נײַער אַדרעס איז זיי ניט באַקאַנט.

„ווייסטו דאָך מן־הסתם גאָרנישט, וואָס מיט מיר איז געשען. וועל איך דיר דערפאַר בקיצור דערציילן, אַז איך בין פאַרוווּנדעט געוואָרן אין אַ דײַטשער אַטאַקע, און אַזוי ווי די ענגלישע אַרמיי האָט אין יענעם טאָג האַסטיק צוריקגעטראָטן, בין איך געבליבן ליגן אין די טראַנשעעס, ביז וואַנעט דער דײַטשער רויטער קרייץ האָט מיך געפונען. עטלעכע חדשים בין איך געלעגן אין אַ שפּיטאָל ניט ווײַט פון דער בעלגיש־האָלענדישער גרענעץ, און ווען איך בין שוין קרעפּטיקער געוואָרן, האָט זיך מיר אײַנגעגעבן אַריבערצוכאַפּן זיך די גרענעץ קײַן האָלאַנד, פון וואַנעט איך בין צוריקגע־קומען קײַן ענגלאַנד.״

ווײַטער האָט ער ווידעראַמאָל אויסגעדריקט זײַן פאַרוווּנדערונג, וואָס זי איז נעלם געוואָרן און וואָס זי האָט אַפילו איר מיליטערישע פּענסיע ניט געצויגן. ער בעט זי, אַז זי זאָל גלײַך קומען קײַן מאַנטשעסטער. ער וועט

בלויז עטלעכע טעג וואַרטן אויף איר ענטפער, און טאָמער וועט ער פון איר נאָך אַלץ ניט הערן, וועט ער ברעכן די דיסציפּלין און קומען צו פאָרן קיין לינקאָנשייר.

געחתמעט אויפן בריוו איז געווען „אַדאָלף". קיינשום גערוס. קיינשום אויסדרוק פון געפילן. טרוקן, האַרט, געשעפטמעסיק — אויף זיין געוויינטלעכן שטייגער.

טאַמאַרע האָט אַרויסגעשטעקט איר קאָפּ דורכן פענצטער און טיף אַריינ־געאָטעמט די קילע אָוונט־לופט. זי האָט געקאָנט הערן דאָס שטאַרקע קלאַפּן פון איר האַרץ און דאָס קלאַפּן פון די בלוטן אין די אָדערן פון אירע שליפן.

— וואָס וועט זיין?... וואָס וועט זיין?... — האָט זי פאַרצווייפלט זיך זעלבסט געפרעגט.

פופצנטער קאַפּיטל.

ערגעץ אויף אַ טורעם האָט אַ זייגער געקלונגען צוויי. אָבער ניט טאַמאַרען און ניט שאַליטן האָט געאַרט, וואָס ס׳איז אַזוי שפּעט, און זיי האָבן זיך נאָך ניט געקליבן צו גיין אַהיים. שווייַגנדיק און שטיל האָבן זיי פּאָרטגעזעצט צו שפּאַצירן איבער די אויסגעליידיקטע אײַנגעשלאָפענע גאַסן.

שאַליט, וועלכער האָט בײַ קלאַרען אין סטודיע פריער אין אָוונט נאָך אָנגעשטרענגט זיך צו ריידן, צו לאַכן, האָט איצט פרײַ אָפּגעגעבן זיך צו זײַן טרויעריקער שטימונג, און ער האָט שפּאַצירט אָן אַ פּאַרזוך צו פּאַרפירן אַ שמועס. ער האָט געפילט, אַז ער האָט זײַנס שוין אַרויסגעזאָגט נאָך אין אָנהייב אָוונט אין זײַן שטומען געשפּרעך, בײַ קלאַרען אין סטודיע. און דאָס איז טאַמאַרע, וועמענס שטימונג עס האָט זיך אַזוי שאַרף געענדערט פון דעם מאָמענט אָן, וואָס זי האָט דערהאַלטן דעם בריוו, וועט עס דאַרף אַצינד אָנהייבן ריידן.

און טאַמאַרע האָט אויך אַזוי פּאַרשטאַנען. זי האָט פּאַרשטאַנען, אַז זי האָט ניט געקאָנט באַהאַלטן דעם אײַנדרוק, וואָס דער בריוו האָט אויף איר געמאַכט, און זי האָט זיך אַרויסגעגעבן. דאָס שווײַגן פון שאַליטן האָט זי דערפּאַר איצט נאָך מער אונטערדריקט. זי האָט זיך געפילט פּאַרפליכטעט אָנצוהייבן ריידן, און דווקא אויף דער טעמע פון זייערע באַציִונגען, און אָטאָדי באַציִונגען קלאָר מאַכן. זי איז אָבער געווען אין אַ פּאַרלעגנהײַט, ווי אָנצופאַנגען און וואָס צו ריידן.

אומבאַמערקט פאַר זיך זעלבסט זײַנען זיי אָנגעקומען אין אַ פּאַרק און פּלוצים האָבן זיי זיך דערזען שפּאַצירנדיק אויף פרישע, זאַמדיקע, געדרייטע וועגעלעך און אַרומגערינגלט פון הויכע, געדיכטע ביימער. ניט זײַענדיק באַקאָנט מיט דער שטאָט, האָבן זיי ניט געוווּסט, וווּהין זיי זײַנען פּאַרגאַנגען און וווּ זיי זײַנען. ס׳האָט זיי אָבער ניט געאַרט. ביידע זײַנען זיי געווען אין זיך און אין זייער בענקשאַפט פּאַרטיפט און געפילט, אַז אויב זיי וועלן זיך הײַנט אָפנהאַרציק ניט דורכריידן און ניט פּאַרשטענדיקן זיך, וועלן זיי עס שפּעטער, ווען זיי וועלן זיך פונאַנדערפאָרן, זיכער ניט קאָנען טאָן.

און די ערשטע האָט טאַקע טאַמאַרע אָנגעהויבן:

– אָט זײַנען מיר אַלי   האָט זי געזאָגט – ווידער זײַנען מיר אַליין. סע דריקט עפּעס אין האַרצן און ס'איז שווער אַרויסצוריידן. שפּאַצירן מיר שוין זייער לאַנג און ווילן ריידן און דאָך שווײַגן מיר. און דאָס שווײַגן דריקט, וועגט ווי אַ שווערע לאַסט. אין עטלעכע שעה אַרום וועלן מיר זיך געזעגענען. מיר וועלן זיך פונאַנדערפאָרן. אין צוויי פאַרשיידענע ריכטונגען, אין צוויי פאַרשיידענע שטעט. אפשר איז דאָס צום לעצטן מאָל, וואָס מיר שפּאַצירן אינאיינעם. מוז דאָס שווײַגן איבערגעריסן ווערן. ניט פון יוצא-וועגן מוז עס געטאָן ווערן, נאָר ווײַל ס'איז דאָ פאַר דעם אַן אינערלעכער רוף... און איך וויל זיך פאַר אײַך מודה זײַן, אַז די צײַט, וואָס איך האָב אין אײַער געזעלשאַפט פאַרבראַכט, איז די ווונדערלעכסטע צײַט פון מײַן לעבן געווען. ס'טוט מיר וויי צו שיידן זיך מיט אײַך...

ער האָט געשוויגן. האָט זי נאָך אַ קורצער פּויזע ווידער אָנגעהויבן:

– אַ פרײַנטשאַפט האָט זיך אין משך פון אָט דער צײַט צווישן אונדז אײַנגעשטעלט. מיר האָבן עס איינע די אַנדערע ניט געזאָגט, מיר האָבן וועגן דעם אַפילו ניט גערעדט. אָבער צוליב וואָס דאָס ריידן און זאָגן? אָן ווערטער איז עס קלאָר. אָפט זײַנען טאַקע ספקות געקומען, ספקות און אומרו. אָבער אין גלײַכגילטיקייט קומען קיין ספקות ניט... דער אומרו זעלבסט איז אַ באַווײַז פון פרײַנטשאַפט... דאָס האָט איר אַמאָל געזאָגט, אַז אָן ווייטיקן קאָן קיין זאַך ניט געבוירן ווערן... זײַנען ווייטיקן געווען און איך נעם אָן, אַז אויך געבורט איז געווען... אויב איך בין זיך טועה, זאָגט עס מיר – שאַליט!

ער האָט געשוויגן.

– איר שווײַגט. איר ענטפערט ניט. – האָט זי פאָרטגעזעצט – ס'איז דאָ פינצטער און איך קאָן אויך אויף אײַער פּנים גאָרניט לייענען... וועל איך פאָרטזעצן. איך פיל, אַז איך מוז פאָרטזעצן. הגם ס'איז אײַנגעפירט אויף דער וועלט, אַז ניט איך וואָלט באַדאַרפט אָנהייבן דאָס צו ריידן... דאָך וועל איך ריידן!... פאַרוואָס זאָל איך ניט טאָרן דערציילן?... פרײַנטשאַפט, אמתדיקע פרײַנטשאַפט ווערט פאַרשוועכט, ווען מע איז ניט אויפריכטיק. וואָלט איך ניט געקאָנט אויפריכטיק זײַן, וואָלט איך אײַער פרײַנטשאַפט ניט פאַרדינט. און ווײַל איך וויל זי יאָ פאַרדינען, וועל איך אויפריכטיק זײַן. און דער אמת איז דאָך, אַז איך האָב אײַך באַמערקט, נאָך איידער איר האָט מיך באַמערקט... און איך האָב אָנגעווענדעט אַלע מיטלען באַמערקט צו ווערן פון אײַך... און איך האָב זיך אָנגעשטרענגט מיט אַלע מײַנע כוחות צו געווינען אײַך... וואָלט עס דאָך געווען אַן אומרעכט, ווען איך וואָלט זיך געמאַכט פאַר אומוויסנדיק, געוואַרט, ביז וואַנעט איר וועט אָנהייבן ריידן צו מיר און דאַן מאַכן אַן אָנשטעל פון אומגעריכטקייט...

שאַליט האָט גענומען איר האַנט, אַרײַנגענומען זי אין זײַנער, צערטלעך זי געדריקט און צוגעפּרעסט צו זײַנע ליפּן. דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן ריידן: מיט אַ שמחה, וואָס צו איר איז קיין גלײַכן ניטאָ, נעמט ער אָן איר פּרײַנטשאַפט און ער גיט איר זײַנע. ווען זי וואָלט ניט אָנגעהויבן ריידן, וואָלט ער אפשר אויך ניט אָנגעהויבן. ער האָט געפילט, – די סיבות זײַנען אַצינד ניט וויכטיק, – אַז זי איז פּאַרפּליכטעט צום ערשטן וואָרט. די פּאַר־גאַנגענע וואָכן ווערן פון אים ניט ווייניקער טײַער אָפּגעשאַצט. ס'איז געווען די צײַט, ווען די גוואַלדיקע מאַסן פון שיינקײַטן, פון ריכקײַטן, פון געפילן און עמאָציעס האָבן אָן אויפהער שטורעמדיק געריסן זיך צו זײַן באַוווּסטזײַן. צײַטנווײַז האָט ער געפילט, אַז זײַן עקסטאַז איז אַזוי גרויס, אַז ס'דערגרייכט צו דער שטופע פון זײַן היפוך – פון טומפּקײַט און פאַרגליווערונג... ער איז אָפּט אויסער זיך געווען און זײַן אויפרעגונג איז שטאַרקער געווען פון זײַנע כּוחות צו קאָנטראָלירן זי. די אַגאָניע פון שיידונג וועט אויף אים מיט גלײַכער מאָס פון ווייטיק זיך אָפּרופן... אָבער פאַרוואָס זאָלן זיי זיך שיידן? פאַרוואָס זאָלן זיי איבעררײַסן די פרײַנטשאַפט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַזויפיל שיינקײַטן און וואָס קאָן אויך פאַרטגעזעצט ווערן? זי האָט דאָך אַמאָל בדעה געהאַט צו באַזעצן זיך אין לאָנדאָן. זײַנען דאָך דאָ אַצינד פיל מער טעמים, אַז זי זאָל עס טאָן.

ערשט איצט, ווען זי וואָלט קיין לאָנדאָן געקומען, וואָלט צווישן זיי אַזאַ באַציִונג געקאָנט אײַנגעשטעלט ווערן, אַז דאָס לעבן גופא וואָלט מיט זיי שטאָלץ געווען... זייער לעבן וואָלט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ אומאויפ־הערלעכער אינספּיראַציע פאַר שאַפונגען און אַנטפּלעקונגען. איינער, איינער דעם צווייטן אינספּירירנדיק און ביידע צוזאַמען ווערנדיק תּמיד אינספּירירט פון דעם שלל פון שיינקײַטן, מיט וועלכן זיי וואָלטן אַרומגערינגלט געווען, וואָלטן זיי פאַר זיך געשאַפן אַ נײַע וווּנדערלעכע וועלט. אַ וועלט אָנגעפילט מיט אידעאַלן, פול מיט שכל, מיט עסטעטישע הנאות. זיי איינעם וואָלטן אַזוי רײַך געווען, אַז מיט עשירות וואָלט פון זיי געשטראַלט און פון אָטאָדי שטראַלן וואָלטן אַ סך אַנדערע באַשײַנט געוואָרן...

זי האָט אים געענטפערט:

– אײַער וועלט־אָנשויונג, אײַער אינטעלעקט, אײַערע געדאַנקען, אײַער אינטעליגענץ, אײַער אָרנטלעכקײַט, אײַער אויסזען, אײַער איידעלער געשמאַק, אײַער עמפּינדלעכקײַט צו שיינקײַטן, אײַער ראַפינירטקײַט זײַנען פאַר מיר קוואַלן פון באַגײַסטערונג. צו זײַן מיט אײַך, אָדער, לכל הפּחות, לעבן אײַך וואָלט געווען מײַן גרעסטער גליק. אָן אײַך בין איך אומגליק־לעך... איר וועט אויף אייביק, אויף אייביק פאַרבלײַבן אין מײַן זכרון, ווי איינער... ניין, ווי דער איינציקער, וואָס דורכדעם, וואָס איך האָב אײַער

פרייַנטשאַפט באַקומען, קומט מיר כבוד... איך אַכט זיך מער דערפאַר, וואָס איר אַכטעט מיך... אָט האָט איר מייַן האַנט, שאַליט. איך וועל אייַך קיינמאָל ניט פאַרגעסן...

און געטראַכט האָט זי דערבייַ פאַרצווייפלט: „מייַן גאָט, וואָס וועט פון מיר ווערן?.. וואָס וועט ווערן?..״ און געטראַכט האָט זי דערבייַ, און אומגעריכט פאַר איר זעלבסט האָבן זיך דידאָזיקע געדאַנקען אַרויסגערעדט הויך אויפן קול:

— אַזוי ווי אַזראַ פון היינעס ליד וועל איך וועלקן און וועלקן...

אירע לעצטע ווערטער האָבן שאַליטן דערנומען ביז טרערן... די טרערן האָבן אים געשטיקט אין האַלדז. ער האָט גענומען איר אויסגעשטרעקטע האַנט, אָבער ניט צו דריקן זי, ווי זי האָט אים פאָרגעשלאָגן, נאָר מיט אַ באַוועגונג זי אָפצושטעלן, און ער האָט געזאָגט:

— פאַרוואָס רעדט איר פון פאַרגעסן? פאַרגעסן קאָן מען דאָס, וואָס פאַרשווינדט. פאַרוואָס רעדט איר מכּוח זכרון? אין זכרון האַלט מען דאָס, וואָס איז פאַרגאַנגען. פאַרוואָס רעדט איר פון וועלקן? מע וועלקט, ווען דער לעבנסקוואַל שעפּט זיך אויס. פאַרוואָס די אַלע שרעקלעכע ווערטער, ווען מיר קאָנען מאַכן, אַז יעדער נייַער טאָג פון דער צוקונפט זאָל געבענטשט ווערן, אַזוי ווי יעדן טאָג ווערט געבענטשט די אויפגייענדיקע נייַע זון... איך קאָן ניט לעבן מיטן עבר. קיינער לעבט מיט אים ניט. מענטשן לעבן אינם הווה, מענטשן האָפן אויף דער צוקונפט. מענטשן לעבן אָבער ניט אויפן עבר. קאָנט איר עס טאָן?.. ווילט איר עס טאָן?.. אויב יאָ, קאָן איך שוין מער אין אייַער נאָמען ניט ריידן. איך וועל דעריבער ריידן פאַר זיך אַליין. און איך — איך וויל ניט, אַז מייַן עתיד זאָל פאַרשעמען מייַן עבר!.. איך וויל, אַז יעדער מאָמענט פון מייַן לעבן זאָל זייַן אַ נייַע שאַפונג, אַ נייַע אַנטפּלעקונג, אַ נייַע באַרייַכערונג פון מייַן איך...

ער האָט געמאַכט אַ פּויזע. ער האָט מער ניט געקאָנט ריידן. זייַן אויפרעגונג איז געווען צו טיף, זייַנע ווייטיקן צו שאַרף, אַז ער זאָל קאָנען אַלץ אַרויסריידן אין איין אָטעם. שפּעטער האָט ער פאָרטגעזעצט:

— און אָן אייַך קאָן איך זיך שוין מער ניט באַגרייַפן אין דרויסן פון יאוש... און יאוש, אין זייַן עצם, איז שוין די אָפּלייקענונג פון געזונטן שאַפן... קומט מיט מיר, טאַמאַרע!... מחמת אויב דאָס, וואָס מע רופט ל י ב ע, איז אַ מאָטיוו פאַר נאָכפאָלגן איינע דעם צווייטן, וועט אייַער מאָטיוו — אויב איך זאָל גלויבן אייַערע פריערדיקע רייד — זייַן נאָך שטאַרקער... מייַנער אַוודאי... קומט, טאַמאַרע!... און טאָמער וועט איר עס ניט טאָן, וועל איך ניט גלויבן אין אייַך און אין אייַערע רייד. איך וועל ניט גלויבן מייַנע אויגן, מיט וועלכע איך האָב אויף אייַך געקוקט, זינט מיר זייַנען באַקאָנט געוואָרן.

און... ווער ווייסט... אפשר וועט זיך מיט אָט דעם אויך אומגלויבן אַרײַנ־רײַסן אין מיר... ווער ווייסט... אפשר פאַראַכטונג...

שווער איז פאַר אים געווען אַרויסצורײדן דאָס לעצטע וואָרט. שווער, ווײַל מיט יעדן נערוו פון זײַן נשמה האָט אין אים עפּעס פּראָטעסטירט קעגן אַזאַ אויסדרוק וועגן איר. אָבער אין זײַן פאַרצווייפלונג, אין זײַן מוראדיקן באַגער נאָך איר האָט ער עס אַנדערש ניט געקאָנט פאַרשטיין.

און נאָך שווערער איז פאַר איר געווען צו הערן דאָס וואָרט פון אים אַרויסגעזאָגט. שווערער איז עס געווען דערפאַר, וואָרים זי האָט געפילט, ווי שווער עס איז אים אָנגעקומען אַרויסצוזאָגן עס, און דערפאַר אַליין איז דאָס וואָרט קײַן צופעליקײַט ניט... זי האָט אַ שוידער געטאָן. „פאַראַכטן..." און ווען ער וואָלט געוווּסט!... ווען ער וואָלט אירע מאָטיוון געוווּסט?.. ווי פאַראַכטעט ער וואָלט זי, פאַרוואָס זי האָט אים צוערשט ניט אויסגעזאָגט! און פאַרוואָס האָט זי אים טאַקע ניט אויסגעזאָגט?... ווי פּחדניש און אומ־לאָגיש... אָבער איצט... איצט איז שוין צו שפּעט... איצט איבערהויפּט... איצטער טאָר זי אַוודאַי ניט... „פאַראַכטן..." זי האָט ווידער אַ ציטער געטאָן. און פאַרצווייפלט האָט זי קוים אויסשעפּטשען געקאָנט:

— אוי, איר זאָלט מיך ניט פאַראַכטן, שאַליט!... דאָס ניט!... איר טאָרט ניט!... ווען איר וואָלט געוווּסט, ווי איך ליב אײַך... ווי איך לײַד...

מער האָט זי ניט געקאָנט זאָגן. ס'האָט איר געשטיקט אין האַלדז. נאָך אַ וואָרט – און זי וואָלט אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ געוויין. אָבער וויינען טאָר זי ניט!... זי טאָר ניט!...

ער האָט זי געלאָזט באַרויִקן זיך. ער אַליין האָט אויך געדאַרפט באַרויִקן זיך, קומען צו זיך.

האָבן זיי אַ ווײַלע געשפּאַצירט און געשוויגן. געשוויגן און געליטן.

דערנאָך האָט זי געזאָגט:

— דערפאַר, וואָס מײַן לעבן איז טרויעריק, בין איך ניט ווערט פאַר־אַכטעט צו ווערן. דערפאַר, וואָס איך האָב כאָטש אויף אַ ווײַלע געוואָלט אַ וואַרעם טאָן זיך, דאַרף איך מיט פאַראַכטונג ניט באַשטראָפט ווערן...

און שיעור, שיעור האָט זיך בײַ איר ניט אַרויסגעריסן דער אָנהייב פון אַ וידוי: „אוי, שאַליט, ווען איר ווייסט, ווען איך וואָלט ניט מורא געהאַט מײַן האַרץ פאַר אײַך צו אַנטפּלעקן!..." אָבער מיט שרעק האָט זי זיך פאַר־כאַפּט. דער געדאַנק אַליין, אַז זי וואָלט זיך אַזוי לײַכט געקאָנט אַרויסגעבן און דערמיט אפשר אַלץ פאַרלירן, האָט געמאַכט איר האַרץ אַזוי שטאַרק צו קלאַפּן, אַז איר קאָפּ האָט פאַרשווינדלט.

און זי האָט געזאָגט:

— מײַן גאַנץ לעבן האָב איך געשטרעבט צו דערגרייכן שײנקײַטן און דערגרייכט האָב איך זײ ניט. אַלעמאָל ביטער אַנטוישט געוואָרן. איך בין אַ טרוימערין — איז צו טרוימען אַ שאַנד? אַפילו פאַר מענער איז עס קײַן שאַנד ניט — אַפשיטא שוין פאַר פרויען. איך האָב אַמאָל אַלץ אין רויזנ־פאַרבן געזען. איך האָב אויף דער וועלט דורך ראָמאַנטישע גלעזער געקוקט. איך האָב אָבער גליק געפונען אין מײַנע זעונגען בלויז, אין מײַנע פאָרשטע־לונגען בלויז, אָבער ניט אין דערווירקלעכקײַט... געגאַסן פון גליק האָב איך נאָך ניט... און גליק האָב איך אַלעמאָל אין ליבע געזען, און בלויז אין ליבע... איך האָב געפילט, אַז איך בין פאַר ליבע באַשאַפן געוואָרן, און דאָך האָב איך קײנמאָל ניט געקאָנט פרײַ ליב האָבן... ווען איך בין נאָך זײער יונג געווען, פלעג איך זיך אַמאָל אײַנשמועסן, אַז איך ליב, ווײַל איך האָב געמוזט ליב האָבן... איך האָב שטאַמען פון ביימער אַרומגענומען, צו זײ געטוליעט זיך... איך האָב אין בלעטער און בלומען מײַן פנים געטוליעט... און איצט זײַנט איר געקומען... דער ערשטער, דער אײנציקער, דער אויף אײביק און אײביק... צו אײַך וואָלט איך ניט געקאָנט ניט אָפּצוגעבן זיך... אָט אַזוי פאַרמאַכן די אויגן און לאָזן זיך טראָגן פון אײַך... פאַרוואָס זאָלט איר מיך פאַראַכטן...

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און אויך זי אָפּגעשטעלט. ער האָט איר געקוקט גלײַך אין די אויגן אַרײַן, אײַנגעגאָסן זיך מיט זײַן בליק איר אין פנים אַרײַן.

— טאַמאַרע, — האָט ער געזאָגט — איך פיל, ווי קאָן מען עס ניט פילן, אַז עפּעס אַ וואַנט איז דאָ, וואָס שיידט אונדז. איך ווייס ניט, וואָס די וואַנט איז, אָבער פילן פיל איך זי. ניט איצט ערשט, ניט הײַנטיקן אָוונט ערשט האָב איך זי דערפילט, נאָר שוין פון לאַנג. דערפאַר האָב איך די גאַנצע צײַט געשוויגן. איר דערציילט מיר ניט, וועל איך ניט פרעגן. ס׳איז אײַער סוד, האָב איך ניט קײַן רעכט אויף אים. אײנס אָבער ווייס איך יאָ: אַז די היץ פון דער זון צעשמעלצט אַלע עלעמענטן, וואָס פאַלן אויף דער זון אַרויף. מיר קאָנען אַפשיטא שוין אַלץ צעשמעלצן, און אפשר נאָך אײַנגעקעקשנטער פון דער זון... טאַמאַרע, קומט מיט מיר!

זי האָט אים געוואָלט ענטפערן. אָבער זי האָט ניט געקאָנט. איר האַרץ האָט געקלאַפּט שטאַרק און יעדער קלאַפּ איז געווען פײַנלעך. אירע פיס האָבן געציטערט און זי האָט געמוזט אָנלענען זיך אָן אים. זי האָט געפילט די באַ־וועגונג פון יעדן אָדער אויף איר רוקן, ווי ניט בלוטן, נאָר צעגליטער אײַזן וואָלט דורך זײ געפלאָסן. ער האָט זי צוגעפירט צו אַ באַנק און זײ האָבן זיך אַוועקגעזעצט. ער האָט געשעפּטשעט:

– טאַמאַרע, ליבסטע מײַנע, וואָס איז, וואָס איז מיט אײַך ?... טאַמאַרע, זאָגט מיר צו, אַז איר וועט קומען צו מיר !... אויב איר קאָנט ניט איצט, איז שפּעטער... פאַרשפּרעכט אָבער...

ניט ווייניקער שאַרף איז זײַן ווייטיק געווען. דורך זײַן ווייטיק האָט ער אירן ניט באַמערקט. זײַן ווייטיק האָט אים ווי בלינד געמאַכט. ער האָט גערעדט צו איר, ער האָט אַליין ניט געוווּסט וואָס. ער האָט זיך בײַ איר געבעטן, האָט זאָגאַר געדראָט... ער וועט זי ניט אָפּלאָזן, סײַדן זי וועט אים פאַרשפּרעכן צו קומען...

ער האָט זי אויפגעהויבן פון באַנק און אַריבערגעטראָגן צו זיך אויף די קני. זי האָט זיך געלאָזט. ער האָט זי אַרומגענומען, זי געדריקט צו זיך. ער האָט געזוכט אירע ליפּן. זיי זײַנען געווען הייס ווי אין פיבער. זי האָט פאַרוואָרפן אירע הענט אַרום זײַן האַלדז און אים געקושט. זי האָט מער ניט אײַנגעהאַלטן זיך – זי האָט געוויינט... אירע טרערן האָבן פײַכט געמאַכט אויך זײַן געזיכט און זי האָט אים געקושט... לײַדנשאַפטלעך, היסטעריש...

– וועסטו קומען, טאַמאַרע ?... וועסטו ?... פאַרשפּרעכסטו ?...

– יאָ...

זי האָט דעם „יאָ” אַרויסגעזאָגט און געפילט דערבײַ, אַז דאָס וואָרט קומט פון ערגעץ אַנדערש און ניט פון איר. פון איר איבערבאַוווּסטזײַן אפשר, פון דאָרט, וווהין זי קאָן ניט צוקומען און וואָס זי קאָן ניט קאָנטראָלירן... און פאַרצווייפלט האָט זי געטראַכט: „ווי וועל איך עס דערגרייכן ?... ווי וועל איך זיך באַפרײַען ?... ווי ?... ווי אַזוי ?...”

און זי האָט צו אים געזאָגט:

– אָבער דו מוזט מיר געבן צײַט... גיב מיר אַ ביסל צײַט... איך פאַרשפּרעך: איך וועל קומען !... איך וועל קומען !... איך בין דײַנע !... דײַנע...

זעכצנטער קאַפּיטל.

אַכט אַזייגער אינדערפרי. אין אַ שעה אַרום דאַרף זי, טאַמאַרע, זיך באַגעגענען מיט אַדאָלפן. ער וועט אויף איר וואַרטן בײַ זיך אין צימער, אין האָטעל. אַזוי האָבן זיי נאָך נעכטן בײַנאַכט אָפּגערעדט דורכן טעלעפאָן. זי האָט צו אים טעלעפאָנירט, באַלד ווי זי איז אָנגעקומען קײַן מאַנטשעסטער. אונטער די אויגן, דורכן טעלעפאָן, איז איר לײַכטער געווען אָנצוזאָגן אים איר באַשלוס. איצט ווייסט ער שוין... ווי וועט ער איר מקבל פּנים זײַן?.. ער האָט געוואָלט נאָך נעכטן זען זיך מיט איר. זי האָט אָבער ניט מסכּים געווען. זי האָט געוואָלט געבן אים צײַט צוצוגעוווינען זיך צום געדאַנק... האָט זי אים דערפאַר געזאָגט, אַז דאָס רעדט זי ניט פון מאַנטשעסטער, נאָר פון ערגעץ אַנדערש, ווו זי וואַרט אויף אַ צוג. קײַן מאַנטשעסטער וועט זי ערשט פאַרטאָג אָנקומען, האָט זי געזאָגט. און איצט, גרייטנדיק זיך צו באַגעגענען אים, איז זי בײַ זיך אַלץ מער און מער געוואָרן אַראָפּגעפאַלן. ווי זאָל זי צו אים ריידן?.. ווי וועט ער זי באַגעגענען?.. איר האַרץ האָט געקלאַפּט שטאַרקער און שטאַרקער... עס האָבן איר געציטער הענט און פיס. אָבער איר באַשלוס איז געווען פעסט... וואָס ס'וועט זײַן, וועט זײַן... זײַן מוז עס!.. זי האָט אָנגעווענדעט אַלע כּוחות צו טראַכטן מכּוח עפּעס אַנדערש.

זי האָט אויף זיך אַ קוק געטאָן אין שפּיגל. די שפּורן פון צוויי שלאָפלאָזע נעכט און פון אויפרעגונג זײַנען געווען זייער קאָנטיק אויף איר פּנים. אויף די שלייפן און אויף די באַקן האָבן זיך אויסגעקעסטלט בלויע אָדערן; די אויגן – רויט און אויסגעלאָשן און בײַ די זײַטן פון דער נאָז און אונטער די ליפּן האָבן זיך צעלייגט דינע און אָפּטע קנייטשן. זי האָט זיך אינסטינקטיוו געכאַפּט פאַרן קעסטל מיט קאָסמעטיקס און באַלד זיך איבערלייגט: „צו וואָס?... אפשר איז בעסער אַזוי?...‟

ריי, דאָס אַכצניאָריק מיידל, איר געוועזענע שילערין, בײַ וועמען זי איז אײַנגעשטאַנען, איז אַרײַנגעקומען צו איר אין צימער. אין הויז זײַנען קײַן מאַנסביל ניט געווען, האָט זי זיך געפילט פרײַ אין איר נאַכטהעמד און באָרוועסערהייט. איר העמד איז געווען אַראָפּגערוקט אויף איין זײַט און עס האָט זיך אָפּגעדעקט איר שיין רויזן אַקסל און איין קײַלעכיקע, שטײַפע,

צאַפּלדיקע ברוסט. פון אונטער דעם וואַלד פון אירע געקרײַזלטע, צעשויבערטע האָר האָט אַרויסגעשמייכלט אַ יונג, פריש, לוסטיק און באַחנט פּנים, מיט פּוכקינקע בעקלעך, אַ פאַרריסן נעזל, לוסטיקע טונקל-בלויע אויגן און ווײַסע, גלײַכע, געזונטע ציין אונטער די דיקלעכע, שמייכלדיקע ליפּן. דורך דעם דורכזיכטיקן העמד האָבן זיך ניט בולט אַרויסגעזען די שטריכן פון איר יוגנטלעכן, געזונטן, עלאַסטישן און גראַציעזן קערפּער. אַפילו אין דער טיפעקײַט פון איר יאוש האָט טאַמאַרע באַמערקט די שיינקײַט פון אָטאָדער נאָך ניט פונאַנדערגעבליטער בלום און ס'האָט איר הנאה געטאָן אַרומצונעמען זי און צודריקן צו זיך אָטאָדי יוגנט, אָטאָדעם פרילינג פון אַ פרוי.

— טאַמאַרע, — האָט ריי געזאָגט — קוים וואָס איך גלויב, אַז איר זײַנט צוריק אין מאַנטשעסטער, און נאָך בײַ אונדז אין הויז דערצו. איך בין אַזוי גליקלעך! הײַנט גיי איך ניט אין קאָלעדזש. מיט אײַך וויל איך דעם גאַנצן טאָג פאַרברענגען.

— טו עס ניט, ריי, — האָט איר טאַמאַרע געענטפערט, אַרומנעמענדיק זי און טוליענדיק זי צו זיך — ווײַל איך וועל מעגלעך זײַן זייער פאַרנומען און וועל דיר זייער ווייניק צײַט קאָנען ווידמען. גיי אין קאָלעדזש און מיר וועלן זיך טרעפן, ווען דו וועסט צוריקקומען. אפשר וועט זיך מיר אײַנגעבן צו באַפרײַען זיך אין צײַט, וועל איך אויף דיר וואַרטן בײַם אַרויסגאַנג פון קאָלעדזש. אויב ניט, וועלן מיר זיך טרעפן אין דער היים און מיר וועלן אין אָוונט גיין אין לייענס קאַפע.

ריי האָט איר אָנגעהויבן דערציילן וועגן איר אַרבעט אין רויטן קרייץ, וואָס זי ווידמעט איר גאַנצע פרײַע צײַט. זי איז איינע פון דער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט זיך אונטערגענומען צו פאַרווײַלן די פאַרוווּנדעטע זעלנער.

— טײַערינקע, — האָט ריי געפּלאַפּלט — איר קאָנט זיך ניט פאָרשטעלן, ווי צופרידן איך בין צו קאָנען עטוואָס לייסטן פאַר אונדזערע בראַווע יונגען פון די שלאַכט-פעלדער. זײַנען זיי ניט וווּנדערבאַר, אָט די יונגען אונדזערע? זײַנט איר דען ניט פול מיט אַכטונג צו זיי? איך ווייס, אַז איר ליבט זיי אויך. ווי קאָן מען זיי ניט ליבן? אוי, וויפל צרות און יסורים זיי שטייען זיך אויס און זיי נעמען עס אָן אַזוי בראַוו. איך פיל זיך אַזוי קליין און ניט ממשותדיק אַנטקעגן זיי. און וויפל איך זאָל ניט לייסטן פאַר זיי, דוכט זיך מיר, אַז ס'איז נאָך אַלץ ווייניק.

טאַמאַרע האָט זיך צו רייס פּלאַפּלערײַ ניט צוגעהערט. ריי האָט גערעדט אָן אַן אויפהער. טאַמאַרע האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און פון צײַט צו צײַט מיט אַ פראַגע געגעבן אָנצוהערעניש, אַז זי איז פאַרינטערעסירט אין איר ריידן.

— די שטאַרק פאַרוווּנדעטע זעלנער, — האָט ריי זיך נאָך אַלץ געהאַלטן בײַ איר טעמע — ברענגט מען ניט אַהער. זיי שיקט מען אַוועק אין צײַטווײַליקע באַראַקעס, ווײַט פון אַ שטאָט. אַהער ברענגט מען בלויז די לײַכט פאַרוווּנדעטע. די מערסטע פון זיי קאָנען אַרומגיין און אַפּילו טאַנצן. אָרדנען מיר אײַן קאָנצערטן פאַר זיי. נאָך די קאָנצערטן טאַנצט מען. ס'איז דאָרט זייער פריילעך...

און טאַמאַרע האָט געקאָנט לייענען אויף רייס פּנים, אַז דער לעבנלוסט פון איר פרילינג־האַרץ שטײַגט אַריבער דאָס געפיל פון איר פּאַטריאָטישקײַט און פליכט צו יענע יונגען. אפשר ווייסט דאָס ריי אַליין ניט, אָבער זאָלן דאָרט קיין טענץ און קאָנצערטן ניט אײַנגעאָרדנט ווערן, וואָלט זי זיכער ניט אַזוי „מוסר־נפש" געווען זיך פאַר די „בראַווע יונגען"...

— איך בין דאָך אויך אַמאָל אַזוי יונג געווען... איך האָב דאָך אויך אַמאָל אַזויפיל גלויבן געהאַט... — האָט זי אַ טראַכט געטאָן.

און זי האָט זיך איבערגעלייגט, אַז זי האָט גאָר קיינמאָל קײַן יוגנט ניט געהאַט. נאָך אַלס קינד איז זי שוין אַ גרויס מיידל געווען און מיט אַ סך התחייבותן...

* * *

אַדאָלף האָט זי באַגעגנט שטייענדיק, אָנגעשפּאַרט אָן קאַמין און פאַרלייגט די הענט אויף דער ברוסט. זײַן פּנים איז געווען אויסערגעוויינטלעך בלייך און אויסגעמאַטערט. זײַנע אויגן און באַקן זײַנען געווען טיף אײַנגעפאַלן און זײַן שטערן און נאָז זײַנען דורכדעם געוואָרן בולטער. „מײַן גאָט, ווי ער האָט זיך געענדערט!" — איז געווען דער ערשטער געדאַנק אירער. און אָטאָדער געדאַנק און דאָס געפיל פון מיטלייד איז אין איר אַזוי שטאַרק געווען, אַז אויפן מאָמענט האָט זי דערפילט אַ מין חרטה, פאַרוואָס זי איז געקומען פּײַניקן אים... זי האָט אָבער אָטאָדאָס געפיל באַלד גובר געווען. „ניין, ניין! ס'איז שוין צו שפּעט צוריקצוטרעטן"... — האָט זי צו זיך אַליין געזאָגט:

אונטער זײַן, אויף זיך־אַרויפגעצוווּנגענער, גלײַכגילטיקײַט האָט זי גלײַך באַמערקט זײַנע איר־באַקאַנטע סימנים פון נערוועזשקײַט און אויפרע־

זונג. זײַנע אויגן האָבן געקוקט שטרענג און שאַרף און די מוסקולן פון זײַנע באַקן און שטערן האָבן געציטערט. זי האָט זײַן בליק אויסהאַלטן ניט געקאָנט און געהאַלטן אין איין אויפהייבן און אַראָפּלאָזן אירע אויגן. זי האָט געשוויגן. ער האָט אויך געשוויגן, געוואַרט, אַז זי זאָל אָנפאַנגען. אָבער אין איר אויפרעגונג האָט זי זיך אינגאַנצן פאַרלוירן. דאָס, וואָס זי האָט פאַר זיך און אין זיך געהזרט אין משך פון דער לעצטער נאַכט און אין משך פון דעם גאַנצן פרימאָרגן צו זאָגן אים, האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעטאָן פון איר. זי האָט זיך געמוזט אָנשפּאַרן אָן אַ װענטל פון אַ שטול און זיך אָנגעשטרענגט ניט אַרויסצוגעבן איר אויפרעגונג. ער האָט זיך ניט גערירט פון אָרט און ניט געענדערט זײַן פּאָזע. אַליין ניט געזעצט זיך און זי ניט געבעטן זיצן.

— אַלזאָ... — איז געווען דאָס איינציקע וואָרט, וואָס ער האָט געזאָגט.

— פאַרוואָס ביסטו אַוועק?... פאַרוואָס האָסטו אָנגעטאָן אָטאָדעם מונדיר?...

נאָכן ציטער פון איר קול, נאָך איר אויסזען האָט זיך אים פאַרגע־שטעלט, אַז זי האָט חרטה. די קנייטשן אויף זײַן שטערן האָבן זיך עטוואָס אויסגעגליכן. ער האָט פאַרוויכערט אַ פּאַפּיראָס.

ער האָט געזאָגט:

— ניט איצט איז די צײַט פאָרצוואַרפן מיר. דאָס וואָלט געקאָנט און געדאַרפט געטאָן ווערן אַ סך, אַ סך פריער. ניט איך, נאָר דו דאַרפסט איצט ענטפערן... ענטפער!

— איך האָב ניט, וואָס צו ענטפערן. פאַרוואָס זאָל איך דאַרפן ענטפערן? האָסטו אַמאָל מיר געענטפערט?...

— אַזוי גאָר?...

דעם מונדשטוק שטאַרק פאַרקלעמט צווישן די ציין, האָט ער זיך צוריק־געשטעלט אין זײַן פריערדיקער פּאָזע, און זײַן פּנים, וואָס איז געווען אַביסל ווייכער געוואָרן, האָט זיך ווידער אָנגעשטרענגט און ער האָט אויף איר געקוקט מיט צאָרן און מיט ווייטיק. אָבער זי האָט שוין באַוויזן אַביסל צו באַרויִקן זיך און זי האָט שוין מיט מער קאָנטראָל איבער זיך אָנגעהויבן ריידן:

— אונדזער גאַנצער צוזאַמענלעבן איז געווען אַ טעות... דו האָסט קיינ־מאָל ניט געדאַרפט דאָס, וואָס איך וואָלט געוואָלט און געקאָנט געבן דיר... און פאַרלאַנגט האָסטו דאָס, וואָס איך פאַרמאָג ניט... איך פאַרמאָג עס ניט פאַר דיר און ניט פאַר קיינעם... איך בין פאַר דיר בלויז אַ באַקוועמלעכקייט געווען... ס'איז דיר באַקוועם געווען צו קומען אַהיים און פאַרמאָגן מיך דאָרט... איך בין אָבער ניט אַזעלכע...

— אויב דאָס איז דײַן מיינונג געווען, פאַרוואָס האָסטו זי קיינמאָל ניט אַרויסגעזאָגט?

— האָב איך זי ניט אַרויסגעזאָגט?... אוי, ווי אינזיכטיק דו ביסט, ווי באַלד דו האָסט עס אַליין ניט געקאָנט זען!... זאָגן האָב איך עס געדאַרפט?... האָסטו דען ניט געקאָנט מערקן, ווי אײַנגעשרונקען איך בין געווען אין זיך?... אַמאָל פלעגט זיך מיר פאָרשטעלן, אַז איך בין אַ קנײַלכל פאָדעם. ציסטו און ציסט פאָדעם פון מיר. איך ווער מאָגערער און מאָגערער... אויף אַזױפיל האָב איך שוין געהאַט דעם גלויבן אין זיך פאַרלוירן... צי בין איך געווען אין דיר אײַנגעהילט. צי האָבן דאָס דײַנע האַנדלונגען בײַ מיר מוט און איניציאַטיוו אָפּגענומען, אָבער געפונען האָב איך זיך שוין אין אַ מצב פון אַפּאַטיע און איך האָב שוין געהאַט אַפילו שלום געמאַכט מיט מײַן גורל... דו וואָלסט געדאַרפט זען... האָסט עס אָבער ניט געזען... נו, בין איך אַוועק... האָסטו מיך איבערגעלאָזט אַליין. איך האָב אָנגעהויבן אַרומקוקן זיך, איך האָב געקוקט און ניט פאַרשטאַנען, וואָס אַזוינס מיט מיר איז געשען... ווי אַזוי האָב איך עס מסכּים געווען?... איך האָב אָנגעהויבן קומען צו זיך... אָט האָסטו אַ דערקלערונג!... אַדאָלף! דאָס, וואָס דו פאַרלאַנגסט פון אַ פרוי, וועט דיר אַן אַנדער פרוי מער און ליבנסווירדיקער געבן... איך... איך איך קאָן ניט... לאָמיר זיך שיידן ווי גוטע פרײַנט!...

זי האָט צו אים אויסגעשטרעקט איר האַנט. ער האָט זיך אָבער מיט זײַנע הענט אָנגעכאַפּט אינם ווענטל פון אַ שטול. ער האָט איר זײַן האַנט ניט דערלאַנגט.

— אַדאָלף!..

ער איז געווען טיף באַליידיקט: „דאָס, וואָס דו פאַרלאַנגסט פון אַ פרוי״... אַזוי ווי ער האָט געהאַלטן דעם שטול, האָט ער אים אויפגעהויבן און אַ זעץ געטאָן אָן דער ערד. דער שטול האָט זיך אָפּגעבראָכן פון ווענטל. ער האָט דאָס ווענטל אַ שלײַדער געטאָן אויף די ברוכשטיקער. אָט דער טאַט האָט עטוואָס געלאָשן זײַן צאָרן. ער האָט זיך אָפּגעקערט צום פענצטער און אַרויסגעקוקט אין דרויסן. זײַנע פּיס און פּלייצעס האָבן געציטערט און זײַנע הענט האָט ער פאַרלייגט אויף דער ברוסט — זײַן געוויינטלעכע פּאָזע.

ווען ער האָט זיך אומגעקערט פונם פענצטער, איז דער אויסדרוק אויף זײַן פּנים שוין געווען אַ מילדער און פול מיט צער און ווייטיקן.

— ביסטו, הייסט עס, ערנסט... און ווען דו האָסט צו מיר נעכטן גערעדט דורכן טעלעפאָן, האָב איך עס אָנגענומען פאַר אַ שפּאַס... העכסטנס פאַר אַ קאַפּריז...

ער האָט פאַררויכערט אַ צווייטן פּאַפּיראָס און אָנגעהויבן נערוועזיש צו שפּאַצירן איבערן צימער. זי האָט צו אים אויסגעשטרעקט אירע הענט:

— אַדאָלף! אויף וואָס דאַרפסטו מיך?... איך קאָן דיר ניט נאָכגיין... איך בין פאַר דיר אַן איבעריקע לאַסט... און דו... דו קאָנסט מיר אויך ניט נאָכגיין...

— פאַרוואָס?

— מיר זײַנען אַזוי פאַרשיידן... פּרוביר נאָר אָנצײַגן אויף איין מאָמענט, ווען מיר זאָלן האָבן דערגרייכט יענע גליקזעליקײַט, וואָס געליבטע דערוואַרטן און וואָס אָן איר וואָלט זיך קיינער קיינמאָל ניט געפּאָרט... און יענע גליקזעליקײַט — באַרעכן זיך — קאָנען מיר דערוואַרטן איינער פון דעם צווייטן? מיר האָבן אַזוי ווייניק געמיינשאַפטלעכעס... אפשר וועלן מיר פון ווײַטן זיך מער שעצן. לאָמיר זיך שיידן ווי פרײַנט!...

ער האָט זי געבעטן זיצן. אַליין האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אַנטקעגן איר.

— טאַמאַרע! הער מיך אויס אַצינד! דו באַשולדיקסט מיך אין זייער פיל. דורך דעם געפיל, אַז איך בין שולדיק, ביסטו געקומען צו דער איבערצײַגונג, אַז מיר דאַרפן זיך שיידן. איך האָב אָבער קיין איין וואָרט פון דיר ניט געהערט, אַז דו זאָלסט אויך אויף זיך נעמען אַ טייל פון דער שולדיקײַט. דו זאָגסט, אַז איך האָב דיר ניט געגעבן גענוג. איז עס מײַן שולד? פאַרוואָס האָסטו ניט גענומען? אויב דו האָסט אין מיר טיפער ניט געקאָנט אַרײַנדרינגען, האָסטו עס דאָך ניט געקאָנט!... איך האָב גאָרנישט פאַרבאָרגן... איך האָב דיך געשעצט, טאַמאַרע, און איך שעץ דיך עד־היום. ווען דו האָסט זיך אײַנגעשרונקען אין זיך, בין איך אויך געווען אײַנגעשרונקען... איך בין דיר אָבער געטרײַ געווען און פאַרבליבן. פאַרוואָס בין איך אין אָטאָדעם מונדיר, האָסטו געפרעגט. האָסטו מיך אַמאָל אַנדערש איידער אין אַ מונדיר געזען? און, זײַ זיך מודה, איז עס ניט די ראָמאַנטישקײַט, וואָס איז מיטן מונדיר פאַרבונדן, וואָס האָט דיך באַאײַנפלוסט צו גיין מיט מיר?... איך האָב מײַן מונדיר קיינמאָל ניט אויסגעטאָן. ווען דער מונדיר האָט מיך אַמאָל גערופן צו שלאָגן די צאַרישע ביוראָקראַטיע און פּלוטאָקראַטיע, בין איך געגאַנגען. איצט האָט ער מיך גערופן צו שלאָגן די זעלביקע מחנות אויף אַן אַנדער פראָנט, בין איך ווידער געגאַנגען. דאָס ביסטו דידאָזיקע, וועלכע האָט צוריקגעטראָטן. ווײַל ניט די שולד אויף מיר. און אַזוי איז געווען כמעט די גאַנצע צײַט. איך פלעג קומען אַהיים און טרעפן דיך אַ שווײַגנדיקע, אַ פאַרטראַכטע. איך האָב אַמאָל פּרובירט פרעגן בײַ דיר מכוח דער סיבה פון דײַן טרויעריקײַט. דו האָסט מיר קיינמאָל ריכטיק ניט געענטפערט. האָב איך אויפגעהערט פרעגן. דו האָסט בײַ מיר קיינמאָל גאָרנישט געפרעגט — פאַרוואָס זאָל איך קומען דערציילן דיר? אַזוי איז עס, טאַמאַרע... די ערשטע צײַטן האָב איך ניט געטאָרט דיר צופיל דערציילן. איך האָב ניט מײַנע אייגענע, נאָר פרעמדע סודות מיט זיך אַרומגעטראָגן. דאַן ביסטו יאָ

ניַיגעריק געווען. איך האָב אָבער נאָך ניט געקאָנט צופיל סודות געטרויען דיר. ווען איך האָב שוין דיך מער דערקאָנט און אָנגעהויבן דיר מער גע־טרויען, האָסטו שוין אָנגעהויבן באַטראַכטן זיך פאַר אַ ניט־אָפּגעשאַצטער, פאַר אַ פאַרנאַכלעסיקטער, פאַר אַ קנויל פאָדעם, ווי דו רופסט עס אָן... דאָך האָב איך דיך יאָ דערקאָנט. דו האָסט אָבער שוין אַרײַנגענומען אין דײַן געדאַנק, אַז דו ביסט אַ באַליידיקטע און האָסט אויפגעהערט צו וועלן דער־קאָנען מיך... קאָנסטו מיך טאַקע עד־היום ניט. איצט קומסטו מיטן באַשלוס פון שיידונג. מיט וועמען ווילסטו זיך שיידן, מײַן פרײַנט?... איך האָב דיך דערקאָנט. ווייס איך, פאַרוואָס איך וויל זיך מיט דיר ניט שיידן. דו קאָנסט דאָך מיך נאָך ניט!... דו ווייסט דאָך אַפילו ניט, מיט וועמען דו ווילסט זיך שיידן... ניין, ניט דערפאַר, וואָס דו האָסט מיך דערקאָנט, ווילסטו מיך פאַר־לאָזן, נאָר דערפאַר, וואָס דו האָסט מיך ניט דערקאָנט... טאַמאַרע!...

ער האָט זיך צו איר צוגערוקט און געוואָלט זי אַרומנעמען. זי האָט זיך פון אים אָפּגערוקט. אָפּגעטראָטן מיט אַ ציטער. איר אינסטינקטיווער ציטער האָט אים פאַרווּנדערט. אַזאַ אינסטינקטיוון אָפּשוי צו אַן אַמאָליקן געליבטן קאָן אַ פרוי בלויז דאַן האָבן, ווען זי ליבט עמיצן אַנדערש.

— טאַמאַרע, דו ליבסט עמיצן אַנדערש!...

זי האָט געשוויגן. ער האָט אויף איר געקוקט און אויף זײַן פּנים האָט זיך באַלד אָנגעהויבן באַמערקן עטוואָס אַזעלכעס, וואָס זי האָט נאָך קיינמאָל פריער ניט געזען! פיבערדיקע אויפרעגונג און שמערצלעכע לײַדן. איר האַרץ האָט פאַרקלעמט. ער האָט זיך פון איר אָפּגעקערט און אָנגעהויבן שפּאַצירן איבערן צימער. דערנאָך האָט ער זיך אַרײַנגעזעצט אין פאָטערשטול און פאַרמאַכט די אויגן.

— אַדאָלף!...

ער האָט זײַנע אויגן געעפנט. געקוקט אויף איר און געוואַרט, וואָס זי וועט זאָגן. זי האָט אָבער נאָך לאַנג געשוויגן.

— אַדאָלף, איך בין ניט שולדיק! אָבער דו לײַדסט – בין איך יאָ שולדיק... זײַ מיר מוחל!..

ער האָט ניט געענטפערט און ווידער פאַרמאַכט די אויגן.

דאָס שווײַגן האָט געדויערט לאַנג. אַ שרעקלעכע אָנגעשטרענגטע לאַגע. זי האָט עס ניט געקאָנט אויסהאַלטן. איז זי צוגעקומען צו אים און אַרויפ־געלייגט איר האַנט אויף זײַן אַקסל. ער האָט אַ ציטער געטאָן און געעפנט די אויגן. געקוקט אויף איר טעמפּ.

— אַדאָלף!..

זײַן פּנים איז פון ווייטיק געווען פאַרקרימט.

— ווער איז ער?

זי האָט אויפגעציטערט און דערנאָך אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און ניט געענטפערט.

ער האָט די פראַגע איבערגעחזרט.

– וואָס איז דער חילוק?.. – האָט זי אויסגעשטאַמלט.

– יאָ, ביסט גערעכט... וואָס איז דער חילוק...

ער האָט צוריק אָנגעהויבן שפּאַצירן איבערן צימער. דערנאָך האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אַנטקעגן איר און געפרעגט:

– קאָן איך אים?

זי האָט ווידער אויפגעציטערט. געוויס קאָן ער אים... וועט ער אים אָבער דערקאָנען? ס'איז דאָך שוין אַזויפיל צײַט אַריבער... ער טאָר אים ניט וויסן!..

– ניין, דו קאָנסט אים ניט.

די שרעק, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אויף איר פּנים, און די ניט זיכערקײַט אין איר קול האָט זי אַרויסגעגעבן.

– דו לײַגסט! איך קאָן אים יאָ!

און פּלוצלונג האָט עפּעס אומגעווייינטלעכעס אָנגעהויבן געשען מיט אים. זײַן פּנים האָט זיך מאָדנע אויסגעקרימט. ער האָט אָנגעהויבן ציטערן ווי אין קאָנוווּלסיעס. און מיט פאַרשצעמעטע ציין און צונויפגעפּרעסטע פויסטן האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן אין איר ריכטונג.

– באַטריגערין!..

זי איז אָפּגעשפּרונגען און איז אַנטלאָפן הינטערן טיש. ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן נאָך איר, אָבער איז געבליבן שטיין ווי פאַרגליווערט אין מיטן צימער און מיט די פויסטן צונויפגעקוועטשט זײַן קאָפּ. אָנשטאָט ווילדן כּעס האָט זײַן פּנים איצט אויסגעדריקט שרעק. אַ שרעק פאַר דעם, וואָס ער וואָלט אין אימפּעט געקאָנט טאָן. און ציטערנדיק נאָך מער, אָבער מיט שוין אַראָפּגעלאָזטע אין אוממאַכט הענט, האָט ער זיך אַרײַנגעוואָרפן אין בעט. צונויפגעדרייט, מיט די פיס אַראָפּהענגענדיק ביזן דיל, איז ער געלעגן מיטן קאָפּ אײַנגעטוליעט אין קישן און מיט קאָנוווּלסיעס איבער זײַן גאַנצן קערפּער.

זי האָט זיך געשטאַרקט און איז צו אים צוגעגאַנגען.

– אַדאָלף!.. דו?!.. דו טוסט עס אַזוי!?..

ער האָט זיך ניט גערירט.

– אַדאָלף!..

ער האָט זיך אויפגעהויבן. געקוקט אויף איר לאַנג.

– טאַמאַרע!.. וואָס ווילסטו?.. וואָס טוסטו נאָך דאָ?.. גיי... לאָז מיך איבער אַליין!..

– אַדאָלף, לאָמיר זיך אַוועקזעצן און דורכריידן!.. זאָל מען אַפילו מיט אַזעלכע ווי דו ניט קאָנען פאַרשטענדיקן זיך?..

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן אים און גענומען זײַן האַנט.

– אַדאָלף, דײַנע וווּנדן האָבן דיך אָפּגעשוואַכט, דערפאַר ביסטו אַזוי... טאָרסט זיך אָבער ניט אָפּלאָזן! דו, וועלכער האָט קיינמאָל ניט מורא געהאַט צו קוקן געפאַרן גלײַך אין די אויגן אַרײַן!..

זי האָט געגלעט זײַן האַנט.

– ווו ביסטו פאַרוווּנדעט געווען?

ער האָט אָנגעצײַגט אויפן זײַט.

– שטאַרק פאַרוווּנדעט?

– ניין, בלויז די הויט באַרירט. די געדערים זײַנען גאַנץ געבליבן. איין ריפּ איבערגעבראָכן.

– און זייער אַ סך בלוט פאַרלוירן...

– פון וואַנעט ווייסטו?..

– האָסט דאָך מיר געשריבן, אַז דו ביסט געלעגן אויפן פעלד, ביז וואַנעט די דײַטשן האָבן דיך אויפגעהויבן. ס'האָט ניט געקאָנט געשען אַזוי שנעל.

ער האָט געשוויגן.

– אַליין ביסטו געלעגן אויפן פעלד און געבלוטיקט... און איך בין געווען אַזוי ווײַט פון דיר און גאָרנישט געוווּסט... אפשר איז עס דאַן געווען, ווען מײַן האַרץ האָט אויך אַזוי שטאַרק געבלוטיקט...

זי האָט געגלעט זײַן האַנט.

– אַדאָלף!.. לאָמיר פאַרבלײַבן פרײַנט!.. גיב מיר דײַן האַנט!

זי האָט איר צווייטע האַנט אַרויפגעלייגט צו אים אויפן אַקסל.

ער האָט זיך ניט באַוועגט. געזעסן מיט אַן אויסדרוק פון אָנגע-שטרענגטער דערוואַרטונג אויף זײַן פּנים.

– אַדאָלף! דו האָסט געליטן... איך האָב אויך געליטן... אוי, האָב איך געליטן!.. געפילט זיך באַליידיקט, דערנידעריקט, צעטראָטן... דו ביסט תמיד געווען באַשעפטיקט און איך האָב פאַר זיך קײַן אָרט ניט געקאָנט געפינען. איך האָב קײַן צופרידנקײַט ניט געפונען, ניט אין זיך, ניט אין דיר און ניט אין דרויסן. ביסטו פלוצים אַוועק אין דער אַרמיי. איבערגע-לאָזט מיך אַליין. האָב איך געמוזט ענטוועדער אונטערגיין, אָדער אַרויסרײַסן דיך פון מײַן האַרצן... אונטערגיין האָב איך ניט געקאָנט. יעדער חוש אין מיר האָט פּראָטעסטירט קעגן אַזאַ טאַט. מײַנע קינדער-טרוימען פון דער גרויסער, ברייטער וועלט, וועלכע וועט אַזוי גאַסטפרײַנטלעך זײַן צו מיר און וועלכע פאַרמאָגט אוצרות מיט שיינקײַטן, – זיי און די אמונה, וואָס איז

דורך זיי אין מיר איינגעוואָרצלט געוואָרן, האָבן ניט דערלאָזט, אַז איך זאָל אונטערגיין. זיי זיינען, ווי ס'ווייזט אויס, געווען טיף איינגעוואָרצלט אין מיר. און זיי, יאָ דאָס זיינען זיי געווען, האָבן מיר געהאָלפן — ניין, ניט געהאָלפן, נאָר זיי האָבן מיך געצווונגען — דיך אַרויסצורייסן פון מיר. ס'איז מיר שווער אָנגעקומען! זייער שווער! ס'האָט מיין האַרץ געבלוטיקט... איך האָב עס אָבער דערגרייכט...

זי האָט זיך צעוויינט. ער האָט פּרובירט צוציען זי צו זיך, אָבער פילנדיק איר ווידערשטאַנד, האָט ער זי אָפּגעלאָזט.

— אַדאָלף! דו ביסט אַ בראַווער מאַן! מיט דיין בראַווקייט ביסטו שטאָלץ געווען. מיט דיין בראַווקייט און אויסערגעוויינטלעכער ענערגיע, ניט נאָר אַנטלויפסטו ניט פון געפאַרן, נאָר דו זוכסט זיי נאָך... איך — איך אָבער, אַדאָלף, בין זיך מודה, איך בין שוואַך. אפשר האָב איך דערפאַר דיך נאָכפאָלגן ניט געקאָנט, ווייל איך בין פון אַ פרידלעכער נאַטור. איך בין ניט קיין רעוואָלוציאָנערקע. דערפאַר טאַקע איז מיר אַזוי שווער אָנגעקומען צו באַקעמפן אין זיך יענעם געפיל, וואָס האָט זיך אָן דיר געהאַלטן... נו, און איצט?.. ווילסטו, אַז איך זאָל נאָך אַ קאַמף דורכמאַכן?.. מיינסטו, אַז איך וועל עס קאָנען?.. ס'וועט ניט זיין צו שווער פאַר מיר?.. ניין, אַדאָלף, איך קאָן ניט!.. איך קאָן ניט!.. דו ביסט דאָך בראַוו, אַדאָלף, דו קאָנסט דאָך לייכטער פון מיר באַקעמפן געפילן... ביסט איצט אָפּגעשוואַכט געוואָרן, האָסט אַזויפיל בלוט פאַרלוירן... ווערסטו צולאָזן, אַז אויך דיין גייסט זאָל אָפּגעשוואַכט ווערן?.. דערלאָז ניט דאָס לעצטע אין דיר אונטער־צוטעניקן זיך צו דעם ערגסטן!.. זאָל דיין שוואַכקייט ניט באַזיגן דיין שטאַרקייט!.. איינער פון אונדז דאַרף דורכמאַכן אַ שווערן קאַמף. ווער זאָל עס טאָן? איך — די שוואַכע פרוי?.. ניין, דיין שטאָלץ, בראַווער מאַן, וועט עס ניט דערלאָזן!..

זי האָט צוגעטראָפן. זי האָט געוווסט, מיט וואָס צו אַפּעלירן צו אים... ער האָט זיך אויסגעגלייכט. דער אַלט־באַקאַנטער שטרענגער, ענערגישער אויסדרוק האָט זיך צוריקגעקערט צו זיין פנים. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט. זי אויך. פנים לפנים. זי האָט בלויז ביז זיינע אַקסלען דערגרייכט. ער האָט אַוועקגעלייגט זיינע הענט אויף אירע אַקסלען. ער האָט זי לאַנג באַטראַכט און דערנאָך געזאָגט:

— צי דו האָסט שעלמיש געכיטרעוועט, צי דו האָסט אויפריכטיק גע־רעדט — דו האָסט אָבער צוגעטראָפן... דיינע מאָטיוון זיינען פאַר מיר קיין חילוק ניט... אַז אין דיינע רייד איז דאָ לאָגיק, לאָגיק פאַר מיר, איז קיין ספק ניט. יאָ, טאַמאַרע פאַרנעמט בלויז אַ טייל פון מיינע אידעאַלן... אַ קליי־נעם טייל... איך האָב אויך אַנדערע... גרעסערע... ביי טאַמאַרען אָבער

איז ליבע אַלץ און אַלעס... וועל איך דעם קאַמף אונטערנעמען!.. אָט האָסטו מײַן האַנט: זײַ געזונט, טאַמאַרע! זײַ גליקלעך!

– און דו, אַדאָלף, דו?..

– האָב קײַן מורא ניט פאַר מיר. איך וועל טאָן דאָס זעלבע וואָס פריער... חוץ דעם בין איך שוין אויסגעהיילט פון מײַנע וווּנדן. מן הסתּם וועל איך צוריקגעשיקט ווערן צום פראָנט... דאָרט קומען גרעסערע קאַמפן פאָר... וועל איך במילא פאַרגעסן...

זי האָט זיך פלוצים צעוויינט און איז צוגעפאַלן צו אים.

– וואָס איז, טאַמאַרע?..

– אָ, אַדאָלף, אַדאָלף!.. פאַרוואָס איז עס אַזוי געשען?.. פאַרוואָס בין איך אָט אַזוי אָ?..

– טאַמאַרע, וויין ניט!... דײַן וויינען רײַסט מײַן האַרץ... קינד, ווייסט דאָך, אַז ס'איז בלויז אין דײַנע הענט...

– אָ, ניין, ניין, ניין!.. – און זי האָט זיך מיט אימפּעט אַ ריס געטאָן פון אים – ניין!.. לאָז מיך גיין!.. זײַ דו שטאַרק!.. אַפילו ווען איך וועל וועלן צוריקטרעטן, זאָלסטו ניט לאָזן...

און כליפּענדיק האָט זי געכאַפּט זײַן האַנט און זי געקושט.

– זײַ געזונט, אַדאָלף!.. זײַ געזונט!..

וואַקלענדיק זיך, פאַרצווייפלט איז זי אַרויס פון צימער.

זיבעצנטער קאַפּיטל.

1.

אין דרויסן האָט ווידער געקליבן זיך צו רעגענען. די לופט איז געווען שווער און אָנגעפילט מיטן רויך פון די טויזנטער פאַבריקן=קוימענס, וואָס איז, אָנשטאָט צו שטײַגן אין דער הויך, געבליבן הענגען נאָענט צו דער ערד. איבער די שטיינערנע גאַסן האָבן געקלאַפּט אײַזערנע שינעס פון רעדער און דאָס געקלאַפּערײַ האָט זיך געמישט מיט די פײַפערײַען פון לאָקאָמאָטיוון, מיט די קלינגען און בריאַזגען פון די טראַמווײַען, מיט די הודזשערײַען און געשרייען פון דער אימפעטיקער שטאָט. האָט זיך דאָ אַן אַקס פון אַ וואָגן איבערגעבראָכן און דער וואָגן האָט די גאַס פאַרצוימט, און אָנגעקליבן האָבן זיך אויטאָמאָבילן און וועגענער, און געפײַפט און געהודיעט, און זייערע טרײַבער האָבן אויפן קול, הויך, געשריען, געבייזערט זיך און מיט זלזולים געשלײַדערט זיך. אַביסל ווײַטער האָט זיך אַ פערד אויסגעגליטשט, געפאַלן אין שפאַן און זיך געמאַטערט אויפצושטיין. פאַרהאַוועטע פאַרבײַגייער האָבן טאַמאַרען געשטופּט פון אַלע זײַטן, פאַרמאַל אַנטשולדיקט זיך און געלאָפן ווײַטער. פאַרברוגזט, שווײַגנדיק און פאַרטאָן אין זיך. און ווי מענטשן האָבן זאַלבענאַנד שפאַצירט און געוואָלט פירן אַ געשפּרעך, האָט דאָס גערויש פון די גאַסן פאַרטויבט דעם קלאַנג פון זייערע ווערטער, און זיי האָבן געמוזט אַנטשוויגן ווערן און אַזוי שווײַגנדיק, שטום און אומצופרידן שפאַצירן ווײַטער...

לאַנג האָט טאַמאַרע שפאַצירט איבער די ברודיקע, טומלדיקע גאַסן. געוואַנדערט אָן אַ ריכטונג, אָן אַ ציל. געפילט האָט זי אַ שרעקלעכע פאַרצווייפלונג. ווי זי וואָלט אַלץ געהאַט פאַרשפּילט... ווי זי וואָלט פּלוצים געקומען צום באַוווסטזײַן, אַז ניט אַדאָלף, נאָר זי איז די פאַרשפּילטע..., אמת, ער, אַדאָלף, איז איצט דער פון איר פאַרווונדעטער, אָבער זײַן ווונד וועט זיך פאַרהיילן און ער וועט אויך אויף ווײַטער פאַרבלײַבן דערזעלביקער ענערגישער מענטש, וועלכער ווייסט, וואָס ער וויל, און ער טוט, וואָס ער דאַרף... אָבער איר ווונד – ווער ווייסט, ווען עס וועט זיך פאַרהיילן... יאָ, זי איז איצט מיט אים מסכּים, אַז צווישן זיי ביידן איז זי געווען די צוריקגעשטאַנענע... ער איז געשטיגן און זי איז פאַרבליבן דיזעלביקע... און אָט אַזוי אָ, אַן אויסגעשפּילטע, וועט זי אַצינד קומען צו שאַליטן... לכתּחילה וועט זי קומען מיט אַ סוד באַהאַלטן און –

פאַר אירע אויגן איז נאָך אַלץ געשטאַנען אַדאָלפס אויסגעבליכט פּנים מיט דעם נערוועזשן ציטער פון זײַנע באַקן און שטערן און די ענערגישקײַט פון זײַן אויסזען בעת זייער געזעגענען זיך. און אַ מין חרטה און אַ שאַרפן ווייטיק האָט זי דערפילט פאַר די יסורים, וואָס זי האָט אים פאַרשאַפט און אַ שאַרפן ווייטיק און אַ באַליידיקונג פאַר זיך זעלבסט, פאַרוואָס זי האָט זיך פאַר אַזאַ שוואַכינקער אַרויסגעצײַגט און פאַרוואָס זי איז אַרויס אַזאַ באַזיגטע אַנטקעגן אים...

וואָס האָט זי געטאָן און וואָס וועט פון איר ווערן?...

ס'האָט אָנגעהויבן רעגענען. זי האָט געעפנט דעם רעגנשירעם און צוגע־הערט זיך צו דער מוזיק פון די פּאַלנדיקע רעגנטראָפּנס. זי האָט זיך אַרומ־געקוקט און דערזען, אַז זי איז פאַרגאַנגען אין דעם אַרבעטער־קוואַרטאַל פון דער שטאָט. הײַזער ניט געוואַשענע, ניט געפאַרבטע, נידעריקע, פאַררויכערטע, אָרעמע. אויף דער גאַס–ברודיקע לוזשעס. פאָרט אַן אויטאָמאָביל פאַרבײַ און שטיקער קויט שפּריצן זיך און דערגרייכן ביז די סאַמע ווענט פון די הײַזער. טאַנצן שיכּורטעס בײַם שענק און ערגעץ ווײַט שטאַרבט אָפּ די הייזעריקע שטימע פון אַ שפּיל־קאַסטן.

— וואָס האָב איך געטאָן און וואָס וועט פון מיר ווערן?... — האָט טאַמאַרען געמאַטערט, פײַנלעך געמאַטערט דערזעלביקער געדאַנק – וואָס פאַר אַ כּוח האָט דאָס מיך געשטויסן צו אַזאַ ריזיקאַלישער זאַך?...

און איצט, דוכט זיך איר, וואָלט זי געוואָלט אינגאַנצן פרײַ זײַן... זי וואָלט איצט געוואָלט עלנט זײַן, איינע אַליין, פרײַ פון ליבע און פון פליכטן... זי וואָלט איצט ליבערשט געוואָלט זײַן בײַ אַ וויסטן ים־ברעג, זיצן דאָרט איינע אַליין, קוקן, ווי די כוואַליעס באַפאַלן מיט אימפּעט די משופּעדיקע פעלזן, צוהערן זיך צו זייער גערויש, צו זייער בייזערן זיך... זי וואָלט זיך צוגעהערט, ווי עס קלאָגט און וואָיעט דער ווינט צווישן די פעלזן... זי וואָלט איר נשמה באַהעפט מיט די קינות פונם ווינט און באַקלאָגט דעם גרויסן צער פון דער וועלט... זי וואָלט געטרויערט און געפילט, אַז אויך דער הימל טרויערט מיט איר, דער ים, אַלץ, אַלץ...

און אַזוי טרוימענדיק האָט זי זיך באַלד געכאַפּט, אַז ניט מיט איר אייגענעם לשון רעדט זי איצט צו זיך אַליין, נאָר מיט דעם לשון פון אַ גע־לייענטן און פאַרגעסענעם ליד, אָדער מיט דעם מליצה־לשון פון איר אַמאָליקער יוגנט. זי האָט צו זיך אַליין אַ שמייכל געטאָן, וואָס דאָס געזונטע אין איר זיגט איבער איר יאוש, און מן־הסתם איז דאָס די געזונטקייט פון איר אינסטינקט, וואָס צווינגט זי ניט אונטערצוגעבן זיך און צו טאָן דאָס, וואָס זי וועט טאָן אַצינד...

2.

אין לײאָנס קאַפע האָט זיך טאַמאַרע געזעצט בײַ אַ ווינקל=טיש און געוואַרט אויף רײען. פון לעבן אַ דערבײַיקן טיש האָט זיך אויפגעהויבן אַ יונגערמאַן און פאַרנײיגנדיק זיך האָט ער העפלעך געבעטן בײַ איר די דערלויבעניש צו לײַסטן איר געזעלשאַפט. און נאָך אײדער זי האָט צײַט געהאַט צו ענטפערן, איז ער שוין געזעסן אַנטקעגן איר. זי האָט זיך גלײַך אויפגעהויבן פון איר אָרט און זיך אַריבערגעזעצט בײַ אַ צווײטן טיש. דער יונגערמאַן איז געבליבן זיצן אין אַ פאַרלעגנהײַט און האָט אויף איר פאָרשנדיק געקוקט. דורך אַ ווינקל פון איר אויג האָט זי אַכטונג געגעבן אויפן אײַנדרוק, וואָס זי האָט געמאַכט אויפן מאַן, און הנאה געהאַט פון זײַן פאַרלעגנהײַט.

רײ איז געקומען ניט אַלײן. מיט איר זײַנען געווען צװײ יונגעלײַט. זי האָט זײ פאָרגעשטעלט: דוואָרקין, ברײַטשײַלד. זײ האָבן זיך אַריבערגעזעצט צו אַ גרעסערן טיש. מע האָט זײ דערלאַנגט װײַן און עסן.

– האָט איר אויף מיר לאַנג געוואַרט? – האָט רײ געפרעגט בײַ טאַמאַרען – מיר האָבן פאַרשפעטיקט איבערן רעגן. עס האָט אָנגעהויבן פלוצים צו גיסן אַ רעגן און מיר האָבן זיך געמוזט באַהאַלטן אונטער אַ באַלקאָן און איבערוואַרטן, ביז וואַנעט דער רעגן וועט אויפהערן.

– איך בין ניט מיט קײַן סך פריער פון אײַך געקומען.–האָט טאַמאַרע געענטפערט.

– סאַראַ העסלעכער וועטער, – האָט רײ געזאָגט. – ווײסט איר, טאַמאַרע, אין שפּיטאָל זײַנען איצט דאָ עטלעכע זעלנער, וועלכע האָבן זיך געשלאָגן בײַ די דאַרדאַנעלן. יידישע בחורים פון דעם יידישן טראַנספּאָרט לעגיאָן. זײ זײַנען פּאַלעסטינער. קאָנען זײ זיך ניט צוגעוווינען צום היגן וועטער. רק זײ פאַרקילן זיך. אין פּאַלעסטינע איז אַ טרוקענער קלימאַט. עס רעגנט דאָרט זײער זעלטן. שטענדיק שײַנט דאָרט די זון. זײ זײַנען אַזוי באַגײַסטערט פאַר פּאַלעסטינע! אוי, ווי איך וואָלט דאָרט געוואָלט זײַן!

– מײַן פרײַנט, – האָט איר טאַמאַרע געענטפערט – עס איז דאָ שײנקײַט אויך אין נעפל און רעגן, און זונשײַן קאָן אויך אַמאָל זײַן דערווידער. ס'וועדט זיך אָנם געמיט.

– ניין, ס'איז ניט אַזוי, – האָט רײ ניט מספּים געווען. – ווען די זון שײַנט, פיל איך אַמאָל, ווי אירע שטראַלן נעמען מיך אַרום און מיר דוכט

זיך, אַז איך בין אויך אַזוי שטראַליק און לײַכט ווי זיי... אָט, זעט איר, דאָ ביי אונדז, דאָ טאַנצט מען אַזוי זעלטן. און אין פּאַלעסטינע הערט מען ניט אויף צו טאַנצן... קומט מען פאַרנאַכט פון פעלד, טאַנצט מען. מע טאַנצט אַפילו אויף די פעלדער גופא. זיי זײַנען אַזוי פריילעך דאָרט... איר ווייסט, מע רעדט אַצינד זייער וועגן צוזאַמענשטעלן אַ יידישן לעגיאָן, וועלכן מע וועט שיקן מלחמה צו האַלטן אין פּאַלעסטינע. גלײַכצײַטיק ווערט אויך צוזאַמענגעשטעלט אַ רויטער מגן־דוד. איך האָב זיך שוין פאַרשריבן...

זי האָט אָנגעגאָסן אַ גלאָז ווײַן פאַר טאַמאַרען.

– לאָמיר טרינקען פאַר דעם צוקינפטיקן יידישן לעגיאָן!

דוואָרקין, דער טאָלסטאָיאַנער און פּאַציפיסט, וועלכער איז פון מיליטער־דינסט באַפרײַט געוואָרן אויפן סמך פון זײַן געוויסן־קעגנערשאַפט, – האָט רייען פאָרגעוואָרפן פאַר איר מלחמה־טעטיקײַט.

– איך וועל זיך דאָך ניט שלאָגן, – האָט זיך ריי פאַרענטפערט. – איך וועל דאָך אַרבעטן אין רויטן מגן־דוד. איך וועל היילן, ראַטעווען און ניט טויטן.

טאַמאַרען האָט געשײַנט, אַז דוואָרקינען האָט זי שוין אַמאָל באַגעגנט. צו־ערשט האָט זי ניט געקאָנט דערמאָנען זיך ווו און ווען. דערנאָך האָט זי אָבער דערקאָנט אין אים איינעם פון אַדאָלפס אַמאָליקע חברים און זי איז נײַגעריק געוואָרן צו וויסן, צי ער האָט זי דערקאָנט און צי ער ווייסט מכּוח איר פאַרוואַנדשאַפט מיט אַדאָלפן. זי האָט זיך דערמאָנט, אַז בלויז איינמאָל איז ער געווען בײַ זיי אין הויז, און אויך דאַמאָלסט איז ער געווען פאַרטיפט אין אַ שמועס מיט אַדאָלפן און ס'איז מעגלעך, אַז ער האָט איר קײַן אויפמערקזאַמקײַט ניט געשאָנקען און זי ניט באַמערקט. זי האָט זיך דאַן אין געשפּרעך ניט באַטייליקט, נאָר איז געזעסן אָן אַ זײַט און געלייענט אַ בוך. אומרויִק איז זי אָבער געווען דורכדעם, וואָס דוואָרקין האָט אויף איר אָפּט געוואָרפן פאָרשנדיקע בליקן און זיך צו איר געווענדעט אַפילו דאַן, ווען ער האָט געדאַרפט ענטפערן דירעקט רייען אָדער ברייטשיילדן.

דוואָרקינען האָט מען אין מאַנטשעסטער באַטראַכט פאַר אַ מערקווירדיקן מענטשן און מע האָט פאַר אים דרך־ארץ געהאַט. אין רוסלאַנד, אַלס סטודענט פון דעם דריטן קורס פון דעם פּעטערבורגער פילאָלאָגישן פאַקולטעט, איז ער געווען פאַררעכנט פאַר אַ שטילן, אַרבעטזאַמיקן סטודענט, וועלכער האָט שוין באַוויזן אָנצושרײַבן אַ פּאָר געלונגענע טראַקטאַטן וועגן דער פאַרוואַנדשאַפט צווישן די טראַנסקריטישע און סעמיטישע שפּראַכן. ער האָט אויך אָנגעשריבן עטלעכע אָפּהאַנדלונגען מכּוח דעם סכסוך, וואָס האָט זיך געפירט צווישן די דײַטשע און פראַנצויזישע אַקאַדעמיקער אַרכעאָלאָגן אין פאַרבינדונג מיט דער פעסטשטעלונג פון דעם שטאַם פון אייניקע סטאַטועס פון אַ פּאָר־היסטאָרישן עלטער, וואָס מע האָט אויסגעגראָבן אונטער די חורבות פון

דער אוראַלטער שטאָט נגוה. די פּראַנצויזישע אַרכעאָלאָגן האָבן געפונען אַ געוויסע ענלעכקייט צווישן דידאָזיקע סטאַטועס מיט די אַנטיקן פון כינע. דערמיט האָבן זיי געוואָלט באַווייזן, אַז כינעס השפעה אויף דער סעמיטישער ציוויליזאַציע איז געווען אַ באַדייטנדיקע. די דייטשע אַרכעאָלאָגן האָבן אָבער דידאָזיקע ענלעכקייט ניט געזען און זיי האָבן פאַרטיידיקט זייער שטאַנדפונקט, אַז די סטאַטועס זיינען געווען כאַראַקטעריסטישע עגיפּטישע. אין דעם דאָזיקן סיכסוך האָט אויך דוואָרקין גענומען דאָס וואָרט. ער האָטביידן ניט געגעבן גערעכט. נאָך זיין מיינונג זיינען די סטאַטועס גאָר אינדישע און זייער עלטער איז ניט אַזוי טיף... זיינע אַרגומענטן זיינען געווען אַזעלכע לאָגישע, אַזביידע צדדים פון דעם סכסוך האָבן זיך געמוזט צו אים צוהערן.

בכלל איז דוואָרקין געווען פאַררעכנט פאַר אַ באַשיידענעם, אַרבעטזאַמען מענטשן, וועלכער מישט זיך ניט אין פּאָליטישע ענינים. מיט זיינע חברים סטודענטן איז ער געווען ווייניק אויפגעטראָגן און אין זייערע קרייזן האָט ער קיין אָנטייל ניט גענומען. פּלוצים האָט מען זיך דערוווּסט, אַז ער איז געווען איינער פון די הויפּט - מיטהעלפער פון דעם געוויסן גלח גאַפּאָן און איינער פון די הויפּט - אָרגאַניזאַטאָרן פון דער פאָלקס-דעמאָנסטראַציע מיט דער פּעטיציע צום צאַר. אויף דערדאָזיקער דעמאָנסטראַציע, וו[illegible] אַזויפיל בלוט פון נאַיווע און פאַרטרויליכע אַרבעטער און פּויערים אי[illegible] פאַרגאָסן געוואָרן, איז דוואָרקין אויך פאַרוווּנדעט געוואָרן. פאַרוווּנדעט פון אַ קויל, איז ער אויך צעטראָטן געוואָרן פון די קאָפּיטעס פון אַ קאָזאַצקן פערד. מע האָט אים דאַן געוואָלט אויסשליסן פון אוניווערסיטעט, אָבער די חברים סטודענטן האָבן עס ניט דערלאָזט, דראָענדיק מיט אַ שטרייק. ער האָט זיך אין אוניווערסיטעט פאָרטגיט צוריקגעקערט, ווייל נאָך איידער מע האָט אים אויסגעשריבן פונם שפּיטאָל, איז ער אַרעסטירט געוואָרן און אויף דעם באַקאַנטן, אַזוי גערופענעם, אַדמיניסטראַטיוון שטייגער איז ער פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר, פון וואַנעט אים האָט זיך מיט אַדאָלפס הילף איינגעגעבן צו אַנטלויפן, אַרויפכאַפּנדיק זיך אין װלאַדיוואָסטאָק אויף אַן ענגלישער שיף, וועלכע האָט אים געבראַכט קיין ענגלאַנד.

אין ענגלאַנד איז אים זיין פיל שפּראַכן - קאָנטשאַפט צונוץ געקומען, און ער האָט געקראָגן אַ שטעלע אין אַ פאַרזיכערונגס-געזעלשאַפט, וואָס האָט געהאַט אָפּטיילונגען איבער פאַרשיידענע טיילן פון דער וועלט. ביי טאָג האָט ער געאַרבעט אין דער קאַנטאָר פון דער געזעלשאַפט און אין די אָוונטן האָט ער פאָרטגעזעצט זיין שטודיום אין אוניווערסיטעט, ווו ער האָט באַזוכט די לעקציעס פון פּראָפעסאָר קינג, אַ מומחה אין אָריענטאַלישע שפּראַכן.

פראָפעסאָר קינג האָט פון אים אַ סך געהאַלטן און דאָס איז געווען אַדאַנק זײַן שתדלנות, וואָס דוואָרקין איז געווען איינער פון דער זײַער קליינער צאָל באַפרײַטע פון מיליטער־דינסט אויפן סמך פון געוויסנהאַפטיקײַט. די מערסטע פון די אדעיִשע־קעגנער פון מיליטער־דינסט האָט מען געמאַטערט אין תּפיסות און אַרבעט־באַראַקן. דוואָרקין האָט זיך מיט דידאָזיקע אומגליקלעכע שטאַרק אינטערעסירט. ער האָט געהאַט אַ צעטל פון זייערע נעמען און איז מיט זיי געשטאַנען אין שטענדיקער פאַרבינדונג. ער האָט געגרינדעט פאַר זיי אַ יוריִדישן הילפסקאָמיטעט און איז אָפטמאָל אַליין אַרויסגעטראָטן אויף די מיליטערישע געריכטן צו פאַרטיידיקן זיי. זײַנע רעדעס אויף דידאָזיקע געריכטן זײַנען געווען מײַסטערהאַפטיקע. אַ גרופּע חברים האָבן זיי זאָגאַר געוואָלט אָפּדרוקן און פאַרשפּרייטן צווישן פאָלק. אָבער די ענגלישע געהיימע פּאָליציי, דערוויסנדיק זיך דערפון, האָט דעם דרוקער געגעבן אָנצוהערעניש, אַז זיי וועלן אים האַלטן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער זאַך... זײַנען די רעדעס אַזוי פאַרבליבן אין מאַנוסקריפּט. בלויז אַ פּאָר פון זיי האָט מען העקטאָגראַפירט און זיי זײַנען אַרומגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט.

און אַצינד, ענטפערנדיק אויף רייס אַ באַהויפּטונג, האָט ער געזאָגט:

— די, וועלכע ווילן אונדז אײַנריידן, אַז דורך מלחמות קאָן מען ענדיקן מלחמות, זײַנען געגליכן צו דידאָזיקע, וועלכע וואָלטן באַהויפּטן, אַז מיט חלפים פאַרנייט מען ווונדן, אָדער אַז היישעריקן ברענגען גערעטעניש...

— און אַז עס קומען מיליטאַריסטן, באַוואָפנט פון קאָפּ ביז די פּיס, דרשענען מכּוח דעם גרויסן כּבוד פון דעם זעלנערישן מונדיר, בויען דענקמעלער פאַר די געשיקטסטע, געוואַגטסטע תּלינים און די קליגסטע מערדער, און אין דער זעלביקער צײַט פאַרזיכערן זיי אײַך, אַז זיי זײַנען גאָר אויסן אָפּצוהיטן דעם שלום פון דער וועלט, — זײַנען זיי געגליכן צו יענעם וואָלף, וואָס האָט זיך אָנגעבאָטן צום פּאַסטוך צו היטן זײַנע שאָף.

— עס איז נאָך אויף דער וועלט ניט באַשאַפן געוואָרן קײַן מאָטיוו, וואָס זאָל זײַן גרויס גענוג צו באַרעכטיקן די פאַרניכטונג פון אַ לעבן.

— יאָ, די רויטע קרייצניקעס ראַטעווען לעבנס. זאָלן אָבער די „באַרעמהאַרציקע ברידער און שוועסטער", אָנשטאָט צו באַפרײַען די מיליטאַריסטן פון אַכטונג צו געבן אויף זייערע פאַרוווּנדעטע, אַרויסגיין און דערציילן דער וועלט וועגן דער חשיבות פון לעבן און אויפדעקן דעם ריינעם זין פון מלחמות. און אויב זיי וועלן דורך דערדאָזיקער אַרבעט דערנאָענטן דעם סוף פון דער איצטיקער מלחמה אַפילו ניט מער ווי אויף איין וואָך, וועלן זיי ראַטעווען מער מענטשלעכע לעבנס, איידער זיי טוען דאָס איצט...

— יאָ, מר. דוואָרקין, — האָט זיך ברײַטשײַלד אַרײַנגעמישט אינם שמועס — איר זײַנט גערעכט, וואָס איר טרעט אַזוי שאַרף אַרויס קעגן מלחמות. וואָס

פאַר אַ נוצן קאָן אָטאָדי מלחמה ברענגען, אַפילו ווען זי זאָל ווירקלעך געפירט ווערן פאַר די הומאַניטאַרסטע צוועקן, פאַר די העכסטע אידעאַלן פון יושר און גערעכטיקייט? יושר?... וואָס פאַר אַ יושר קאָן מען געבן צו די מיליאָנען פאַרלוירענע לעבנס?... וואָס פאַר אַ גערעכטיקייט קאָן מען געבן צו די פאַרוווּנדעטע און צו די אויף אייביק פאַרקריפּלטע?...

ברייטשײַלדס אָפנהאַרציקייט האָט אַלעמען פאַרוווּנדערט, מחמת ברייטשײַלד איז געווען איינער פון די ערשטע פרייוויליק אָנצושליסן זיך אָן דער אַרמיי. ער איז געווען אַ גרויסער מלחמה-פּאַטריאָט און דער הויפּט פון אַ רעקרוטן-סטאַנציע. ברייטשײַלד האָט די פאַרוווּנדערונג באַמערקט און, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט פאַרענטפערן, האָט ער געזאָגט:

— איך האָב ניט געביטן מײַן מיינונג, אַז פאַר אידעאַלן מעג מען קעמפן. אָבער וואָס לענגער עס ציט זיך די מלחמה, אַלץ ווייניקער בלײַבט איבער פונם אידעאַל... און, לאָמיר זאָגן, אַז די אידעאַלן זײַנען נאָך יאָ דאָ, זײַנען מיר דאָך אַזוי ווי יענער הונגעריקער, וועלכער האָט שוין געקראָגן ברויט, אָבער ער האָט שוין קיין כּוח ניט געהאַט דאָס עסן צו פאַרדײַען... יאָ, ביז וואַנעט מיר וועלן די אידעאַלן דערגרייכן, וועלן מיר שוין קיין כּוח ניט האָבן צו באַנוצן זיך מיט זיי.

איידער ברייטשײַלד האָט גערעדט, האָט טאַמאַרע אים קיין אויפמערקזאַמקייט ניט געשאָנקען. אָבער איצט האָט זי באַמערקט זײַן אויסערגעוויינטלעך קרענקלעך בלייך פּנים און זײַנע קאָנווולסיווע באַוועגונגען.

— ווער איז ער? — האָט זי אין דער שטיל געפרעגט בײַ דוואָרקינען.

— זײַן נאָמען איז ברייטשײַלד, — האָט איר דוואָרקין געענטפערט — ער איז אַ געוועזענער סטודענט פון דעם אָקספאָרדער אוניווערסיטעט און דער זון פון אַן ענגלישן נאָבלמאַן. אין דער אַרמיי איז ער געווען דער קאָמאַנדיר פון דעם באַטאַליאָן, ווו אַדאָלף האָט געדינט... ער איז אַ קרבן פון די דײַטשע גיפטיקע גאַזן. אַדאָלף האָט אַ גרויסע השפּעה אויף אים...

טאַמאַרען האָט זיך געדוכט, אַז דוואָרקין גיט אַכטונג, וואָס פאַר אַן אײַנדרוק עס מאַכט אויף איר די דערמאָנונג פון אַדאָלפס נאָמען. איר האָט זיך אָבער אײַנגעגעבן צו פאַרבלײַבן מיט אַ גלײַכגילטיקן אויסדרוק אויפן פּנים.

— מכּוח וואָס סודעט איר זיך דאָרט? — האָט ריי געפרעגט.

— אָ, — האָט טאַמאַרע געענטפערט — מיר ריידן דאָ מכּוח אונדזערן אַ געמיינשאַפטלעכן פרײַנט, וועלכער, ווי מר. דוואָרקין האָט מיר איצט דערציילט, האָט געדינט אונטער מר. ברייטשײַלדס קאָמאַנדע. אַדאָלף איז זײַן נאָמען.

— קאָנט איר אים? — האָט ריי געפרעגט בײַ ברייטשײַלדן.

— אַדאָלף איז מײַן בעסטער פרײַנט געווען און פאַרבליבן, — האָט ברייטשײַלד געענטפערט.

— ווּ איז ער איצט?

— אויך דאָ אין מאַנטשעסטער, - האָט ברײַטשײַלד געענטפערט. — אַ מענטש מיט אויסערגעווייִנטלעכן מוט און בראַווקײַט. קיין זאַך אויף דער וועלט קאָן ניט ענדערן זײַנע מיינונגען אָדער צווינגען אים אויפצוגעבן זײַנע אונטערנעמונגען. זײַנע נערוון זײַנען ווי פון דראָטן געמאַכט. ער שטעלט זיך ניט אָפּ פאַר די גרעסטע געפאַרן. ער איז שוין געווען פאַרווונדעט און אין דײַטשער געפאַנגענשאַפט. פון געפאַנגענשאַפט איז ער אַנטלאָפן געוואָרן און פון זײַנע ווונדן היילט ער זיך איצט. די מעדיצינישע קאָמיסיע האָט אים פון מיליטער־דינסט באַפרײַט. ער איז אָבער מיט דעם ניט גאָר צופרידן און איך וועל זיך ניט וווּנדערן, אויב ער וועט זיך ווידער אָנשליסן אָן דער אַרמיי.

— אַדאָלף, אַדאָלף... — האָט זיך ריי אָנגעשטרענגט צו דערמאָנען — מיר דוכט, אַז איך קאָן אים. אַ הויכער, שוואַרצע האָר און אַ טיפער שניט אויפן שטערן. אַ שווײַגנדיקער...

— יאָ, דאָס איז ער, — האָט ברײַטשײַלד געזאָגט.

— ער קומט זייער זעלטן צו די פאַרווײַלונגען פונם רויטן קרייז, — האָט ריי באַמערקט.

— ס'איז קײַן חידוש ניט, — האָט ברײַטשײַלד געענטפערט - ער האָט זייער ווייניק געמיינשאַפטלעכעס מיט די דאָרטיקע שטענדיקע באַזוכער.

— ער מוז זײַן זייער אַן אינטערעסאַנטער מענטש, - האָט ריי געזאָגט. — איך וועל זיך באַקאָנען מיט אים. אָט זעט איר, — האָט זי זיך געווענדט צו דוואָרקינען — וואָס פאַר אַן אינטערעסאַנטע טיפּן די אַרמיי פאַרמאָגט?... אַפילו איר האָט דורך־אַרץ פאַר זיי. איז אַדאָלף אַ פרײַוויליקער?

— אָ, אַדאָלף איז גאָר אַן אַנדער ענין, — האָט דוואָרקין געענטפערט. — ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן דער אַרמיי ניט צוליב דער מלחמה מיט די דײַטשן און ניט דורך פאַטריאָטיזם. ער איז אויך ניט באַאײַנפלוסט געוואָרן פון דער שאָוויניסטישער אָדער פון דער פאַלשער אידעאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע. ער איז אַוועק אין דער אַרמיי מיט דער כוונה אויפצוקלערן די זעלנער דעם אמת, פאַרוואָס זיי פאַרגיסן זייער בלוט און צו באַווײַזן זיי, ווער זייער אמתער שונא איז...

— איך פאַרשטיי ניט, — האָט ריי געזאָגט.

— כדי צו פאַרשטיין עס, דאַרפט איר זיך אַליין באַקאָנען מיט אַדאָלפן. ער וועט שוין דעם ענין אויפקלערן. פונקט אַזוי ווי ער האָט אים אויפגעקלערט מר. ברײַטשײַלדן. אמת, מר. ברײַטשײַלד?...

אָנשטאָט צו ענטפערן דוואָרקינען, האָט ברײַטשײַלד זיך געווענדט צו טאַמאַרען:

— הייסט עס, קאָנט איר אויך אַדאָלפן?

– יאָ, מיר זײַנען אַמאָל געווען שטאַרק באַפרײַנדעט.
– האָט איר זיך מיט אים איצט געזען דאָ, אין מאַנטשעסטער? אַנטשולדיקט, אָבער מיר דוכט, אַז איר זײַנט אַ גאַסט דאָ אין שטאָט. דער־פאַר פרעג איך עס.
– יאָ, איך האָב אים געזען. צוליב דעם טאָקע בין איך איצט אַהער גע־קומען צופאָרן.
– איז אײַער נאָמען מיס שניידער? דוכט מיר, אַז אַזוי האָט ריי אײַך פאַר אונדז פאָרגעשטעלט...
– דאָס איז מײַן נאָמען.
ער האָט זי באַטראַכט, און זי האָט זיך געמאַכט, אַז זי איז פאַרטאָן אינם שנײַדן דאָס פלייש אויף איר טעלער. עס איז געוואָרן אַן אומאַנגענעמע שטילקייט. ריי האָט גאָרנישט באַמערקט.
די שטילקייט האָט דוואָרקין איבערגעריסן, פרעגנדיק, צי ער זאָל באַשטעלן נאָך ווײַן.

3.

טאַמאַרע איז געשטאַנען בײַם פענצטער פון איר צימער און האָט אַרויסגע־קוקט אין דרויסן. ס׳איז שוין געווען ווײַט נאָך האַלבער נאַכט, ווען זי איז באַגלייט געוואָרן אַהיים פון לייאָנס קאַפע. אין אַ גרוימען שלאָפראָק איבער איר נאַקעטן לײַב האָט זי געפילט די אַנגענעמקייט פון באַרירן די לופט מיט איר גאַנצן לײַב און פון אײַנאָטעמען טיף דיזעלבע פײַכטע, פאַרטאָגיקע פרי־האַרבסטיקע לופט, וואָס האָט געשטראָמט פון דרויסן דורך דעם אָפענעם פענצטער. זי האָט צוגעפרעסט איר שטערן צום קאַלטן גלאָז פונם פענצטער און דורכדעם ווי געוואָלט פאַרמינערן די פײַנלעכקייט פון דעם געררויש פון אירע געדאַנקען, וואָס האָבן זיך געפלאָנטערט אין איר קאָפּ. די דריטע שלאָפלאָזע נאַכט!.. אוי, ווי אויסגעמאַטערט זי איז!.. און שלאָפן קאָן זי ניט!...האָבן זיך אויסגעמישט אין אירע געדאַנקען: אַדאָלף, ריי, דוואָרקין, ברײַטשײַלד, דער רעגן, די ברודיקײַט פון די גאַסן און אַלץ, וואָס זי האָט געזען און געפילט אין משך פונם לעצטן טאָג בפרט און אין משך פון די לעצטע עטלעכע מאָנאַטן בכלל. און זיי אַלע, האָט זיך איר געדוכט, האָבן זיך אָנגעשטרענגט צו מאַכן פאַר איר דעם וועג שווערער, צו אַנטוויקלען אין איר דאָס געפיל פון אומזיכערקײַט און אומגלויבן אין זיך און אין איר

טוונג און צו שאַפן אין איר דאָס געפיל פון אַן אומריינעם געוויסן, אַז ניט קלוג איז דאָס, וואָס זי האָט בדעה צו טאָן און וואָס זי קליגט זיך דורכצופירן.

און אַנטקעגן אָטאָדי ספקות און אָטאָדי געפילן האָט זי געוואָלט פּראָטעסטירן מיט יעדן נערוו פון איר נשמה און געוואָלט זיך אײַנשמועסן, אַז דאָ איז דאָ ערגעץ אַ פאַרראַט, אַ פאַרשווערונג אַנטקעגן איר, און דאָס איז די סיבה, וואָס ווען איר איז אויסגעקומען צו באַגעגענען זיך מיט פאַרשיידענע מענטשן האָט יעדער איינער, דוכט זיך צופעליק, דאָך צוגעטראָגן נאָך אַ שטרויכלונג אויף איר אָנגעצייכנטן וועג.

און כדי צו דערשטיקן די אײַנדרוקן פון טאָג, האָט זי ווידער אָנגעהויבן אַרויסרופן די מאָטיוון, וואָס האָבן זי באַאײַנפלוסט צו טאָן דאָס, וואָס זי טוט: די בענקשאַפט פון אַ גאַנץ לעבן — דאָס, וואָס האָט קיינמאָל ניט אויפגעהערט רעגן איר האַרץ און איר נשמה, דאָס, וואָס זי האָט קיינמאָל ניט אויפגעהערט זוכן. אויב זי האָט דאָס אַלץ שוין יאָ געפונען, טאָ ווער האָט דאָס רעכט צו קומען און זאָגן איר, אַז סע באַלאַנגט ניט צו איר?..

— אַדאָלף!.. אַדאָלף!..

האָט זי חרטה?.. זאָל דאָס זײַן די סיבה, פאַרוואָס איר געמיט איז איצט אַזוי שווער?.. אָבער מיט יעדן נערוו פון איר נשמה פילט זי, אַז אויב ס'איז יאָ אַדאָלף, איז עס ניט מער ווי די באַוווּנדערונג פון זײַן גרויסקײַט און פון זײַן שטאַרקײַט, אָבער ניט די צופרידנשטעלונג, וואָס ער קען ברענגען אירע געפילן... זי קאָן אַדאָלפן ניט נאָכפאָלגן און ער קאָן לעבן איר ניט בלײַבן שטיין. ...אַדאָלף איז אַ שטורעם, וואָס רײַסט זיך און האַלט אין איין באַוועגן זיך. קוים שטעלט ער זיך אָפּ, פאַרבלײַבט גאָרנישט פון זײַן גרויסקײַט... און צו טראָגן זיך מיט שטורעם איז ניט אין איר געמיט... איז ניט זי פאַרמאָגט עטוואָס פאַר אים און ניט ער פאַרמאָגט עטוואָס פאַר איר... אַמאָל האָט איר יאָ געצויגן צו אַדאָלפישעס, צו דער גרויסער ברייטער וועלט, צו אירע שטרײַטיקײַטן און קאַמפן, — ס'איז אָבער צאַמאָל געווען. דאַן איז זי נאָך אַ קינד געווען. אָבער איצט — ניט די גרויסע וועלט רופט זי, נאָר דאָס שטילע, רויִקע, שיינע, אינטימע, פרידלעכע... יאָ, זיך זעלבסט שעמט זי זיך ניט מודה צו זײַן, אַז אָפט שטעלט זיך פאַר איר פאָר ווי אַן אידיליע אַ רויִק, ליכטיק צימער און זי איז דאָרט אַרומגערינגלט מיט קינדער, מיט קינדערשן געלעכטער; קינדער אַרום איר, און זי איז צווישן זיי און אין זייער מיטן...

און אָטאָדער טרוים קאָן מיט אַדאָלפן קיינמאָל ניט פאַרווירקלעכט ווערן...

און זיך צו הילף און אירע ספקות צו הילף האָט זי אין איר פאָרשטעלונג אָנגעהויבן אַרויסרופן שאַליטס געשטאַלט. ווי זי וואָלט פון אים הילף

געבעטן... און מאָדנע — זי קאָן פאַר זיך ברענגען שאַליטס געשטאַלט, ווי אַזוי ער זיצט אַן אָפּגעזונדערטער ביי אַ שרייבטיש. זי קאָן אָבער זיין געשטאַלט ניט ברענגען צוזאַמען מיט זיך און לעבן זיך... ווען זי וויל אָט אַזוי אַ זיין געשטאַלט אַרויסרופן, ווערט עס מטושטש און עס בלייבן איבער ניט מער ווי זיינע אויגן און זיין שטערן. שוועבן פאַרביי איר זיינע אויגן, זיינע שוואַרצע אויגן פול מיט נייגעריקייט, פול מיט ענערגיע און מיט אַ מילדקייט אין דער זעלבער צייט. און איבער די אויגן איז פּראָמינענט זיין הויכער שטערן מיט טיפע שלייפן און מיטן אויסדרוק פון האַרטנעקיקייט און טיפן דענקען. דער שטערן האַרמאָנירט ניט מיט די אויגן און סע ווערט באַשאַפן דאָס בילד פון דעם דואַליזם פון זיין כאַראַקטער. פון זיינע אויגן קוקט אַרויס דער ענטוזיאַסט, סענסואַליסט און דער באַשיידענער פרידלעכער מענטש, און אויף זיין שטערן איז אויסגעקריצט די האַרטנעקיקייט אין אים, וואָס פירט אַ קאַמף מיט זיין צווייטן איך. ער רופט עס מיטן קאַנטישן נאָמען: „די הערשאַפט פון ריינעם פאַרנונפט"... טאַקע דערפאַר ווידערשפּרעכט ער זיך אָפט, וואָרים דאָרט, וווּ אַ מלחמה פירט זיך, געווינט אַמאָל אויך דער צווייטער צד...

און זי האָט זיך געוומען איינגערעדט, אַז דאָס איז איר ליבע צו שאַליטן און ניט עפּעס אַנדערש, וואָס האָט אין איר פאַרשאַרפט די עמפּינדלעכקייט צו די געשעענישן פונם טאָג. וואָרים אַ גאַנצן טאָג האָט זי ביי יעדער געלעגנהייט אָפּטמאָל געכאַפּט זיך פרעגנדיק: — ווי וואָלט ער, שאַליט, די אָדער יענע באַמערקונג אָדער שטימונג אויפגעפאַסט?..

און זיך זעלבסט האָט זי פרעגן אָנגעהויבן:

— ווען ניט שאַליט, וואָלט זי אויך פאַרשטאַפּט אירע אויגן צו אַדאָלפס רוף?...

— ווען ניט איר מורא, אַז אַדאָלף וועט זי ניט אויפהערן זוכן און אַז ער וועט זי געפינען מיט און ביי שאַליטן, און דערמיט אפשר ברענגען די אַלע מעגלעכע טרויעריקע קאָנסעקווענצן, וואָלט זי איצט געקומען קיין מאַנטשעסטער?...

— ווען ניט דער ווילן אויפצודעקן דעם סוד, ווי וועט עס אויפגענומען ווערן פון שאַליטן, ווען די דערפאַרונגען מכוח איר ווען אָנהייבן צו אים דערגרייכן, — וואָלט זי אויך אַזוי עמפּינדלעך געווען צו יעדן בליק און באַמערקונג פון דוואָרקינען און בריטשיילדן?... האָט זי דען ניט אַכטונג געגעבן אויף זיי און אַזוי אַרום פאַרגעשטעלט זיך, אַז אויך שאַליט וואָלט עס ניט אַנדערש פאַרשטאַנען?...

— ווי וועט עס שאַליט אויפנעמען?... — דאָס איז אַלץ, וואָס איר האָט אינטערעסירט. וועט אין אים זיגן יענער ענטוזיאַזם זיינער, וואָס האָט

זי אויפגעהויבן אַזוי הויך און וואָס האָט צו איר געבראַכט דידאָזיקע נשמה־פולקייט, נאָך וועלכער זי האָט אַזויפיל געבענקט איר גאַנץ לעבן? אָדער ער וועט אפשר אָנהייבן האַנדלען אין נאָמען פונם שכל־הישר און פרינציפן?... און אויב יאָ פרינציפן, איז וואָס וועלן זיי אים דיקטירן?...

קשיות, ספקות, ווידערשפרעכנדיק אַלע ענטפערן, וואָס זי האָט זיך געקאָנט פאָרשטעלן, האָבן זיך געריסן פון און צו איר באַוווסטזיין. ספקות, אומרו, פאַרשאַרפט דורך דער שלאָפלאָזיקייט פון די לעצטע עטלעכע נעכט און דורך איר אויסגעמאַטערטקייט. און איר האַרץ האָט שוין ניט צו שטאַרק, נאָר, פאַרקערט, צו שוואַך געקלאַפט. און דער קאָפּ האָט געשווינדלט און איז געווען ווי אַ שווערע משא. זי האָט אָנגעהויבן טיף אַרייַנצואָטעמען די פייַכטע, קילע לופט און געזוכט דורך איר דערפרישונג.

און דאָך האָט זי די אומרויִקייט פון זיך ניט געקאָנט פאַרטרייַבן און ס׳האָט פאַר איר אָנגעהויבן צו שייַנען, אַז דידאָזיקע אומרויִקייט האָט זיך ניט הייַנט ערשט אָנגעהויבן, און ניט אַפילו אין דעמדאָזיקן טאָג, ווען עליזאַבעט האָט איר דערלאַנגט אַדאָלפס בריוו, נאָר זי איז אין איר געווען פון אָנפאַנג אָן. זינט אַדאָלף האָט זי פאַרלאָזט, האָט זי ז׳ך געפונען אין אַן עקזאַלטירטער שטימונג... און דאָס, וואָס זי איז פריער זיכער געווען, אַז איר אומרויִקייט שטאַמט בלויז אויס דער מורא פאַר שאַליטס ליבע צו איר, אַז זי זאָל ניט פאַרלוירן גיין, איז שוין פאַר איר איצט ניט אַזוי קלאָר געוואָרן... איז עס מעגלעך, אַז אומבאַוווסטזיניק פאַר זיך זעלבסט קלייַבט זי איצט אויס צווישן שאַליטן און אַדאָלפן?... איז עס מעגלעך, אַז די פעדעם, מיט וועלכע זי איז געווען געבונדן צו אַדאָלפן, זייַנען נאָך ניט אינגאַנצן איבערגעריסן?... איז עס מעגלעך, אַז די פעדעם, וואָס בינדן זי צו שאַליטן, זייַנען אין דער ווירקלעכקייט נאָך ניט צוגעבונדן?...

פאַרוואָס איז זי אַזוי באַרירט געוואָרן, ווען ברייַטשטיילד האָט געזאָגט, אַז אַדאָלף וועט מעגלעך צוריק אַרייַן אין דער אַרמיי?... איז עס ניט געווען די מורא פאַר אַ צווייטער שיידונג?... און אַ בילד איז פאַר אירע אויגן פאַרבייַ: אָט ליגט אַדאָלף אין אַ גראָבן, פאַרשאָטן מיט זומפּ און שניי; קוילן פלאַצן אַרום אים; זייַנע אויגן זייַנען אויסגעלאָשן, זייַן פנים־בלייך און פאַרווייטיקט און בלוט רינט פון זייַנער אַ וווּנד... און זייַנע ליפּן זייַנען פאַרטריקנט און ער שעפּטשעט עפּעס, האָט ניט קיין כוח הויך צו ריידן און ער בעט אַביסל וואַסער, אָבער עס איז קיינער ניטאָ, ווער עס זאָל אים דאָס וואַסער דערלאַנגען... אַ שרעקלעך בילד!... זי האָט אָנגעהויבן ציטערן...

ניין, צוריק אין דער אַרמיי אַרייַן טאָר זי אים ניט לאָזן!...

און ווען זי וואָלט זיך פון אים ניט אָפּגעזאָגט, וואָלט ער אויך אין דער אַרמיי צוריקגעגאַנגען?... שיקט זי דאָס אים אויפן שלאַכטפעלד?...

סאַראַ שוידערלעכע דערקענטעניש!...

און אין גרויס אײַלעניש האָט זי אָנגעצונדן אַ ליכט און געזעצט זיך שרײַבן:

„איך וויל דיך זען, איידער איך פאַרלאָז מאַנטשעסטער. איך וויל דיך בעטן, דו זאָלסט קומען מיך באַגלייטן צו דער באַן־סטאַנציע. איך וויל אַפּעלירן צו דיר פאַר פרײַנטשאַפט, אַז דו זאָלסט מיר ניט ווינטשן קײַן בייז, אַז אונדזער שיידונג זאָל זיך ניט שעמען אַנטקעגן די געפילן, וואָס האָבן אונדז פאַרייניקט אין משך פון אַזאַ לאַנגער צײַט, און איבערהויפּט אַנטקעגן מײַנע געפילן, וואָס האָבן מיר געגעבן דעם כוח אַרויסצורײַסן זיך פון מײַן היים און צו לאָזן זיך וואַנדערן מיט דיר איבער אַ פרעמדער וועלט...

„ווײַל איבערגעגעבן האָב איך זיך צו דיר דאַן מיט ענטוזיאַזם פון אַ יונגער, פאַרטרוילעכער און ליבנדיקער נשמה, מיט דעם ענטוזיאַזם פון אַ שמעטערלינג, וואָס פליט צו ליכט באַדײַ פאַרברענט צו ווערן... און אויס דאַנקבאַרקײַט און דרך־ארץ צו יענע געפילן האָב איך תמיד געוואָלט און וויל אויך איצט, אַז צווישן אונדז זאָל תמיד זײַן דידאָזיקע ווערטיקע פרײַנטשאַפט פון צוויי נשמות, וועלכע זײַנען געבויט און דערלייזט געוואָרן דורך אַ הייליקער באַהעפטונג...

„האָב איך אָבער מורא, אַז דו וועסט מיך פאַלש אויסטײַטשן. אפשר וועסטו מיינען, אַז איך בין זעלבסטזיכטיק און אַז מײַן האַרצן פעלט טרייסט, אַז דאָרט איז דאָ אפשר חרטה און שוואַכקײַט און דאָס גלײַכן, און דערפאַר זוך איך דײַן פרײַנטשאַפט... אָדער אפשר קאָן דיר אײַנפאַלן, אַז איך קום דיך צו טרייסטן, לײַכטער צו מאַכן דײַנע לײַדן, דיך צו היילן און דורכדעם צו רייניקן מײַן געוויסן... וואָלט עס דיך באַליידיקט...

„בעט איך דיך ניט צו טײַטשן עס פאַלש! נעם אָן, אַז מײַן אָנבאָט פון פרײַנטשאַפט שטאַמט פון דער דערהויבנקײַט, וואָס האָט אונדז אַמאָל פאַרבונדן, און ניט פון קליינע, קרעמערישע מאָטיוון. „ניטאָ קײַן וועג צוריק”! – דאָס איז דאָך דײַן מאָטאָ... וועל איך גיין פאָרויס! קײַן צוריקטריט! און דו? געוויס וועסטו נאָך פיל שנעלער פון מיר פאָרויסגיין! דו, מיט דײַן אײַזערנעם ווילן!... דו, מיט דײַן מוראדיקן ענטוזיאַזם!... אויף דיר קאָן קײַן צוריקטריט ניט געמאָלט זײַן! וועסט דאָך, למשל, ניט באַגראָבן זיך צוריק אין טראַנשעען, נאָר דו וועסט פאַר זיך זוכן אַ וועג אַ ברייטן, אַזעלכן לפי־ערך, וואָס ווערט איצט דורך מיליאָנענדיקע מאַסן אין רוסלאַנד אַדורכגעטראָטן...

„און גייענדיק פאָרויס, זײַנען מיר דאָך צוויי פרײַנט, טאָ פאַרוואָס זאָלן מיר מורא האָבן צו באַגעגענען זיך אַזוי אָפט ווי מעגלעך און צו דריקן איינער דעם אַנדערנס הענט?...

„אפשר וועל איך אַמאָל אויך דערגרייכן דעם שפּיץ און דאָרט פאַרבלײַבן, פון דאָרט ניט אַראָפּגעשלײַדערט ווערן. דו, דו וועסט אים זיכער דער־

גרייכן און פון דאָרט אַראָפּקוקן... ווען מיר וועלן זיך דאָרט אַמאָל טרעפן וועלן מיר זיכער דריקן איינער דער אַנדערנס הענט! טאָ פאַרוואָס ניט שוין?...״

פלוצים האָט זיך פון דרויסן דערטראָגן דאָס אויסגעשריי פון אַ צײַטונגס־פאַרקויפער:

– ספּעציעל!... באָלשעוויקעס ווילן פאַרכאַפּן די מאַכט אין רוסלאַנד!.. וועלן שליסן אַ באַזונדערן שלום מיט דײַטשלאַנד!..

זי האָט שנעל אַוועקגעלייגט די פען און איז צוגעלאָפן צום פענצטער. זי האָט געמיינט, אַז זי האָט פאַרהערט, ווײַל די שטימע האָט זיך געטראָגן פון ווײַט און איז ניט קלאָר געווען. אָבער דער צײַטונגס־פאַרקויפער האָט זיך דערנאָענט און איצט האָט זי שוין קלאָר געקאָנט הערן זײַן אויסגעשריי:

– די באָלשעוויקעס פאָדערן אַ באַזונדערן שלום...

זי האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער. דאָס ייִנגעלע מיט די צײַטונגען איז געווען אויף דער צווייטער זײַט גאַס. זי האָט אים צוגערופן און אָנגעהויבן שלינגען די נײַס. „יאָ, ס׳איז ניט קיין סענסאַציע... ס׳איז אמת״... מיט מוראדיקער רעגונג האָט זי געלייענט יעדע שורה. די נײַס איז שוין עטלעכע טעג אַלט און איז ביז איצט פאַרהאַלטן געוואָרן פון דער מיליטערישער צענזור. די אמתע רעוואָלוציע אין רוסלאַנד!... עס הייבט אָן פלאַקערן אַ קאַמף צווישן סאָציאַל־פּאַטריאָטן און אמתדיקע רעוואָלוציאָנערן... עס האָט זיך דער אַרבעטער אויפגעשטעלט איבערצונעמען די גאַנצע מאַכט... שלום אויף דער וועלט!... זי האָט דערפילט אַ מוראדיקע שמחה, אַ מוראדיקן ענטוזיאַזם און אין איר האָט געיובלט:

– אַדאָלף וועט שוין זיך ניט אָנשליסן אָן דער אַרמיי!... ער וועט זוכן די מעגלעכקײַט צו פאָרן קיין רוסלאַנד!... דאָרט דאַרף מען אים נויטיקער האָבן...

און אָנשטאָט צו פאַרענדיקן דעם בריוו איז זי צוגעלאָפן צום טעלעפאָן און אָנגעגעבן דעם אָפּערייטאָר אַדאָלפס טעלעפאָן־נומער...

אַכצנטער קאַפּיטל.

צוויי וואָכן זײַנען אַריבער זינט יענעם פרימאָרגן, ווען שאַליט האָט זיך מיט טאַמאַרען געזעגנט. שאַליט, וועלכער האָט ביז איצט קיין אומגעדולדיקייט ניט טאָלערירט ניט אין זיך און ניט אין עמיצן אַנדערש, האָט איצט אַליין געמוזט צוגעבן, אַז ס׳זײַנען דאָ אומשטענדן, ווען דער מענטש קאָן זיך ניט באַהערשן. ער אַליין איז אין משך פון דידאָזיקע צוויי וואָכן געווען דער לחלוטנדיקער היפוך פון זײַנע געפרײדיקטע אידעעס: יעדע מינוט פון דער לאַנגזאַמער, קריכנדיקער צײַט איז געווען פול מיט לעכצעניש, יעדעס ברעקל פון זײַן וועזן איז געווען פול מיט בענקשאַפט.

צו געפינען אַ וווינונג פאַר טאַמאַרען איז אים ניט אַזוי לײַכט אָנגעקומען. ער איז געווען זייער איבערקלײַבעריש. צום סוף האָט ער אויסגעקליבן דעם אויבערשטן שטאָק פון אַ הויז, וואָס איז באַשטאַנען פון דרײַ צימערן. מיט דערדאָזיקער דירה איז ער געווען צופרידן, ערשטנס, דערפאַר, וואָס זי איז גאָר נאָענט געווען פון זײַן אייגענער וווינונג און, צווייטנס, האָט זי זיך געפונען אויף אַ גאַס, וואָס איז געווען געדיכט באַוואַקסן מיט אַלטע קאַשטאַנען־ביימער פון איין זײַט און האָט זיך געגרענעצט מיטן וויקטאָריעפּאַרק פון דער צווייטער זײַט. דורך די פענצטער פון די צימערן האָט זיך געזען די פּאַרק־פּאַנאָראַמע פון לאָנקעס, ביימער, געקינצלטע אָזערעס און בלומען־בייטן. ווינענדיק דאָ, האָט שאַליט אויסגערעכנט, וועט טאַמאַרע, וועלכע איז געוווינט צו דער פּראָווינץ און האָט ליב די נאַטור, ניט אַזוי שמערצלעך פילן דעם יאָך פון גרויסשטאָטיקייט און זי וועט ניט פילן, אַז זי איז באַרויבט געוואָרן פון דער נאָענטקייט צו די שיינקייטן פון דער ברייטער וועלט...

בײַ דער דעקאָרירונג פון די צימערן איז ער זייער אויסקלײַבעריש געווען און ער האָט זיך אָנגעשטרענגט צו טרעפן טאַמאַרעס געשמאַק און לויט אים צופּאַסן די נויטיקע דעקאָראַציעס, ווי פּאַפּיר אויף די ווענט, מעבל, בילדער און דאָס גלײַכן. פון זײַן אייגענער קאָלעקציע האָט ער אין אירע צימערן אַריבערגעטראָגן בילדער און סטאַטועטקעס, אָנגעפילט צוויי שראַנקען מיט ביכער, צעלייגט בילדער־אַלבאָמען אויף די ווינקל־טישלעך.

ער האָט דאָס מעבל צעשטעלט און איבערגעשטעלט, די בילדער אויפֿגעהאַנגען און איבערגעהאַנגען, אַלע אַנדערע זאַכן צעלייגט און איבערגעלייגט.

ער האָט יעדן טאָג אומגעדולדיק געוואַרט אויפֿן בריוונטרעגער, איז געווען זייער אַנטוישט, ווען פֿון איר איז קיין בריוו ניט געווען, און האָט געציטערט פֿון רעגונג, ווען פֿון איר איז יאָ דאָ געווען אַ בריוו. און די בריוו אירע האָט ער געלייענט און איבערגעלייענט, אַרײַנגעטראַכט זיך אין דעם זין פֿון יעדן זאַץ, פֿון יעדן וואָרט; געלייענט ניט נאָר די געשריבענע שורות, נאָר געזוכט געדאַנקען אויך צווישן די שורות.

אָט אַזוי באַשעפֿטיקט איז ער געווען אין משך פֿון די טעג, און אין יענע אָוונטן, ווען ער האָט ניט געהאַט קיין אַסיפֿות, האָט ער אין הויז ניט געקאָנט אײַנזיצן. ער האָט שפּאַצירט איבער די גאַסן, אײַנגעקוקט זיך אין די פֿענצטער־אויסשטעלונגען פֿון די קראָמען, און ווען ער האָט דאָרט דערזען אַזויגס, וואָס ער האָט געדענקט, אַז איר וועט געפֿעלן ווערן, אָדער אַז ס'וועט איר צונוץ קומען, האָט ער עס גלײַך אײַנגעהאַנדלט. אויף זײַן שרײַבטיש איז געלעגן אַן אָנגעהויבענער מאַנוסקריפּט פֿאַר דער סוכּות־אויסגאַבע פֿון דעם „מאָנאַטשריפֿט", און אויף די עטלעכע אָנגעשריבענע בויגנס איז שוין שטויב אָנגעפֿאַלן און ער האָט קיין צײַט און קיין געדולד ניט געהאַט צו שרײַבן ווײַטער. זײַנע בריוו צו איר האָט ער געשריבן אין די אָוונטן. לאַנגע בריוו. איבער זיי פֿלעגט ער זיצן ביז שפּעט אין דער נאַכט און אַמאָל ביז סאַמע פֿאַרטאָג. דערציילט האָט ער איר אין זיי וועגן זײַן בענקשאַפֿט נאָך איר, וועגן זײַן ליבע צו איר. ער האָט זיך קיינמאָל ניט געלייגט שלאָפֿן, איידער ער האָט די בריוו אַרײַנגעוואָרפֿן אין בריוו־קאַסטן.

צו דער סטאַנציע, צו באַגעגענען זי, איז ער געקומען מיט אַ שעה פֿריער. ער האָט אומגעדולדיק געקוקט אויפֿן זייגער. קיינמאָל האָבן די ווײַזערס פֿונם זייגער זיך אַזוי לאַנגזאַם ניט גערוקט ווי אין יענער שעה. ער איז געווען פֿאַרצווייפֿלט, ווען ס'איז באַקאַנט געוואָרן, אַז דער צוג האָט זיך פֿאַרשפּעטיקט אויף אַ האַלבער שעה.

זי איז צו אים אַנטקעגן געקומען זייער לאַנגזאַם און מיט וואַקלדיקע טריט. זי איז זייער בלייך געווען. די נײַע סביבה און דאָס נײַע לעבן, צו וועלכער זי איז געקומען, האָבן זי קאָנטיק געשראָקן. און אויפֿן וועג פֿון דער סטאַנציע, זיצנדיק אין אויטאָמאָביל, האָט זי צו אים צוגעטוליעט איר קאָפּ און טרערן זײַנען געשטאַנען אין אירע אויגן.

ווען ער האָט מיט ביידע הענט צאַרט אויפֿגעהויבן איר קאָפּ און זי געקושט, האָט זי אָנגעהויבן שמייכלען אין אירע טרערן און זי האָט געזאָגט:

— אוי, ווי איך ליב דיך!..

אַ ביסל שפּעטער, טוליענדיק זיך צו אים, האָט זי אין זײַן אויער אַרײַנגעשעפּטשעט.

– איך ליב דיך, דיך!.. דו ביסט דער אײנציקער, װעמען איך פאַר־מאָג איצט אויף דער ברייטער, גרויסער וועלט...

ער האָט געענטפערט מיט נאָך קושן.

2.

אין אָוונט, קומענדיק צו טאַמאַרען אַהיים, האָט שאַליט געטראָפן די טיר פון איר צימער האַלב אָפן, און זי אַליין איז געלעגן אויף דער זאָפע און איז געשלאָפן. לעבן איר אויף דער ערד האָט זיך געוואַלגערט אַן אָפן בוך: זי האָט אײַנגעשלאָפן לייענענדיק.

ער איז געשטאַנען איבער איר און האָט זי באַטראַכט. איר פּנים, וואָס איז אים אַזוי באַקאַנט, איז אים דאָך אומבאַקאַנט. ער האָט באַמערקט, אַז זי איז איצט בלייכער, איידער זי איז פריער געווען. אויך האָבן זיך אונטער אירע אויגן אַוועקגעלייגט אַ פּאָר דינע קנייטשן. פריער האָט ער זיי ניט גע־זען. דאָך איז איר פּנים פאַרבליבן פריש און אויף אירע באַקן איז געשטאַנען אַ געזונטע פאַרב. אירע האָר האָבן זיך צעשאָטן און צעלייגט זיך אין כוואַ־ליעס אַרום איר פּנים. ער האָט זיך אײַנגעבויגן און פאָרזיכטיק, ניט אויפצו־וועקן זי, האָט ער זי געקושט.

זי האָט זיך אויפגעכאַפּט און פאַרוואונדערט אַרומגעקוקט זיך. קאָנטיק, אַז אין אירע געדאַנקען האָט נאָך אַרומגעשוועבט אַ חלום און זי האָט ניט פאַרשטאַנען, ווו זי איז אַצינד. דערזעענדיק אים, האָט זיך איבער איר פּנים צעשפּרייט דער אויסדרוק פון גרויס פאַרגעניגן, און האַלב־אויפהייבנדיק זיך פון איר געלעגער, האָט זי צו אים אויסגעשטרעקט אירע ביידע הענט.

– דו ביסט דאָ... ענדלעך ביסטו דאָ צוריק... איך בין אַזוי אומגע־דולדיק געווען וואַרטנדיק אויף דיר.

– אויך איך בין אומגעדולדיק געווען. איך האָב אין שול מײַן לעקציע געלייענט און געקוקט אויפן זייגער. דאָס איז דאָס ערשטע מאָל אין מײַן דערפאַרונג, וואָס איך האָב זיך געאײַלט צו ענדיקן מײַן לעקציע.

זי האָט זיך אַרומגעקוקט און געזאָגט:

– איך האָב נאָך דיר ניט געדאַנקט פאַר די אַלע שיינע זאַכן, וואָס דו האָסט אַרײַנגעבראַכט דאָ אין די צימערן. ס'איז דאָ אַזוי באַקוועם און אָנגענעם. אַלץ פּאַסט זיך דאָ אַזוי גוט אַרײַן, אַלץ האַרמאָנירט און ס'איז דאָ אַזוי שיין און רויִק. אויך די גאַס איז אַזאַ שטילע. און דער פּאַרק אַנטקעגן... איך האָב ניט געוווּסט, אויף וואָס פריער צו קוקן. איך בין געלאָפן פון די פענצטער צו די טישן, צו די אַלבאָמען, צו די בילדער, צו די ביכער. ס'איז דאָ אַזוי רויִק, אַז איך האָב זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז איך בין אין לאָנדאָן. אוי, ווי דאַנקבאַר איך בין דיר!

זי איז צוגעגאַנגען צום טיש, ווו עס איז געשטאַנען אַ וואַזע מיט רויזן, אָפּגעריסן איינע, זי אַ קוש געטאָן און אַרײַנגעשטעקט זי אין דעם לאַץ פון זײַן ראָק. דערנאָך האָט זי אים אַוועקגעזעצט אויף דער זאָפע און אַליין זיך אַוועקגעשטעלט אויף די קני, אײַנגעטוליעט איר קאָפּ אין די דלאָניעס פון זײַנע הענט און זיי געקושט.

– שאַליט, איך פרעג זיך: „בין איך עס"?.. איך בין אַזוי גליקלעך!..

שפּעטער האָט זי אים געבעטן, אַז ער זאָל איר דערציילן, אַוווּ ער האָט גענומען די אַלע בילדער און סטאַטועטקעס. און חוץ זיי, זאָל ער איר אויך דערציילן פון יעדער זאַך באַזונדער אין דעמדאָזיקן צימער. יעדע זאַך דאָ איז איר אַזוי טײַער, ווײַל דאָס אַלץ האָט ער דאָך פאַר איר געבראַכט... זי וויל וויסן זייער געשיכטע.

און ער האָט איר דערציילט:

– די ביכער און די אַלבאָמען, די מערסטע בילדער און סטאַטועטקעס זײַנען פון זײַנע אייגענע קאָלעקציעס. אייניקע פון די בילדער און סטאַטועט־קעס זײַנען מתנות, וואָס זײַנען אים געגעבן געוואָרן. אָטאָדי דרײַ בילדער זײַנען קלאַרעס. זי האָט זיי צו אים צוגעשיקט פון עדינבורג. אָטאָדי מינועטקע איז גוסטאָנס. דאָס זײַנען רעפּראָדוקציעס פון רעמבראַנדט און סאַלאָמאָן. און אָטאָדי בילדער – וועגן זיי איז דאָ אַ גאַנצע געשיכטע... זיי זײַנען צייכענונ־גען פון אַ קינסטלער, וועלכער איז געווען זייער פּאָפּולער אין זײַנע יונגע יאָרן, אָבער שפּעטער האָט ער זיך פאַרזינדיקט אין די אויגן פון דער דאַמאָלסטיקער געזעלשאַפט, און ער איז אויף אַזויפיל אויסגעשלאָסן געוואָרן פון אירע רייען, אַז, ניט אַכטנדיק זײַן באמת געניִאַלן טאַלאַנט, איז ער לגמרי פאַרגעסן געוואָרן. ווען שאַליט האָט אין איין געשעפט צופעליק אָנגע־שטויסן זיך אויף אַ קאָלעקציע פון אַריבער הונדערט פון זײַנע בילדער, איז ער בשתומם געוואָרן, וואָס אַזוינע מײַסטערווערק ווערן פאַרוואַלגערט. ער האָט די גאַנצע קאָלעקציע אָפּגעקויפט פאַר אַ קלייניקייט. דער מאַלער איז זי־כער געווען דער גרעסטער מאַלער פון זײַן צײַט. מע קאָן אים אָבער עד־היום

ניט פאַרגעבן פאַר זײַן שײַכות צו, אַזוי צו זאָגן, אָסקאַראוואײַלדיזם... מע האָט אים פאַרמסרט, אַז ער האָט אָסקאַר אוואײַלדן אַראָפּגעפירט פון גלײַכן וועג, אַז ער האָט אויך געוואָלט סווינבערנען פאַרפירן און דאָס גלײַכן.

טאַמאַרע האָט שאַליטן געבעטן, ער זאָל איר דערציילן מער איינצלהײַטן פון דער געשיכטע פון דעמדאָזיקן מערקווירדיקן מאַלער.

האָט ער איר דערציילט, אַז ער האָט זיך מיט דעם מאַלערס געשיכטע פאַרינטערעסירט נאָכדעם, ווי ער האָט אויפגעדעקט די דערמאָנטע קאָלעקציע בילדער, און ס'האָט זיך אים אײַנגעגעבן, גריבלענדיק זיך אין די אַרכיוון פון דעם בריטישן מוזעום, דאָרט צווישן אַלטע צײַטונגען, אַלמאַנאַכן און זשורנאַלן, אויסצוגעפינען פּרטים פון זײַן לעבן. אים האָט זיך אויך אײַנגעגעבן אויסצוגעפינען זײַנע אַ קרובה, איצט שוין זייער אַן אַלטע פרוי, וועלכע האָט דעם קינסטלער פּערזענלעך געקאָנט. אָטאָדי קרובה זײַנע האָט זיך פאַר שאַליטן מודה געווען, אַז זי האָט דעם קינסטלער געליבט און, ניט קאָנענדיק חתונה האָבן מיט אים, האָט זי גאָרניט חתונה געהאַט. עד היום טראָגט זי נאָך אַרום זײַן בילד אין אַ מעדאַליאָן אויף אַ קייטל אויף איר האַלדז. זי איז גליקלעך געווען, וואָס שאַליט וויל שרײַבן מכוח אים. זאָל שאַליט באַווײַזן דער וועלט, ווי אומגערעכט ער איז באַהאַנדלט געוואָרן. זי האָט שאַליטן דערציילט אַ סך אינטימע איינצלהײַטן פון זײַן לעבן. דאָס, וואָס אוואײַלד איז געווען אויפן געביט פון פּאָעזיע, איז איזראַעל בענטראַם (אַזוי האָט ער געהייסן) געווען אויפן געביט פון מאַלערײַ. ער איז געווען דער גרינדער פון יענער עסטעטישער שול, פון וועלכער אָסקאַר אוואײַלד איז געווען דער גלענצנדסטער פּאָרשטייער. זײַן לעבן איזווירקלעך געווען פּאַטעטיש. צווישן זײַנע פרײַנט און אָנהענגער האָבן זיך געציילט די באַרימטסטע קינסטלער פון זײַן דור. ער איז געווען זייער לײַטנדיקער גײַסט. ער האָט דאַן געגרינדעט דעם שפּעטער באַרימט געוואָרענעם קלוב „די זיבן מוזעס.“ דאָס שענסטע און בעסטע פון דער מאָדערנער ענגלישער קונסט איז אין דעמדאָזיקן קלוב דערצויגן געוואָרן. אָבער איינמאָל איז געשען אַן עפנטלעכער סקאַנדאַל. אין אים זײַנען געווען פאַרמישט אַ סך באַרימטהײַטן. כדי זיך ריין צו וואַשן, האָבן זיי די גאַנצע שולד אַרויפגעוואָרפן אויף בענטראַמען. די געזעלשאַפט האָט זיך פון אים אָפּגעקערט. די ערשטע האָבן דאָס געטאָן זײַנע חברים, די ווירקלעך שולדיקע, וועלכע האָבן די שולד אויף אים אַרויפגעוואָרפן. מע האָט אים אָנגעהויבן אויסמײַדן. די קונסט-גאַלערעס האָבן פאַר אים די טירן פאַרמאַכט, די פּרעסע האָט זײַן נאָמען מער ניט דערמאָנט. די קונסט-הענדלער האָבן זײַנע אַרבעטן אויפגעהערט באַווײַזן. איז באַלד אויך מאַטעריעלע נויט אָנגעקומען, שרעקלעכע אַנטוישונג, פאַרביטערונג, פאַרלוסט פונם גלויבן אין זײַן אידעאַליזירטן מענטשן און- נויט... כדי צו קאָנען דערנערן זיך, האָט ער אָנגעהויבן

שילדן שרײַבן... וואָס פאַר אַ שרעקלעכע דעגראַדאַציע פאַר אַ קינסטלער פון אמתדיק־געניאַלע פעיִקייטן, וועלכער האָט געטרוימט אַ וועלט איינצו־נעמען!.. צווישן שילד און שילד האָט ער געמאָלן זײַנע בילדער. אַלע, אָן אויסנאַם, געניאַלע ווערק. ער האָט זיי אָבער געמוזט פאַרקויפן פאַר אַזאַ קלעגלעכן פרײַז, אַז דאָס געלייזטע געלט האָט ניט געקלעקט אויף לײַוונט און פאַרבן. ער האָט לאַנג געקעמפט אַנטקעגן דער ביטערער נויט און אַנטקעגן דער אייגענער פאַרביטערונג. סוף כּל סוף איז ער אָבער איינגעבראָכן געוואָרן. ער האָט אָנגעהויבן שיכּורן. זײַן לעצטע היים איז געווען דער מושב־זקנים. געפונען האָט מען אים טויט הינטער אַ פּלויט...

טאַמאַרע האָט זיך מיט שאַליטס דערציילונג זייער פאַרינטערעסירט. צום סוף האָט זי באַמערקט:

— אַזוי זײַנען מיר, מענטשן. מיר קאָנען קיין מומים ניט פאַרגעבן. מיר שטעלן קיין זאַך ניט אויפן וואָגשאָל. מיר אורטיילן, איידער מיר ווייסן די פּרטים. וויפיל גאוניות איז אויף אַזאַ אופן פאַרלוירן געוואָרן!..

שפּעטער האָט שאַליט בײַ איר אָנגעהויבן פונאַנדערפרעגן זיך, ווי אַזוי זי האָט פאַרבראַכט די צײַט, זינט זיי האָבן זיך געשיידט. זי האָט אים דער־ציילט, אַז איר האָט זיך אײַנגעגעבן אָנצושטעלן אַן אַנדער לערער אויף איר אָרט אין שול; ס'האָט פאַרנומען אַ סך פון איר צײַט, ווײַל זי האָט געמוזט באַקאָנען דעם לערער מיט די קלאַסן, מיט די פאַרהעלטענישן פון דער שול, מיט די קינדער און מיט די מעטאָדן פון איר לערנען.

זי האָט אים אָבער ניט דערציילט מכּוח איר באַזוך אין מאַנטשעסטער.

— דאָס זײַנען געווען די צוויי אָנגעשטרענגטסטע וואָכן פון מײַן לעבן. דאָך בין איך גליקלעך געווען: יעדע פאַרגאַנגענע מינוט איז פאַר מיר געווען אַ דערנענטערונג צו דאָס גרויסע, וואָס דאַרף קומען. דײַנע בריוו האָבן מיך געהויבן צו וועלטן, וואָס זײַנען פול מיט יענע גענוסן, וואָס טראָגן אין זיך דעם טעם פון אייביקײַט...

און ער האָט צו איר געזאָגט:

— אָט דאָס לשון, וואָס איך האָב געברויכט אין מײַנע בריוו צו דיר, איז פאַר מיר גופא נײַ. איך האָב קיינמאָל אַזוי ניט געשריבן און קיינמאָל אויף אַזאַ לשון ניט אויסגעדריקט זיך. איך בין די גאַנצע צײַט געווען ווי אויסגעטאָן פון זיך זעלבסט, און גערעדט האָט ניט דער איך אין מיר, נאָר דער אומבאַקאַנטער, דער גאַנץ נײַער, דעריעניקער, וואָס איז געשטאַנען איבער מיר, אין מיר און אין דרויסן פון מיר. איינמאָל, ליגנדיק אין בעט, זײַענדיק וואַך דורך דעם וווּנדער פון דער נײַער וועלט, וואָס רינגלט מיך אַרום, — האָב איך זיך צו דאַנטען פאַרגליכן. אָט אַזוי ווי ער האָב איך

געבלאָנדזשעט איבערן וואַלד און איך בין געשראָקן געוואָרן פון ווילדע חיות. און אָטאָדער גײַסט, וואָס פירט מיך אַרום, רעדט אין מײַן נאָמען, איז די דאַנטישע ווירגיליע, וועלכע דעקט פאַר מיר אויף די מוראדיקע סודות פון די אויבערשטע און אונטערשטע וועלטן. וואָרים אין משך פון אָטאָדער צײַט בין איך אַדורך די לײַדן פון גיהנום און האָב אויך דורכגעלעבט די הנאות פון דעם באַריר מיט דער שײַן פון גן־עדנשער שכינה.

זיצנדיק צוגעטוליעט צו אים, גלעטנדיק זײַנע האָר און קוקנדיק פון דער נאָענט גלײַך אים אין די אויגן אַרײַן, האָט זי געזאָגט:

– דאָס זײַנען דײַנע בריוו צו מיר געווען, וואָס האָבן מיך געמאַכט צו ליבן דיך נאָך שטאַרקער, אמתדיק צו ליבן דיך. איך האָב דיך באַוווּנדערט, נאָך איידער איך האָב דיך דערקאָנט. מיר איז געפעלן געוואָרן די געוואַגטקײַט און די אָריגינאַלקײַט פון דײַנע געדאַנקען. מיר איז געפעלן געוואָרן די ליריק, די האַרציקײַט, וואָס האָט געפלאָסן פון יעדער שורה, וואָס דו האָסט פאַרעפנטלעכט אין שריפט. איך האָב אויך דײַן בוך געלייענט. איך האָב עס געלייענט און איבערגעלייענט. איך האָב געבענקט צו באַקאָנען זיך מיט דיר. און אין עדינבורג, ווען איך האָב דיך דערזען, האָב איך גלײַך אַ טראַכט געטאָן, אַז דו ביסט פונקט אַזוי, ווי איך האָב זיך גערעכט. דו ביסט אויף זייער פיל גרעסער געווען פון אַלע דײַנע פרײַנט, וועלכע האָבן דיך דאָרט אַרומגערינגלט. ס'איז אין דיר אַזאַ כוח באַהאַלטן געווען, וואָס האָט מיך געצויגן צו דיר. אָבער דאָס האָט מיך צו דיר נאָך ניט איבערגעגעבן. איך בין געווען אין דײַנע הענט און ס'האָט מיר אויך הנאה געטאָן, אָבער דײַנע בין איך נאָך ניט געווען... סע האָט געפעלט זיסקײַט אין דיר... דו האָסט זיך מיר אויסגעוויזן צו זײַן אַזאַ שטרענגער... איך האָב פאַר דיר מורא געהאַט... עס האָט געפעלט דער צוטרוי, די האַרמאָניע פון נשמה, וואָס זאָל צו דיר צובינדן מײַן נשמה. איך בין געווען אין דײַנע הענט און דאָך ניט דײַנע. איך האָב ניט געקאָנט מסכים זײַן צו זײַן אָן דיר. איך וואָלט אָן זייער זיכער אונטערגעגאַנגען, אָבער... איך ווייס ניט... איך האָב מורא געהאַט... ס'וואָלט אפשר ריכטיקער געווען, ווען איך זאָג, אַז איך בין געווען באַהערשט פון דײַן פערזענלעכקײַט, נאָר מײַן געפיל איז געווען דאָס געפיל פון צו וועלן שיצן זיך אין דעם שאָטן פון אַ גרויסן באַרג, אָבער ניט צוזאַמענצוגיסן זיך מיט אים. דײַנע בריוו האָבן מיך אויפגעהויבן צו זיך און דיך דערנעענט צו מיר. לייענענדיק זיי, האָט זיך מיר צומאָל פאָרגעשטעלט, ווי איך וואָלט געשטאַנען אויף אַ הויכן באַרג און דאָ קומסטו און הייבסט מיך נאָך העכער און דו ביסט אַזוי לײַכט און אויך איך ווער לײַכט און מיר ביידע שוועבן אַוועק, קומען אַרײַן אין קוואַלן פון ליכט, מיר ווערן אין זיי צעגאַנגען און ווערן אַליין ליכט... און אַמאָל האָב איך זיך געגליכן צו אַ טראָפן

טוי, און אָט קומסטו, אַ שטראַל פון דער זון, דרינגסט אין מיר אַרײַן, פילסט מיך אָן מיט ליכט און דערהייבסט מיך ביז די סאַמע וואָלקנס...

און אַרומנעמענדיק אים, טוליענדיק זיך צו אים, האָט זי געזאָגט:

מײַן מליצה־לשון וועט זיך דיר אפשר אויסווײַזן צו זײַן צו פּאַטעטיש, אָבער אַזוי בין איך אַצינד... איך האָב זיך אַמאָל אויף שיר־השירים דערצויגן, און, פילנדיק אַזוי ווי שולמית, רייד איך אויף איר לשון...

3.

זי האָט איר קאָפּ אויפגעהויבן פון קישן, אָנגעשפּאַרט אים אויף איר האַנט. מיט דער צווייטער האַנט האָט זי אים אַרומגענומען. ער האָט לײַכט אײַנגעשלאָפן. זי האָט געוואַכט איבער אים.

ווען ער האָט זײַנע אויגן געעפנט, איז זי צוגעפאַלן צו זײַן ברוסט. ער האָט געגלעט אירע האָר, געקושט איר פּנים, איר האַלדז, אירע ברוסטן.

– ליבסט מיך נאָך אַלץ?.. – האָט זי געפרעגט.

ער האָט אויף דעם געענטפערט מיט צודריקן זי צו זיך און מיט נײַע קושן.

– און איך האָב זיך אַזוי געשראָקן פאַר דער דערפאַרונג, וואָס דאַרף קומען... – האָט זי געזאָגט.

– פאַרוואָס?

זי האָט ניט געענטפערט, נאָר אײַנגעגראָבן זיך מיט איר קאָפּ אין זײַן ברוסט.

ער האָט געזאָגט:

– ווי אַן אויג קאָן זיך ניט אָנזעטיקן מיט דעם ליכט פון דער זון, קאָן אַ האַרץ קיינמאָל זאַט ניט ווערן מיט ליבע. סײַדן דאָס ליכט שטאַמט ניט פון דער זון און סײַדן די ליבע שטאַמט ניט פון האַרצן... מײַן ליבע צו דיר, טאַמאַרע, שטאַמט אָבער פון די טיפסטע טיפענישן פון מײַן האַרצן.

ניַינצנטער קאַפּיטל.

דער זומער האָט לאַנגזאַם, טריט בײַ טריט, אָנגעהויבן האַרבסטיקן זיך און פֿון גרין אין גאָלד איבערצוגיין. דער גאָלדענער האַרבסט! אויף דעם וויקטאָריע=פּלאַץ האָט ער איבערקליידן אָנגעהויבן, און די לאַנגזאַמע איבערקליידונג האָט שאַליט באַאָבאַכטעט דורכן פֿענצטער פֿון זײַן צימער.

די בלעטער פֿון דיביימער האָבן אָנגעהויבן אַראָפּשיטן זיך, און וויפֿיל די גערטנער האָבן דעם פּאַרק ניט גערייניקט, האָבן דאָך גאָלדענע בלעטער דאָ און דאָרט פֿאַרדעקט די גרינקײַט פֿון גראָז, און בײַ דער אונטערגייענדיקער האַרבסטיקער זון האָט דער פּאַרק אויסגעזען ווי אַ רײַכער טעפּיך, אויסגענייט מיט גאָלד און פּורפּור, מיט גרין און זילבער און באַשפּרינקלט געדיכט מיט ליליען=פֿאַרב פֿון דער מיט חסד זון=באַשטראַלטער, שווערער, פֿײַכטער לאָנדאָנער לופֿט.

אין די נאָכמיטיקן, ווען לײַכטע נעפּלען האָבן געשלייערט דעם פּאַרק, האָבן די זון=שטראַלן זיך דורכגעריסן דורך זיי, ווי בונטן גאָלדענע סנאָפּעס. לאַנגע בונטן – ציען זיי זיך פֿון הימל און ביזקל דער ערד, אַקערן דורך די לופֿט, לאָזן איבער בייטן פֿון גאָלד און בייטן פֿון פּורפּור, נידערן אַראָפּ אויפֿן צעקודלעוועטן, פּורפּורנעם, האַרבסטיקן קאָפּ פֿון אַ דעמב און צינדן אים אָן מיט אַלערליי קאָלירן, וואָס צעגלאַנצן זיך אין דער אַרומיקער גרויקײַט ווי אַ מוראדיק גרויסער פֿאַרכּישופֿטער דימענט, וואָס גיט אַרויס פֿון זיך אָן אַ צאָל פֿאַרבן און וואַריאַציעס.

האַלב נאַקעט זײַנען שוין די קאַשטאַנענביימער געשטאַנען, און די טויזנטער פֿייגל=נעסטן אויף זייערע צווײַגן האָבן אויסגעוויזן ווי שוואַרצע פֿלעקן, אָנזאָגער פֿון דער קומענדיקער גרויקײַט, פֿון דעם לאָנדאָנער ווינטער, וועלכן עס האָבן שוין הפּנים געפֿילט די פֿייגל. און זיי האָבן זיך אין מחנות געקרײַזלט איבערן פּאַרק און אָנגעפֿילט די לופֿט מיט זייערע געשרייען און פֿליגל=גערוישן. פֿול איז געווען די לופֿט מיט דידאָזיקע געשרייען און גערוישן און זיי האָבן, דוכט זיך, געמישט זיך מיט די רײַכע פֿאַרבן פֿון הימל און ערד און געמאַכט די פֿאַרבן רוישיק און דעם גערויש – פֿאַרביק...

אַמאָל פֿלעגן אין פּאַרק ים=פֿייגל פֿאַרפֿליען און זיי האָבן געלויערט איבער די פֿיש פֿון דער אָזערע, און ווען עס האָט זיי איבערגעשראָקן

אַ פאַרבײַשווימענדיק שפּיל, האָבן זיי זיך אָװעקגעטראָגן צו די װאָלקנס און צוגעגעבן זייערע ליאַרעם־געשרייען צו די געשרייען פונם אָרום.

דאָ און דאָרט האָבן זיך אין דער זילבערנער בלויקייט פון דער אָזערע געשפּיגלט די הרחבותדיק־צעצווײַגטע ווערבעס, געטונקט זייערע אָראָפּהענגענ־דיקע גאָלד און גרינקייט אין די וואַסערן. און דיביימער פון אויבן און די ביימער, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט פון אונטן, האָבן זיך באַהעפט און גע־פלאָכטן אין אַ װוּנדערלעכן געוועב. און דאָסדאָזיקע געוועב האָט זיך געגרע־נעצט, אין אַ שאַרפן קאָנטראַסט און דאָך אין אַ װוּנדערלעכער האַרמאָניע, מיט די בלומען־פעלדער, וואָס האָבן נאָך אַלץ, ביז אָטעם־פאַרכאַפּונג, שעמערירט מיט דער רײַכקײַט און דעם געמיש פון זייערע טונקל־רויטע, פיאָלעטע, בלויע און געלבע פאַרבן.

אויף דער דאָזיקער עשירות האָט שאַליט יעדן טאָג געקוקט און זי נאָכגעפאָרשט דורכן פענצטער פון זײַן צימער און פון לעבן זײַן אַרבעטס־טיש. אומבאַוווּסטזיניק האָט ער דאָס אַלץ באַנומען און דערפון הנאה געהאַט, וואָרים ער האָט אין דערזעלביקער צײַט מיט התמדה געאַרבעט אויף זײַן נײַעם בוך, וואָס ער האָט אַ נאָמען געגעבן: „די ראָמאַנטיש־אידעאַליסטישע זײַטן פון רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען.” דאָס בוך האָט ער קאַפּיטלעכווײַז געדרוקט אין דעם נײַעם יידישן וואָכנבלאַט, וואָס האָט אָנגעהויבן דערשײַנען אין לאָנדאָן. דאָסדאָזיקע וואָכנבלאַט, וואָס האָט געזאָלט זײַן דאָס לעצטע וואָרט פון דעם פרײַען געדאַנק אין דער יידישער ליטעראַטור, האָט אַרום זיך פאַרזאַמלט די יונגע און ענטוזיאַסטישע יידישע שרײַבער, מאָלער, מוזיקער און שוישפּילער, וואָס די מלחמה האָט זיי צונויפגעבראַכט קײַן לאָנדאָן פון גאַנץ אייראָפּע און וועלכע האָבן געוואָלט אַרויסזאָגן אַ פרײַען געדאַנק, פאַר וועלכן זיי האָבן קײַן פלאַץ ניט געפונען אין דער אָפּגעשטאַנענער, קלערי־קאַלער, שאָוויניסטישער לאָנדאָנער יידישער פרעסע.

דידאָזיקע געדרוקטע אַרטיקלען, ווו שאַליט האָט פּרובירט מאַכן אַ פשרה צווישן מאַטעריאַליזם און אידעאַליזם און ווו ער האָט זייער געלונגען מאַנע־ווּרירט פון העגעלן צו מאַרקסן און פון בערגסאָנען צו לענינען, — האָבן געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אין לאָנדאָן, און אַרום זיי האָבן זיך געפירט היציקע דיסקוסיעס. אין דער לאָנדאָנער יידישער וועלט, וואָס איז געווען ברויזיק און היציק דורך די מוראדיקע היסטאָרישע געשעענישן פון יענער צײַט: פון דער רוסישער רעוואָלוציע, פון דער מלחמה, פון דעם יידישן לעגיאָן, — האָבן זיך מיט אימפּעט אויפגעכאַפּט פון שלאָף און זיך צוריק אין לעבן אַרײַנגעוואָרפן די פאַרשיידענע ענטוזיאַסטישע פּאַרטייען, וואָס זײַנען אַהער אַראָפּגעבראַכט געוואָרן פון דעם רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד און פון דער קולטור־ציוניסטישער און פּאָליטיש־ציוניסטישער יידישער מזרח־

איירָאפּע און די סכסוכים צווישן די פאַרשיידענע אידעאַליסטישע, מאַטעריאַ־ליסטישע, נאַציאָנאַליסטישע און האַלב און גאַנץ אַסימילאַטאָרישע פּראַקציעס זײַנען געוואָרן היציק און פלאַמיק. און שאַליטס אַרטיקלען, געשריבן אין אַ ריין ווייסנשאַפטלעכן און נײט־פּאָלעמיזירנדיקן סטיל, — זײַנען געווען צײַטיק און זיי האָבן געבראַכט אַ סך קלאָרקײט אין זאַכן, וואָס זײַנען ביז דאַן אומקלאָר געווען.

אין דעם געריויש פון אַלע אַנדערע וועלט־געשעענישן, ווען אויף דער וואָגשאָל פון די שלאַכט־פעלדער זײַנען געשטאַנען מוראדיק גרויסע פּראָ־בלעמען, האָבן די פאַרהעלטענישן אין רוסלאַנד פאַרנומען דעם אויבנאָן. יעדעס ברעקל נײַס פון דאָרט, וואָס האָט זיך נאָר אַדורכגעריסן אויסגעמאָגערט און אַרומגעשונדן דורך די צענדליקע זיפּן פון דער מיליטערישער צענזור, — האָט מען געשלונגען בײַגעריק. אין רוסלאַנד האָט געברויזט און די עכאָס פון דעמדאָזיקן ברויזן האָבן אָפּגעקלונגען איבער אַלע לענדער דורך די אײַנגעהאַלטענע אָטעמס פון די פאַרשטיקטע רעוואָלוציעס, וואָס האָבן זיך דאָ און דאָרט געלאָזט הערן פון אונטער די מיליטערישע פויסטן און דורך דעם קנאַלן פון קאַנאָנען און פּאַטריאָטישע אַגיטאַציעס. האָט זיך געהערט, אַז עפּעס איז אין דײַטשלאַנד נישט גלאַטיק. עפּעס איז אין עסטרײַך נישט כשורה, און קרעכצען און וואַקלען זיך האָט אָנגעהויבן אויך אין ענגלאַנד און אויך אין פראַנקרײַך, — קרעכצען, אַזוי ווי עס קרעכצעט דער פאַרפרוירענער טײַך, ווען ער דערפילט שוין דעם אָטעם פונם פרילינג, וואָס הייבט שוין אָן ברעכן דאָס אײַז.

די רוסישע פּאָליטישע עמיגראַנטן אין ענגלאַנד האָבן מיט ענטוזיאַזם אָנגענומען די אײַנלאַדונג פון דער צײַטווײַליקער רוסישער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג צוריקצוקערן זיך אַהיים. צו רעגולירן די עמיגראַציע האָט זיך אונטערגענומען דער דעלעגאַטן־קאָמיטעט, וועלכער איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן פון פאַרטרעטער פון אַרבעטער־פּאַרטייען און פון געווערקשאַפטן־פאַריינען. שאַליט, אַלס איינער פונם סעקרעטאַריאַט פונם קאָמיטעט, איז געווען פאַרוואָרפן מיט אַרבעט. הונדערטער נײַע אַפּליקאַציעס זײַנען אָנגעקומען יעדן טאָג און ס'איז זייער שווער געווען צו באַשטימען, צי די אַפּליקאַנטן זײַנעןווירקלעך געווען פּאָליטישע עמיגראַנטן. וואָרים אַ סך פון זיי האָבן זיך גאָר קיינמאָל נישט באַטייליקט אין דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועג־גונג, נאָר איצט זײַנען זיי מיטגעריסן געוואָרן מיטן שטראָם און זיי האָט זיך געוואָלט צוריקקערן זיך צו זייער היים, וועלכע האָט געשײַנט מיט אַזוי־פיל גלאָרי אונטער די שטראַלן פון דער אויפגייענדיקער פרײַהײַט־זון. אַזעלכע עמיגראַנטן זײַנען נישט געווען באַרעכטיקט צוריקצוקערן זיך אַהיים אויף די הוצאות פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג. אַזעלכע עמיגראַנטן

האָט מען ניט געטאָרט צולאָזן, אַז זיי זאָלן פאַרנעמען דעם טײַערן באַגרע־נעצטן פּלאַץ אויף די שיפן. מחמת שיפן זײַנען געווען וויניק און די צאָל פון עמיגראַנטן — אַ סך, האָט מען געדאַרפט אורטיילן, ווער עס איז בילכער געווען.

שאַליט האָט געאַרבעט פון פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט. ער האָט געפירט דעם סעקרעטאַריאַט, באַזוכט מיטינגען, געהאָלפן רעדאַקטירן דאָס וואָכנבלאַט, געשריבן אַרטיקלען. דאָס אַלץ האָט ער געטאָן מיט זײַן געוויינט־לעכער ענערגיע, וועלכע איז איצט, אונטער דעם אײַנפלוס פון טאַמאַרען, אַ סך אינטענסיווער געוואָרן. אין סאַמע מיטן פון זײַן אַרבעט פלעגט טאַמאַרעס געשטאַלט פאַרבײַשוועבן פאַרבײַ זײַנע אויגן און אָנפילן זײַנע חושים מיט אַן אָנגענעמער וואַרעמקײַט, און אַלץ, וואָס ער האָט געטאָן, איז געווען ווי אַ חלום, וווּ טאַמאַרע איז די הויפּט־זעונג געווען.

ער האָט זיך מיט איר באַגעגנט יעדן טאָג, און די פאַרבראַכטע צײַט מיט איר האָט אין אים אַרײַנגעטאָן פרישע ענערגיע. זי האָט זיך צוגעפּאַסט צו זײַן געשמאַק, זי האָט הנאה געהאַט פון אַלץ, וואָס אים איז געפעלן געוואָרן. זי האָט געהאַט דיזעלביקע פאַרלאַנגען און האָט צוגעגעבן זיסקײַט און באַחנטקײַט צו אַלע זײַנע געדאַנקען און טווּנגען. ער האָט באַוווּנדערט די רײַכקײַט פון איר נשמה. קוואַלן פון נײַע אַנטפּלעקונגען האָבן פון איר פאַר אים געשטראָמט. ער האָט זיך מיט איר מישב געווען מכוח זײַנע ליטע־ראַרישע אַרבעטן. אירע סוגעסטיעס זײַנען תמיד געווען אַמפּלאַץ. דורך איר האָט ער אָנגעהויבן זען זאַכן, וואָס ער האָט פריער ניט באַמערקט. ער, וועלכער האָט ביז איצט פאַרקוקט זיך בלויז אויף מאַכטיקע דעמבעס, האָט איצט אָנגעהויבן פאַרשטיין אויך דעם ווונדער פון קליינע, מאָגערע פעלד־בלומען... דורך דער צײַט, וואָס זיי האָבן פאַרבראַכט צוזאַמען, האָבן זיך געמישט ערנסטע געשפּרעכן מיט שפּילן און פלוידערײַען, ווי זיי וואָלטן קינדער געווען, און אַלץ איינינעם האָט זיך אים אויסגעוויזן ווי אַ וווּנדער־לעכע קונסט־אַרבעט, וואָס איז אַזוי פאַרצווײַגט. דאָס קערנדל פון דער קונסט־אַרבעט איז געווען טאַמאַרע און די איבעריקע אַרבעטן זײַנען געווען אירע פאַרצווײַגונגען, וועלכע האָבן צוגעגעבן בילדלעכקײַט צום ווערק. ס'איז געווען אַ וווּנדערלעכע וועלט פון שטימונגען און אידעען. ער האָט איר דערציילט מכוח זײַנע פּלענער פאַר נײַע אַרבעטן. ער האָט באַוווּנדערט איר אַרטיסטישן געשמאַק. אירע באַמערקונגען זײַנען געווען לאָגיש און זאַכלעך, אירע סוגעס־טיעס האָבן באַרײַכערט זײַנע פּלענער.

די פרײַע טעג — די זונטיקס און יום־טובים — האָבן זיי פאַרבראַכט צו־זאַמען. זיי האָבן שפּאַצירט איבער די קונסט־גאַלערעעס, באַזוכט מוזעומס, געגאַנגען צו קאָנצערטן און טעאַטער־פאָרשטעלונגען. אַמאָל פלעגן זיי אַרויס־

פֿאָרן אויסער דער שטאָט. ס'האָט זיי זייער הנאה געטאָן אַרויסצורײַסן זיך אויף אַ ווײַלע פֿון דעם טומל פֿון שטאָט און איבערלאָזן הינטער זיך די מיליאָנען לאָנדאָנער קוימענס, וואָס האַלטן אין איין אַרויסהויכן פֿון זיך שטראָמען רויך. אין די שאָטנס פֿון עפּינגער-וואַלד און אויף די לאָנקעס, וואָס שפּרייטן זיך אין צפֿון פֿון לאָנדאָן, האָט ער געפֿילט, ווי ער וואָלט זיך געהאַט אַרויסגעריסן פֿון זיך זעלבסט און איז פֿאַרלוירן געוואָרן אין איר, אין טאַמאַרען.

איינמאָל זײַנען זיי אָנגעקומען קײַן קיו-גאַרדנס, אין אָט דעם הערלעכן לאָנדאָנער פּאַרק, וואָס האָט זיך פֿאַרשפּרייט מיט זײַנע קאַשטאַנען-ביימער, צעדערן, בלומען-פֿעלדער און לאָנקעס בײַם ברעג פֿון דער טעמז און מערב-גרענעץ פֿון שטאָט. זיי האָבן געשטיפֿט ווי קינדער, געקײַקלט זיך אויפֿן גראָז, געקלעטערט אויף די ביימער. שפּעטער האָבן זיי גענומען אַ שיפֿל און זײַנען אַוועקגעפֿאָרן איבער דער טעמז מיטן שטראָם אַרויף. אויפֿן טײַך איז געווען לעבעדיק. שיפֿלעך האָבן אים געשניטן אין אַלע ריכטונגען. זיי האָבןביידע געראָדערט. דאָס שיפֿל איז געווען אַ לײַכטע און ס'האָט זיך שנעל געגליטשט איבערן וואַסער. זיי זײַנען פֿאַרבײַגעפֿאָרן קיו, איבערגעלאָזט הינטער זיך ריטשמאָנד. דער טײַך איז שוין געוואָרן איינזאַמער: שיפֿלעך האָבן זיך זעלטענער באַגעגנט; די ברעגן פֿון טײַך זײַנען געוואָרן העכער און געדיכט באַוואַקסן מיט הויכע ווערבעס, וואָס האָבן אינגאַנצן פֿאַרשטעלט די פּאַנאָראַמע.

זיי זײַנען אַרונטערגעפֿאָרן אונטער גרויסע צווײַגן פֿון ווערבעס, וואָס זײַנען געהאַנגען נידעריק איבערן וואַסער און זײַנען אַזוי געדיכט געווען, אַז זיי האָבן פֿאַרשטעלט הימל און טײַך. דאָס שיפֿל איז געבליבן שטיין און האָט זיך געוויגט איבער די כוואַליעס. די זון איז געשטאַנען אין מיטן הימל און שאָטנס האָבן געגלעט די גרוי-בלוילעכע וואַסערן פֿון דעם טײַך. דאָס זײַנען די שאָטנס פֿון די ביימער געווען, וואָס האָבן זיך וווּנדערלעך פֿאַר-שפּרייט אין זייערע פֿאַנטאַסטישע דעקאָראַטיווע ליניעס. דאָ און דאָרט האָט זיך פֿאַרגנבעט אַ זונשטראַל און אַרײַנגעבראַכט גאָלד אין דער גרינקײַט פֿון די שאָטנס. ערגעץ פֿון אַ זײַט האָט אָפּגעהילכט דאָס שטראָמען פֿון אַ קליינעם קוואַל, געפֿאַלן פֿון שטיינדל צו שטיינדל, גערוישט און צוזאַמען מיט די גרילצן פֿון פֿייגל געשאַפֿן די מוזיקאַלישע סימפֿאָניע פֿון דער פֿרײַער נאַטור. די לופֿט איז געווען פֿריש און לײַכט. אַ דאַמפֿשיף האָט זיך פֿאַרבײַ-געטראָגן, אַדורך מיט אימפּעט, צעאַקערט די רויִקע וואַסערן.

דאָס שיפֿל האָט זיך שטאַרק צעוויגט.

טאַמאַרע האָט אָפּגעבראָכן אַ צווײַגל פֿון דער ווערבע און מיט אים געאַקערט דאָס וואַסער. דאָס וואַסער האָט באַוויזן אַ ווידערשטאַנד און דאָס צווײַגל האָט זיך געבויגן.

שאַליט האָט פונאַנדערגעפּאַקט דאָס עסן, וואָס זיי האָבן מיטגענומען: סאַנדוויטשעס און אַ פלאַש ווײַן.

— פון קינדווײַז אָן האָב איך געליבט דאָס וואַסער, — האָט טאַמאַרע געזאָגט. — די ליבע האָט אין מיר אַנטוויקלט דער טײַך פּרוט, אויף וועמענס ברעגן אונדזער הויז איז געשטאַנען. מײַן ליבע צו וואַסערן איז אָבער קיינמאָל אַזוי שטאַרק ניט געווען ווי איצט. ווי אָנגענעם דאָ איז!

זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן אים. ער האָט געקושט איר שטערן.

זי האָט פאַרמאַכט די אויגן. ער האָט אַרײַנגעקוקט אין איר פּנים און זײַן בליק האָט זיך געגליטשט ווײַטער: אויף איר רויזן האַלדז, אויף אירע בריסט, וואָס האָבן זיך געזען פון אונטער דער לויזער בלוזקע, אויף איר טאַליע, אויף אירע פיס, וואָס זי האָט אויסגעצויגן איבערן שיפל.

ווי שיין זי איז! ווי באַחנט עס זײַנען אירע ליניעס! אין זײַנע אויערן האָט געקלונגען איר מעלאָדישע, קלינגענדיקע שטימע. שאַליט, וועלכער איז געווען אַזוי עמפּפינדלעך צו ריטם און מוזיק, — האָט צו אים איר שטימע אַפּעלירט ווי דער קלאַנג פון אַ נאָבעלן מוזיקאַלישן אינסטרומענט, ווי דער ריטם פון אַמתדיקער פּאָעזיע. אוי, ווי ער ליבט זי! און ניט נאָר ליבע איז עס, נאָר אויך אַ כּוח, וואָס באַרוישט, באַצויבערט, פאַרנעמט אַלע געדאַנקען און געפילן.

— ביסטו זיכער, אַז דו ליבסט מיך ווירקלעך אַזויפיל?.. — האָט זי בײַ אים שפּילעוודיק געפרעגט. און באַלד האָט זי אַליין און שוין ערנסט געענטפערט:

— יאָ, דו מוזט מיך אַזויפיל ליבן!.. וואָרים ס'וואָלט אוממעגלעך געווען, אַז דער שטראָם פון ליבע, וואָס פליסט מיט מוראדיקן כּוח פון יעדן ברעקל פון מײַן לײַב און לעבן, זאָל דיך ניט אָנשטעקן. און ווען דײַן ליבע זאָל זײַן אַפילו אַ קליינער טייל פון מײַנער, דאַרף זי אויך זײַן אַזוי שטאַרק, ווי דו דריקסט זיך אויס...

זי האָט אַ גליקלעכע געקוקט אויף אים און זיך צו אים געצויגן מיט איר גאַנצן קערפּער און מיט דער פולקײַט פון איר רײַכער נשמה.

שפּעטער, אין משך פונם געשפּרעך, האָט זי אים געשטעלט די פראַגע, ווי קומט עס, וואָס ער, מיט אַזויפיל נאָבעלן געשמאַק פאַר ריטם און שיינקײַט, האָט ניט פּרובירט צו שרײַבן בעלעטריסטיק און גיט זיך אָפּ בלויז מיט פּובליציסטיק.

— פאַרוואָס? ווײַל איך האָב מורא. איך שאַץ צופיל קונסט און איך שטעל איר צופיל פאָדערונגען, אַז איך זאָל וואַגן צו פאַרמעסטן מײַנע אייגענע פעיִקײַטן מיט די פאָדערונגען, וואָס איך שטעל צום קינסטלער. קונסט דאַרף זיך אויפהייבן העכער פון דאָס סאַמע נאָבלסטע, וואָס איז דאָ אינם

מענטשן, און אויך דאָס איז ניט גענוג: קונסט דאַרף צונויפנעמען אַלע טיפקײַטן פון מענטשן, באַטור און זעונגען און קאָנדענסירן עס אין איין שאַפונג. קונסט דאַרף צונויפנעמען הימל און ערד, צײַט און רוים און אַרויס־שטעלן עס אין אַ שטח, וואָס איין אויגנבליק קאָן פאַרנעמען. פובליציסטיק לייגט פונאַנדער אַ זאַך אויף אירע טיילן. דאָס איז פאַרהעלטניסמעסיק לײַכט. קונסט דאַרף אָבער טאָן דאָס פאַרקערטע – צונויפשטעלן אַ בנין פון צופעליקע ברעקלעך. צו דעם פאָדערט זיך געניאַלע אַרכיטעקטאָניק. דאָס איז מוראדיק שווער. מיט אַזעלכעס האָב איך מורא צו פאַרמעסטן זיך.

און נאָך אַ קורצער פויזע האָט ער ווי פאַרשעמט זיך מודה געווען:

– אַמאָל שרײַב איך יאָ בעלעטריסטיק, אָבער צום דרוק גיב איך עס ניט. איך האָב מורא. וואָרים אָט, למשל, קוק איך אויף דיר און איך זע אין דיר קוואַלן פון שיינקײַטן; אָט טראַכט איך אין זיך אַרײַן און איך זע קוואַלן פון געפילן. ווי זאָל איך אָבער נעמען ווערטער אויף אויסצודריקן עס אין זייער פולער טיפקײַט? יעדן טאָג אַנטפלעקן זיך פאַר מיר אין דיר נײַע קוואַלן פון שיינקײַטן. זיי איבערראַשן מיך מיט זייער פילפאַכיקײַט. און אַזוי אויך ווערן אין מיר געשאַפן נײַע וווּנדער, און עס ווערט אין מיר אויך גע־שאַפן די שיינקײַט פון דער פעיִקײַט פון באַנעמונג, די וווּנדערלעכקײַט פון דער באַנעמונג־פעיִקײַט פון דער נשמה און די אַנטפלעקונגען, וואָס ווערן דערגרייכט דורכדעם. און דאָס אַלץ קומט אין שטראָמען, און די שטראָמען זײַנען אומדערשעפלעך, – ווי קאָן איך דאָס אַלץ אויסלייגן אין ווערטער, אין אַ דערשעפטער פולקאָמער פאָרם?.. דאָך פיל איך אין זיך יאָ, פון צײַט צו צײַט, אַ לוסט צו שרײַבן. אַ טעמע קומט, אַ שטימונג אַזאַ און זי גריבלט זיך אין מיר, עקבערט מיך. איך ווער אומרויִק און קאָן זיך ניט באַרויִקן, סײַדן איך שרײַב עס אָן...

זי האָט געענטפערט:

– די וועלט גופא איז צונויפגעשטעלט פון אַטאָמען. און אַזוי ווי איין בוים קאָן ניט כולל זײַן אַלעביימער פון דער וועלט, קאָן איין בוך ניט כולל זײַן די דערפאַרונג פון דער וועלט. טויזנטער מוראַשקעס בויען אַ מו־ראַשניק און טויזנטער שרײַבער בויען אַ ליטעראַטור...

שאַליט האָט זיך פאַרענטפערט:

– איך האָב ניט געמיינט, אַז אַ בוך דאַרף כולל זײַן די דערפאַרונג פון דער גאַנצער וועלט, אָבער וואָס איך האָב יאָ געמיינט איז, אַז אַ ווערק דאַרף כולל זײַן אַלץ, וואָס איז אין דעם גדר פון דער פאַרנומענער טעמע, און דאָס אַליין איז שוין אַ גרויסער ענין. אויסצושעפּן אַ טעמע האָט זיך

באַך קיינעם ניט איינגעגעבן. ניט אַפילו די סאַמע גרעסטע. אַפילו שעקס־פּיר האָט זיך געקליגט צו טויטן זײַן ראָמעאָ און דזשוליעט, ווײַל ער האָט קײַן כּוח ניט געהאַט צו דערשעפּן זייער ליבע בײַ זייער לעבן... און ווײַל שרײַבער פילן זיך אומבאַהאָלפן, דערפאַר וואַרפן זיי זיך אויף אַלע זײַטן און זוכן נײַע שולן, נײַע פאָרמען פאַר זייער אויסדרוק. יעדע נײַע שול, יעדע נײַע ריכטונג ווערט געבוירן מיט אַ טרומייטערײַ, מיט אַ שופר־דמשיחא, און קיינער פון זיי וויל זיך דעם אמת ניט מודה זײַן, אַז דאָס איז זייער אומבאַהאָלפנקײַט און פאַרבלאָנדזשעניש, וואָס באַאײַנפלוסט זיי צו זוכן נײַע וועגן... נו, און איך? – איך בין זיך מודה, אַז איך פיל, אַז איך בין אַפילו קײַן שרײַבער פון דער צווייטער מדרגה אויך ניט. אפשר פון דער דריטער און – אפשר גאָר פון דער פערטער... טאָ צו וואָס אַרײַנברענגען אויך מײַן שטימע אין דער קאַפּעליע, וואָס גרילצט שוין אַזוי אויך גענוג?.. אַבי צו זײַן איינער פון דער מחנה?..

ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגער.

– שוין פיר אַזייגער... מיר מוזן זיך אומקערן. איך האָב פאַררופן אַן אַסיפה אויף זיבן און איך וויל ניט פאַרשפּעטיקן.

די לעצטע צײַט האָט ער אָנגעהויבן פאַרשפּעטיקן צו די אַסיפות. אויף אַן אַנדערן וואָלט מען עס ניט באַמערקט – אויף אים באַמערקט מען עס יאָ. ער אַנטשולדיקט זיך דערמיט, וואָס ער איז פאַרנומען מיט אַ סך אונטער־נעמונגען און דערפאַר קאָן ער פּינקטלעך ניט אויסרעכענען די צײַט. אָבער ער טאָר ניט איבערטרײַבן.

פּלוצים האָט ער זיך דערמאָנט:

– ווייסטו, פון וועמען איך האָב דערהאַלטן אַן אַפּליקאַציע צו פאָרן קײַן רוסלאַנד? – פון אַדאָלפן... געדענקסטו, איך האָב דיר מכּוח אים דער־ציילט, ווען מיר זײַנען געווען צווישן די בערג אין סקאָטלאַנד? איך בין ניט זיכער, אַז עס איז דערזעלביקער, אָבער לויט אַלע סימנים איז דאָס ער. ער איז אין מאַנטשעסטער און באַלד וועט ער מן־הסתּם קומען אַהער, קײַן לאָנדאָן. ווען איך וועל אים זען, וועל איך אים געוויס דערקענען. איך בין זייער נײַגעריק צו טרעפן זיך מיט אים ווידער אַמאָל.

בעת ער האָט עס איר דערציילט, האָבן זיי ביידע געראַדערט. זי איז געזעסן פון פאָרנט אויפן שיפל און דערפאַר האָט ער ניט געקאָנט באַמערקן, ווי בלייך זי איז געוואָרן. ער האָט אָבער יאָ באַמערקט, אַז זי האָט פאַרלוירן דאָס גלײַכגעוויכט אין איר רודערן. און ער האָט בײַ איר געפרעגט, צי זי איז מיד.

יאָ, איך בין מיד. – האָט זי געענטפערט און זי האָט אַרײַנגעצויגן די רודערס.

זי האָט אַראָפּגעלאָזט די הענט אין וואַסער און זיי דאָרט געבאָדן. און אין האַרצן האָט זי פאַרזאָרגט... איך ווער פאַרפלאָגט... דאָס שיקזאַל פאַרפאָלגט מיך...

צוואַנציקסטער קאַפּיטל.

אַרומנעמענדיק און קושנדיק זי, האָט ער באַמערקט, אַז אירע אויגן זײַנען רויט. זי האָט געוויינט. און ס'איז ניט צום ערשטן מאָל. שוין אַ וואָך צײַט, ווי ער מערקט, אַז אַ טרויער פרעסט איר האַרץ. דורך אויסדרוקן פון ליבע און געטרײַשאַפט האָט ער זיך אָנגעשטרענגט אַוועקצונעמען איר טרויער. ס'האָט זיך אים טאַקע אַמאָל אײַנגעגעבן אַרײַנצופירן זי צוריק אין יענער זאָרגלאָזער שטימונג, אין וועלכער זי האָט זיך צו אים פון אָנהייב אָן, באַלד נאָך איר קומען קײַן לאָנדאָן, אַנטפּלעקט, און איר אַלטע מוטיקײַט האָט זיך צו איר צוריקגעקערט, אָבער סע האָט ניט לאַנג אָנגעהאַלטן. זי פלעגט באַלד צוריק אײַנהילן זיך אין איר שטימונג, ווי עטוואָס טרויעריקס וואָלט פּלוצים צוגעשוווּמען צו איר זעונג, און זי פלעגט ווידער ווערן מעלאַנכאָליש. זי האָט זיך אָנגעשטרענגט צו פאַרבאָרגן אירע שטימונגען, אָבער זײַן פאַרדעכטיקײַט און נײַגעריקײַט האָבן זיי דאָך געקאָנט אַנטפּלעקן. אַפילו אין דעם שטייגער פון איר טוליען זיך צו אים האָט ער שוין מער ניט געזען דעם אַמאָליקן אויסדרוק פון ליבע, נאָר געמערקט, ווי זי וואָלט דורך דעם געזוכט צו שיצן זיך בײַ אים.

האָבנדיק אַ געפיל פון דרך־ארץ פאַר אירע פּריוואַט־אינטימע זאַכן, האָט ער בײַ איר צוערשט גאָרנישט געפרעגט. ער האָט אָבער געוואַרט, אַז זי אַליין וועט פאַר אים דעם ענין אויפקלערן, אָדער, לכל הפחות, געבן אים אָנצוהערענישן מכּוח אים. אפשר איז עס אַן אינטים פרויענטלעכער שטייגער — די פּרוכט פון זייער ליבע און אַ רעזולטאַט פון זייער אומפאָרזיכטיקײַט?.. האָט ער זיך אָבער באַלד איבערצײַגט, אַז ס'איז ניט דאָס. האָט ער אָנגעהויבן אומרויִקער ווערן און לסוף האָט ער זיך דערלויבט צו פרעגן בײַ איר. זי האָט אָבער אָנשטאָט צו ענטפערן אים אײַנגעטוליעט זיך אין אים מיט איר גאַנצן וועזן און ער האָט געפילט, אַז איר האַרץ קלאַפּט מיט דערזעלביקער ווונדערלעכער ליבע ווי פון אַמאָל. האָט ער אויפגעהערט פרעגן. אָנשטאָט דעם האָט ער מיט איר פאַרפירט אַ שמועס מכּוח אַ זײַטיקן ענין. אָבער באַלד איז זי ווידער אַרײַנגעפאַלן אין איר שטימונג און זי האָט אַרויסגעצײַגט זייער ווייניק אויפמערקזאַמקײַט צו זײַן דערציילונג. האָט ער שוין מער ניט געקאָנט אײַנהאַלטן זיך און ער האָט געזאָגט:

— ספקות דערוועקן זיך אַמאָל אַפילו בײַ די גאָטספאַרכטיקסטע. מעג איך דאָך אַוודאַי צווייפלען... פרײַנטשאַפט ווערט געפּרוווט דורך דער מאָס פון צוטרוי, וואָס ווערט איר געשאָנקען... טאַמאַרע, איך מערק אַן ענדערונג אין דיר. אונטער אַלע אומשטענדן בין איך קודם כל דײַן פרײַנט. שענק מיר דײַן צוטרוי! דערצייל!

און זי האָט, נאָך אַ קורצן ישוב־הדעת, געענטפערט:

— דערציילן... וואָס קאָן איך דערציילן? אפשר זעסטו מער פון מיר? איך זע קיין זאַך ניט. זעט מען דעם ווינט אין פעלד?.. דעם ווינט פילט מען, לכל הפחות, ווײַל מע ווערט פון אים געשלײַדערט. פאַראַן אָבער ווינטן, וועמענס בלאָזן מע פאַרנעמט ניט און דאָך איבן זיי אויס זייער ווילן אויפן מענטשן... שאַליט, גלויב מיר, אַז ס'איז קײַן איין זאַך ניטאָ, אויף וועלכער איך זאָל זײַן באַוווסטזיניק און וואָס זאָל שאַפן אומצופרידנקײַט אין מיר. דו, וועלכער האָט מיר גליק געבראַכט, דערשײַנסט פאַר מיר גרעסער מיט יעדן טאָג, און דורכדעם שטײַגט אויך מײַן הנאה. דו גיסט מיר מער, איידער מײַן גרעסטער פאַנטאַסטישער פאַרנעם האָט זיך אַמאָל פאָרגעשטעלט. דאָך — בין איך זיך מודה — קלעמט אַמאָל מײַן האַרץ. איך האָב מורא... פאַרוואָס, ווייס איך ניט. מיר דוכט זיך, אַז אַ מענטש טאָר אַזויפיל ניט גליק־לעך זײַן... מיר דוכט זיך, אַז איך גנבע גליק... און פאַר גנבות מוז מען אַמאָל באַצאָלן... אַפילו ווען מע גנבעט פון זיך זעלבסט... וואָרים עס קאָן דאָך ניט געמאָלט זײַן, אַז איינער זאָל דערגרייכן דעם שפּיץ באַרג און נאָך אַלץ ניט אויפהערן קלעטערן צום אַרויף... מוז מען דאָך במילא אָנהייבן אַראָפּלאָזן זיך... אָנהייבן גיין באַרג אַראָפּ... און דאָס פילט אָן מײַן האַרץ מיט שרעק! און אפשר דוכט זיך מיר בלויז, אַז אַזוי איז עס?.. אפשר איז עס עטוואָס אינגאַנצן אַנדערש... וואָרים איך האָב דאָך דיר געזאָגט, און דאָס איז אמת, אַז איך ווייס אַליין ניט, וואָס עס נאָגט מײַן האַרץ. אָבער אַזוי ווי דידאָזיקע ניט קלאָרע, ניט אויסגעקריסטאַליזירטע געדאַנקען און ספקות, ווי אויך אַנדערע ענלעכע צו זיי און פון דעם זעלביקן מין, קומען אָפּט מיר אויפן זינען, ווײַל איך דורך זיי מײַן טרויער אויסטײַטשן... אפשר איז עס עטוואָס אַנדערש, און דידאָזיקע געדאַנקען קומען אויפן אָרט פון דעם שוין פאַרטיקן טרויער?.. איך מיין צו זאָגן, אַז אפשר רופט דער טרויער די געדאַנקען אַרויס און ניט פאַרקערט...

— טאַמאַרע, דו ביסט ניט לאָגיש!

— אמת, איך בין ניט לאָגיש. איך ווייס עס. מענטשן טאָרן קײַן קשיות ניט פרעגן - זיי דאַרפן נעמען... אַלץ איז מײַנס, וואָס ס'איז מײַנס... וואָס מײַנס איז, ווערט פונם צווייטן ניט גענומען, ווײַל איך בין אין זיך און צו זיך... איך געהער צו קיינעם ניט אַחוץ צו זיך. מײַן אייגן ווילן, און בלויז ער, קאָן

מיך אָפּגעבן צו עמיצן אַנדערש. אָבער אָפּגעבן זיך קאָן איך בלויז דאַן, ווען ס'איז דאָ אין מיר דער גרויסער חשק דערצו, און דער חשק שטאַמט פון מײַן אויבעראיך, פון דעם באַוווסטזײַן, וואָס איז אין דרויסן פון מיר, פון מײַן באַוווסטזיניקן איך... און אויב מײַן אויבערבאַוווסטזײַן פירט מיך אַמאָל אין ערגעץ און שפּעטער פירט ער מיך פון דאָרט צוריק, קאָן איך צו זיך, צו מײַן באַוווסטזיניקן איך, קײַן טענות ניט האָבן ... דאָס איז מחמת איך קאָן איבער אָטאָדעם איבערבאַוווסטזײַן קײַן שליטה ניט האָבן... און ווען איך טענה אַפילו יאָ צו אים, ענטפערט ער אויך ניט אויף מײַנע טענות... מיר זײַנען – איך מוז דײַנע ווערטער ציטירן – אַ בלינדער אינסטרומענט פון אונדזער אייגענעם חשבון־הנפש. מיר זײַנען אַ ווילן פון אַן אומבאַקאַנטן, אונדז דיקטירנדיקן דרויסנדיקן ווילן... אונדזער ווילן איז ניט מער ווי אַ צופּאַסונג צו די געזעצן פון דעמדאָזיקן ווילן... אָבער דאָס איז אַ זײַטי־קער ענין. די הויפּטזאַך איז, וואָס מיר זײַנען אין אַ טאָפּלטקײַט ניט באַשאַפן. מע קאָן ניט נעמען און געבן... גיט מען, בלײַבט פאַר זיך גאָרנישט... סײַדן מע טוישט זיך... און אַז מע טוישט זיך, איז מען בלויז דאַן צופרידן, ווען מע נעמט ווערטיקס צוריק... אָבער ווי אַזוי איז, אַז מע שלאָגט מיר פאָר אין אויסטויש אַזעלכעס, וואָס האָט פאַר מיר קײַן ווערט און איז מיר אַפילו דערווידער, און מע פאָדערט פון מיר אַזעלכעס, וואָס איז מיר אַזוי טײַער ?.. זאָל איך נאָכגעבן, וועט מיר גאָרנישט איבערבלײַבן... שעם איך זיך פאַר מײַן אויסגעליידיקטקײַט... און דאָ, אין דערזעלביקער צײַט, קומט מען פון דער אַנדער זײַט און מע שלאָגט פאָר אַזוי פיל עשירות!.. ...זאָל איך זיך אָפּזאָגן ?.. איז עס נויטיק אָפּצוזאָגן זיך ?.. קשיות... סודות... ספקות...

שאַליט האָט זיך אָנגעשטרענגט צו פאַרשטיין. ער האָט געפּרוווט פון די אָפּגעריסענע געדאַנקען און צעריסענע רינגעלעך צונויפצופלעכטן אַ קייט. ער האָט אָבער ניט געקאָנט.

– טאַמאַרע, איך פאַרשטיי ניט...

– דו פאַרשטייסט ניט... איך ווייס... סע קאָן גאָר אַנדערש ניט זײַן. איך פאַרשטיי אַליין אויך ניט... הלואי וואָלט איך יאָ געקאָנט פאַרשטיין ?..

און זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן דיל לעבן אים, אײַנגעטוליעט אירע באַקן אין די דלאָניעס פון זײַנע הענט און אַזוי, קוקנדיק אויף אים פון אונטן אַרויף און מיט טרערן אין די אויגן, האָט זי געפרעגט:

– שאַליט, זאָג מיר, איז דײַן ליבע צו מיר שטאַרק גענוג בײַצושטיין נסיונות ?

– דהײַנו ?

– אָט, למשל, דעם רייץ פון אַ לילית ?

– די רייצן פון אַ לילית האָבן מיך קיינמאָל ניט געריייצט.

– אָבער לילית קאָן זיך צופּאַסן. זי קאָן ענדערן אירע געשטאַלטן. זי קאָן זיך אַפילו אָנטאָן אין אַן איבער־טאַמאַרע...

– קיין צופּאַסונג קאָן ניט איבערשטייגן דיין פולקומענקייט, טאַמאַרע!.. און ווייל איך באַגרייף ניט קיין גרעסערס, און ווייל אַלע מיינע אידעאַלן ווערן דורך מיר אין דיר דערגרייכט, איז פאַרשטענדלעך, אַז אין מיר איז ניטאָ קיין פּלאַץ פאַר פרעמדע עלעמענטן...

– און איז דיין ליבע גרויס און שטאַרק גענוג פאַר אַ קרבן?

– סע ווענדט זיך.

– אַ גרויסער קרבן!..

– איך בין מסכּים מיט דעם יידישן פּרינציפּ, אַז מע איז מחויב טאַטע־מאַמע שעצן בלויז, ביז די גרענעצן פון יענע מקורים, וואָס באַרירן די זיילן פון דעם עצם קיום פון דער וועלט: ביז די זיילן פון דער אמונה, פון גאָט...

– וואָס מיינסטו דערמיט?

– איך מיין, אַז די ליבע און אַכטונג צו עלטערן איז געגרינדעט אויף די פּרינציפּן פון דער וועלט, און אויב דידאָזיקע פּרינציפּן ווערן פאַרשוועכט, האָט די ליבע און אַכטונג קיין באָדן ניט, אויף וועלכן אויפצוהאַלטן זיך.

– און די ליבע צו דער געליבטער?

– צו דער געליבטער ווערט אָנגעווענדעט דערזעלביקער אמת און ער ווערט נאָך אונטערגעשטראָכן דערצו. ווייל צווישן עלטערן און קינד איז דאָ בלוט־פאַרוואַנדשאַפט און צווישן געליבטע איז דאָ בלויז די אָנגעזאַמלטע אידעאַליזאַציע, וואָס באַזירט אויף די נשמה־שייכותן פון דער אָנגעגעבענער פאַר. קוים פאַרשווינדט די שייכות, פאַרשווינדט דאָך די פאַרוואַנדשאַפט במילא...

– אויב אַזוי, וואָלסטו ניט געקאָנט אַזוי ווי דער ליבהאָבער פון דער באַקאַנטער מעשה אַרויסרייסן דיין מאַמעס האַרץ און אָפּבראָטן עס פאַר דיין געליבטער...

– אַ פּרוי מיט אַזעלכע פאַרלאַנגען וואָלט איך ניט געליבט.

– און ווען דו וואָלסט יאָ געליבט?

– וואָלט איך די ליבע אַרויסגעריסן פון מיין האַרצן.

– אַזוי לייכט?..

– דערדאָזיקער, וועלכער קאָן זיך ניט אָפּזאָגן פון עטוואָס, ווען ער דאַרף עס טאָן, דאַרף זיך פון זיך זעלבסט אָפּזאָגן...

– און אָפּזאָגן זיך פון ליבע מעג מען?.. וואָס איז ליבע, אויב ניט אַ באַפעל פון אויבן?.. וואָס זיינען פּרינציפּן, אויב ניט דאָס דורך דערפאַרונג אָנגעזאַמלטע... וואָס איז גרעסער?..

ער האָט נאָך אַ קורצן ישוב־הדעת געענטפערט:

— טאַמאַרע, באַטראַכט זיך: ענטוועדער דײַן געליבטע איז גרויס און זי איז אין האַרמאָניע מיט דײַנע פּרינציפּן. דאַן ליבט זי דיך פאַר דאָס גרויסע אין דיר, פאַר דײַנע פּרינציפּן. פאַרלירן זיך די פּרינציפּן, פאַרלירסטו אויך זי, ווײַל זי האָט שוין ניט פאַרוואָס צו ליבן, ווײַל איר געליבטער איז דאָך שוין ניט מער דערזעלביקער. ער איז דאָך שוין דער אַנדערער, וועלכער איז מיט אַזויפיל מאָל אָרעמער פון זײַן אָריגינאַל און אויף אַזויפיל דערווײַטערט זיך פון זײַן געליבטער, אויף וויפיל ער האָט אָפּגעגעבן פון זיך זעלבסט. קאָמפּראָמיסן אין אַזאַ פאַל זײַנען אוממעגלעך, ווײַל דאַן איז די ליבע ניט קײַן אמתע, נאָר אַן אײַנגערעדטע...

ער האָט זי אויפגעהויבן פונם דיל און אַוועקגעזעצט זי בײַ זיך אויף די קני.

— טאַמאַרע — האָט ער מיט אַ צאַרטקייט אין זײַן שטימע געזאָגט, — אין דײַנע פראַגעס און אין אַלע דײַנע רייד איז דאָ אַ באַהאַלטענער זין, אָבער איך ווייס אים ניט. ווען דו וואָלסט מיר דערציילט, וואָלט איך אפשר געקאָנט היילן דײַנע ווונדן. דו דערציילסט אָבער ניט. און איך קאָן ניט פאַרטראָגן, וואָס דו לײַדסט. איך ליב דאָך דיך!.. יעדער נערוו פון מײַן לײַב און לעבן איז אין אַ פיבערישער אָנגעשטרענגטקייט פון ליבע צו דיר. פון דײַנע לײַדן פאַרכלינעט זיך מײַן האַרץ מיט ווייטיקן.

ער האָט זי געקושט און געדריקט צו זיך.

— יאָ, שאַליט, דו ליבסט מיך. איך ווייס עס. איך פיל עס. איך בין בלויז אַ נאַריש מיידל און דערפאַר האָב איך מורא... מעגלעך, אַז איך בין אייפערזיכטיק... איך בין אייפערזיכטיק אויף דײַן אַרבעט, צו וואָס דו ווידמעסט אַ טייל פון זיך... איך וואָלט דיר אינגאַנצן געוואָלט האָבן... איך וואָלט זיך קיינמאָל ניט געגלויבט, אַז איך זאָל אַזוי ליבעס־גײַציק זײַן... איך בין אייפערזיכטיק אויף די בילדער פון די קונסט־גאַלערעעס, פון וועלכע דו ווערסט אַנטציקט... איך בין אייפערזיכטיק אויף דער זון, אויפן הימל, און אויף וועמען ניט?.. וואָרים איך וואָלט געוואָלט, אַז דו זאָלסט אינגאַנצן באַלאַנגען צו מיר... איך בין אַפילו אייפערזיכטיק, וואָס דו ביסט ניט אַ טייל פון מיר...

זי האָט זיך אײַנגעגעסן אין אים מיט אירע קושן, מיט איר גאַנצן קערפּער. שפּעטער האָט זי ווידער געזאָגט:

— איך בין אַפילו אויף זיך זעלבסט אייפערזיכטיק... מאָדנע, האַ?.. און... אויך פאַר דיר אייפערזיכטיק... דאַן ווער איך פאַר דיר אייפערזיכטיק, ווען איך כאַפּ זיך, אַז מײַנס אַ בליק ווערט געוואָרפן ניט אויף דיר, נאָר

אויף עמיצן אַנדערש... ווען מײַנע געדאַנקען טרעטן אויף אַ ווײַלע צאָפּ פון דיר... איך פאַרשטיי זיך זעלבסט ניט, אָבער אַזוי איז עס... בין איך זעלבסטזיכטיק?.. ניין, דאָס איז ניט זעלבסטזיכטיקײַט, נאָר עס לעכצט אין מיר די מוראדיקע ליבע... און ווײַל איך ליב אַזוי שטאַרק, האָב איך מורא...

2.

פון אונטער דעם בלוילעכן אַבאַזשור פונם עלעקטרישן לעמפּל האָט זיך איבער דעם שלאָפצימער צעשפּרייט אַ בלייך ליכט און אָפּגעמעקט די שאַרפקײַט פון די ליניעס. פון הינטער די אָראַנדזשן=פאָרהענגלעך פונם פענצטער האָט אַרויסגעקוקט אַ פינצטערע בלינדע נאַכט, מיסטעריעז אין איר שטילקײַט. פון די צעהאַנגענע איבער די ווענט בילדער האָבן אַראָפּגעשמייכלט נימפן און פאַונען, וועלכע האָבן זיך דעקאָראַטיוו געפלאָכטן ווי צווײַגן מיט בלומען אין אַן עראָטישן עקסטאַז, דורך דער גאוגישער פאַנטאַזיע פון דעם טראַגישן איזראַעל בענטראַמס בילדער. אויפן ווינקל טיש זײַנען געווען אָנגעשאָטן די רויזן=בלעטלעך פון דער שטאַרבנדיקער כינעזישער רויז, וואָס האָט אַראָפּגעלאָזט איר קאָפּ פון איבער דער וואַזע.

טאַמאַרע איז אײַנגעשלאָפן אין זײַנע אָרעמס. ער האָט זיך מיטן עלנבויגן אָנגעשפּאַרט אָן קישן און אויף איר געקוקט, ביז וואַנעט זי האָט זיך אויפגעכאַפּט.

זי האָט געעפנט אירע אויגן, אַ שמייכל געטאָן מיט יענעם גליקלעכן שמייכל פון אַ קינד, וואָס איז זאָרגלאָז, און זי האָט געזאָגט:

— ווי איך ליב דיך!.. מאָרגן מעג זיך די וועלט אונטערגיין — הײַנט בין איך דײַנע... הײַנט ביסטו מיט מיר... איך בין אַזוי גליקלעך...

איין און צוואַנציקסטער קאַפּיטל.

1.

וועסטקליף = בײַם = ים, דאָרט ווו די טעמז גיסט זיך צונויף מיט דעם שמאָלן ים=אויסגוס, וואָס שנײַדט זיך אַרײַן אין דער יבשה מיט אַ לאַנגן און שמאָלן פּאַס, האָט זיך אויסגעלייגט אין אַ ווונדערשיינער פּאַנאָראַמע. דער ים איז דאָרט תּמיד רויִק און אין זײַן איבערגוס פון גרינע צו ברוינלעך=גרויע פאַרבן, מיט דעם געמיש פון פּורפּור, וואָס באַקומט זיך בײַם זון=אונטערגאַנג, ווערט געשאַפן די פאַרבן = רײַכקײַט, ווי פון צעשמאָלצענעם באַוועגלעכן פּערלמוטער.

ס'איז געווען אַ זעלטן קלאָרער און ליכטיקער טאָג פאַר אָט דער צײַט פונם יאָר. שאַליט איז געזעסן בײַ דער סטאַציע און געוואַרט אויפן באַן, וואָס זאָל אים נעמען צוריק קיין לאָנדאָן. טאַמאַרע האָט גענומען אַ פּריער=דיקן צוג, ווײַל זי האָט באַדאַרפט זײַן צו דער צײַט אין שול, ווו איר האָט זיך אײַנגעגעבן צו קריגן אַ שטעלע אַלס לערערין. שאַליט האָט מיט איר איינייִנעם ניט געקאָנט פאָרן, ווײַל ער האָט נאָך געדאַרפט דערליידיקן אייניקע זאַכן אין פאַרבינדונג מיט דעם דעלעגאַטן = קאָמיטעט פאַר די רוסישע פּאָליטישע, צוליב וואָס ער איז געקומען קיין וועסטקליף. דאָ האָט ער זיך געזאָלט זען מיטן חבר באַראַנאָווסקי, איינעם פון די אָנגעזעענע רוסישע רעוואָלוציאָנערן, וועלכער האָט דאָ געוווינט און וועלכער איז איצט קראַנק געווען און האָט דערפאַר ניט געקאָנט קומען קיין לאָנדאָן און דאָרט באַטייליקן זיך אין דער אַרבעט.

איידער טאַמאַרע איז אָפּגעפאָרן, האָט זי מיט שאַליטן שפּאַצירט בײַם ברעג ים. — זינט זי האָט אים דערקאָנט, — האָט זי געזאָגט — האָט זי אָנגעהויבן שענקען מער אויפמערקזאַמקײַט צו איר אויסערלעכן אויסזען. זי וויל אים, שאַליטן, געבן אַ מוסטערזאַך...

שפּעטער אַביסל האָט זי זיך פאַרגליכן צו אַ ווערק פון אַ קינסטלער און זי האָט אַזוי געזאָגט:

— איך האָב זיך אַמאָל געוווּנדערט, ווי אַזוי ווערט עס אַ קינסטלער ניט נמאס צו אַרבעטן אויף זײַן ווערק, נאָכדעם ווי די הויפּט = אידעע זײַנע איז שוין געווען אין זײַן שאַפונג אַרײַנגעטאָן. שטייט זיך דער קינסטלער, און אַמאָל יאָרנלאַנג, און גיט צו צו זײַן ווערק דאָרט אַ שטריך, דאָרט

אַ וואָרט, אַ קאָמע, אַן אות. מאַנכע קינסטלער דערלויבן זיך אַרײַנצוטאָן אַזוי־פיל איינצלהײַטן אין זייערע ווערק, אַז דער עצם ענין ווערט אין זיי פאַר־לוירן. יעדער טייל פון דער איינצלהײַט פאַרלירט זיך זיכער. וויבאַלד אַזוי, טאָ צו וואָס דאַרף מען זיי? איצט פאַרשטיי איך עס שוין. זיי האָבן אַזויפיל ליבשאַפט געהאַט צו זייער שאַפונג, אַז זיי האָבן זי ניט געוואָלט אַרויסלאָזן אָרעם אָדער מיט אַ פּגימה. טאָמער וועט עמיצער וועלן אַרונטעררײַסן די עצם אידעע פון דער זאַך, זאָל דאָס ווערק נאָך אַלץ פאַרבלײַבן רײַך געננג און זאָל נאָך אַלץ קאָנען פאַררעכנט ווערן פאַר אַ קונסט־ווערק. ...אין אַן ענלעכער לאַגע געפין איך זיך אויך. איך וויל זײַן אַ פולקומענהײַט. און טאָמער וועסטו, שאַליט, מיך אַמאָל אָנהייבן קריטיקירן, זאָל איך נאָך אַלץ פאַרבלײַבן רײַך גענוג, אַז דו זאָלסט קיינמאָל ניט אויפהערן וועלן מיך...

זי האָט גערעדט אין אַ שטיפערישן, שפּאַסיקן טאָן. אָבער אין איר שפּאַס האָט ער אַ סך ערנסט געפילט. זי האָט געוואָלט זײַן יענער לעגענדאַ־רישער שלאָס, וואָס האַלט זײַן נשמה אויף תמיד געפאַנגען. געפאַנגען ניט דורך מאַכט, נאָר דורך צויבער. דערפאַר טאַקע האָט זי אָנגעווענדעט אַלע מיטלען דעמדאָזיקן צויבער אײַנצוהאַלטן און תמיד באַפרישן אים מיט נײַע וואַריאַציעס, נײַע אַנטפלעקונגען, נײַע זעונגען.

און איצט, זיצנדיק אַליין ביים ברעג ים, האָט שאַליט אירע רייד איבער־געטראַכט און ער האָט געפילט, אַז דער צויבער, וואָס זי איבט אויף אים אויס, איז זייער זיס און אינספּירירנדיק. זי האָט אין אים אַ נײַעם אינהאַלט אַרײַנגעטאָן, אַזאַ אינהאַלט, פון וואָס ער האָט פריער קיין שום השגה ניט געהאַט. און וואָס מער זי אַנטפּלעקט זיך פאַר אים, אַלץ גרעסער און שענער זעט ער זי און אַלץ מער נײַגעריקײַט מערקט ער אין איר צו געבן און געבן אים פון אירע אומדערשעפּלעכע קוואַלן פון נשמהדיקער עשירות. דורך איר האָט זיך זײַן וועלט ניט נאָר אויסגעשפרייט, נאָר אַ נײַע וועלט האָט זיך פאַר אים ממש אַנטפּלעקט. און יעדער טאָג איז פאַר אים געווען אַ נײַע שמחה, יעדע מינוט פון זייער צוזאַמענזײַן — אַ באַלוינונג פאַר די אַלע יאָרן, ווען ער איז אָן איר געווען, ווען זי האָט אים געפעלט און ער האָט אַפילו ניט געוווּסט, אַז אים פעלט עפּעס...

2.

אינם שמאָלן צימער פון וואַגאָן, ווו שאַליט האָט זיך געפונען אַליין, האָבן זיך זײַנע געדאַנקען אָוועקגעטראָגן פון טאַמאַרען צו דער מערקווירדיקײַט, וואָס דווקא אָט־אָדער צוג, וואָס פאָרט אַרום צווישן לאָנדאָן

און וועסטקליף = בײם = ים איז איצט ליידיק. אַמאָל איז עס געווען דער צוג, וואָס האָט געפירט די גרעסטע צאָל פּאַסאַזשירן פון אַלע באַנען אויף דער וועלט, און איצט איז ער פאַרלאָזט. די סיבה דערפון איז נאַטירלעך דאָס, וואָס וועסטקליף געפינט זיך אויפן וועג צווישן די דײַטשע לופטפליערישע באַזעס און צווישן לאָנדאָן. די גרעסטע צאָל באָמבעס, וואָס זײַנען דורך די דײַטשע לופט=משחיתים אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן אויפן ענגלישן באָדן, זײַנען אַראָפּגעפאַלן דאָ. דאָס גרויזאַמע געפיל פון פחד האָט באַהערשט די באַפעל= קערונג און זי האָט פאַרלאָזט אירע היימען און זיך צעשאָטן איבער די צפון און מערב פּראָווינצן פון ענגלאַנד, ווו די געפאַר פון לופט= איבערפאַלן איז קליין. שאַליט האָט געקוקט דורכן פענצטער פונם וואַגאָן און באַמערקט, ווי פאַרלאָזט עס זײַנען די ברױנע פעלדער און די גרין=גאָלדענע לאָנקעס, וואָס זײַנען איצט אַזוי באַחנט געווען אונטער דעם העלן ליכט פון דער סוף= זומער זון. פאַרלאָזט זײַנען די פעלדער, פאַרלאָזט די הײַזער, און די גערט= נער אַרום די הײַזער, וואָס זײַנען אַלעמאָל אַזוי גוט אויפגעפּאַסט געווען, זײַנען איצט פאַרוואַקסן מיט ווילדגראָז און דערנער. לעבן האָט זיך געמערקט בלויז אין און אַרום די פאַבריקן, וואָס זײַנען געווען צעוואָרפן דאָ און דאָרט. זייערע קוימענס האָבן געוואָרפן זײַלן רויך און דורך זייערע פענצטער האָבן אַרויסגעקוקט פרויען = געזיכטער אין אַרבעטער = היטלען און אויסגעשמירט אין סאַזשע. אויף דידאָזיקע פאַבריקן זײַנען נאָך געהאַנגען זייערע אַלטע שילדן, אַז דאָרט ווערט פאַבריצירט: גלאָזוואַרג, אַלערליי מאַשינעס, אויטאָ= מאָבילן, מעבל, פּאַפּיר און דאָס גלײַכן. דידאָזיקע אַרטיקלען זײַנען שוין איצט דאָרט מער ניט פאַבריצירט געוואָרן. איצט זײַנען די פאַבריקן געווען פאַרנומען פון דער מיליטערישער מאַכט. דידאָזיקע מאַכט האָט פאַרנומען די פאַבריקן אײנײנעם מיט די אַרבעטער. די אַרבעטער זײַנען פאַרוואַנדלט גע= וואָרן אין זעלנער און די פאַבריקן אין אַמוניציע=ווערקשטאַטן. און די פרויען און טעכטער פון די אַמאָליקע אַרבעטער און פון די איצטיקע זעלנער זײַנען אויך מאָביליזירט געוואָרן און זיי האָבן געמאַכט קוילן און באָמבעס, פּולווער און האַרמאַטן פאַר דידאָזיקע, וועמענס ערטער זיי האָבן איצט פאַרנומען... די רעדער פון די פאַבריקן האָבן ניט אויפגעהערט צו דרייען זיך און פון די פענצטער פון די פאַבריקן האָבן ניט אויפגעהערט אַרויסצוקוקן אויסגעמאַטערטע טרויעריקע פרויען = פּנימער מיט אויסגעלאָשענע אויגן, וואָס האָבן געקוקט פאַרוווּנדערט און מיט פחד. און יעדע פּאָר אויגן האָט געפרעגט קשיות און געמאָנט: „ווי לאַנג, אוי גאָטעניו, ווי לאַנג וועט עס נאָך אַזוי אָנהאַלטן״?..

און אין דרויסן פון די פאַבריקן און אַרום זייערע טויערן האָבן גע= לויערט „באַקי=אוניפאָרמס״ פון אַלע וועלט=טיילן, וואָס, קומענדיק קײַן ענגלאַנד אויפן וועג צו די שלאַכט=פעלדער, אָדער קומענדיק פון די שלאַכטפעלדער

אויף אַ קורצע וואַקאַציע, זײַנען זיי געווען הונגעריק נאָך ווײַבער־לײַב... און די אַרבעטאָרינס, וועמען די מלחמה האָט מיט זייערע מענער און חתנים צעשיידט, זײַנען אויך הונגעריק געווען...

אַ קרעכץ האָט געטאָן דאָס פּוריטאַניש און טראַדיציאָנעלע אין ענגלאַנד. אַ קרעכץ געטאָן, אַגגעהויבן וואַקלען זיך און פונאַנדערגעפאַלן... די ריינקייט און הייליקייט פון דער ענגלישער משפּחה און היים איז צעפאַלן ווי אַ זייפנבלאָז אַנטקעגן די מעכטיקע קלעפּ פון דער מלחמה און דער מטושטשדיקייט, וואָס זי האָט אַרײַנגעבראַכט אין די מוחות... און ווי! — די ענגלישע טעכטער האָבן נאָך פון זייערע פאַרייזער שוועסטער ניט אויסגעלערנט זיך די קונסט פון ניט צו האָבן קיין קינדער און דאָס האַרץ פון ענגלאַנד האָט אַ ציטער געטאָן: אַ פערטל מיליאָן „מלחמה־קינדער" זײַנען געבוירן געוואָרן אין משך פון ערשטן מלחמה־יאָר... פאַרציטערט איז געוואָרן דאָס „גאָטספאָרכטיקע" ענגלאַנד. פאַרציטערט איז געוואָרן דאָס „גאָטספאָרכטיקע" לאַנד, וואָס האָט פון תּמיד אָן, דורך אירע מיסיאָנערן און דורך די מיליטער און הענדלער, וועלכע האָבן נאָכגעפאָלגט זייערע טריט, — פאַרשפּרייט גאָטס וואָרט איבער די ווילדסטע מקומות און צווישן די ווילדסטע פאַרשיידנפאַרביקהויטיקע מענטשן פון דער וועלט... אַ פערטל מיליאָן איבערגעציילטע און ניט פאַרשוויגענע פּאָטערלאָזע קינדער!.. און וויפיל ניט דערציילטע?.. און וויפיל אַזעלכע, וואָס בלויז זייערע מאַמעס ווייסן דעם סוד, ווער זייערע טאַטעס זײַנען?.. און וויפיל אַזעלכע, וואָס זייערע מאַמעס ווייסן עס אויך ניט?.. און ביז וואַנעט דער דײַטש וועט זײַן טויט־קלאַפּ באַקומען, כדי צו „ראַטעווען די מענטשהײַט פאַר דעמאָקראַטיע און ענגלישן פּוריטאַניזם", האָט דערווײַל דער פּוריטאַניזם גופא זײַן טויט־קלאַפּ באַקומען...

„אָט אַזוי איז דער גאַנג פון לעבן", האָט זיך שאַליט דעם מוסר־השכל פון דער זאַך אָפּגעלערנט. „אַזוי ווי אַ וואַסערפאַל דרייט טורבינען און דרייט זיך מיט זיי צוזאַמען, אַזוי איז אויך דער וועג פון לעבן... דעם מענטשנס אימפּולס און ווילן שאַפן די לעבנסדערפאַרונגען און זיי ווערן מיט דיזעלביקע דערפאַרונגען מיטגעשלעפּט... עס ווערט טאַקע געשאַפן אַ הערלעכע אילוזיע, אָבער אילוזיע איז דאָך ניט מער ווי אילוזיע"...

און די געשטאַלטן פון די פאַרוואָרלאָזטע הײַזער און פעלדער, פון די פאַרבאַריקאַדירטע פאַבריקן און פון די זעלנערשע אוניפאָרמס האָבן אים דערמאָנט אָן דעם בילד פון דעם לעצטן דײַטשן לופט־איבערפאַל איבער לאָנדאָן. ס'איז געווען איינע פון יענע קלאָרע און ליכטיקע לבנה־נעכט, וואָס די דײַטשן האָבן תּמיד אויסגענוצט פאַר זייערע לופט־אָנפאַלן. צו די קראַכן פון די האַרמאַטן און צו דעם פײַפן און רוישן פון זייערע אין דער לופט פליענדיקע קוילן זײַנען צוגעקומען די קראַכן פון די פּלאַצנדיקע דײַטשע

באַמבעס. די גאַסן זײַנען געווען פאַרלאָזט — אַלע האָבן געזוכט אַ דאַך איבערן קאָפּ. טאַמאַרע איז לעבן אים געשטאַנען און איניינעם מיט אים האָט זי אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער. קיין איין מוסקול פון איר געזיכט האָט ניט קײַן ציטער געטאָן, און אין אירע אויגן האָט זיך קײַן פּחד ניט געזען. ער איז מיט איר שטאָלץ געוואָרן פאַר איר מוטיקײַט און בראַווקײַט. ער האָט אין איר דערפילט ניט נאָר די געליבטע פרוי, נאָר אויך דעם טײַערן און בראַוון חבר, וועמענס באַרירונג מיט אים וועקט אין אים אַ שטראָם פון מוראַדיקער ענערגיע און פון אַזעלכע כּוחות, אויף וועלכע ער איז ביז איצט באַוווסטזיניק ניט געווען.

דער צוג איז געלאָפן מיט אַ מוראַדיקער שנעלקײַט. שאַליט האָט פאַרמאַכט די אויגן און זיך אָנגעשפּאַרט אָנם ווענטל פון זײַן באַנק. ער האָט דערפילט אַזאַ שטראָם פון גליקזעליקײַט, וואָס דער גאַנצער דרויסן מיט זײַן שיינקײַט מיט די גרינע לאַנקעס און העלער זון אַפילו האָט זיך צו איר ניט געקאָנט פאַרגלײַכן. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן, כּדי צו בלײַבן אַליין און אין זיך. ער האָט פאַרלייגט די הענט אויף דער ברוסט און אַזוי פאַרבליבן זיצן אַ לאַנגע צײַט, ביז וואַנעט דער צוג האָט אָנגעהויבן לאַנגזאַמער צו גיין, גרייטנדיק זיך אָפּצושטעלן אויף אַ סטאַנציע. ער האָט געעפנט די אויגן און אָנגעהויבן אַרויסקוקן אין דרויסן.

די טיר פון זײַן וואַגאָן האָט זיך געעפנט און עטלעכע פּאַסאַזשירן מיטאַמאָל זײַנען אַרײַן. כּדי אָפּצורוימען אַ פּלאַץ פאַר זיי, האָט שאַליט אויפגעהויבן זײַן מאַנטל, וואָס איז געלעגן אויף דער באַנק לעבן אים. פון מאַנטל־קעשענע איז אַרויסגעפאַלן אַ בריוו. ער האָט עס אויפגעהויבן און אָן אים דערמאָנט זיך. דעם בריוו האָט ער דערהאַלטן, ווען ער איז שוין געווען גרייט צו פאָרן קײַן וועסטקליף, און איבערלייענדיק אויפן קאָנווערט, אַז ס׳איז פון מאַרגאָלינען און אַז ס׳קומט פון מאַנטשעסטער, האָט ער זיך צוערשט פאַרוווּנדערט, וואָס מאַרגאָלינען איז אײַנגעפאַלן דורכצושרײַבן זיך מיט אים. אָבער אַזוי ווי ער האָט זיך געאײַלט, האָט ער אַרײַנגעלייגט דעם בריוו אין קעשענע צו לייענען אים שפּעטער. דערווײַל האָט ער זיך אָן אים פאַרגעסן.

ווי עס ווײַזט אויס, האָט מאַרגאָלין אויך געפילט, אַז ער דאַרף האָבן אַ תּירוץ פאַר זײַן שרײַבן צו שאַליטן, ווײַל זיי זײַנען קיינמאָל באַפרײַנדעט ניט געווען. מער ווי צופעליק האָבן זיי זיך קיינמאָל ניט באַגעגנט. דערפאַר האָט ער אָנגעהויבן זײַן בריוו מיט אַן אַנטשולדיקונג, אַז ס׳איז זייער אומעטיק אין מאַנטשעסטער און אים קומט אויס די מערסטע טעג צו פאַרברענגען אַליין און בײַ זיך אין צימער. אַזוי אָבער ווי בטבע קאָן ער קײַן עלנט ניט פאַרטראָגן, מוז ער לכל־הפּחות שרײַבן, און אויב שוין יאָ שרײַבן צו פרײַנט, איז פאַרוואָס ניט צו אים, צו שאַליטן?

ווײַטער שרײַבט מאַרגאָלין וועגן זײַן אַרבעט אין טעאַטער. ער האָט זיך אונטערגענומען אויפצופירן אַ נײַע דראַמע, וואָס פאָדערט אַ סך בינע־עפעקטן און אָריגינעלע דעקאָראַציעס. אַ חוץ דעם זײַנען דאָרט אַ סך לידער, צו וועלכע מע דאַרף פאַרפאַסן מוזיק. דערפאַר האָט ער צוגעצויגן קלאַרען און לאה צעטקין צו זײַן שותּפים צו דער אויפפירונג. ער האָפט, אַז די פּיעסע וועט מאַכן אַ רושם און ער וועט מיט איר גאַסטראָלירן איבער אַלע יידישע ישובֿים פון ענגלאַנד. נאָך מאַנטשעסטער וועט ער קומען קײַן לאָנדאָן און דערנאָך וועט ער אַוועק איבער די פּראָווינץ־שטעט. אפשר וועט ער זיך מיט איר אַריבערכאַפּן אויך קײַן אַמעריקע. צווישן אַנדערע האָט ער צו זײַן טרופּע צוגעצויגן עליזאַבעטן, וועלכע וועט דאָרט דורכפירן אייניקע גומערן טענץ.

„וויל ער אפשר דורך מיר אָנהייבן רעקלאַמירן זײַן פּיעסע״?.. – האָט זיך שאַליט געטראַכט, —„און דערפאַר האָט ער זיך מישבֿ געווען צו שרײַבן צו מיר?.. פאַרשטייט ער דען ניט, אַז איך בין ניט דער פּאַסיקער מענטש דערפאַר?.. אָדער אפשר איז עס לאה, וועלכע האָט אים געבעטן צו שרײַבן״?..

ווײַטער שרײַבט מאַרגאָלין, אַז קלאַרע, לאה און עליזאַבעט געריכן אים. צום טײַוול, ווי אים, שאַליטן, גייט מיט פרויען!.. ער, מאַרגאָלין, איז אים מקנא... עליזאַבעט זאָגט, אַז זי האָט אַביסל מורא פאַר אים; זי פילט זיך פאַרלוירן אין זײַן אָנוועזנהײַט, דאָך פרעגט זי זיך תּמיד אויף אים נאָך...

דערנאָך הייבט מאַרגאָלין אָן אויסצורעכענען די נײַע פרײַנט זײַנע פון מאַנטשעסטער. ער ברענגט אַ צענדליק נעמען און מאַכט אַ סך־הכּל, אַז זיי זײַנען ניט אינטערעסאַנט. ס׳איז אים זייער אומעטיק, און ווען ניט איינער, אַן אַדאָלף, וואָלט ער ניט געוווּסט, ווו אַהינצוטאָן זיך. מיט אים פאַרברענגט ער אָפט און זייער אינטים.

„אַדאָלף... איז ער דערזעלביקער?״ — האָט זיך שאַליט געטראַכט.

ער האָט געלייענט ווײַטער.

„אַדאָלף איז אַ מענטש מיט אַ מערקווירדיקן עבֿר. אַ געוועזענער רוסישער רעוואָלוציאָנער; אַ טעראָריסט; געווען פאַרשיקט אין סיביר; אַנטלאָפן פון דאָרט; פאָרטגעזעצט זײַן רעוואָלוציאָנערע טעטיקײַט אין אויסלאַנד; ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָכן, האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אָן דער ענגלישער אַרמיי און דאָרט אָנגעפירט רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדע. מע האָט אים אָנגעפאַנגען חושד צו זײַן און מען וואָלט אים גלײַך אַרעסטירט. אָבער אים האָט אָפּגעגליקט, וואָס ערבֿ זײַן אַרעסט האָבן די דײַטשן אָנגעפאַנגען אַן אָפּענסיווע און אין דער שלאַכט איז ער, אַ פאַרוווּנדעטער, געפאַנגען געוואָרן פון די דײַטשן. שפּעטער איז ער פון געפאַנגשאַפט אַנטלאָפן. אַצינד איז ער צוריק אין מאַנטשעסטער. דערווײַל האָבן די אויטאָריטעטן נאָך ניט

די ידיעות, אַז אַט דער אַנטלאָפענער פון געפאַנגשאַפט זעלנער איז דערזעלביקער, וועמען זיי באַשולדיקן אין הויכפאַרראַט, ווײַל אין דער רעגיסטראַציע פון זײַן באַטאַליאָן איז ער פאַרשריבן פאַר טויט און ער איז אויסער געפאַר. מיט דער צײַט וועט עס פאָרט אויסגעפונען ווערן און מע וועט אים שטעלן פאַר אַ מיליטערישן געריכט. האָט ער דערפאַר אַרײַנגעגעבן זײַן אַפּליקאַציע צוריקצוקערן זיך קײַן רוסלאַנד.

„אַדאָלף איז זייער אַן אינטערעסאַנטער מענטש און איך טרעף זיך מיט אים זייער אָפט. ס'איז אָבער אינטערעסאַנט, וואָס אַט דער מענטש, וועלכער איז ווי פון אײַזן אויסגעגאָסן און וואָס זײַנע נערוון זײַנען ווי פון דראָט געמאַכט און וואָס קײַן געפאַר און קיינע לײַדן קאָנען אים ניט דערשיטערן,— אַפילו ער ווערט אַ שוואַכלינג, ווען עס קומט צו דער פראַגע, אַנטקעגן וועלכער מיר, אַלע מענער, בויגן זיך און ווערן צעבראָכן, ווען מיר שטויסן זיך אָן אָן אַ ווידערשטאַנד. איך מיין דערמיט, ווען מיר קומען אין אַ קאָנפליקט מיט דעם קעגנזײַטיקן געשלעכט. אַ פרוי האָט אויך אין אים גיפט אַרײַנגעגאָסן. ער צײַגט אַרויס קוראַזש און ער זאָגט, אַז סע אַרט אים ניט, אָבער דאָס אַליין, וואָס ער רעדט אַזוי אָפט וועגן דעם, איז אַ באַווײַז, אַז ס'אַרט אים יאָ...

„און ווייסט איר, ווער די פרוי איז? — מיר האָבן זיך מיט איר געטראָפן אין עדינבורג. מיר האָט זיך פון אָנהייב ווירקלעך ניט געגלויבט, אַז דאָס זאָל קאָנען זײַן אונדזער אַלגעמיינע פרײַנדין, טאַמאַרע שניידער... יאָ, טאַמאַרע שניידער איז אַדאָלפס געזעצלעכע פרוי... ער איז אַוועק אויף מלחמה און זי האָט זיך דאָ דערווײַל פאַרבראַכט מיט אַנדערע מענער... ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט (ער איז אַהער אָנגעקומען, ווען טאַמאַרע איז געווען אין עדינבורג.), איז זי צו אים געקומען צופאָרן און בײַ אים געבעטן זיך, אַז ער זאָל זי צוריקנעמען. פאַרשטענדלעך, אַז ניט בײַ אַדאָלפן קאָן מען פועלן אַזאַ זאַך... ער וועט ליבערשט אויסגיין פון בענקשאַפט... דאָך אינטערעסירט ער זיך מיט איר, און וויסנדיק, אַז איך האָב פרײַנט אין לאָנדאָן, האָט ער מיך געבעטן, — הגם ניט אויף קײַן דירעקטן אופן — אַז איך זאָל אויסגעפינען, ווי אַזוי איר לעבט זיך דאָרט. אמת, ער אַליין דערהאַלט פון איר בריוו (איינס פון זיי האָב איך אַליין געלייענט...), וווּ זי שרײַבט אים וועגן זיך און גיט אים אָנצוהערעניש, אַז זי איז תמיד גרייט צוריקצוקערן זיך צו אים. אָבער אַדאָלף ווייסט שוין פון ביטערער דערפאַרונג, וויפיל מע מעג גלויבן די פרויען פון איר מין"...

דערנאָך האָט מאַרגאָלין ווידער געשריבן מכוח זײַן פּיעסע און מכוח איינער אַ מיידל ר״י, וועלכע וויל, אָבער קאָן ניט, פאַרנעמען בײַ אַדאָלפן טאַמאַרעס פלאַץ.

שאַליט האָט דערפילט, ווי דאָס בלוט פון זיין קערפער וואָלט פלוצים מיט איין מאָל אַרײַנגעשטראָמט אין זײַן קאָפ. ווי זײַן האַרץ וואָלט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּאָמפ פון א מוראדיקן כוח און עס האָט געפּאָמפּעט בלוט אין זײַן מוח, ביז די אָדערן האָבן זיך צעשפּרייט, אויסגעצויגן זיך ביז צום פּלאַצן... ער האָט אויפגעעפנט דעם פענצטער און אַרויסגעשטעקט זײַן קאָפ אין דרויסן. דער שטאַרקער קילער ווינט האָט אים אָבער קײַן דערפרישונג ניט געבראַכט. ער האָט געפילט, אַז ער ווערט דערשטיקט...

ער האָט נאָכאַמאָל איבערגעלייענט די לעצטע זײַטלעך פונם בריוו. זיי געלייענט און איבערגעלייענט. ס'איז פאַר אים שוין ניט מער וויכטיק געווען, צוליב וואָס מאַרגאָלין האָט דאָס אַלץ צו אים געשריבן, הגם עס זײַנען אין זײַנע געדאַנקען אדורכגעלאָפן השערות, אַז מאַרגאָלינס כּוונה איז ניט גאָר קײַן ריינע. מן הסתם איז דאָ אַרײַנגעמישט זײַן נאַטירלעכע ליבע צו טרײַבן רכילות און זײַן פאַרלאַנג נוקם צו זײַן זיך אָן טאַמאַרען, וועלכע האָט אים אַמאָל באַליידיקט, צוריקווײַזנדיק זײַן פרײַנטשאַפט און ניט פאַרבאָרגנדיק איר אַנטיפּאַטיע צו אים... דערצו האָט זיך, מן הסתם, צוגעמישט אַ ביסל העצערײַ פון לאה צעטקינס צד און אפשר אויך פון אַדאָלפס צד... מחמת ס'איז קײַן ספק ניט, אַז זיי אַלעמען איז באַקאַנט, אַז ער איז אינטים מיט טאַמאַרען. דאָס אַלץ איז איצט אָבער ניט וויכטיק. דאָס אַלץ האָט בלויז צו טאָן מיט די כאַראַקטערן פון דידאָזיקע באַטרעפנדיקע פערזאָנען. מיט זיי אינטערעסירט ער זיך איצט ניט. זייערע כּוונות פאַרמינערן דאָך ניט דעם פאַקט, אַז טאַמאַרע, זײַן געליבטע, זײַן אידעאַל, זײַן נשמה, דידאָזיקע, וועמען ער האָט אַזויפיל געטרויט, אַז זי האָט אים פאַרראַטן... זי האָט פאַרראַטן זײַן ליבע!.. זײַן גלויבן!..

און אַ סך זאַכן, אויף וועלכע ער האָט ביז איצט גאָרניט אַכטונג געגעבן, און אַנדערע זאַכן, וואָס ער האָט פריער ניט פאַרשטאַנען, זײַנען אים איצט קלאָר געוואָרן. אים איז קלאָר געוואָרן, פאַרוואָס זי פלעגט, און טוט נאָך איצט אויך, אַרײַנפאַלן אין אַפּאַטישע שטימונגען. אים איז קלאָר געוואָרן, פאַרוואָס אויף איר האָט אַזאַ אײַנדרוק געמאַכט דער בריוו, וואָס עליזאַבעט האָט צו איר געבראַכט דאָרט, אין עדינבורג, אין דעם אָוונט פון זייער געזעגענען זיך. ער האָט זיך דערמאָנט אָן אירע אומפאַרשטענדלעכע רייד און פאָרשלאָגן פון פרײַנטשאַפט בעת זייער לעצטן שפּאַציר איבער די גאַסן פון עדינבורג. ער האָט זיך אויך דערמאָנט, ווי זי פלעגט זיך ענדערן יעדעס מאָל, ווען ער פלעגט פאַר איר דערמאָנען אַדאָלפס נאָמען: דאָס ערשטע מאָל, אויף די סקאָטלענדישע בערג און דאָס צווייטע מאָל – אויף זייער שפּאַציר אין אַ שיפל איבער דער טעמז. איצט איז פאַר אים אַלץ קלאָר געוואָרן. ס'איז קײַן ספק ניט, אַז טאַמאַרע איז פאַרהייראַט און זי ליבט נאָך אַלץ איר מאַן...

זי ליבט אים... אדאָלפן... איר מאַן!.. איר מאַן!..
– און ליבנדיק אַ פרעמדן, גיט זי זיך צו מיר אָפּ!..
– און זייַענדיק מיט מיר, איז זי אין דער אמתן זייַנע!..
– איך בין עמיצנס אַן אַנדערנס אַ פאַרטרעטער...

ער איז געווען פאַרצווייפלט. ער האָט דערפילט, ווי דער סקאַלפּ וואָלט זיך אָפּגעטאָן פון זייַן שאַרבן... אים איז פּלוצים קאַלט געוואָרן און באַלד הייס... ער האָט זיך געשטיקט, אים האָט געוואָרגן אין האַלדז...

ער האָט דערפילט, אַז ער פאַרלירט זייַן גלייַכגעוויכט... וואָס זאָל ער איצט טאָן?.. טאַמאַרע... זי... זייַן גליק, זייַן אידעאַל, זייַן אינספּיראַציע..., זי זאָל אים האָבן גענאַרט!.. זי!.. זי זאָל עס האָבן געטאָן?..

ווי וועט ער איצט קאָנען באַגעגענען זי?..

3.

אין בופעט בייַ דער סטאַנציע, צו וועלכער שאַליט איז אָנגעקומען, זייַנען געזעסן פאַרמסקי און צוויי יונגע לייַט, וועלכע זייַנען שאַליטן געווען אומבאַקאַנט. שאַליט האָט פאַרמסקין באַגריסט און געוואָלט פאַרבייַגיין, אָבער פאַרמסקי האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג.

– וווהין אייַלט איר זיך אַזוי? – האָט ער בייַ אים געפרעגט. – קומט טרינקט מיט אונדז אַ גלעזל ווייַן.

זעענדיק, אַז שאַליט וויל זיך אַנטשולדיקן און צוועקגיין, האָט ער צוגעגעבן:

– איך וויל מיט אייַך ריידן וועגן אַ וויכטיקן ענין. חוץ דעם וויל איך אייַך באַקאָנען מיט דידאַזיקע יונגע לייַט. זיי זייַנען אָקאָרשט אָנגעקומען פון אַמעריקע. זיי זייַנען די צוויי דעלעגאַטן פון דעם יידישן הילפס-קאָמיטעט פאַר די נויטלייַדנדיקע יידן דורך דער מלחמה.

איינער פון די יונגלייַט, וועמען פאַרמסקי האָט פאָרגעשטעלט בייַם נאָמען מאַקס בענדער, אַ הויכער, אַ דיקער, מיט גרויסע ברילן און גאָלדענע ציין, – האָט געזאָגט, אַז ער האָט וועגן שאַליטן שוין געהערט און דערפאַר פרייט ער זיך זייער מיט דער געשלאָסענער באַקאַנטשאַפט.

זיי האָבן דאַן פאָרטגעזעצט זייער שמועס, וואָס איז איבערגעריסן געוואָרן מיט שאַליטס קומען.

– ניט וואָפן, נאָר אידעאָלאָגיע וועט ענדיקן די מלחמה. – האָט מאַקס בענדערס פרייַנט, מר. קוזמאַן, געזאָגט. – מכוח וואָפן קאָן גאָר קייַן רייד

ניט זײַן. מיר זײַנען שוין איצט איבערצײַגט, אַז אויסהונגערן דײַטשלאַנד קאָן מען ניט, און בײַ די באַדינגונגען פון דער מאָדערנער מלחמה־טעכניק קאָן דער איבערוויכט פון מענטשן־מאַטעריאַל אויך ניט פיל העלפן. אַפילו ווען די אַליאירטע זאָלן קאָנען צוועקשטעלן אַנטקעגן דײַטשלאַנד אַ צען מאָל גרעסערע אַרמיי, קאָן עס אויך די לאַגע אויפן פראָנט ניט ענדערן. ווײַל איין באַטאַליאָן אין טראַנשעען אײַנגעגראָבענע זעלנער קאָן לײַכט צוריקשטויסן די אָפענסיווע פון צוואַנציק באַטאַליאָנען. זאָל זיך דײַטשלאַנד אַוועקשטעלן אין דעפענסיווער פּאָזיציע, וועט ניט קלעקן די באַפעלקערונג פון דער גאַנצער וועלט אויף אַרויסצוטרײַבן זי פון די אָקופּירטע פראַנצויזישע און בעלגישע טעריטאָריעס. ניין, ניט וואָפן וועט ענדיקן די מלחמה, נאָר אידעאָלאָגיע. און אין אידעאָלאָגיע איז די גרעסטע בײַשטײַערונג, וואָס אַמע־ריקע ברענגט צו הילף די אַליאירטע. אַ האַרמאַט קאָן דערלאַנגען אויף אַ מהלך פון עכסטנס דרײַסיק מײַל, אָבער פרעזידענט ווילסאָנס אַ רעדע שיסט אַרײַן אין הויז און אין האַרץ פון יעדן דײַטש און זי פּאַראַליזירט יעדן דײַטשן ביקס.

ווען בענדעט האָט געפרעגט בײַ שאַליטן מכוח זײַן מיינונג וועגן דעם ענין, האָט שאַליט ניט אַרויסגעצײַגט קיין חשק אַרײַנצוגיין אין אַ דיסקוסיע. ער האָט בלויז כּלאחר־יד באַמערקט, אַז אין ווילסאָנס ערנסטקײַט און אויפריכ־טיקײַט דאַרף מען זיך ערשט איבערצײַגן. עפּעס מערקט זיך צופיל ווידערשפּרוך אין אַמעריקע גופא צווישן דעם געזאָגטן וואָרט און דעם פּראַקטיצירטן טאַט. דוכט זיך, אַז אין אַמעריקע איז איצט דער פרײַער געדאַנק מער אונטער־דריקט, איידער אַפילו אין ענגלאַנד, הגם אַמעריקע איז אַזוי ווײַט פון דעם מלחמה־פראָנט און זי שטעלט אײַן אין קאָן אַ סך ווייניקער פון ענגלאַנד.

אַביסל שפּעטער האָט זיך פּאַרמסקי אַנטשולדיקט פאַר זײַנע פרײַנט און אָפּגערופן שאַליטן אָן אַ זײַט.

ער האָט שאַליטן אַרומגעזוכט אין משך פון די לעצטע עטלעכע טעג. נעכטן האָט מען אים דערציילט, אַז שאַליט איז ערגעץ אין דער פּראָווינץ. דאָס, וואָס ער האָט אים פּאָרצושלאָגן, איז זייער אַ וויכטיקער ענין, און ער האָפט, אַז שאַליט וועט עס אָננעמען. דער פּאָרשלאָג באַשטייט אין דעם, אַז שאַליט זאָל פּאָרן קיין האָלאַנד, ווו עס קומען זיך צונויף די פירער פון די דײַטשע, עסטרײַכישע און סקאַנדינאַווישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, און ער זאָל זיי אינטערוויוירן פאַר פּאַרמסקיס צײַטונג.

שאַליט האָט זיך דערמאָנט, אַז זײַן דעלעגאַטן־קאָמיטעט האָט אויך געוואָלט שיקן אַ פּאָרשטייער קיין האָלאַנד, אָבער די רעגירונג האָט זיך צופּגעזאָגט אַרויסצוגעבן אים אַ פּאַספּאָרט.

– און וואָס הערט זיך מכּוח אַ פּאַספּאָרט? – האָט ער בײַ פּאַרמסקין געפרעגט.

– אַ פּאַספּאָרט קריג איך פאַר אײַך אין צוויי שעה.

מיט אַ פּאָר שעה צוריק וואָלט שאַליט איבערלייגט זיך, איידער ער וואָלט אָנגענומען פּאַרמסקיס פּאָרשלאָג. איצט אָבער איז ער שנעל געקומען צו אַ באַשלוס:

– גוט – האָט ער געענטפערט פּאַרמסקין.

– ווי שנעל קאָנט איר אָפּפאָרן?

– אַפילו הײַנט בײַנאַכט.

– דער צוג גייט אָפּ איינס אַזייגער פּאַרטאָג. אויב איר וועט זײַן בײַ דער סטאַנציע, וועל איך אַהין קומען מיטן פּאַספּאָרט און מיט געלט אויף דער הוצאה.

– גוט.

צוויי און צוואַנציקסטער קאַפּיטל.

„טאַמאַרע!

„דער פּרוּווסטיין אין דער האַרמאָניע צווישן צוויי פריינט איז די מאָס פון אמת, וואָס ווערט פאַרטרויט פון איינעם צום צווייטן, און צוטרוי ווערט געמאָסטן לויט דעם סכום פון אָפנהאַרציקייט.

„און דו, טאַמאַרע, ביסט אָפנהאַרציק ניט געווען! דאָס אַליין איז אַ באַווייז, אַז דו ביסט געווען באַוווּסטזיניק, אַז אונדזער פריינטשאַפט איז פּערפעקט בלויז מיט דעם מינוס פון פאַרשיידענע דערפאַרונגען (מיט וואָסערע איך האָב זיך באַקאַנט דורך דעמדאָזיקן בריוו פון מאַרגאָלינען, וואָס איך לאָז דאָ איבער איניינעם מיט מיין בריוו). צוזאַמען מיט דידאָזיקע דערפאַרונגען ליגט צווישן אונדז אַ תהום. כדי צו קאָנען אַריבערגיין דעם תהום, האָסטו איבער אים פאַרצויגן אַ בריק פון פאַרלייקענונגען. אַזאַ בריק מוז סוף-כל-סוף איינפאַלן. איז ער איצט טאַקע אַ חורבה. זיץ איך איצט אָטאָ, אין דיין צימער, ביים ברעג פונם תהום. און אָט דער צימער איז אָנגעפילט מיט זכרונות פאַר מיר, און דיין געשטאַלט שוועבט פאַר מיינע אויגן, און איך ליב דיך, און איך קוק זיך צו, ווי אַ תפלה איז געוואָרן פון דעם, וואָס איז אַמאָל אַ קונסט-טעמפּל געווען, אַ קדשי-קדשים-טעמפּל, ווו דאָס שענסטע, נאָבלסטע און הייליקסטע אין מיר האָבן אויסדרוק געפונען, זיינען געוואַקסן און געשטיגן. — זיץ איך און אבל אויף דעם אַש פון דעם אַלעמען. און מיין האַרץ איז שווער, און עס פאַרגנבענען זיך אין מיר ספקות און איך פרעג זיך, צי איז עס מיין געמיט, וואָס איז צעבראָכן, אָדער אפשר א״ז געמיט אין עצם ניט מער ווי אַ האַלוצינאַציע, פונקט ווי ס׳איז פאַר מיר אַ האַלוצינאַציע די פאָרשטעלונג פון אַ טאַמאַרע, וועלכע האָט זיך אַנטפּלעקט ווי אַ ווירקלעכקייט פאַר מיר און דאָך איז זי אומווירקלעך געווען דערמיט אַליין, וואָס זי איז אַנדערש געווען, איידער איך האָב זי געזען.

„טאַמאַרע, אין מיין פאָרשטעלונג האָב איך דיך געזען ווי אַ הייליקייט, ווי אַ גאָטהייט, מיט וועמענס כבוד עס איז פול די וועלט. אַ גאָטהייט איז אַנדערש פון — און אַריבער דעם עגאָ, וואָס באַגרייפט אים, הגם דער עגאָ איז די איינציקע מאָס און וואָג פאַר דערדאָזיקער גאָטהייט, צוזאַמען מיט דער וועלט, איבער וועלכער און אין וועלכער זי איז פאַרשפּרייט. און אַזוי־

זוי אַ גאָטהײַט ווערט דעריבער באַגריפֿן דורך אַן אַנטפּלעקונג בלויז, אַזוי אויך ביסטו אַן אַנטפּלעקונג פֿאַר מיר געווען. און איצט...

„אָט שטיי איך, דוד שאַליט, פּנים לפּנים מיט זיך זעלבסט און איך פֿרעג זיך אַן עצה וואָס צו טאָן. מײַן איך, וועלכער איז ביז איצט געווען צופֿרידן מיט זיך זעלבסט, מײַן איך, וועלכער האָט שוין זײַן חשבון־הנפש געמאַכט און וועלכער האָט געמיינט, אַז ער איז באַלאָדן מיט פּאָזיטיווע עצמס וועגן דעם זין און דער חכמה פֿונעם לעבן, אַז ער האָט אַנטפּלעקט אמתן, וואָס זאָלן אים לײַסטן פֿירערשאַפֿט אויפֿן וועג פֿונעם לעבן, — שטייט ער, דער איך, איצט ווידער פֿאַרבלאָנדזשעט און פֿרעגט ווידער די אַלטע קשיות, וואָס צו טאָן און ווי אַזוי צו אָריענטירן זיך... וואָרים עס איז דאָ אין מיר איצט געבוירן געוואָרן אַ סתירה צווישן מײַנע געפֿילן און מײַן דערקענטעניש, צווישן מײַנע געפֿילן און דעם וועג, וואָס מײַן חשבון־הנפש האָט פֿאַר מיר אויסגעלייגט. און איך צאַפּל ווידער מיט די ווייטיקן פֿון האַרץ־צאַפּל, מיט די ווייטיקן פֿון יאוש, פֿון בלינד זײַן, פֿון טאַפּן אין דער פֿינצטער!..

„טאַמאַרע! איך שרײַב צו דיר דווקא דאָ, אין דײַן צימער... דווקא אויף דעמזעלביקן פּלאַץ, ווו דער אינטימסטער אויסדרוק פֿון דעם שענסטן אין מיר האָט זײַן אויסגאַנג, זײַן יצירה, זײַן וועג צו ווערן געפֿונען. איך שרײַב ליבערשט, איידער צו קומען און צו ריידן צו דיר. ווײַל מײַנע רייד וואָלטן דײַן ענטפֿער אַרויסגערופֿן. און אין דער היציקײַט פֿון אַ דיסקוסיע וואָלטן אַ סך ניט אמתן און איבערטרײַבונגען אַרויסגעזאָגט געוואָרן און אַ נעץ פֿון ליגנס וואָלט זיך אויסגעוועבט. און חוץ דעם, וואָס קאָן איך דיר זאָגן, אַז איך האָב נאָך זיך זעלבסט אונטער דעם נײַעם ליכט ניט אויסגעפֿונען?.. און אויך וואָס קאָנסטו מיר אין אימפּעט זאָגן אין דער צײַט, ווען דו דערוואַרטסט ניט, אַז מיר איז שוין דאָס פֿאַרהוילענע באַקאַנט. איבערלייגונג, — דאָס איז, וואָס עס פֿאָדערט זיך פֿריער פֿון אַלץ.

„פֿאַרבלײַב מיט זיך, אַזוי ווי איך וועל מיט זיך פֿאַרבלײַבן! זוך ניט צו טרעפֿן מיך פֿאַר דער צײַט! איך וועל טאָן דאָס זעלביקע. יעדער איינער זאָל זײַן חשבון־הנפש מאַכן. צו וואָס ער וועט ברענגען, נעם איך זיך ניט אונטער נביאות צו זאָגן.

דוד שאַליט."

דרײַ און צוואַנציקסטער קאַפּיטל

אין משך פון צוויי וואָכן האָבן די לאָנדאָנער יידישע צײַטונגען צוגע־גרייט דעם עולם צו מאַרגאָלינס אויפפירונג פון דער נײַער פּיעסע, וואָס האָט געזאָלט זײַן פול מיט בינע־עפעקטן, מיט אָריגינעלער מוזיק, מיט ספּעציעל־געמאָלטע דעקאָראַציעס. דער „טאָגבלאַט“, פאַרמסקיס צײַטונג, האָט זיך אַזוי געפלײַסיקט אין זײַנע לויב־געזאַנגען, אַז ער האָט זיך דערלויבט צו זאָגן, אַז דאָס איז דער לעצטער און העכסטער טעאַטער־קונסט־אויסדרוק און אַז עס וועט שאַפן אַ רעוואָלוציע אין דער בינע־וועלט.

די פּרעסע־אַגיטאַציע האָט אויף אַזויפיל געווירקט, אַז די בילעטן פאַר די ערשטע דרײַסיק פאָרשטעלונגען זײַנען אויספאַרקויפט געוואָרן אין משך פון דרײַ טעג און נאָך בעפאָר דער ערשטער פאָרשטעלונג.

די לאָזשעס צו דער ערשטער פאָרשטעלונג זײַנען אויסגעטיילט געוואָרן צו די פאָרשטייער פון דער פּרעסע און צו די עטלעכע נאָענטע פרײַנט פון די דרײַ הויפּט־פאַראַנטוואָרטלעכע פאַר דער פאָרשטעלונג: מאַרגאָלין, קלאַרע און לאה צעטקין.

ווי סענסאַציאָנעל די פאָרשטעלונג איז ניט געווען, דאָך האָט מען אַפילו אין טעאַטער גופא ווייניק גערעדט מכוח איר. אַלעמענס אויפמערקזאַמקײַט איז געווען שפּאַנעוודיק געווענדעט צו די פּאָליטישע וועלט־געשעענישן.

די ענגלישע אַרמיי אינאיינעם מיט די יידישע לעגיאָנען האָבן געקלאַמערט די טויערן פון פּאַלעסטינע. אָבער דאָס איז געווען אַ קלייניקײַט אַנטקעגן די געשעענישן אין רוסלאַנד. די ידיעות פון דאָרט זײַנען געווען זייער אומרויִקע און ווידערשפּרעכנדיקע. אומקלאָרע ידיעות זײַנען אָנגעקומען מכוח נײַע קאָנפליקטן צווישן די אַרבעטער־און סאָלדאַטן־ראַטן און צווישן דער פּראָווי־זאָרישער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג. מע האָט זאָגאַר דערציילט, אַז די ערשטע האָבן מנצח געווען און אַז קערענסקי, דער ראש פון דער צײַטווײַלי־קער רעגירונג, האָט זיך געמוזט אָפּטראָגן. ווו ער איז און וואָס ער טוט, האָט קיינער ניט געוווסט, און עס זײַנען געווען פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז ער איז ערגעץ אויפן רוסיש־דײַטשן מלחמה־פראָנט, ווו ער זאַמלט אַן אַרמיי צוריק צו פאַרכאַפּן די פאַרלוירענע מאַכט.

קלאָר איז אָבער געווען, אַז די עקסטרעמע פּאַרטייען האָבן געקראָגן די אויבערהאַנט אין פּעטראָגראַד און זיי האָבן צונויפגעשטעלט אַן אייגענע רעגירונג מיט איר פּראָגראַם פון שלום אונטער אַלע באַדינגונגען. קיינמאָל איז נאָך דער אויסגאַנג פון דער וועלט-מלחמה ניט געהאַנגען אַזוי אין דער לופטן; קיינמאָל זײַנען מענטשלעכע געמיטער נאָך ניט געווען אַזוי געשפּאַנט מיט דערוואַרטונג.

און איינע האָבן די אַנדערע געפרעגט: „איז עס מעגלעך?... האָבן מיר טאַקע דערלעבט די צײַט פון סאָציאַלער איבערקערעניש”?...

און מענטשן, וועלכע האָבן דעם זין פון סאָציאַלער רעוואָלוציע ניט פאַרשטאַנען, בײַ זיי האָבן זיך אויך די הערצער אימפּעטיק געקלאַפּט און זיי האָבן פּשוטערע פראַגעס געפרעגט: „איז עס מעגלעך?... האַלט עס טאַקע בײַם סוף מלחמה?... איז עס מעגלעך, אַז די מלחמה וועט אַמאָל אויפהערן?... שוין באַלד פאַרגעסן, ווי אַזוי אַ פרידלעכע וועלט זעט אויס”...

שאַליט איז אין טעאַטער אָנגעקומען בײַם סוף פונם צווייטן אַקט. לעבן קלאַרען, אין דער ערשטער לאָזשע, איז געווען אַ ליידיקער פּלאַץ און שאַליט האָט אים פאַרנומען. אין דער זעלביקער לאָזשע זײַנען אויך געזעסן פּאַרמסקי און גוסטאָן. אַזוי ווי די נײַס, אַז גוסטאָן און קלאַרע האָבן חתונה געהאַט מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק, איז ערשט איצט באַקאַנט געוואָרן, — האָט פּאַרמסקי איצט אויסגעדריקט זײַנע בעסטע ווונטשן צו זיי. — געוויס, — האָט ער געזאָגט, — וועל איך אויסנוצן אָטאָדי געלעגנהײַט און שרײַבן פאַר מײַן „טאָגבלאַט” אַן אָפּשאַצונג פון אײַערע פאַרדינסטן פאַר דער יידישער קונסט.

— און אײַך זוך איך טאַקע! — האָט ער זיך געווענדעט צו שאַליטן און, אָפּרופנדיק אים אָן אַ זײַט, איז ער גלײַך צוגעטראָטן צום ענין:

— וואָלט ער מסכּים געווען צו פאָרן קיין מצרים, אַלס דער מלחמה-קאָרעספּאָנדענט פונם „טאָגבלאַט”?

שאַליט האָט אים געענטפערט, אַז ער וועט זיך מישב זײַן און ער וועט אים געבן אַ תשובה מאָרגן.

ער האָט צוריק פאַרנומען זײַן שטול לעבן קלאַרען. קלאַרע האָט זיך בײַ אים אָנגעהויבן פונאַנדערפרעגן מכּוח זייערע לאָנדאָנער פרײַנט און באַקאַנטע און איבערהויפּט מכּוח דר. בערמאַנען. שאַליט האָט איר דערציילט, אַז ער האָט בערמאַנען שוין לאַנג ניט געזען. אים איז אָבער באַקאַנט, אַז ער האָט איבערגעגעבן די פירערשאַפט פונם סעמינאַר צו ווילענסקין און די פירערשאַפט פון זײַן תּלמוד-תּורה צו זייער אַלגעמיין-באַקאַנטער טאַמאַרע שניידער. אַליין האָט זיך בערמאַן אָנגעשלאָסן אָן דעם יידישן לעגיאָן און מן-הסתּם וועט ער אינגיכן אָפּפאָרן קיין פּאַלעסטינע.

ווען דער נאָמען טאַמאַרע שניידער איז אויסגערעדט געוואָרן, האָט שאַליט אויף זיך דערפילט קלאַרעס נײַגעריקן בליק. קאָנטיק, אַז זי האָט געוואָלט עפּעס פרעגן, און זי האָט זיך אײַנגעהאַלטן. שאַליט האָט דערפון אַן איבעריקן מאָל געדרונגען, אַז ער און טאַמאַרע זײַנען אַ טעמע פאַר אַ סך רכילות.

בעת דעם דריטן אַנטראַקט איז צו שאַליטן צוגעקומען לעווין, דער צווייטער סעקרעטאַר פון דעם רוסישן דעלעגאַטן־קאָמיטעט. ער האָט געבראַכט וויכטיקע נײַס. די מענשעוויסטישע אָפּאָזיציע פונם קאָמיטעט האָט געגעבן צו וויסן, אַז זי אָנערקענט ניט די ראַטן־רעגירונג פון רוסלאַנד און דעריבער ציט זי זיך צוריק פונם קאָמיטעט, וועלכער האָט מיט אַ מערהייט שטימען באַשלאָסן יאָ צו אָנערקענען דידאָזיקע רעגירונג. די ענגלישע געזאַנדשאַפט אין פעטראָגראַד האָט פאַרלאָזן די שטאָט און זי האַלט ביי פאַרלאָזן רוסלאַנד. די רוסישע געזאַנדשאַפט אין לאָנדאָן האָט זיך אָפּגעזאָגט איבערצוגעבן איר מאַכט צו דעם פאַרטרעטער פון דער ראַטן־רעגירונג און דער נאָמינירטער פאַרטרעטער זעלבסט, דער חבר טש, איז געשטעלט געוואָרן אונטער דער אויפזיכט פון דער ענגלישער פאָליציי. דער פאַרקער צווישן ענגלאַנד און רוסלאַנד איז פאַקטיש איבערגעריסן געוואָרן און ס'איז אַ ספק, אויב ענגלאַנד וועט צושטעלן נאָך שיפן צוריקצושיקן אַהיים די רוסישע פּאָליטישע עמיגראַנטן. די לעצטע פאַרטיע פּאָליטישע עמיגראַנטן איז פאַרהאַלטן געוואָרן אין ליווערפּול, ווו זיי האָבן זיך געזאָלט זעצן אויף אַ שיף. די דירה פון דעם דעלעגאַטן־קאָמיטעט איז אַרומגערינגלט דורך ענגלישע שפּיאָנען און געהיים־פּאָליציי און יעדער איינער פון זײַנע מיטגלידער, אַחוץ די מענשעוויקעס, זײַנען אונטער אַ חשד און זיי ווערן שפּיאָנירט. לעווין איז אַהער געקומען מיט אַ כּיון צו געפינען אים, שאַליטן, און צו וואָרענען אים. וואָרים מע קאָן זיך ריכטן אויף אַן איבערפאַל פון דער פּאָליציי צו יעדער צײַט. וואָלט דער־פאַר נויטיק געווען צו באַהאַלטן אייניקע דאָקומענטן.

שאַליט האָט אים פאַרזיכערט, אַז דאָס, וואָס די פּאָליציי וועט געפינען, האָט קײן ווערט ניט און דאָס, וואָס האָט יאָ אַ ווערט, וועט די פּאָליציי ניט געפינען... וואָס עס איז יאָ נויטיק, איז, אַז מע זאָל ניט אַרויסצײַגן קײן סימנים פון אומרויִקײַט און מע זאָל פאָרטזעצן די אַרבעט ווי געוויינטלעך.

ווען שאַליט איז צוריק אַרײַן אין לאָזשע, האָט ער דאָרט געטראָפן טאַמאַרען. זי האָט, קאָנטיק, ניט געריכט זיך, אַז שאַליט זאָל אַהין אַרײַן. זי האָט זיך גלײַך אַוועקגעשטעלט. אַפילו אין דער האַלב טונקעלער באַלײַכטונג האָט שאַליט גלײַך דערזען, אַז זי איז זייער בלייך און אַז אירע אויגן זײַנען רויט — אַ סימן פון ניט שלאָפן און פון וויינען. זי האָט זיך פאַרענטפערט, אַז זי איז אַרײַן באַגריסן קלאַרען, און אויב דאָס איז זײַן שטול, וועט זי

צוריק אַראָפּגיין אונטן, אויף איר אייגענעם פּלאַץ. זי האָט שוין געהאַלטן בײַם אַרויסגיין, ווען שאַליט האָט איר פאַרשטעלט דעם וועג. זי האָט זיך צוריק געזעצט און שאַליט האָט פאַר זיך אַרײַנגעטראָגן אַן אַנדער שטול און אים אַוועקגעשטעלט לעבן איר.

פּאַרמסקי איז שוין דאָרט מער ניט געווען און אויף זײַן אָרט איז געזעסן ווילענסקי. צורוקנדיק זײַן שטול נעענטער צו שאַליטן, האָט ער אים אָנגעכאַפּט פאַרן לאַץ פונם ראָק און געפרעגט:

– איז עס אמת, אַז איר פאָרט די טעג אָפּ קײַן מצרים?

– ווער האָט עס אײַך דערציילט?

– פּאַרמסקי.

– ווי עס ווײַזט אויס, ווייסט פּאַרמסקי מכּוח מײַנע פּלענער מער פון מיר.

– פאָרט איר ניט? אַ שאָד. אַבי איך האָב זיך געפרייט. איך האָב שוין געוואָלט קומען און אַדורכריידן זיך מיט אײַך מכּוח זייער אַ וויכטיקן ענין. ווען איר פאָרט, וואָלט איר מיר געקאָנט אַ גרויסע טובה טאָן. אין דער קאַירער ביבליאָטעק זײַנען דאָ זייער אַ סך העברעיִשע מאַנוסקריפּטן. אַזוי ווי איך קלײַב איצט אַ קאָלעקציע פון אַלטע יידישע צייכנונגען, האָב איך אײַך געוואָלט בעטן צו פאָטאָגראַפירן די צייכנונגען פון יענע מאַנוסקריפּטן און זיי מיר צושיקן. איך וואָלט אײַך געגעבן אַ רשימה פון זיי. איך האָב אין דעם בריטישן מוזיי געזען דעם קאַטאַלאָג פון דערדאָזיקער ביבליאָטעק. דאָרט זײַנען דאָ אוצרות, אמתע אוצרות, זאָג איך אײַך... ווען מע נעמט אין באַטראַכט, אַז מאַנכע פון דידאָזיקע מאַנוסקריפּטן זײַנען ביז טויזנט יאָר אַלט און אַז מע פאַרגלײַכט זיי מיט די אַלטע קריסטלעכע איקאָנעס, וואָס זײַנען דער ערשטער קונסט־אויסדרוק פון דער קריסטלעכער וועלט, זעט מען באַשײַנפּערלעך, אַז די יידישע קונסט האָט אויף די קריסטן מער משפּיע געווען, איידער רוים און יון. ווען ניט דער רענעסאַנס, וואָלטן רוים און יון ביז הײַנטיקן טאָג אינגאַנצן פאַרגעסן געוואָרן. דאָס האָט דער רענעסאַנס די וועלט אָפּגעקערט פון אונדז און זי אַריבערגעפירט צו די העלענער און די לאַטיינער, וועלכע זײַנען אַלעמאָל געווען אונדזערע פאַרביטערטסטע שונאים ניט נאָר אויפן פּאָליטישן געביט, נאָר אויך, און איבערהויפּט, אויפן קולטורעלן געביט. בעת מיר יידן האָבן דעם תּכלית געזען אין רוח, האָבן זיי קײַן רוח אינגאַנצן ניט געזען...

ווילענסקי, וועלכער האָט צוערשט גערעדט שטיל, איז שוין איצט אַרײַן אין שטימונג און אָנגעהויבן ריידן הויך. שאַליט האָט פּרובירט אָפּרוקן זיך פון אים, אָבער ווילענסקי האָט פאַרעקשנט ניט אָפּגעלאָזט די לאַץ פון זײַן מאַנטל. שאַליט האָט זײַן שטול אָפּגערוקט און ווילענסקי האָט זײַן שטול

צוגערוקט. ביז וואַנעט שאַליט האָט זיך דערזען האַרט לעבן טאַמאַרען. טאַמאַרע האָט אָבער, ווי עס ווײַזט אויס, ניט באַמערקט, אַז איר פּלייצע איז אָנגעשפּאַרט אָן שאַליטס. שטײַף און ניט רירנדיק זיך, האָט זי איר בליק ניט אַראָפּגענומען פון דער בינע... ווילענסקי האָט פאָרטגעזעצט:

— די אייביקע מלחמה צווישן די יידן פון איין זײַט און צווישן רוים און יון פון דער צווייטער זײַט איז געווען און פאַרבליבן אַ מלחמה צווישן צוויי ניט נאָר פאַרשיידנאַרטיקע פּאָליטישע גרופּעס, נאָר, און הויפּטזעכלעך, אַ מלחמה צווישן צוויי אויסגעשפּראָכענע פּײַנטלעכע שיטות. דאָס איז דער אייביקער קאַמף צווישן יודאַיִזם און העלעניזם, צווישן אידעאַליזם און מאַטעריאַליזם. דערדאָזיקער קאַמף קאָן זיך מיט אַ שלום ניט ענדיקן. אומזיסט האָט דער רמבם געוואָלט אַ פּשרה מאַכן צווישן אָט די צוויי שיטות. עס איז אים ניט געלונגען. עס גיט זיך ניט אײַן אויך קלויד מאָנטעפיאָרען און אַלע איבעריקע יידישע רעפאָרמער. סע וועט זיך קיינמאָל ניט אײַנגעבן!.. די מלחמה מוז זיך ענדיקן מיט אַ זיג פון איין צד!.. און אויף וועמענס צד דער זיג וועט זײַן, איז שוין איצט קלאָר.. באַלפורס דעקלאַראַציע...

ער האָט ניט געענדיקט, ווײַל, באַלאַנסירנדיק אויף איין פיסל פון זײַן שטול, האָט ער זיך אויסגעצויגן אויף דרערד און דער שטול אויף אים.

ווען שאַליט האָט זיך אײַנגעבויגן צו העלפן אים אויפשטיין, האָט ער פּלוצים דערפילט טאַמאַרעס הייסן און אָפּטן אָטעם איבער זײַן באַק. ער האָט זיך אומגעקערט. זייערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט. אויף איר פּנים האָבן זיך באַוויזן קאָנוווּלסיעס. קאָנטיק, אַז זי האָט געוואָלט אַרויסריידן עפּעס און ניט געקאָנט. באַלד זײַנען אירע אויגן אָנגעפילט געוואָרן מיט טרערן. אירע אַקסלען האָבן אָנגעהויבן צו ציטערן און זי האָט שנעל פאַרשטעלט איר פּנים מיט אירע הענט און האַסטיק פאַרלאָזט די לאָזשע...

עפּילאָג.

— אַיאָ, וויכר, וווּנדערשיין איז דאָס לאַנד?

און וויכר פאַרשטייט זײַן רײַטער און זײַן פרײַנט: ער שאָקלט צו מיטן קאָפּ, שטעלט אויס די אויערן, וואַרפט דעם ווײדל אויף רעכטס און אויף לינקס און הירזשעט זיך אונטער שטילערהייט. קאָנטיק, ער איז שטאַרק צופרידן.

— אַ זון אַ העלע, אַ ליכטיקע; אַ הימל אַ בלויער, אַ טיפער; און די מענטשן דאָ — פרײַע: וואַקסן דורות דאָ — אײַנגעגעבן זיך אין דער זון מיט ליכט און העלקײַט, אײַנגעגעבן זיך אין הימל מיט טיפקײַט און בלויקײַט, אײַנגעגעבן זיך אין די בערג מיט פעסטקײַט און מאַכטיקײַט. הוראַ, וויכר!..

— ניט אַזוי שנעל, וויכר! צו וואָס אײַלן זיך? מיר האָבן גענוג צײַט. לאָמיר פּאַמעלעך שפּאַצירן און באַטראַכטן די געגנט.

שיין איז דער קאַווקאַז. ס'צעקריכן זיך די בערג איינע אויף די אַנדערע, צעלייגן זיך אין מאַכטיקער גראַציע. אָט צעשטעלן זיי זיך אין שורות ווי די בלומענבייטן פון דעם אויפמערקזאַמען גערטנער, און אָט צעשטיפן זיי זיך: צעשיטן זיך אין אומאָרדנונג, אײַנציקווײַז, אין פּאָרלעך, אין מחנות. ווילן זיי קוראַזש און גבורה באַווײַזן, קלעטערן זיי איינע אויף די אַנדערע אַרויף, צעשפּאַלטן די וואָלקנס מיט זייערע קעפּ און שפּילן זיך אָט־אַזוי־אָ.

— פון די זיבן וווּנדער פון דער וועלט איז קאַווקאַז דער וווּנדערלעכסטער! אַיאָ, וויכר?..

און וויכר שאָקלט מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט געזאָגט:

— אַוודאַי, אַוודאַי! אַזאַ שיין לאַנד, אַזאַ פּראַכט לאַנד!

ס'הייבט אָן גיין באַרג אַראָפּ. פאַרשטעלט ווערט די פּאַנאָראַמע, ווי אין באַהאַלטינקעס וואָלטן די בערג געשפּילט. פון איין זײַט איז דער פעלז מאַכטיק־פעסט און פון דער צווייטער זײַט איז אַ פינצטערער תהום פון אונטער די פיס. צוגעטוליעט האָט זיך דער שמאָלער וועג צו דער זײַט פונם פעלז און אַזוי פאַרגליווערט געבליבן. אָבער וויכר האָט פאַר אָפּגרונטן קיין מורא ניט — ניין, ניט ער! און ער הירזשעט זיך אונטער, טרייסטנדיק זײַן רײַטער:

— געוווינט בין איך צו אָט די וועגלעך. צווישן זיי געבוירן געוואָרן, צווישן זיי אויפגעוואַקסן, פון קינדערווײַז אָן זיי אין דער לענג און אין דער ברייט געמאָסטן. האַלט זיך נאָר פעסט אויף מײַן רוקן און ווײַטער פאַרלאָז זיך אויף מיר. איך וועל דיך אויפן באַרג אַרויפטראָגן און פון באַרג — אַראָפּ־טראָגן. איך ווייס ווי צו מעסטן די פעסטקייט פון שטיינער, איך ווייס ווי פאָרזיכטיק צו שטעלן מײַנע פיס. און אַז מע דאַרף אַ צוים אָדער אַ גרוב אַריבערשפּרינגען, איז וואָס? זע, ווי לײַכט איך טו עס!

און דער רײַטער האָט דעם צוטרוי און אויך אויפן זאָטל זיצט ער פעסט. צונויפגעגאָסן פערד און רײַטער און באַוועגן זיך, ווי זיי וואָלטן פון איין פורעם געווען.

און דער וועג ציט זיך. צוגעטוליעט האָט ער זיך צום פעלז און האַלט זיך פעסט אָן אים. און דער וועג קאַפּריזעוועט זיך: קלעטערט אַרויף און לאָזט זיך באַלד צוריק אַראָפּ, ציט זיך פאָרויס און ווערט פאַרעקשנט באַלד און קערט זיך אום צוריק. און מע מוז אים פאָלגן, מע מוז זײַנע קאַפּריזן נאָכקומען.

— זע, וויכר, דאָרט איז דער שוואַרצער ים. קוק נאָר, ווי שיין ער האָט זיך צעשפּיגלט אונטער דעם בלויען הימל און אונטער דער העלער זון! זע, ווי רויִק זײַן פלאַכקייט איז און ווי גרין — זײַנע ברעגן! אוי, ווי גוט דאָ איז, וויכר!

און וויכר קוקט מיט זײַנע קײַלעכדיקע קלוגע אויגן און ענטפערט ניט: הפנים, אַז אַזוי גרויס איז זײַן אַנטציקונג, אַז ער האָט ניט דאָס לשון אויסצודריקן עס.

— אין דרײַ שעה אַרום וואָלטן מיר שוין געקאָנט זײַן אין דער היים. אָבער צוליב וואָס זאָלן מיר זיך אײַלן? — קיינער וואַרט דאָרט אויף אונדז ניט... אונדזער היים איז אומעטום. ווו נאָר עס בלאָזט אַ ווינטל קיל, און ווו נאָר עס בויט דער הימל אַ חופּה איבער אונדזער קאָפּ, און ווו נאָר באַרג און טאָל, גרין און בלוי זײַנען מחיה די זעונגען פון אונדזער אויג, — דאָרט געפינט מײַן האַרץ אַ היים פאַר זיך. און אָט זע איך, ווי פאַרשוויצט פון היץ דו ביסט, און דאָ קאָנען מיר אַ שאָטן אַן אָנגענעמערן איידער ערגעץ אַנדערש געפינען. אויך די גראָז, זע נאָר, ווי זאַפטיק זי איז. און דאָס וואַסער פון יענעם קוואַל איז זיכער פריש און קאַלט. זאָלן מיר זיך דאָ אָפּרוען אַביסל?

און וויכר איז מיט אַלץ מסכּים: רוען איז רוען. וואָס אַרט אים?

אויסגעצויגן האָט זיך שאַליט אויפן גראָז, מיטן פּנים צום ים, און ער האָט הנאה פון דער רו. שיין איז דאָס לאַנד. ס׳צעשפּיגלט זיך די זון אין די רויִקע וואַסערן פונם ים, שפּילט זיך דאָרט מיט פאַרבן. שטיל איז

אַרום. קיין ווינטל טוט קיין בלאָז, קיין שטימע דערטראָגט זיך ניט. מערניט וואָס עס פּאָרשקעט וויכר, האָבנדיק גרויס הנאה [illegible]ון דער פּעטער פּאַשע.

רוען אויך די בערג – אויסגעשטעלט זייערע רוקנס צו דער זון, פאַרריסן די קעפּ און בליקן גלייך אין בלויען הימל אַריין.

– ווי שיין איז דער קאַווקאַז! ווי פּראַכטיק איז דאָס לאַנד! – האָט שאַליט הנאה.

און בילדער רופן בילדער אַרויס: די בילדער פון ים, פון באַרג און טאָל רופן בילדער פונם עבר אַרויס – זכרונות פון אַמאָליקע ציַיטן. וויפיל ציַיט איז אַריבער? – ווער ווייסט? ווער קאָן מעסטן דער ציַיטס קאַפּריזנעם גאַנג, וואָס אַמאָל ווערט ער איַיליק, צעלויפט זיך, צעטראָגט זיך געשווינד, אַזש דער אָטעם פאַרכאַפּט, – און אַן אַנדערש מאָל פאַרשפּעטיקט ער זיך און צעציט מינוטן לענגער פון שעהן...

פאַרביַי איז שוין די מלחמה און אויך איז שוין נאָכן שלום יובעלירן. אַוועקגעשטראָמט האָט זיך דאָס לעבן מיט זיַין געוויינטלעכן באַלעבאַטישן שטייגער. די טויטע זיַינען שוין באַקלאָגט און באַלד פאַרגעסן, און צו די צעקריפּלטע האָט מען זיך שוין צוגעוווינט, און וואָכעדיק איז געוואָרן דאָס לעבן. אויך חורבות זיַינען שוין ביסלעכוויַיז פאַרגלעט און פליַיסיקע אַרבעטער, אַזוי ווי שפּינען אויף זייער צעריסענעם געוועב, בויען די חרובע בנינים אויפדאָסניַי.

אָבער אין ציַיטן פון עלנט, ווען שטיל איז אַרום, אין אַ זומער נאָכמיטיק, ווען עס שטייט הויך אין הימל די זון און טוט זיך איר אַרבעט געטריַי – וואַרעמט הייס דער אַרום; אין ציַיטן, ווען פוילקיַיט שמידט די באַוועגונגען פון די אברים און מע וואַכט אין האַלבן דרימל, – צעעפענען זיך קברים און עס שטייען אויף די טויטע און פאַרטראָגן צוריק צו די ציַיטן, ווען פאַר זיי האָט זיך דאָס לעבן געענדיקט. שווימען אַרויס די זכרונות, שווימען אַרויס און מאָלן צוריק די שוין לאַנג אויסגעמעקטע בילדער און עס צעקלאַפּט זיך דאָס האַרץ מיט אַ פיַינלעכער בענקשאַפט, וואָס ציט זיך צוריק צו די אַלטע איבערלעבונגען. און עס ציטערט ווידער דאָס האַרץ מיט דער אַלטער שרעק, וואָס האָט זיך אַמאָל אין אים געפילט...

אָט זיַינען פעלזן אַרום, בערג און טאָלן. ווי אַלט באַקאַנט זיי זיַינען, ווי אייביק ניַי! פאָרשטעלנדיק זיך זיי, האָבן די אויגן נאָך אין די קינדעריאָרן זיך צעגלאַנצט. דאָרט, אין דעם פּראָווינץ-שטעטל, אויף די האַרטע בענק פון דער גימנאַזיע, האָט ער איבער זיי געוואַנדערט איינעם מיט די אַלע פעלקער, וועלכע האָבן איבער זיי געשטראָמט פון אַזיע און קיין אייראָפּע אַריין. דאָרט איז אַמאָל דער כוזרי געווען. דאָרט איז אַמאָל דאָס געבוירן און דער חורבן פון אַ גרויסן פאָלק געשען. און דאָס געבוירן האָט מיט גרויס

האָפנונג איבער דער וועלט אָפּגעקלונגען, און דער חורבן האָט זיך מיט אַזויפיל יאוש אָפּגערופן. ניט אומזיסט זאָגט מען, אַז ער, שאַליט, האָט אַ מאָנגאָלישן אויסזען: ער שטאַמט געוויס פון דעם דאָזיקן פרײַען פאָלק, וואָס האָט אַטאָדאַ אַמאָל די תורה פון הײמלאַזע, אונטערדריקטע און פאַר־פאָלגטע איבערגענומען. אָבער וואָס מאַכט עס אויס?.. דאָס איז אַמאָל געווען, אין די אוראַלטע צײַטן. ער געדענקט אָבער אויך אַנדערע צײַטן, גאָר נאָנטע. ער אַליין האָט זיך דאָ אין שלאַכטן באַטײליקט, ער אַליין האָט אָטאָדאָ גע־האָלפן דאָס וואָרט פון צוקונפט צו פאַרשפּרייטן אויפן שטאַרבנדיקן עבר. אינײנעם מיט אַנדערע חברים האָט ער דאָ און דאָרט אויף די בערג געקלע־טערט, טראָט בײַ טראָט, געשטופּט דעם פינצטערן שונא. נאָכדעם האָט דער שונא אָנגעהויבן אַנטלויפן און ער איז אים נאָכגעלאָפן. שווערע צײַטן געווען. געווען און אַוועק. איבערגעלאָזט זכרונות בלויז...

און זכרונות רופן זכרונות אַרויס:

— טאַמאַרע!..

זי איבער אַלעמען. זי העכער פון אַלעמען. פון אַלע אַנדערע, וועלכע זײַנען פאַרבליבן אין זכרון, שטייט זי אײנציק די ליכטיקסטע, די העלסטע.

— טאַמאַרע!.. ווו איז זי איצט? זיצט זי נאָך אַלץ דאָרט אין דעם גרויען ענגלאַנד? און געדענקט זיך נאָך אים אַזוי, ווי ער געדענקט זי?..

פון אַלע בילדער פון איר האָט זיך אײנס אַמשטאַרקסטן אײַנגעקריצט אין זײַן זכרון: אָט דאַמאָלסט, אין טעאַטער, ווען זי האָט עפּעס זאָגן געוואָלט און ניט געקאָנט און זי איז אַנטלאָפן, אָט אַזוי אָ, און מיט די הענט דאָס פּנים פאַרשטעלט... איז ער געבליבן זיצן ווי פאַרשטײנערט. און ווען ער האָט זיך שוין אויפגעהויבן און איז איר נאָכגעגאַנגען, האָט ער זי אין ערגעץ ניט געפונען. בײַ זיך אין דער היים איז זי ניט געווען. ער איז צו זיך אַהײם אַוועק — אפשר וואַרט זי דאָרט אויף אים? ער וואָלט דאַן אויף די קני געפאַלן און בײַ איר אַנטשולדיקונג געבעטן... יאָ, אין יענעם אָוונט וואָלט ער זיכער אַזוי געטאָן. פריער ניט. שפּעטער אויך ניט. אָבער אין יענעם אָוונט יאָ... ער איז געקומען אַהײם, און דאָרט האָט אָנשטאָט איר עמיצער אַנדערש אויף אים געוואַרט: געסט פון סקאָטלאַנד יאַרד...

אין עטלעכע שעה אַרום איז ער שוין געווען אין בריקסטאָן תּפיסה.

יאָ, זי איז געקומען אין תּפיסה זען אים. יעדן טאָג איז זי געקומען. זי — אַ שאָטן פון דער אַלטער טאַמאַרע... בלייך, אויסגעמאָגערט, מיט רויטע אויגן... אָבער קײנמאָל איז די אַלטע טאַמאַרע אים אַזוי ליב און טײַער ניט געווען ווי דערדאָזיקער שאָטן...

— שאַליט! דיך, דיך ליב איך!.. דיך שאַליט!..

דאָס זײַנען אירע לעצטע געזעגענונגס־ווערטער צו אים געווען...

און אַדאָלף... מיט אים האָט ער זיך שוין אין רוסלאַנד באַגעגנט. איינמאָל אין אַן אָוונט זײַנען זיי בײַ אַ שײַטערהויפן אויפן שלאַכטפעלד געזעסן. דווקא אַ שטילע, אַ רויִקע נאַכט געווען. דער שונא איז ווײַט געווען: קײַן שיסערײַ האָט זיך ניט געהערט.

— אַ שאָד — האָט אַדאָלף געזאָגט — וואָס דו ביסט דאָ... דו ביסט ניט קײַן זעלנער... דו ביסט אַ נעסט־בויער... אַזוי איז אויך טאַמאַרע...

דאָס איז דאָס איינציקע מאָל, וואָס אַדאָלף האָט איר נאָמען דערמאָנט. דאָס איז דאָס איינציקע מאָל, וואָס ער האָט געגעבן אָנצוהערעניש, אַז ער ווייסט וועגן דער שייכות צווישן זיי ביידן. און ער האָט זײַן הסכם געגעבן...

אָבער וועגן שאַליטס קאַמפּספעיִקײַט האָט אַדאָלף געביטן זײַן מיינונג. דאָס איז דאַן געווען, ווען שאַליט האָט מיט אים איינעם און מיט אַ קלענער מחנה רויטע אַרמעער צוריקגעשטויסן די אַטאַקע פון אַ סך אַ גרעסערער מחנה דעניקינצעס. האָט אים נאָך דער זיגרײַכער שלאַכט אַדאָלף די האַנט געדריקט: „שאַליט, דו ביסט אַ העלד!” מער האָט ער גאָרנישט געזאָגט. ניט געטראַכט האָט ער, אַז דאָס האָט שאַליט זײַן לעבן געראַטעוועט, אָנקו־מענדיק פונקט אין צײַט, ווען איבער זײַן קאָפּ האָט געלויערט אַ קאַזאַצקער שווערד. וואָרים זײַן, אַדאָלפס, לעבן באַלאַנגט צום אידעאַל און שאַליט האָט דאָ ניט אַ פּערזאָן געראַטעוועט, נאָר אַ קעמפער פאַר דער רעוואָלוציע...

שפּעטער זײַנען נאָך שלאַכטן פאָרגעקומען. פון איינער פון זיי האָט זיך אַדאָלף שוין ניט צוריקגעקערט...

שלאַכטן... שלאַכטן... טײַכן בלוט...

צווישן איז ער אין די קליינע יידישע שטעטלעך פון אוקראַינע... קברים... קברים...

ער האָט אויפגעציטערט... פון זײַן מיליטער־אָפּטיילונג איז ער איינער פאַרבליבן. די איבעריקע האָבן זיך פון די שלאַכטפעלדער שוין ניט צוריק־געקערט... און ער איז שוין אויך ניט ער מער געווען... נערוועיִש, צוזאַמענגעבראָכן, האָט מען אים אַוועקגעשיקט אויף קאַווקאַז פאַר דערהיילונג. און געדוכט האָט זיך אים, אַז אַלע זײַנע חברים זײַנען אַוועק און ער איז אַליין איבערגעבליבן. געבליבן עלנט, אין דער פרעמד, פאַרוואָרפן, פאַרוואָגלט, צעריסן — און איבעריק... געדוכט האָט זיך אים דאַמאָלסט, אַז אַ גרויסע עוולה איז אַנטקעגן אים באַגאַנגען געוואָרן: אַלע זײַנען אַוועק און אים איבערגעלאָזט אַליין... געבענקט האָט זיך אים אַהיים... אָט נאָך יענער היים, וווהין זײַנע חברים פון זײַן מיליטערישער אָפּטיילונג זײַנען אַוועק... פון יענער היים קומט מען קיינמאָל ניט צוריק, אָבער דערפאַר, אויב מע טרעפט זיך דאָרט מיט עמיצן — ווערט מען שוין קיינמאָל ניט צעשיידט... ער האָט ניט געקאָנט אויסהאַלטן זײַן עלנט. זײַנע בעסטע פרײַנט זײַנען

אהין אַוועק, דאָס שענסטע פון זײַן לעבן רוט שוין אויף דאָרט, און פאַרוואָס איז ער עס דאָ פאַרבליבן אין עלנט אַרומצובלאָנדזשען?..

אוי, דער וועג פון אַלע לעבעדיקע... איינציקווײַז גייט מען אויף אים אַוועק... מע געפינט זיך איינײנעם און פלוצים הייבט זיך איינער אויף און גייט אַוועק... די מערסטע ווילן ניט גיין און דאָך גייען זיי. אַנדערע זײַנען גלײַכגילטיק... און דער וועג איז גליטשיק – אַלע מוזן זיך אויף אים אויסגליטשן... עס פאַרזיצן זיך בלויז איינציקע: די שיכּורים פונם לעבן...

אָט האָט ער, שאַליט, זיך פאַרזעסן... געצויגן האָט אים אַהין דווקא און דאָך איז ער ניט געגאַנגען. געטראַכט האָט ער, אַז ער וועט פאַר זיך אַ קויל זוכן, און ווי נאָר ער האָט זיך מיט קוילן באַגעגנט, האָט ער זיי אויסגעמיטן... שפּעטער האָט ער זיי אויף אַן אמת אָנגעהויבן זוכן. זײַנען אויף דעם זײַנע חברים אויפמערקזאַם געוואָרן. האָבן זיך אַרײַנגעמישט מעדיקער און מע האָט אים אַהער, קײַן קאַווקאַז, אָפּצורוען זיך געבראַכט...

איז ער נאָך אַלץ דאָ...

עלנט, אַליין – וואָס דאַרף ער דאָ?..

— — — — — — — — — — — — — — —

געוועזן אַמאָל צײַטן און פאַרשוווּנדן. און איצט עפּענען זיך קברים און ברענגען זכרונות... פײַנלעכע זכרונות...

– וויכר, זאָלן מיר פאַרטזעצן אונדזער וועג?...

– געשווינד, וויכר, זאָלן מיר זיך טראָגן! לאָמיר פליען, לאָמיר ווערן ווי די אָדלער, וואָס רײַסן זיך צו די וואָלקנס!

פילסטו, וויכר, די שטילקײַט פון אַרום? זעסטו, ווי עס שטייען און באַוועגן זיך ניט די בערג און די טאָלן און ווי אײַנגעשלאָפן איז אַלץ אַרום? לאָמיר פליען, וויכר, אַזש פײַפן זאָל די לופט אין אונדזערע אויערן! אוי, ווילט זיך באַוועגן אַביסל!.. אין אַ גאַלאָפּ, וויכר!..

– וויכר, דערצייל מיר, פילסטו זיך אויך עלנט אַזוי ווי איך?.. עפּענען זיך אויך פאַר דיר בלויז קברים אין דעם אַמאָל?..

– אַ שלעכטע, שלעכטע וועלט איז אונדזערע... קוק, וויכר, אָט איז מײַן רעכטער אָרעם ניט אַזוי באַוועגלעך – דאָס איז אַ זכר פון אַ קויל פון לעבן קיעוו. אָט איז בײַ מיר אויפן פוס אַ טיפער שניט – דאָס איז אַ זכר פון אַ שראַפּנעל, וואָס האָט מיך אין קרים געטראָפן. פאַרהיילט האָבן זיך אָטאָ די וווּנדן... און אָט איז מײַן האַרץ פאַרוווּנדעט, שוין פון לאַנג פאַרוווּנדעט, אַן אַלטע וווּנד, און סע פאַרהיילט זיך נאָך אַלץ ניט... טוט ווי... און ווי נאָר איך פאַרמאַך די אויגן, דערזע איך טײַכן בלוט, ווי זיי גיסן זיך, און איבער זיי הייבן אָן שווימען איינציקע גלידער פון צעריסענע, צעפליקטע, צעפּיצלטע מענטשן... דערקען איך אין זיי די קרבנות פון אוקראַינע, דערקען

איך אין זיי מײַנע טאַטע־מאַמע, מײַנע ברידער און שוועסטער, דערקען איך סײַ ווײַטע, סײַ נאָענטע... שווימט אַ קאָפּ אָן אַרויס, מיט קורץ געשוירענע האָר און מיט אַ קינדיש נאַיִוון און גוטן שמייכל אויף די ליפּן – מיכאַלעקאָס קאָפּ... ליגן פלעגט ער אָט אַזוי אָ, ציילן די שטערן און זינגען לידער צו ווראָטשקאַן. קיינמאָל, קיינמאָל וועט שוין ווראָטשקאַ אים מער ניט זען – קיינמאָל וועט זי מער זײַנע לידער ניט הערן... און אָט גייט רבקה כאטשע דעם שוחטס פאַרבײַ – טאַנצט אַ טאַנץ אויפן טײַך פון בלוט... אָט איז בראָניע. שפּרינגט מיטן קאָפּ אַראָפּ, מיט די הענט אויסגעצויגן, פון די אויגן צווײ בליצן, שפּרינגט אין טײַך פון בלוט.... אָט איז אַדאָלף... די ציין צונויפגעדריקט, דער שטערן פאַרקנייטשט, די אויגן שטרענג – ער שווימט מיט קלאַפּטער־הענט איבערן טײַך פון בלוט... זיי שרײַען און בעטן הילף און פאַרכלינען זיך מיט בלוט... און אָט אויף דער צווייטער זײַט טײַך – טאַמאַרע... אין ווײַסן, מיט די אויגן צום הימל, אַ העלע, אַ ליכטיקע טראָגט זי אַ ליכט אין האַנט און זוכט אַ בריק, דעם טײַך אַריבערצוגיין... זײַנען אָבער אַלע בריקן דורך דעם בלוטשטראָם אַוועקגעטראָגן... זיץ איך אויף דער זײַט טײַך און אין קאָנוווּלסיעס...

– זאָג, וויכר, וווּהין פאָרן מיר אַצינד?... און וווּהין זאָלן מיר פאָרן?...

– פאַרשפּאַרט זײַנען פאַר מיר די טויערן פון ענגלאַנד... זאָלן מיר זיך אפשר צום מדבר ווענדן?... וואָס זאָגסטו, וויכר?... מע זאָגט, אַז דער מדבר מאַכט שאָטנס ליכטיק... מע זאָגט, אַז אין מדבר ווערן סודות אַנט־פּלעקט... אָט האָט משה דאָרט דעם סנה דערזען...

– אָט גליט אין מערב דער הימל; אָט פאַרבן זיך שוין די בערג, און איך און דו שטייען און ווערן פאַרגאַפט. אָט שעפּטשען שוין עפּעס די שפּיצן פון די ביימער, ווערנדיק פון דעם אָוונט־ווינטל געגלעט. ערגעץ קלינגט אַ גלעקל: גלין־גלאָן... הער: אָן אַרבעט־ליד, – מענטשן גייען פון דער אַרבעט און זינגען... – אָבער וואָס פאַר אַ שײַכות האָט עס צו אונדז?...

– העי, וויכר, פליען זאָלן מיר, אַזש דער אָטעם זאָל פאַרכאַפּן!... זאָל אימפּעט דעם טרויער פאַרטרײַבן!... צום מערב!... צום ים!... צום העלישן פײַערשפּיל פון דער זון, הימל און וואָלקנס!... זע, פון דער זון איז שוין בלויז האַלב געבליבן – די צווייטע העלפט האָט דער ים פאַר־שלונגען. שנעל, וויכר, פאָרויס!... צוזאַמען מיט דער זון וועלן מיר זיך באָדן אינעם ים. פאָרויס!... אין אַ גאַלאָפּ!...

לאָס־ענגעלעס, שיקאַגאָ, מילוואָקי,
1922—1928.